STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10000

VORT UN TSAYT

Herman Mantel

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואָרט און צייט

ענציקלאָפּעדיע
פאַר רבנים
דרשנים און
פאָלקס
רעדנער

ענטהאַלט גאַנצע
דרשות אויף יעדער
סדרה פון דער וואָך
אויף חמשה חומשי
תורה, אַלע ימים
טובים און אַנדערע
געלעגענהייטען

חלק
שני

הרב
יחיאל מאַנטעל
ברוקלין, נ. י.

בית מסחר ספרים „פּרדס"
י. ז. בוכבינדער, נשיא
44־42 קאנאל סט., נויאָרק, נ. י.
תרח"ץ — 1938

Copyright 1938
by
PARDES PUBLISHING HOUSE, INC.
and
RABBI HERMAN MANTEL
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

POSY-SHOULSON PRESS
19 - 27 West 21st Street
New York, N. Y.
255

ואני תפלה

יהי נא חסדך ד׳, עם זוגתי הכבודה החשובה והצנועה אשת חיל
היקרה, בעלת מדות טובות וישרות, יראת ד׳ היא תתהלל
הרבנית יוטא תחי׳
אשר היא עזרי מעם ד׳, ונזכה יחד לראות בנינו ובני בנינו
עוסקים בתורה ובמצות, נטעי נאמנים באמת ובתמים, וכי״ר.

והנני מברך בזקנה נעימה ושיבה טובה את חותני הנכבד,
היקר באדם ונכבד באנשים, איש תם וישר וירא אלקים
מו״ה יצחק פריעדמאַן שליט״א מעיר וינה.

תוכן הענינים:

במדבר

במדבר — יחוס-משפחה וטהרתה — 9
נשא — כהני ישראל ו„כהני" האומות — 15
בהעלותך — מכת האספסוף — לפנים והיום — 19
שלח — המרגלים של משה ומרגלינו אנו — 25
קרח — העולים, הילודים והירודים — 31
חקת — ה„חקים" — הפגנה על „תורה מן השמים" — 37
בלק — פרשת בלק לאור החיים המציאותיים — 43
פנחס — ברית הכהונה וברית השלום — 49
מטות — פרשת החלוצים בתקופת תחיתנו — 55
מסעי — מסעות המדבר ומסעות הגלות — 62

דברים

דברים — (לשבת חזון) — 71
ואתחנן — (לשבת נחמו) — 77
עקב — בור „ת"ח" — הבריה המשונה והמסוכנת — 83
ראה — הברכה והקללה המשמשים בערבוביה — 89
שופטים — האנרכיה בשדה הרבנות — 96
כי תצא — (לפרשת זכור) — 105
כי תבא — זכרון העוני בימי העושר — 112
נצבים — הציביליזציה „המבורכה" ואכזבתה — 118
וילך — ההתחלה והסיום — בתורה ובחיים — 123
האזינו — (לשבת שובה) — 129
וזאת הברכה — (לשמחת תורה) — 135

למועדי השנה ולעת מצוא

לסליחות — 145
לראש השנה (א) (לפני התקיעות) — 151
לראש השנה (ב) — 157

לראש השנה (ג) — 164
לשבת שובה — 171
לשבת שובה (בפרשת האזינו) — 129
לכל נדרי — 177
ליום כפור (א) — 184
ליום כפור (ב) (להזכרת נשמות) — 190
לסוכות (א) — 197
לסוכות (ב) — 205
לסוכות (ג) — 210
לשבת חוהמ"ם — 216
לשמיני עצרת — 221
לשמחת תורה (בפרשת וזאת הברכה) — 135
לחנוכה (מבן המחבר הרב חיים דוב מאנטעל) — 228
לשבת חנוכה — 235
לפרשת שקלים — 241
לפרשת זכור (בפרשת כי תצא) — 105
לפרשת פרה (בפרשת חקת) — 37
לפרשת החודש — 246
לשבת הגדול — 251
לפסח (א) — 258
לפסח (ב) — 266
לפסח (ג) — 273
לאחרון של פסח — 279
לשבועות (א) — 285
לשבועות (ב) — 292
לשבועות (ג) (מבן המחבר הרב חיים דוב מאנטעל) — 299
לחתונה — 305
לחג המלואים (להתמנות רב) — 310
לאספת־אזכרה (א) — 316
לאספת־אזכרה (ב) — 322
ליזכור (מבן המחבר הרב חיים דוב מאנטעל) — 328

במדבר

במדבר

יחוס-משפחה וטהרתה

ואת כל העדה הקהילו באחד לחדש השני ויתילדו על משפחותם לבית אבותם.
בשעה שקבלו ישראל את התורה נתקנאו בהם אוה״ע ואמרו מה ראו אלה להתקרב יותר מאתנו, מיד סתם הקב״ה את פיהם ואמר הביאו לי את ספר היוחסין שלכם כדרך שבני מביאין שנאמר ויתילדו על משפחותם לבית אבותם.
(ילקוט במדבר סי׳ תרפ״ד).

איז דער דאָזיגער ילקוט היבש שווערליך און מאָהנט אַ געוויסע באַ־לייכטונג. דען מקנא צו זיין שיקט זיך נור דאַן ווען מען זעהט אַז יענער באַ־זיצט אַ זאַך וועלכעס איך וואָלט עס אויך געהרן האָבען אָבער מיר האָט מען עס ניט געוואָלט געבען און יענעם יאָ; אויב אָבער אַז מען האָט די זעלבע זאַך מיר אויך אָנגעבאָטען נור איז פון מיין זייט צוריקגעוויזען געוואָרען, און דער צווייטער האָט עס יאָ אָנגענומען, איז דאָך ניטאָ קיין אורזאַך פאַר קיין קנאה?

און איז דאָך טאַקע דאָס זעלבע געשעהן מיט אונזער תורה. זי איז דאָך טאַקע יאָ אָנגעבאָטען געוואָרען צו די אומות העולם נור זיי אַליין האָבען איהר צוריקגעוויזען און ניט געוואָלט אָננעהמען, ווי עס צייגט דער פאָלגענדער מאמר חז״ל:

> מאי דכתיב ויאמר ה׳ מסיני בא וזרח משעיר למו וכתיב אלוק מתימן יבא וכו׳ מאי בעי בשעיר ומאי בעי בפארן? א״ר יוחנן מלמד שהחזירה הקב״ה על כל אומה ולשון ולא קבלוה עד שבא אצל ישראל וקבלוה. (ע״ז ב׳).

און אויב אזוי אַז זיי, די אומות, האָבען אליין צוריקגעוויזען די תורה, טאָ וואָס פאר אַ פלאַץ האָט געהאַט זייער קנאה?

וואָרט און צייט

נאָך מעהר דערפון: עס זעהט אויס אַז בשעת מעשה, ביים קבלת התורה גופא האָבען גראָדע די אומות געוואונשען די אידען גליק און האָבען זיי עהרליך באַגריסט און גראַטולירט מיט דער דאָזיגער מתנה, ווי עס צייגט דער פאָלגענדער צווייטער מאמר חז״ל:

> כשניתנה התורה לישראל היה קולו הולך מסוף העולם ועד סופו וכל מלכי עכו״ם אחזתן רעדה, נתקבצו כולם אצל בלעם הרשע ואמרו לו: מה קול ההמון אשר שמענו, שמא מבול בא לעולם, אמר להם כבר נשבע הקב״ה שאינו מביא מבול לעולם. ומה קול ההמון אשר שמענו? אמר להם חמדה טובה יש לו בבית גנזיו שהיתה גנוזה אצלו תתקע״ד דורות קודם שנברא העולם ובקש ליתנה לבניו שנאמר ה׳ עוז לעמו יתן. מיד פתחו כולם ואמרו: ה׳ יברך את עמו בשלום. (זבחים קט״ז).

פון וואַנען זשע אַלזאָ האָט זיך פלוצלונג גענומען זייער קנאה? מעיקרא מאי סברו ולבסוף מאי סברו?

אָבער נאָך שווערער לאָזט זיך פאַרשטעהן די תשובה פון הקב״ה: „הביאו לי ספר היוחסין שלכם״. וואָס האָט דער ספר היוחסין דערמיט צו טהאָן, צו דען אַז זייערע עלטערען זיינען ניט געווען קיין פיינע מענשען דאַרפען זיי, די קינדער, צוליב דעם ליידען, ס׳איז דאָך „ובנים לא יומתו על אָבות״? אמת טאַקע אַ צווייטער פסוק זאָגט אויך: „פוקד עון אבות על בנים״, אָבער דאָס איז דאָך לויט חז״ל נור דעמאָלט ווען „אוחזין מעשי אבותיהם בידיהם״. דאָ האָט דאָך עס אָבער נאָך געהאַלטען פ א ר קבלת התורה, טאָ וואו איז דאָ געווען דער באַוויז אַז ש פ ע ט ע ר וועלען זיי זיין „אוחזין מעשי אבותיהם בידיהם״?

אגב, אויב צוליב וועלכע ס׳איז אורזאַך שפיעלט דאָ יחוס יאָ אַ געוויסע ראָלע, האָט זיי דאָך לכתחילה גאָט ניט געדאַרפט אָנבאָטען די תורה און אויך דאָ לאָזט זיך פרעגען: מעיקרא מאי סבר ולבסוף מאי סבר?

דער אמת אָבער איז אַז איין פליאה פאַרענטפערט די צווייטע.

דער דרך הסוחרים פיהרט זיך אַז ווען אַ גרויסער וואָהל סוחר למשל וועלכער באַזיצט אַ גרויסען סטאָק אין וועלכען מען קען מאַכען אַ גרויסען

פאַרדינסט און ער וואָלט וועלען געבען אַ „טיפ״ איינעם פון זיינע אינטימסטע פריינד אַז יענער זאָל ביי איהם דעם גאַנצען סטאַק אָבקויפען כדי ער, דער קונה, זאָל דערביי היבש פראָפיט מאַכען. פון צווייטען זייט אָבער ווייסט ער אַז אין גאַנצען מעלים זיין דעם ענין פון די אַנדערע סוחרים קען ער אויך ניט ווייל דאָס קען ביי זיי אַ גוואַלדיגען פאַרדרוס אַרויסרופען, איז אום אַרויסצוגעהן בשלום גיט ער זיך אַן עצה. צו יענע סוחרים וועמען ער האָט ניט געהרן דעם סטאַק צו פארקויפען ווייזט ער אַלס מוסטער דעם ערגסטען אויסבראַקירטען טהייל פון דעם דאָזיגען סטאַק אזוי אַז אורטיילענדיג פון די מוסטערען טרייסלען זיי זיך שוין אַליין אָפּ פון דעם מסחר, זיין אינטימען פריינד אָבער ווייזט ער דעם פולען סטאַק מיט זיינע עידית און עידי עידית און נאַטירליך קויפט ער עס יאָ.

ווען די סוחרים דערהערען נאָכהער אַז פלוני אלמוני האָט די סחורה יאָ געקויפט ווינשען זיי איהם, אויס סוחר׳ישע העפליכקייט, ברכה און גליק און אין האַרצען טראַכטען זיי זיך: הלואי ער זאָל בשלום ארויסקריכען דערפון און זאָל דערביי ניט דאַרפען געבראָכען געהן.

אַם ענדע אָבער ווען זיי ווערען געוואויר אַז דער סטאַק איז גאַר געווען אַן ערשט־קלאַסיגער נור זיי זיינען פראָוויצירט געוואָרען דורך אַ לעצטקלאַסיגען מוסטער, דאַן פאַרדריסט זיי עס נאַטירליך און מאַכען דעם מוכר פאַרוואורפע למאי ער האָט זיי אויך ניט געצייגט די גוטע סחורה.

אויף דער זעלבער אַרט און ווייזע איז דער רבוש״ע אַנגעגאַנגען מיט זיין תורה. ער האָט באמת די דאָזיגע חמדה גנוזה געוואָלט געבען אַ „טיפ״ די „זרע אברהם אוהבו״, אָבער אום ניט אַרויסרופען דעם פאַרדרוס פון די אַנדערע מענשענקינדער, די אומות העולם, האָט ער, כביכול, געטהאַן ווי יענער דערמאַנטער סוחר. ער האָט זיי געוויזען מוסטערען פון דער תורה און אַזעלכע מוסטערען וואָס זיינען ביי די דאָזיגע „קונדען״ באַטראַכט געוואָרען פאַר בראַק, פאַר אמת׳ע זיבוריות. עשו׳ן צום ביישפיל, האָט ער געוויזען דעם „לא תרצח״, האָט דער דאָזיגער „לא״ פונ׳ם „לא תרצח״ ביי איהם ארויסגערופען אַ „לא״ אויף דער גאַנצער סחורה, האָט זיך אָפּגעשאָקעלט פון איהר און אַרויסגעשטעלט אַ „לא״ באלף רבתי. דאָס זעלבע איז אויך געווען מיט דעם מוסטער פון „לא תנאף״ פאר די בני ישמעאל, און אזוי ווייטער.

וואָרט און צייט

די „זרע אברהם אוהבו" האָט ער אָבער געוויזען דעם גאַנצען „סטאק", אַ תורה שלמה אזוי ווי זי איז אָהן אויסצוקלייבען פון איהר מוסטערען און נאַטירליך האָבען מיר עס אויפגעכאַפּט מיט הוראי געשרייען און מיט אַ „נעשה ונשמע" וואָס האָט פארקלונגען די וועלט.

אָנפאַנגס אַז די אוה"ע האָבען דערהערט דעם „קול ההמון" און בלעם האָט זיי דערקלעהרט אַז דאָס איז ווייל „ה' עוז לעמו יתן", האָבען זיי דאַרויף געענטפערט: „ה' יברך את עמו בשלום" ווי צו זאָגען: הלואי זאָלען זיי פון איהר אַרויסקריכען בשלום, זיי זאָלען קיין חרטה ניט האָבען... נאַכהער אָבער אַז זיי זיינען געוואויר געוואָרען אַז די תורה אַלס אַ גאַנצע איז גאָר ניט אַזוי שלעכט, אַז זי איז באמת אַ „חמדה גנוזה, מפז ומפנינים יקרה", דאָ האָט זיך שוין דערוועקט אין זיי אַ רוח קנאה און האָבען געמאַכט דעם פארוואורף למאי מען האָט זיי די תורה ניט געגעבען און פארוואָס האָט מען זיי נור געוויזען „שלעכטע" מוסטערען...

דאַרויף איז געקומען גאָט'ס ענטפער: „הביאו ספר יוחסין שלכם"!

איז אין דיזען ענטפער פאַראַן אַ תשובה נצחת צו די אוה"ע אויף די דאָזיגע טענה זייערע למאי מ'האָט זיי אַזעלכע מוסטערען געוויזען.

דען אין דעם איז ווירקליך דער אונטערשיעד צווישען זיי, די אומות און אונז, די בני אברהם יצחק ויעקב און „יחוס" שפּיעלט באמת דאָ אַ וויכטיגע ראָלע.

ווען איינער למשל האַנדעלט זיך איין אַ איידמ'ל וואָס קומט אַרויס פון אַ פאַרדאָרבענער הויז, געהאַט אַ טאַטען אַ שכור, אַ קאָרטען שפּיעלער, אַ פרויען-יעגער און כדומה נאָך אַזעלכע צאַצקעדיגע מעשים, מוז מען דעם זוהנ'עלע אָנווייזען די נעגאַטיווע זייט פון דעם טאַטענס פאַרדאָרבענהייטען און איהם וואָרנען ניט צו געהן בדרכי אבותיו. דאַגעגען ווען מען קריגט אריין אַן איידעם „אַ טאַטענס אַ קינד", אַ יחסן, אַ בר-אבהן, דאָ איז פארקעהרט, מ'דאַרף דעם קינד אָנווייזען די פּאָזיטיווע זייט פון דעם טאַטענס הנהגה און איהם זאָגען: „כזה ראה וקדש".

איהר בני עשו און בני ישמעאל האָט פאַראיבעל וואָס מען האָט אייך געצייגט די לא תרצח'ס מיט די לא תנאף'ס. איהר דאַרפט דאָך אָבער ניט פארגעסען אַז דאָס זיינען דאָך די מעשים תעתועים פון אייערע

טאַטעס, האָט מען דאָך אייך געמוזט אָנווייזן אויף די דאָזיגע טונקעלע נ ע ג אַ ט י ו ו ע מעשים זייערע אלס וואָרנונג פאר אייך אז איהר זאָלט ניט זיין קיין „אוחזין מעשי אבותיהם בידיהם" א י י ך האָט מען געמוזט ווייזן דעם ל א און אויף איהם דעם טראָפּ אָוועקשטעלען.

אַנדערש אָבער איז דער פאל מיט די זרע אברהם, וועלכע זיינען „אַ טאַטענס אַ קינד", יחסנים פון ערשטען ראַנג, זיי, אויב מ'האָט גע־וואָלט אָנווייזן אויף זייערע טאַטעס, האָט מען זיי געדאַרפט אָנצייגען אויף דער פּ א ז י ט י ו ו ע ר זייט. מ'האָט זיי געדאַרפט אויפמישען דעם ערשטען געשיכטע בלעטעל וואו עס ווערט געשילדערט מיט די העל־ליכטיגסטע פארבען דער מוסטערהאַפטער לעבן פון אברהם יצחק ויעקב און דעם דאָזיגען לעבען זיי אלס מוסטער צייגען.

איהר מאַכט דעריבער אַ טעות, בני אדום וישמעאל, אויב איהר דיינקט אַז בלויז אייך האָט מען פון דער תורה אַ מוסטער באַווייזן און ניט די בני ישראל. ס'איז ניט אמת אויך זיי, די אידען, האָט מען אַ מוסטער געוויזען אָבער פּונקט ווי מען האָט אייך געוויזען דעם מוסטער פון א י י ע ר ע עלטערען, אזוי האָט מען זיי געוויזען דעם מוסטער פון ז י י ע ר ע עלטערען, און אויב די מוסטערס אליין זיינען פאר־שידען, איינער אַ נעגאַטיווער און דער צווייטער אַ פּאזיטיווער, איז דאָך עס ניט דעם רבונו של עולם'ס שולד נור די שולד פון אייערע טאַטעס אליין וואָס האָבען זיך אַזאַ רעקאָרד געשאַפען און אַזאַ מוסטער אויס־געפורעמט...

קען מען טאַקע „יחוס" מיט'ן האַנט ניט אַוועקמאַכען. יחוס האָט געשפּילט אַ חשוב'ע ראָלע ביי קבלת התורה, און האָט די דאָזיגע ראָלע ניט אויפגעהערט צו שפּילען אין פארלויף פון אונזער גאַנצער לעבענס־געשיכטע. יחוס איז איבערהויפּט אַמשטאַרקסטען צום אויסדרוק געקומען ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט ביים שליסען שדוכים וואו מען האָט אַלעמאָל גרויס געוויכט געלייגט אויף דעם אָבשטאַם פון די קינדער, פון וועלכע הויז זיי קומען ארויס און ווער זייערע טאַטע־מאַמע זיינען גע־ווען.

איז דאָס ניט געווען בלויז אַ מין כבוד זאך, אַן ענין פון „עס שטעהט מיר יאָ אָן" אָדער „ס'שטעהט מיר ניט אָן". ניין, ניט אין כבוד איז דאָ

וואָרט און צייט

געגאַנגען נור אין תוך אריין. אַ קינד פון עדעלע עלטערען איז אַ בע־סערע גאַראַנטי פאר די דורות הבאים, עס איז אין דער בחינה פון „לא ימושו מפיך ומפי זרעך מעתה ועד עולם".

אָבער אויב יחוס האָט, ווי געזאָגט, אַלעמאָל פארנומען אַ פּלאַץ אין אידישען לעבן, דאַרף עס נאָך היינט מעהר פלאַץ פארנעהמען. דען ליידער לעבען מיר היינט אין אַזאַ צייט וואָס אפילו די אוראַלטע ירושה טראַדיציע פון „מה טובו אהליך יעקב" וואָס אידען האָבען איהר מיט אַזאַ פּינקט־ליכקייט אָפּגעהיט און מיט׳ן גרעסטען מסירות נפש איהר דורכגעטראָגען פון איין דור צום אַנדערען, אפילו אָט דער מה טובו שטאַלץ אין געשטאַלט פון טהרת המשפחה שטעהט שוין היינט אויך ניט אויף אַזאַ זיכערען פעסטען באָדען, און ליידער זיינען שוין היינט פאַראַן בתי אבות בישראל און צום באַדויערען נישט אין קיין גאַר קליינע צאָהל און הויפּטזעכליך דאָ אין אונזער גלות מדינה, וואו דער דאָזיגער ענין ווערט שוין באַגלייט מיט אַ היבשען פראגע צייכען...

דאָ איז שוין דעריבער דער יחוס ניט בלויז אַן ע נ י ן נור אויך אַ פּ ר אָ ב ל ע מ ע און טאַקע אַן אַנגעוועהטאָגטע פּראָבלעמע... דאָ מוז מען שוין אומבאַדינגט וויסען מיט וועמען מען איז זיך משדך; און אויב אַמאָל איז די הויפּט זאַך ביי אַ שידוך געווען דער „ ב ת מי את", איז שוין היינט אויך אַן ערנסטע פּראָבלעמע דער „ ב ן מי אתה", היינט דאַרף שוין דער אַלטער נוסח פון „בת פלוני לפלוני" אויך געענדערט ווערען, היינט דאַרף שוין געזאָגט ווערען: „בת פלוני ל ב ן פלוני" מיט׳ן טראַפּ אויף דעם א ב י הבן ניט וויי־ניגער ווי אויף דעם אבי הבת...

יחוס איז שוין היינט ניט מעהר אזוי צו זאָגען אַ מין לוקסוס זאַך, ס׳איז פיעל מעהר דערפון. היינט דאַרף יחוס באַטראַכט ווערען אלס הויפּט פאַקטאָר אין דער ריינליכקייט פון דעם אידישען פאמיליען לעבען. דער „ויתילדו על משפחותיהם לבית אבותם", דאַרף היינט זיין דער לייט מאָטיוו ביים שליסען שדוכים.

נשא

כהני ישראל ו„כהני” האומות

והשביע אותה הכהן ואמר אל האשה — —
ואם לא שטית טומאה תחת אישך הנקי ממי
המרים המאררים האלה.
מלמד שפותח לה בזכות, אומר לה הרבה
יין עושה, הרבה שחוק עושה, הרבה ילדות
עושה.
(מד״ר נשא פ׳ ט׳, י״ד).

די פרשת סוטה אויב אפילו אין היינטיגען לעבען האָט זי ניט קיין פּראַקטישען באַדייט און קען ניט אָנגעווענדעט ווערען אין בוכשטעבליכען זין, איז זי אָבער פון זעהר גרויס וויכטיגקייט פון איהר סימבאָלישער זייט. אויב ניט כ פ ש ו ט ה, איז כ מ ד ר ש ה.

אין דער דאָזיגער פרשה שפּיעלט די הויפּט ראָלע דער כהן. ער, דער כהן, איז דער פאַרמיטלער צווישען דער פאַרדעכטיגטער פרוי און איהר מאַן. ער איז דער וואָס דאַרף דורכפיהרען די גאַנצע שמערצליכע פּראָצעדורע פון די שבועה מיט די השקאה און אין זיין האַנט ליגט דער גורל פון דער אשה, לשבט או לחסד.

איז אָבער דער כהן באַגרעניצט אין זיין מאַכט. אַ רייהע דינים און געזעצען זיינען פאַר איהם פאַרגעשריבען געוואָרען, רעגולאַציעס און דירעקטיוען לויט וועלכע ער דאַרף נאָכגעהן און וועלכע דאַרפען איהם דיענען פאַר אַ לייט־מאָטיוו אין דער דורכפיהרונג פון דעם דאָזיגען סוטה פּראָצעס.

עס איז צום אלעם ערשטען דעם כהנ׳ס אויפגאַבע צו זעהן אויב דער מאַן האָט געגוג גרינדע פאַר זיין פאַרדעכטיגונג. דען ער, דער מאַן, איז אויך אונטערגעוואָרפען געוויסע רעגלען און כללים ווען און ווי אַזוי ער האָט יאָ דאָס רעכט איינרייכען זיין פאַרדעכטיגונגס קלאַגע, און ווען און ווי אַזוי — ניט.

אָט אַשטייגער זאָגט דער דין: „ונקה האיש מעון והאשה ההיא תשא את עונה — בזמן שהאיש מנוקה מעון המים בודקין את אשתו, אין

וואָרט און צייט

האיש מנוקה מעון אין המים בודקין את אשתו אפילו כשחטאה כנגדו (סוטה כ״ח ע״א).

איז דער דאָזיגער געזעץ איינע פון די שעהנסטע עטהישע פעריל אין דעם אידישען פאַמיליען לעבען. פאַראַן קריטיקער וואָס האָבען אויסצוזעצען געגען די שטרענגע דיסציפלין אונטער וועלכע די פרוי איז אונטערוואָרפען דעם מאָראַל פון איהר פאַמילען לעבען. לויט זייער באַהויפטונג זאָל עס הייסען אַז בלויז פאַר איהר, פאַר דער פרוי, ווערען אָנגעווענדעט די אַלע שטרענגע געזעצען וואָס האָבען צו טהאָן מיט דער מאָראַלישער זייט פון די חיי המשפחה, ווערענד דער מאַן איז זיך אַ פרייער פויגעל און קען זיך טהאָן וואָס זיין האַרץ גלוסט. און דאָס — טענה׳ן זיי — איז ניט יושר׳דיג, ניט דעמאָקראַטיש.

און דאָ קומט דער געזעץ און ווייזט אָן אַז עס איז ניט אזוי. דער געזעץ טהיילט אויס גלייכע גערעכטיגקייט צו ביידען. אויך ער, דער מאַן, לויטעט דער אידישער דין, מוז זיין „מנוקה מעון". אויך זיין רעקאָרד מוז זיין פאַלשטענדיג ריין, אָהן אירגענד וועלכער פגימה און אָהן אירגענד וועלכען פלעק אויף זיין מאָראַלישען לעבען. אויב ער איז עס ניט — „אין האיש מנוקה מעון, אין המים בודקין את אשתו א פ י ל ו כ ש ח ט א ה כ נ ג ד ו" . . .

יאָ, אפילו כשחטאה כנגדו!

קען נאָך זיין אַ מעהר דעמאָקראַטישער געזעץ ווי דיזער? קען נאָך זיין אַ שטרענגערע דיסציפלין אין באַצוג צום מאַן ווי דער פון דיזען פסק דין?

דער זעלבער געזעץ ווערט אויף אַן אַנדער פלאַץ אויסגעדריקט אין אַנדערע ווערטער: „אמר להם נביא לישראל אם אתם מקפידין על עצמכם, מים בודקין נשותיכם ואם לא אין המים בודקין נשותיכם" (סוטה מ״ז). איז דער „מקפידין על עצמכם" פאַלגליך אַ פאַרבאַדינג צום „בודקין נשותיכם", און דער באַקאַנטער „קשט עצמך ואח״כ קשט אחרים" איז אזוי אַרום פאַרוואַנדעלט געוואָרען פון אַ מדה טובה אין אַן איינפאַכען געזעץ.

דאַרף מען נאָך האָבען מעהר באַווייזע אויף גלייכבאַרעכטיגונג פאַר ביידע געשלעכטען ווי עס ליפערט אונז די דאָזיגע פרשה פון סוטה?

אָבער מעהר פון אַלעס איז אינטערעסאַנט דעם כהנ׳ס ראָלע אין דיזער אָפּערע:

„והשביע אותה הכהן ואמר אל האשה אם ל א שכב איש אותך ואם ל א שטית תחת אישך הנקי ממי המרים המאררים האלה״, און דערפון לערנט מען אָפּ: „מלמד שפותח לה בזכות תחלה״.

אָט דאָס איז די אויפגאַבע פון כהנים, פון גייסטיגע פיהרער. זיי דאַרפען זיך באַמיהען מיט אלע כחות צו זיין אַ „פותח בזכות תחלה״. און אויב עס איז אַזוי אפילו דאַן ווען עס האַנדעלט זיך נור אין אַ פאַל פון אַ יחיד, על אחת כמה וכמה ווען עס האַנדעלט זיך אין פארלוימ־דונגען פון אַ גאַנצען כלל, פון אַ גאַנצען פאָלק? ווער אימיצער אַנדערש אויב ניט די כהנים וועמעס השפעה גרייכט ווייט און ברייט צו אלע שיכטען פון פאָלק און איבערהויפּט צווישען די גרויסע פאָלקס מאַסען. ווער, אויב ניט זיי, דאַרפען פיהלען די דאָזיגע פליכט ניט צו דערלאָזען קיין אומזיסטע פאַרלוימדונגען, אויסגעטראַכטע בלבולים און אומבאַ־רעכטיגטע העצעס וואָס ענדיגען זיך על פי רוב זעהר פאטאל.

אָבער וואָס זעהען מיר אין דער אמת׳ן ביי די „כהני הדתות״, די כומרים און פריסטען? ווי פיהרען ז י י זיך אויף אין אַזעלכע פעלע? זיינען זיי אויך אַ „פותח בזכות תחלה״, לפּחות דעמאָלט ווען עס האַנ־דעלט זיך אין פארלוימדונגען געגען אַ גאַנצעס פאָלק? שטעלען זיי אויך אַוועק דעם „ ל א ו ״ פריהער פאַר דעם „ ה ן ״? זוכען זיי אויך פאַרטיידיגונגען וואָס זאָלען פיהרען צום „הנקי״?

לײדער איז דער ענטפער אַ נעגאַטיווער. ניט נור זוכען זיי ניט קיין ז כ ו ת, ניט נור באַמיהען זיי זיך ניט איינצושטילען דעם ווילדען ברויזיגען ראַסען האַס, נור אין געגענטייל, זיי גיסען נאָך אַרויף מעהר אויל אויף׳ן פייער און זוכען מיט אלע כחות נאָך מעהר צו צופלאַקערען דעם פייער פון שנאה און האַס. זעלטען ווען אַז זייערער אַ „כהן״ זאָל ארויסקומען מיט אַ גוט וואָרט און ציהען אַ שאַטען פון צווייפעל אויף די באַטרעפענדע פארלוימדונגען, מעגען זיי אפילו זיין ווילד ווי די ווילד־קייט אליין, לעכערליך ווי די לעכערליכקייט אליין, וואָס נור אַ צורודערטער מוח און אַ ווילד משונה־דיגע פאַנטאַזיע איז אַזוינס אימשטאַנד צו פּראָ־דוצירען. ביי זיי ווערט אַלעס אָנגענומען פאַר גוט געלט, זיי מאַכען

וואָרט און צייט

דערפון די בעסטע מטעמים און ליפערען דערפון די בעסטע פולווער מאַטעריאַל פאַר די פויערשע קאַנאָנען וועמעס מיילער שפייען דערנאָך מיט דם ואש ותמרות עשן...

זיינען אויך ביי ז י י די „כהנים" וואָס מאַכען טרינקען די „מים המאררים", אָבער אנשטאָט דורכצופיהרען דערביי די נויטיגע פּראָצעדורע פון די שבע חקירות ושבע בדיקות אום זיך איבערצייגען ווי וויט די פאַרדעכטיגונג איז אַן אמת'ע און וויפיעל געוויכט מען קען דאַרויף לייגען, אַנשטאָט דעם שיקען זיי גאָר זייערע פייער צינגער אין יענעם האָלץ לאַגער וואו עס געפינען זיך די הילצערנע קעפּ מיט די קופּערנע שטערענס, און זיי, די פּראָפעסיאָנעלע „וואַסער שפּריצער" שפּריצען נאָכאַנאַנד מיט גאַל און גיפט ביז וואַנען דער כוס היגונים ווערט אָנ־געפילט מיט זייערע מים המאררים וואָס איז אַן אויסמישאַכץ פון שחיטות און הריגות, בויקאָטען און רדיפות, גירושים און קאָנצענטראַציע לאַגערס....

וואָלט זייער זאָגענאַנטע כהונה געוועזן אַן אָפּשפּיגלונג פון אונזערע און וואָלטען זייערע „כהנים" געגאַנגען אין דער ריכט ליניע פון די כהני ה', וואָלטען מיר דאַן ניט געוועזן די קרבנות פון זייערע מים המאררים. דען אַזוי שנעל ווי דער „אם ל א שטית" וואָלט אַוועקגעשטעלט גע־וואָרען אין דער שפּיצע, וואָלט מען שוין ווייטער פאַרשפּאַרט צו געהן. די אויפריכטיגקייט פון דער דאָזיגער „אם ל א " פראַגע וואָלט אויגענ־בליקליך איבערצייגט דער וועלט אַז ניט מ י ר זיינען די „אינם מנוקים מעון" נור ז י י , די פאַרלוימדער אליין און אַלע אָנקלאַגעס געגען אונז וואָלטען דאַן אוטאָמאַטיש צוריקגעשליידערט געוואָרען אין יענעם לאַגער פון וואַנען זיי זיינען געקומען...

פאַר'ן אמת האָבען מיר קיין מורא ניט. איהם, דעם אמת קענען מיר גלייך קוקען אין פּנים אַריין. מורא האָבען מיר נור פאַר'ן שקר און נאָך פיעל מעהר מורא פאַר יענעם שקר וואָס טראָגט אויף זיך אַ כלומר'שטען מאַנטעל פון אמת; אַ שקר וואָס שיצט זיך אונטער דעם שלל צבעים פון די פאַלשע פאַרפיהרערשע בגדי כהונה...

און דאָס וואָס איז ביי אונז געזאָגט געוואָרען וועגען דער ס ו ט ה דאַרף ביי זיי געזאָגט ווערען וועגען דעם „ כ ה ן " . עס איז ניט „הרואה ס ו ט ה בקלקולה" נור „הרואה כ ה ן בקלקולו"...

בהעלותך

מכת האספסוף — לפנים והיום

והאספסוף אשר בקרבו התאוו תאוה וישובו ויבכו גם בני ישראל ויאמרו מי יאכילנו בשר.
והאספסוף, אמר ר״ש בן מנסיא אלו הזקנים שבהם שנ׳ אספה לי, ואם כך היו הזקנים ק״ו לשאר בני אדם.
(ילקוט סימן תשל״ב).

יעדער בעל עבירה נאטירליך שעדיגט זיך אליין. די בעלי הקבלה האבען עס ריכטיג פארמולירט ווען זיי האבען געזאגט, אז אזוי ווי רמ״ח אברים זיינען דאך כנגד רמ״ח מצות עשה און שס״ה גידים כנגד שס״ה לא תעשה איז דעריבער ווען מען איז פוגם אין אן עשה אדער א לא תעשה ווערט אויך נפגם יענער אבר וואס איז מכוון אנטקעגען יענער מצוה אדער עבירה.

דאס איז, ווי געזאגט, אנגעווענדעט אויף יעדער בעל עבירה. דער בעל תאוה אבער שעדיגט ניט בלויז זיך אליין נאר אויך די גאנצע געזעל־שאפט. דען א בעל תאוה איז דאך אן עגאאיסט, אריינגעטאן אין תאוה און זוכט נאר צופרידענשטעלען זיין אייגענעם קערפער, דאגה׳ט בלויז פאר זיך אליין, דער צווייטער אינטערעסירט אידהם ניט; און לויט׳ן כלל אז: „אין אדם מת וחצי תאותו בידו״, איז ער דאך זיין גאנצען לעבען קיינמאל ניט פארטיג מיט זיך און „מי שיש לו מנה רוצה מאתים״. ביי אזא איינעם שטעהט שטענדיג אין צענטער פון זיינע געדאנקען דער „חייך קודמים״ און עס בלייבט איהם קיינמאל ניט איבער קיין אייניציגער מאמענט אויף אין זינען האבען דעם צווייטען, ווייל ער איז דאך מיט זיך אליין קיינמאל ניט פארטיג.

ניט אומזיסט איז „תאוה״ איינע פון די זאכען אויף וועלכע אונזערע חכמים האבען געזאגט: „מוציאין את האדם מן העולם״. בדרך מליצה קען דאס אויסגעטייטשט ווערען אז די תאוה „נעהמט דעם מענשען ארויס פון

דער וועלט״, ער האָט מיט דער וועלט קיין שייכות ניט, ווייל די תאווה פאַר־שקלאַפט איהם בלויז צו זיך אליין. ער ווערט אן עגאָאיסט און האָט מיט דער וועלט גאָר ניט צו טהאָן.

א בעל תאווה איז דעריבער אויך שייך צו יענע קלאסען אויף וועלכע עס איז געזאָגט געוואָרען, אַז „בחייהם קרואים מתים״, ווייל קוים האָט די וועלט פון איהם קיין נוצען ניט, איז ער דאָך פאַר איהר, פאַר דער וועלט, ווי אָבגעשטאָרבען. א לעבעדיגער מענש וואָס זאָל אלס אזעלכער קענען באַטראַכט ווערען ביי דער וועלט, איז דעריבער בלויז יענער וואָס צוימט זיינע תאווה געפיהלען, יאָגט זיך ניט נאָך קיין לוקסעריעזען לעבען און באנוגענט זיך מיט דאָס וואָס ער האָט, בלייבט איהם ממילא אויך צייט גענוג זיך צו פאַראינטערעסירען מיט אנדערע.

אויף אזעלכען זאָגט דער פסוק: „ומשביע לכל חי רצון״ א חי איז בלויז דער וואָס ווערט אָנגעזעטיגט מיט רצון, דער רצון איז ביי איהם זאַט. ער ווייל שוין מעהר ניט, אין געגענזאַץ צום בעל תאווה ביי וועמען דער רצון קען קיינמאָל ניט אָנגעזעטיגט ווערען, ווייל וויפיעל ער האָט, ווייל ער נאָך אלץ מעהר...

אָט דעם טיפ שטעלט מיט זיך פאַר דער „אספסוף״ אויף וועמען די תורה זאָגט: „התאוו תאווה״. זיי זיינען געווען גרויסע בעלי תאווה אזוי אז ווען עס האָט זיך זיי אפילו אויסגעדוכט אז זיי האָבען שוין ממלא תאותם געווען האָבען זיי נאָך אלץ געגלוסט. אין אזאַ פאַל איז געווען „התאוו תאווה״, זיי האָבען געגלוסט צו דער תאווה, געגלוסט צו האָבען נאָך תאווה. פונקט ווי עס ווערט אויסגעטייטשט דער „ובטן רשעים תחסר״, אז די רשעים נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך שוין אָנגעפרעסען אז ס׳געהט שוין מעהר ניט אריין... באקומט זיי נאָך אלץ ניט, עס פארדריסט זיי וואָס זיי האָבען ניט כאָטש נאָך א בויך וואוהין מעהר אריינפאַקען. „ובטן רשעים תחסר״, די רשעים פעלט א בויך... און דעם אספסוף פעלט תאווה, זיי האָבען שוין אלעס אויסגעגלוסט, איז דערפאַר „התאוו תאווה״, תאווה׳ן זיי איצט נאָך דער תאווה אַליין...

איז מילא וועגען דעם אספסוף אליין קיין חדוש ניט. נאָכאלעמען זיינען זיי דאָך געווען מפחותי העם, פון די נידעריגע שיכטען, רעשטלאָך פון דעם ערב־רב און פאַר אזעלכע פאַסען אזעלכע און נאָך ערגערע זאַכען.

בהעלותך

ווען אָבער די תורה דערצעהלט אז: „וישובו ויבכו גם בני ישראל״ און „בני ישראל״ מיינט דאָך דעם בעסערען עלעמענט, טאָ ווי קומט עס וואָס אזעלכע קליינע מענשעלאך, נידעריגע נפשות, זאָלען קענען אויסאיבען אן איינפלוס אויף יענעם בעסערען קלאַס וואָס געהער צו דער אינטעליגענציע?

קענטיג אַז דערפון האָט זיך גענומען ר״ש בן מנסיא׳ס דרשה, אַז „אלו הזקנים שנאמר א ס פ ה לי״ און אויב דאָס זיינען געווען די זקנים שיקט זיך שוין אויך זייער השפעה, ווייל אויף זקנים ווערט דאָך געזאָגט: „מזקנים אתבונן״.

דאַן איז דאָך אבער הא גופא קשיא: ווי קומט צו זיי, צו די זקנים גופא, דער התאוו תאוה? „זקנים״ באצייכענט דאָך דעם בעסערען עלעמענט וואָס דאַרף זיין ווייט פון תאוות און עהנליכע העסליכקייטען?

דערפון אָבער וואָס דער פסוק באצייכענט זיי אלס „האספסוף א ש ר ב ק ר ב ו״, ווערט עס שוין ביי אונז אביסעל קלאָהרער. דאָ האַנדעלט זיך פאַלגליך ניט פון יענע נידעריגע אספסוף עלעמענטען וואָס שטעהען „בקצה המחנה״, אָבגערוקט אין א זייט, פארשטויסען פון פאָלק און פאררע־כענט פאר א מין סרח העודף מיט וועמען דאָס פאָלק רעכענט זיך ניט און ווערען איגנאָרירט פון אלעמען. אזעלכע קענען טאקע קיין השפעה ניט האָבען. דאָ האַנדעלט זיך אבער פון יענעם סאָרט טיפּ וואָס איז צו אונז באַקאַנט אלס די „ארויפגעארבייטע אָלרייטניקעס״ וואָס א דאנק זייער צוגעשפּילטען מזל אין די „פּראָספּעריטי״ יאָהרען, האָבען זיי זיך דורכ־געשלאָגען א וועג פון זייער „דזשאַנק שאָפּ״ צו דער „מזרח וואַנט״, זיינען געוואָרען גאנצע קנאַקערס און זיך ערוואָרבען חשוב׳ע פּאָזיציעס אין קהל׳שען לעבען. די זיינען עס דער „אספסוף א ש ר ב ק ר ב ו״, וואָס פאר־נעהמען שוין א פּלאַץ א י נ ע ו ו י י נ י ג, געוואָרענע ז ק נ י ם, געוואָרענע חשובים און געוואָרענע רעדעל פיהרער. אזעלכע האָבען שוין די געהעריגע השפעה, מען קוקט שוין צו זיי פון אונטען ארויף און מען רעכענט זיך שוין מיט זיי. זייער ה י י נ ט ווישט שוין אָפּ זייער נ ע כ ט ע ן, דער „רעגס פּעדלער״ פון נעכטען איז שוין דער חשוב׳ער גביר פון היינט און צוליב די דאָזיגע גביר׳שאַפט זיינען זיי שוין מיט אמאָל געוואָרען אנשי שם, מענשען מיט א בארוף, מאָדעל מענשען מיט וועמעס וואָרט מען רעכענט זיך שוין זעהר שטאַרק. אזעלכע זיינען שוין טאַקע

אימשטאנד מיטשלעפען מיט זיך אפילו די בעסערע עלעמענטען פון פאָלק און דער רעזולטאַט איז — וישובו ויבכו גם בני ישראל...

גלייך נאָכדעם קומט דעריבער דער געטליכער באַפויל צו משה'ן: „אספה לי שבעים איש מזקני ישראל, אשר ידעת כי הם זקני העם ושוטריו ולקחת אותם אל אהל מועד והתיצבו שם עמך" (במדבר יא, טז).

ניט קיין ג ע ו ו אָ ר ע נ ע זאָלסטו נעהמען אלס ראשי הקהל נור אזעלכע וואָס „אשר ידעת כי הם זקני העם ו ש ו ט ר י ו", די וואָס זיינען געווען די ש ו ט ר י ם פון פאָלק אין מצרים אויף וועלכע דער פסוק זאָגט: „ויכו שוטרי בני ישראל". זיי זיינען געווען „מיצר בצרת עמם". זיי האָבען פיעל געליטען צוליעב'ן פאָלק, האָבען צוזאַמען מיט איהם דורכ־געמאַכט דעם עוני מצרים און האָבען ניט אויסגענוצט זייער באזונדער פריוויליגירטען מצב כדי זיך בעסער צו מאַכען אויפ'ן חשבון פון פאָלק. אזעלכע און נור אזעלכע, באזיצען די געהעריגע אייגענשאפט צו זיין פיהרער, ווייל זיי פיהלען מיט מיט'ן פאָלק און דעם פאָלקס אינטערעסען זיינען זיי נאָהענט צום הארצען זיינען גרייט צו געהן אויף מסירות נפש פאר זייער פאָלק; זיי זיינען ניט קיין בעלי תאוה, זיינען ניט קיין עגאָאיסטען און יעדער איינער פון פאָלק איז א טהייל פון זייער „איך", א טהייל פון זייער בלוט און פלייש, א טהייל פון זייער גוף און נפש. אזעלכע זיינען ג ע ב אָ־ ר ע נ ע פיהרער, זיינען געבאָרען געוואָרען מיט דער אייגענשאפט צו זיין מנהיגים בישראל און אונטער אזא פיהרערשאַפט וועט דאָס פאָלק ניט פאַרפיהרט ווערען. פארקעהרט, ער וועט פיעל געווינען דורך זיי, דאָס פאָלק וועט זיך אָפלערנען פון זייערע מעשים, זיי וועלען דינען פאר'ן פאָלק אלס מוסטער און וועלען מקנה זיין דעם פאָלק זייערע אייגענשאַפטען און זייערע סגולות הנפש.

איז די דאָזיגע אספסוף צרה ניט בלויז אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט נור אויך פון דער געגענוואַרט און איבערהויפט דאָ אין אונזער מדינה.

אמעריקא איז דער מאָדערנער מדבר העמים וואו די אספסוף מגפה בושעוועט מיט איהר פולסטער קראַפט.

ווער זיינען דאָ אין אמעריקא, אין די מעהרסטע פאַלען, אונזערע זאָגענאַנטע שול בעאמטע און קהל'שע פיהרער אויב ניט אַט דער מין וואָס דער נאָמען א ס פ ס ו ף איז דער בעסטער טערמין מיט וועלכען זיי

בהעלותך

דארפען באצייכענט ווערען ? דאָס איבערזידלינג פון דעם איראָפעאישען גלות מצרים צום מדבר אמעריקא האָט מיט זיך אראָפּגעבראכט אן ערב־רב שטראָם פון קליינע מענשעלאך וואָס דאָרטען אין דער אַלטער היים זיינען זיי באַטראַכט געוואָרען פאר דעם נחות דרגא מין און האָבען געהערט צו די נידעריגע שיכטען פון דער „מערב וואַנט". דאָ אָבער אין דאָס לאַנד פון „ביזי" האָבען זיי זיך מיט דער צייט ארויפגע'ביזי'וועט ביז זיי האָבען דער־גרייכט די „ב י ז ר ת אמעריקא" און האָבען אזוי ארום דערגרייכט די אויבערשטע ביינק פון מזרח. זיינען געוואָרען פרעזידענטען און וויס־פרעזידענטען. די געלט נאַטירליך האָט דאָך אָבער זייער טייג ניט איבער־געקנאָטען און ניט האָבענדיג געשטאַנען אין זייער ערשטען גלגול אין די רייהען פון פאָלק, פארשטעהען זיי דאָך דעריבער זעהר ווייניג דעם דאָ־זיגען פאָלק און זיינע אינטערעסען. נאָך ווינציגער פאַרשטעהען זיי דאָך די אינטעלעקטועלע קלאָס פון פאָלק. די „ביזת" אמעריקא האָט זיי דער־בראַכט צו דער שטופע פון „התאוו תאוה" וואָס דאָס איז דאָך אייגענטליך א טהייל פון אמעריקא'ס אייגענשאפטען. אמעריקא איז דאָך דאָס לאַנד פון „אווער־טיים", וואו מיט געוועהנליכע מענשליכע ארבייט שטונדען באַ־נוגענט מען זיך נישט נור מען ארבייט נאָך צו היבשע שטונדען אין דער נאַכט. איז דאָך דאָס אלעס א פּראָדוקט פון דעם „התאוו תאוה", דער לוק־סעריעזער לעבען איז געוואָרען אזוי גרויס אז מען האָט קיינמאָל ניט קיין צייט צו טראַכטען וועגען יענעם, ווייל מען איז אימער באַשעפטיגט מיט זיך אליין.

איז דעריבער קיין חדוש ניט אז בשעת אזעלכע אספסוף לייטע ווערען די פיהרער פון אונזערע שוהלען זאָלען די ערשטע וואָס ליידען פון זיי זיין אונזערע כלי קודש אין געשטאלט פון רבנים, חזנים, שמשים אד"ג. דען צו די דאָזיגע צופעליג געוואָרענע פיהרער איז דאָך לחלוטין פרעמד דעם צווייטענס שמארץ, ווייל זייער גאנצע פיהרערשאפט איז דאָך נור צו פאַרדאַנקען זייער עגאָאיזם וואָס האָט זיי געבראַכט צו זייער עשירות און דורכדעם אויך צו זייער כבוד וגדולה, און וואו עגאָאיזם, דאָרט איז דאָך בלויז פאראן דער אייגענער „איך". און על אחת כמה וכמה אז דער טיפ כלי קדש איז צו זיי פרעמד ניט האָבענדיג ווען עס איז געשטאַנען אין זייער מחיצה...

וואָרט און צייט

לעבען מיר דעריבער אין אן אספסוף תקופה און דערפון די טרויעריגע לאַגע אויף'ן גאַנצען שטח פון אונזער אינטעלעקטועלען לעבען, צו דאָס איז אין דעם לאַגער פון די שוהלען און בתי מדרשים אדער אין דעם לאַגער פון די תלמוד תורה'ס און ישיבות. כמעט אומעטום ליידער וואר־פען זיך אין די אויגען אַרט די אספסוף לייט וועלכע פאַרנעהמען דעם אויבען־אָן אין דער פיהרערשאפט פון די דאָזיגע אינסטיטוציעס.

הפנים אז דער אמרת'ער טיפ פון פיהרער, די וועלכע ווערען באַצייכענט מיט'ן נאָמען: „עוסקים בצרכי צבור באמונה" איז ניט אזוי לייכט צו געפינען און די וואָס מען געפינט שוין יאָ איז טאקע זייער פיהרערשאפט פאַרבונדען מיט היבשע שוועריגקייטען, דען סוף־סוף האָבען מיר דאָך א רעקאָרד אלס טרחנים און סרבנים און אנטקעגען איין טראָפען כבוד וואָס מיר גיבען אונזערע פיהרער גיבען מיר זיי דאָך אין פאַראַלעל תשעה קבין יסורים און עגמת נפש. און ניט אומזיסט איז אויף'ן אַדרעס פון אזעלכע פיהרער פאַרפאַסט געוואָרען א ספעציעלע שבת־תפלה פון: „הקב"ה ישלם שכרם ויסיר מהם כל מחלה וירפא לכל גופם ויסלח לכל עונם וישלח ברכה והצלחה בכל מעשי ידיהם". אמת'ע פיהרערשאפט איז ווירקלאָך אימשטאנד צו אונטערגראָבען די פיהרער סיי פיזיש, סיי מאַטעריאליש און אפילו אויך גייסטיג...

עס לוינט זיך אָבער צו קריגען א י י ן פיהרער פון „באמונה" טיפ אפילו פאר א פרייז פון טויזענט תפלות איידער טויזענט פיהרער פון א ס פ ס ו ף טיפ אפילו גאָר אָהן א פרייז...

שלח

המרגלים של משה ומרגלינו אָנו

אפס כי עז העם היושב בארץ — —
עמלק יושב בארץ הנגב והחתי והיבוסי
והאמורי יושב בהר — —
ויהס כלב את העם אל משה ויאמר
עלה נעלה וירשנו אותה כי יכול נוכל לה.
וימאסו בארץ חמדה לא האמינו לדברו
— — וישא ידו להם להפיל אותם במדבר;
ולהפיל זרעם בגוים ולזרותם בארצות.
תהלים ק״ו).

איז דער עונש פון די מרגלים ניט בלויז געווען אָנגעווענדעט אויף יענעם דור המדבר אליין נור אויך אויף די שפּעטערדיגע דורות, אויף זייערע קינדער און קינדס־קינדער: „ולהפיל ז ר ע ם בגוים ולזרותם בארצות", א מין „פוקד עון אבות על בנים".

ווייסען מיר דאָך אָבער אז דער דאָזיגער „פוקד עון אבות על בנים" איז נור „כשאוחזין מעשי אבותיהם בידיהם", און אויב אזוי, הייסט דאָך עס אז אויך זיי, די „זרעם בגוים" זיינען אָנגעשטעקט מיט די מרגלים זינד, אזוי אז ניט נור איז דער ע ו נ ש פון די מרגלים אן עונש לדורות נור אויך דער ח ט א אליין...

כדאי דעריבער א בליק צו טהאָן אין א ו נ ז ע ר דור און זעהן ווי וויט און אויף וועלכער אַרט און וויזע דער מרגלים־חטא איז אויך ביי אונז רעפּרעזענטירט.

און — „יגעת—מצאת".

מיר לעבען איצט דורך איינע פון די שווערסטע מאָמענטען אין אונזער געשיכטע אין וואָס אנבאלאַנגט די פּראָבלעמע פון ארץ ישראל.

עס איז קיין ספק ניט, אז מיר שטעהען איצטער אין דער תקופה פון „אתחלתא דגאולה". די לעצטע צוויי צעהנדליג יאָהר האָבען אונז גע־

וואָרט און צייט

שטעלט פנים אל פנים מיט דער פּראָבלעמע פון שיבת ציון. ארץ ישראל איז שוין ניט מעהר א זאַך פון דער שעהנער רייכער פאַנטאַזיע נור א רעאַלע ערשיינונג און א פּראַקטישע ווירקליכקייט. פון טאָג צו טאָג ווערט דער ענין אלץ מעהר רעאַליסטיש און מעהר ברענענד אין די רייהען פון אונזערע אידישע ברייטע פאָלקס מאַסען. די סבות דערצו זיינען קלאָהרע און גאַנץ פאַרשטענדליכע. אַמאָל האָט מען גערעדט וועגען א״י ווי וועגען א חשוב׳ע פ ר אַ ג ע אין אידישען לעבען, היינט אבער רעדט מען דערפון ווי וועגען א נויטיגען ע נ ט פ ע ר צו דער אידען פראַגע. דער באָדען אין די גלות לענדער ווערט מיט יעדען טאָג אלץ הייסער און זודיגער אונטער אונזערע פיס. די עמיגראַציע איז געוואָרען א זעהר ערנסטער ענין היינט צו טאָג, און אויב אמאָל איז ארץ ישראל געווען אן ענין פון א י מ י ־ ג ר אַ צ י ע, איז עס היינט מעהר אן ענין פון ע מ י ג ר אַ צ י ע... עס איז ניט אזוי דאָס ל ו י פ ע ן קיין ארץ ישראל ווי דאָס אַ נ ט ל ו י ־ פ ע ן פון גלות...

איז עס טאַקע אפשר ניט אַזאַ גרויסער קאָמפּלימענט פאר אונז, דען דאָס צייגט דאַך אז ניט דער א י ד ע אַ ל י ס ט י ש ע ר מאָמענט שפּיעלט דאָ די הויפּט ראָלע נור דער ט ר אַ ג י ש ע ר, ניט דער „שיבת ציון״ נור דער „בריחת הגלות״... דאָס ענדערט אָבער ניט דעם פאַקט. זאָל זיך די כונה זיין וואָס זי זאָל ניט זיין, דער פאַקט אָבער איז אז ארץ ישראל איז היינט צו טאָג דער איינציגער „עוגן ההצלה״ צו וועלכען עס רייסען זיך צעהנדליגער און טויזענטער אידען פון יענע עמק הבכא׳ס וואו ס׳איז גע־וואָרען אוממעגליך מעהר צו פאַרבלייבען.

היינט לאָזט זיך אויסטייטשען דער מאמר חז״ל, אז „ארץ ישראל נקנית ע״י יסורים״ אין א גאַנץ אַנדער ליכט. עס זיינען די יסורים פון חוץ־לארץ אין געשטאַלט פון די רדיפות, גזירות און גירושים וואָס שטויסען צו ארץ ישראל. איז עס טאַקע, ווי געזאָגט, טהיילוויז אן ארץ ישראל מתוך „כפיה ואונס״, ווייסען מיר דאָך אבער אז אפילו אזא „רוצה אני״ וואָס קומט אלס רעזולטאַט פון א „כופין אותו״ ווערט פונדעסטוועגען אויך פאַררעכענט פאר א „יקריב אותו ל ר צ ו נ ו ״...

באַגעגענען מיר זיך אָבער אויך היינט מיט די זעלבע שוועריגקייטען אין פאַרבינדונג מיט׳ן כבוש הארץ ווי די פון די מרגלים׳ס צייטען און

שלח

דער „עון המרגלים" כמעט מיט אלע זיינע פרטים שפיגעלט זיך אויך אָפּ אין אונזער היינטיגער „עלית הארץ."

א היבש באדייטענדער טהייל פון די וואָס מוזען געהן קיין ארץ ישראל צוליעב די יסורים פון חוץ לארץ, אזוי שנעל אָבער ווי זיי באַקענען זיך מיט דער לאַגע און געפינען אויס אז דער „ארץ ישראל נקנית ע"י יסורים" ענטהאלט נאָך אין זיך אויך דעם אלטען פשט וואָס באַציהט זיך טאקע אויף די יסורי ארץ ישראל, אויף די חבלי לידה פון דעם ערָאבערונגס פּראָצעס. זיי זעהען אז דער כבוש הארץ באַגעגענט זיך מיט פיעלע שוועריגקייטען און שטרויכלונגען און יעדער טריט און שריט פון דעם דאָזיגען כבוש איז פארבונדען מיט גרויסע אונערטרעגליכע יסורים, אזוי ווערען זיי גלייך פעסעמיסטיש געשטימט. דער יאוש וואָרעם פרעסט זיך איין אין זייערע הערצער און דער אלטער ספעקטעציזם פון די אמאָליגע מרגלים שטעהט ביי זיי אויף תחית המתים און נעהמט אויך הייגט אָן יענעם עפּידעמישען פאָרם וואָס דראָהט מיט מורא'דיגער סכנה אויף דער גאַנצער זאַך...

אפס כי עז העם היושב בארץ — — —

עמלק יושב בארץ הנגב — —

אָט דער שמערצליך טרויעריגער „אפס" וואָס איז געווען דער לייט־מאָטיוו ביי די מרגלים פון אמאָל, איז אויך געוואָרען דער לייט־מאָטיוו ביי די מרגלים פון הייגט. אויך די מרגלים פון משה'ס צייטען האָבען צו־געגעבען אַז די לאַנד אָן־און־פאַר־זיך איז וואויל און גוט. זיי האָבען נאָך אדרבה דעמאָנסטרירט די גוטסקייט פון דער „ארץ זבת חלב ודבש" דורכ'ן „וזה פריה"... זיי האָבען אָבער אריינגעוואָרפען אַ „קוץ" אין דער „אליה" מיט דעם דאָזיגען „אפס" זייערען. אַלעס איז וואויל און גוט — אפס"... „אָבער"... און אָט דער „אָבער" איז געווען דער גרעסטער אומגליק דע־מאָלט און איז עס אויך הייגט.

ניטאָ קיינער הייגט צו טאָג וואָס זאָל ניט זינגען קיין לויב־געזאנגען פאר ארץ ישראל. אלע וואָס קומען פון דאָרטען קענען זיך ניט גענוג אָפּלויבען פון די אלע וואונדער וואָס זיי האָבען דאָרט געזעהן. דער פאַר־

וואָרט און צייט

שריט איז אונגעהייער גרויס. נאָהנט צו א האַלבען מיליאָן אידען כן ירבו; פּרעכטיגע קאָלאָניעס אין די הונדערטער; א הונדערט פּראָצענטיגע אידי־שע תל אביב; א וואונדערבאַר שעהנער אידישער האַפען; אונצאָהלרייכע פּרעכטיגע אינסטיטוציעס; א העברעאישער אוניווערזיטעט פון א ריעזיג קאָלאָסאַלען פארנעהם, און נאָך און נאָך.

איז דאָך אלץ גוט און שעהן, איז אבער די צרה מיט'ן — א פ ס...

און דער „אפס" געהט אין דער זעלבער ריכט־ליניע פון יענעם ערשטען מרגלים'שען „אפס". עס איז: „אפס כי עז העם"!...

סטייטש, שרייען זיי, דער פאָלק, דאָס אראבישע פאָלק איז זעהר שטאַרק און פאַרמעסט זיך מיט אלע זיינע פינסטערע כחות געגען אונז. דער שרעקליכער טעראָר מיט זיין גערילא־קריעג וואָס ער ווענדט אָן געגען אונז, מאָלט דאָך פאר אונז די סיטואציע מיט איהרע שרעקליכסטע שווארצע קאָלירען. און ניט נור איז „עז העם היושב ב א ר ץ", ניט בלויז דאָס אַראַבישע ארץ ישראל פאָלק אליין איז געגען אונז נור אויך „עמלק יושב בארץ הנגב והחתי והיבוסי והאמורי יושב בהר והכנעני יושב על הים"... זיי וויזען אונז אָן אויף דער אריינמישונג פון זייטיגע פעלקער וואָס קומען די אַראַבער צו הילף, אין געשטאַלט פון די „מוסאָלינים" מיט די „היט־לערס" וואָס העצען די אראבער מיט אנטי־אידישע פּראָפּאַגאַנדע מיט דער הילף פון זייערע ראַדיאָס און אַנדערע אַגיטאַציע מעטאָדען. אויך די „יושבי ההר" אין געשטאַלט פון די געבירג אַראַבער ארום די גרענעצען פון סוריה, עבר הירדן און לבנון וועלכע ליפערען צו זיי מענשען און געוועהר...

און דאָס אלעס — טענה'ן זיי — מאַכט דאָך די לאַגע זעהר שווער און עס איז כמעט אונמעגליך אז מיר זאָלען די דאָזיגע שוועריגקייטען קענען בייקומען.

וואָס דאַרף זיין דער ענטפער צו די דאָזיגע טענות?

דער ענטפער דאַרף זיין דער זעלבער וואָס כלב האָט דעמאָלט געגעבען צו זיינע מרגלים. עס איז אן ענטפער וואָס דריקט אויס מיט זיך אן אייגענ־אַרטיגע שיטה מיט א גאנץ באזונדער אויפפאַסונג אויף דער גאנצער זאַך.

כלב אין זיין ענטפער מיידט אין גאַנצען אויס די פראַגע פון דעם אַרטיגען פאָלק. כלב'ס שטאַנדפּונקט איז אז אונזער ענטפער דאַרף

דורכאויס זיין פון א פאזיטיווען כאראקטער. מיר דארפען ניט זוכען קיין מיטלען ווי אזוי יענעם פאלק ש ו ו א ך צו מאכען נור ווי אונזער פאלק ש ט א ר ק צו מאכען. כלב איז אן אנהענגער פון די שיטה פון „הבלגה", דער נייער העברעאישער טערמין וואס איז געווארען אזוי פאָ־פולער אינ'ם ישוב אין פארלויף פון די אומרוהען פון יאהר 1936 און וואס מיינט די זעלבסט באהערשונג פון אונזער זייט. „לא בחיל ולא בכח כי אם ב ר ו ח י". כלב איז א הייסער אנהענגער פון „ ר ו ח ": „ועבדי כלב עקב היתה ר ו ח אחרת אתו". כלב איז אן אידיאליסט וועלכער איז איבערצייגט אז אונזער ענטפער דארף ניט זיין מיט טערור געגען טערור נור מיט באשיידענעם ווילענסקראפט און אפפערווילליגע בויאונגס ארבייט. אויף דער אראבישער ס ת י ר ה דארפען מיר ענטפערען מיט ב נ י ן.

נישט דער פ א ל ק דארף אונז אינטערעסירען, נור די ל א נ ד: „עלה נעלה וירשנו א ו ת ה "; איהר, די לאנד, דארפען מיר ערארבערען, און די דאזיגע עראבערונג דארף הויפטזעכליך קומען דורכ'ן „עלה נעלה", פארדאפלען, פארדרייפאכען, פארצעהנפאכען די „עליה". אין דעם און נור אין דעם באשטעהט אונזער כח, און וואס גרעסער אונזער אימיגראציע וועט זיין אלץ גרעסער וועלען אונזערע געווינסען זיין.

אויך ער, כלב, פארלייקענט ניט דעם מרגלים'שען „אפס", אבער כלב גיט דעם „אפס" א גאנץ אנדער אויסטייטשונג. דען „אפס" איז דאך ניט בלויז דער טייטש „אבער", „אפס" איז אויך דער טייטש „גארנישט" „נול"...

כלב איז איבערצייגט אז די טענה פון „עז העם", פון „כי חזק הוא ממנו" איז א טענת „אפס", זייער גאנצע שטארקייט איז „נול" לגבי אונזער פראָ־דוקטיווער בויאונגס ארבייט. די מרגלים שרייען „לא נוכל לעלות אל העם" און שטעלען דעם טראפ אויף'ן „אל העם" און כלב זאגט „עלה נעלה וירשנו א ו ת ה כי יכול נוכל ל ה " און שטעלט דעם טראפ אויף'ן „אותה" מיט'ן „לה"...

און דאס וואס כלב'ס שיטה איז דעמאלט אויסגעדריקט געווארען אין טעאריע, האט זיך עס אין אונזערע צייטען אויסגעדריקט אין דער פראק־

וואָרט און צייט

טיק. און איינע פון די צענדלינגע ביישפּילען איז געווען דער אידישער האַפען אין תל אביב וואָס איז בין לילה אויפגעבויט געוואָרען אלס ענטפער צו די אַראַבישע פאַרפאַלגונגען און האָט דעם אידישען פּרעסטיזש א הויב געטהאָן צו אַזאַ גוואַלדיגען הויך וואָס טויזענט טעראָר אַקטען קענען עס ניט אַראָפּנידערען.

יאָ, מען מוז באַזיצען די נויטיגע מאָס אידעאַל כדי צו פאַרטרייבען דעם יאוש פון האַרצען, מען דאַרף זיין דורכגעדרונגען מיט דעם „רוח כלב״, און דאַן ווערט דער „חיל״ און „כח״ פון דער צווייטער זייט באַצייכענט מיט א „לא״ — „ ל א בחיל ו ל א בכח״, און א „לא״ באלף רבתי...

מיר דאַרפען אויך געהן אין כלב׳ס וועגען און לערנען דעם „אפס״ מיט כלב׳ס פשט און ניט מיט׳ן פשט פון די מרגלים, און דאַן וועלען מיר אויך קענען מיט דער זעלבער זיכערהייט אויסשרייען:

עלה נעלה וירשנו אותה!

קרח

העולים, הילודים והירודים

(געוועזענע, געבאָרענע און געוואָרענע)

ויקח קרח בן יצהר — שלקח מקח רע לעצמו.

(סנהדרין קט).

ס׳איז אָנגענומען אַז די קרח סדרה ליפערט די בעסטע מאַטעריאַל פאַר דרשנים; ס׳איז „פרשה זו יפה נדרשת״. דאַרויף איז סימבאָליש אויך אָנגעוויזען אויפ׳ן פסוק: „ובני קרח לא מתו״ וואָס מיינט אַז די בני קרח אָדער זיינע אייניקלאַך און אור־אייניקלאַך לעבען נאָך היינט אויך. זיי האָבען גע׳ירשנ׳ט פון זיידען די קרח טראַדיציע אָנצופיהרען מחלוקת׳ן און פאַרשאַפען היבש צרות אין יעדער אידישער געמיינדע.

פאַרדינט דעריבער די דאָזיגע פרשה מ׳זאָל זיך אויף איהר באַזונ־דער אָפּשטעלען אום צו שטעלען די ריכטיגע דיאַגנאָזע פון די קרח מחלה פון דער היינטיגער צייט.

אין אמת׳ן אָבער איז ניט קרח דער איינציגער העלד פון דער פרשה. פאַראַן נאָך העלדען חוץ איהם ווי אַשטייגער דתן ואבירם וועלכע פאַר־נעהמען אויך אַ פראָמינענטען פלאַץ אין דער דאָזיגער אפּערע.

כאַראַקטעריסטיש איז אָבער דער פאַקט וואָס וועהרענד קרח איז געוועזען דער עושר, זיינען דתן ואבירם צו יענער צייט געוועזען קבצנים ווי חז״ל טייטשען אויס דעם „כי מתו האנשים המבקשים את נפשך — שירדו מנכסיהן״, און דאָך האָבען זיי נאָך אויך געדייסטעוועט און ניט וויניג צרות אָנגעמאַכט אין דער מחנה ישראל.

קרח האָט געזוכט כבוד. געוועהנליך זיינען עושר וכבוד כמעט ווי שמות נרדפים און די אידישע טראַדיציע האָט קיינמאָל ניט געוואָלט באַרויבען דעם עושר פון דעם דאָזיגען כבוד. אדרבה, מען לערענט אונז

גאָר אַז „רבי מכבד עשירים״. די צרה איז אָבער געווען מיט קרח׳ן וואָס ער האָט ניט געוואָרט מ׳זאָל איהם ג ע ב ע ן כבוד נור האָט דעם כבוד אליין געוואָלט נעהמען; ס׳איז געווען ו י ק ח קרח, און פון ג ע ב ע ן כבוד ביז נ ע ה מ ע ן כבוד איז שוין יאָ דאָ אַן אונטערשיעד. אין ערשטען פאַל איז עס אין דער בחינה פון „הכבוד רודף אחריו״ וועהרענד אין צווייטען פאַל איז עס „הרודף אחר הכבוד״ און דאָס גראָדע קען זיך שוין ניט אזוי איינגעבען. ס׳איז כמעט ווי אַ נאַטור געזעץ אַז „הרודף אחר הכבוד, הכבוד בורח ממנו״. כבוד איז פון די סאָרט זאַכען וואָס עס לאָזט זיך אליין ניט נעהמען, און נעהמט מען עס יאָ אליין איז עס שוין מעהר קיין כבוד ניט, דען כבוד איז דאָך נור וואָס יענער איז מכבד, זיך אליין מכבד זיין קען מען ניט ווייל דאָס גרענעצט זיך שוין מיט גאוה און גאוה איז שוין אַ העסליכע מדה און מענשען וויכען אָפּ מיט עקעל פון אַ בעל גאוה און אַנשטאָט איהם מכבד זיין, פאַראַכטעט מען איהם גאָר.

איז דערפאַר אויב „ו י ק ח קרח״, אַז קרח וויל אליין נ ע ה מ ע ן דעם כבוד איז אַנשטאָט כ ב ו ד צו קריגען איז גאָר „לקח מקח רע לעצמו״...

קרח׳ס כבוד זוכעריי אָדער גאוה האָט זיך גענומען דערפון וואָס ער איז געווען אַן אויפגעקומענער עושר און ניט קיין געבאָרענער. דער וואָס איז אַ געבאָרענער עושר, דער גאוה׳ט זיך ניט. בלויז די נעכטיגע קבצנים וואָס זיינען מיטאַמאָל אויפגעקומען, זאָל עס זיין צוליב אַ צו־פעליגער „ביזת מצרים״ אָדער וועלכער ס׳איז אַנדער צופאַל, ביי אַזעלכע ווערען די נערוועון צושרויפט, ווערען ווילד פון גדולה און הויבען זיך אָן צו בריקען.

זאָגט דאָך טאַקע די תורה אויך אזוי: „ובקרך וצאנך ירביון וכסף וזהב ירבה לך וכל אשר לך ירבה — ורם לבבך ושכחת את ה׳ אלקיך״. איז דאָ אונטערשטראָכען דער ירבה ל ך און דער אשר ל ך ירבה, וואָס מיינט אַז די פאַרמעהרונג פון דיין רייכטום וועט זיין ביי דיר אליין, ניט וואָס דו האָסט ערדייכט בירושה, נור אין אַזאַ פאַל וועט עס קומען צום „ורם לבבך״ און דערפיהרען אַזש ביז׳ן „ושכחת את ה׳ אלקיך״.

קרח

און קוים קומט עס צו גאוה, זיך גרויס צו מאַכען קומט עס שוין ממילא דערצו יענעם קליין צו מאַכען, דען אום צו ווע‏לען זיין גרעסער פון יענעם, מוז דאָך יענער זיין קלענער פון מיר...

און דאָס זעהט מען טאַקע בחוש אין צעהנדליגער צעהנדליגער פאַלען. די ערגסטע רומעני‏שע קאַרל'ס זיינען ניט אַזוי געפעהרליך פאר אונז ווי די היטלער'ס און בלויז דערפאר וואָס די קאַרל'ס זיינען געבאָרענע און די היטלער'ס זיינען געוואָרענע און אַ „מיצר לישראל" איז הויפּטזעכליך דער וואָס „ נ ע ש ה ראש", וואָס איז ג ע ו ו אָ ר ע ן אַ ראש... דער אַלטער שלמה המלך כלל פון „עבד כי ימלוך"...

וועט מען אָבער זאָגען: הא גופא קשיא, פאַרוואָס האָט מען גע־דאַרפט וואַרטען ביז קרח וועט קומען נ ע ה מ ע ן דעם כבוד, ווארום טאַקע איהם אליין ניט געבען אויב טאַקע רבי מכבד עשירים?

משמעות אַז קרח האָט דעם דאָזיגען כבוד ניט פארדינט טראָץ זיין עשירות, און דאָס איז טאַקע ריכטיג אויך און לאָזט זיך לייכט ערקלעה־רען.

אַן עשירות פון וועלכעס דער פאָלק געניסט דאַרף דאָס פאָלק עס געבען די געהעריגע אַנערקענונג און עס באַלוינען פון זיין זייט מיט צוגעטיילטען כבוד. אַזאַ עשירות אָבער וואָס בלייבט ביי זיך אליין, האָט עס דאָך מיט'ן פאָלק קיין שייכות ניט און דער כבוד לוין קען דעריבער פון פאָלק ניט געפאָדערט ווערען נור פון זיך אליין אָט ווי עס איז טאַקע געוועזן ביי קרח'ן ו י ק ח , אליין גענומען...

דען פון קרח'ס עשירות האָט דאָס פאָלק זעהר ווייניג גענאָסען. עס זעהט זיך ניט אַרויס די גרויסע נתינה קרח'ס פאר'ן בנין המשכן אָדער פאַר וועלכען עס איז אַנדער אידעאַלען צוועק.

זעהר ריכטיג כאַראַקטעריזירען מאַנכע מפרשים דעם קאַרגען קרח טיף אָנוויזענדיג אויף דער גמרא וואָס דערצעהלט אַז „דריי הונדערט פרידות זיינען געווען אָנגעלאָדען מיט די שליסלען פון קרח'ס אוצרות". און אייגענטליך ווייסען מיר דאָך אַז אפילו צו די גרעסטע ביליאָנען אוצרות איז ניט נויטיג אַזוי פיעל שליסלען. עטליכע גוטע „סייף קאָמ־בינ‏יישאָנס" זיינען גענוג פאַר דעם.

וואָרט און צייט

די גמרא מיינט אָבער דערמיט צו כאַראַקטעריזירען קרח׳ס קאַרג־שאַפט ווי צו זאָגען: צו קרח׳ס אוצרות האָט קיינער קיין שליטה ניט געהאַט. זיי זיינען געווען פאַרהאַקט מיט מיליאָנען שליסלען און קיינער האָט צו זיי ניט געקענט צוקומען. און אַנשטאָט וואָס אַזאַ גביר ווי קרח האָט באַדאַרפט זיך אָפּגעבען מיט עניני צדקה און קומען פרעגען משה׳ן שאלות אין הלכות צדקה, טרעפען מיר איהם גאָר ביי משה׳ן מיט שאלות אין הלכות ציצית און מזוזה: „טלית שכולה תכלת — בית שמלא ספרים״... סטייטש, דו קרח, לאָז איבער די שאלות פון ציצית און מזוזה פאַר די פרומע בית המדרש׳ניקעס. יענע לומדים וועלען שוין די דאָזיגע דינים אין אָרדנונג ברייגען. דו באַשעפטיג זיך בעסער מיט צדקה ענינים, מיט פילאַנטראָפּישע זאַכען, וואָס קריכסטו אין פרעמדע פעלדער, אין פרעמדע טעריטאָריעס?

קרח טהוט עס אָבער ניט, וועגען צדקה קומט ער קיין שאלות ניט פרעגען. קיין צדקה גיט ער ניט. זיינע געלט קאַסעס זיינען שוין באַוואָרענט מיט מיליאָנען שליסלען פון די דריי הונדערט באַלאַדענע פרידות אַז קיין גבאי צדקה זאָל צו זיי ניט קענען צוקומען...

ג ע ב ע ן גיט קרח גאָר ניט, ער ר ע ד ט נור, און רעדען רעדט ער שוין גאָר אַ סך. ער שפּאַרט אָן אין די העכסטע פענסטער אַזש צו די ראשי סנהדראות. ער וויל זיי געווינען אויף זיין זייט אָבער ניט חלילה מיט זיין געלט, נור „משך ראשי סנהדראות ב ד ב ר י ם״... (רש״י). אַלץ מיט ר י י ד, ר ע ד ע ן אָבער ניט ג ע ב ע ן. טאָ אויב אַזוי, קרח׳ל, פאַרוואָס קומט דיר כבוד, פאַר וועלכע מעשים טובים און פאַר וואָסערע פאַרדינסטען?

און אָט דער קרח טיפּ עקזיסטירט נאָך ביז היינטיגען טאָג. די אַלע טראָבעל מאַכער אין אונזערע קהלות און שוהלען, די מחרחרי ריב און מחלוקת פיהרער וואָס רייסען אַרונטער די רבנים און די אַנדערע כלי קדש זיינען בלויז יענע וועמען דער רב און די שוהל קאָסט זיי זעהר ווייניג כמעט גאָר נישט אָבער רעדען און באַרעדען דאָס טהוען זיי שוין אַ סך.

קרח

אָבער ווי אויבענגעזאָגט, ליידען מיר ניט נור פון די רייכע קרח'ס נור אויך פון די אָרעמע דתן ואבירם'ס. פון די קרח'ס ליידען מיר אַלס גַעוואָרענע און פון די דתן ואבירם'ס אלס געוועזענע.
דאָס געלט האָבען זיי שוין טאַקע פאַרלאָרען, די עזות און חוצפה איז זיי נאָך אָבער פאַרבליבען; און אויב די דאָזיגע עזות האָט שוין ניט אַזאַ מאַכט דען אויב „חכמת המסכן בזויה" איז דאָך עזות המסכן על אחת כמה וכמה, קוים אָבער קענען זיי זיך נאָך טוליען אין קרח'ס טלית זיינען זיי נאָך די איינציגע וואָס קענען עפעס געניסען פון קרח'ס רייכקייט, ניט חלילה קיין געלט נור חוצפה... די געוועזענע מיט די געוואָרענע קומען זיך דאָ צוזאַמען און מאַכען יד אחת, דער מיט זיין יחוס פון היינט און יענער מיט זיין יחוס פון נעכטען און אזוי ארום ווערט די מחרחרי ריב משפחה פאַרגרעסערט און — ויקומו לפני משה!...

זוכט זיי די דאָזיגע דתן ואבירם'ס אין אונזערע היינטיגע שוהלען און איהר וועט זיי שנעל געפינען...

און אויב איהר טרעפט אַמאָל אז די ווייבערשע שוהל אָדער ווי איהר רופט איהר מיט'ן מאָדערנעם נאָמען „לײדיס אקזילערי", מישט זיך אויך אין שוהל פּאָליטיק, זאָגט אויך דעות וועגען רב, זאָלט איהר וויסען אַז דאָס איז נאָך אויך אַן אַלטע קרח ירושה. אין קרח'ס אויפשטאַנד האָט אויך די פרוי געהאַט אַ גרויסען חלק... דער ויקח קרח ווערט אין דער גמרא אויך אויסגעטייטשט מלשון „כי יקח איש אשה", און דער פסוק „חכמת נשים בנתה ביתה ואולת בידים תהרסנו" ווערט גע'־דרש'נט: „חכמת נשים בנתה ביתה, זו אשתו של און, ואולת בידים תהרסנו זו אשתו של קרח" פון וואָס עס איז צו זעהן, ווי געזאָגט, אַז נאָך אויך דעמאָלט אין קרח'ס צייטען האָבען די פרויען געשפּיעלט אַ באַדיי־טענדע ראָלע. זאָל עס דעריבער קיין חדוש ניט זיין אויב מיר טרעפען אויך היינט אַן געוויסע קרח'טעס וואָס העלפען צו שטירצען דעם רב. אַמאָל איז עס צוליב דעם וואָס דער רב שטעהט זיי אין וועג און לאָזט זיי ניט שפּילען קיין קאָרטען אין שוהל, אַמאָל דערפאַר וואָס דער רב לאָזט ניט צו צו קיין געמישטע סיטס אין שוהל און אַמאָל צוליב אַנ־דערע עהנליכע זאַכען.

וואָרט און צייט

אַזוי צו אַזוי, די קרח פרשה פאַרנעהמט נאָך אַ חשוב׳ן אָדער בע־סער געזאָגט, אַ מיאוס׳ן פלאַץ אויך אין אונזער היינטיגען לעבען. ליידער אָבער זיינען היינט ניטאָ די משה׳ס וועלכע זאָלען זיי קענען אַנטקעגען קומען.

די אַלטע קרח׳ס זיינען פארזייהט געוואָרען אין דר׳ערד און פון די זריעה האָבען ארויסגעשפראָצט נייע קרח׳ס. משה׳ס פלאַץ אין דער ערד איז נאָך אָבער ניט דערפונען געוואָרען, ס׳איז נאָך אלץ „ולא ידע איש את קבורתו״ און דערפאר שפראָצען נאָך קיין נייע משה׳ס ניט אַרויס — ולא קם כמשה!

חקת

ה„חקים״ — הפגנה על „תורה מן השמים״

זאת חקת התורה אשר צוה ה׳ לאמר.
לפי שהשטן ואוה״ע מונין את ישראל
לאמר מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה
לפיכך כתב בה חקה, גזירה היא מלפני
ואין לך רשות להרהר אחריה.
(רש״י).

איז אין דער דאָזיגער רש״י׳ס ערקלעהרונג פאַראַן א שאַרפער ענטפער צו יענע סקעפּטיקער אָדער האַלבע און גאַנצע כופרים אין „תורה מן השמים״ וועלכעס איז ביי אונז איינע פון די עקרי האמונה.

דען וואָלט די תורהווירקליך באַשטאַנען בלויז פון מצות שכליות און ציווילע משפטים, די זאַכען וואס ווערען באַצייכענט אַלס „דברים שאין השטן משיב עליהם״, וואָלט דאַן געווען גענוג אורזאַך צו באַגרינדען די טענות פון די אומגלויביגע אַז די תורה איז מעגליך ניט מן השמים נור אַ פּראָדוקט פון משה רבינו׳ס פעדער. אַלס פיהרער פון פאָלק און באַגאַבטע פערזענליכקייט מיט אויסערגעוועהנליכע פעהיגקייטען, האָט ער פאַרשטאַנען די נויטיגקייט פון שאַפען פאַר׳ן פאָלק אַ תורה מיט פאַרשיעדענע געזעצען וואָס איז אַן אומבאַדינגטע נויטיגקייט פאַר דער איינאָרדנונג פון אַ ציווילען לעבען פאַר אַ פאָלק וואָס דאַרף אַראָפּ אויף אייגענע קעסט און דאַרף פיהרען אַן אייגען זעלבסטשטענדיגען מלוכה לעבען.

און אויב אַזוי איז שוין ממילא אויך פאַראַן גענוג גרינדע אַז די דאָזיגע תורה זאָל ווען עס איז אויך קענען געענדערט און רעפאָרמירט ווערען. מען וואָלט געקענט באַהויפּטען און זאָגען אַז משה וועלכער האָט געלעבט אין יענער אוראַלטער עפּאָכע פונ׳ם דור המדבר, האָט פאַרפאַסט אַזאַ תורה וואָס איז געווען צוגעפּאַסט פאַר יענער צייט און פאַר יענע מענשען. היינט אָבער אַז מיר לעבען אין אַנדערע צייטען

וואָרט און צייט

און די דורות באַשטעהען פון אַנדערע מענשען, ניט די פּרימיטיווע פון אַמאָל נור די ציוויליזירטע פון היינט, איז שוין אפשר יענע תורה ניט צוגעפּאַסט צום היינטיגען לעבן און מען דאַרף שוין אַן אַנדער תורה מיט אַנדערע געזעצען, אַ מעהר פאָרגעשריטענע תורה און מעהר מאָ־דערנערע געזעצען.

די ח ו ק י ם אָבער, יענער טייל פון אונזערע תורה געזעצען וואָס „השטן משיב עליהם״, געזעצען וואָס זיינען לחלוטין אומפאַרשטענדליך און אַפּעלירען כלל ניט צום מענשליכען שכל, זיי, די חוקים, זיינען דער בעסטער ענטפער און דער שלאָגענדסטער אַרגומענט צו באַפעסטיגען די אמונה אין תורה מן השמים.

דען וואָלט די תורה ווירקליך נור געווען אַ פּראָדוקט פון משה׳ן, טאָ ווי שיקט זיך עס וואָס ער זאָל אין איהר פאַרפאַסען אַזעלכע געזעצען וואָס שטימען ניט מיט׳ן שכל, און עס זעהט זיך ניט אין זיי קיין נויטיג־קייט פאַר׳ן לעבען? ניט אַנדערש דעריבער אַז ניט ער, משה, האָט די תורה געשריבען, ניט ער האָט איהר פאַרפאַסט און זי איז ניט קיין פּראָ־דוקט פון זיין פאַנטאַזיע, נור זי איז ווירקליך אַ תורה פון הימעל, אַ תורה פון גאָט. און קוים האָלט מען נור ביי דעם „אני מאמין״ אַז „כל התורה המצויה עתה בידינו היא ה נ ת ו נ ה למשה רבנו עליו השלום״, אַז משה איז בלויז געווען דער שליח פון גאָט דורך וועמען די תורה איז געגעבען געוואָרען פאַר׳ן אידישען פאָלק, קומענדיג צו דעם פּונקט פאַלען שוין אַוועק אַלע קשיות. אויף אַ מ ע נ ש ע נ ס תורה לאָזט זיך פרעגן קשיות אָבער ניט אויף אַ ג ע ט ל י כ ע. דאָ קומט שוין צו הילף דער צווייטער „אני מאמין״ וואָס זאָגט: „שהבורא יתברך שמו איננו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף״. און קוים קען מען גאָט ניט משיג זיין איז דאָך רעכט אַז זיין תורה זאָלען מיר אויך ניט אַלץ אין איהר קענען משיג זיין, קען מען דאָך ממילא ניט ערוואַרטען אַז זי זאָל אין גאַנצען שטימען מיט אונזער שכל.

און ווי שעהן קלינגט עס אין רש״י: „לפי שהשטן ואוה״ע מונין את ישראל לומר מה ה מ צ ו ה הזאת ומה טעם יש בה״. אייגענטליך וואָלט דאָך בעסער דאָ געפּאַסט דער אויסדרוק: „מה ה ח ו ק ה

הזאת" ווייל עס האַנדעלט זיך דאָך אין דער פרה אדומה וואָס ווערט באַצייכענט אַלס ח ו ק ה און ניט אַלס מ צ ו ה?

איז אָבער דאָ פאַראַן אַ וואונק אין באַצוג צו די כופר'ישע באַהויפּטונגען אַז תורה איז ניט מן השמים און אויב אַזוי מעגען אפילו געוויסע מ צ ו ו ת (ניט נור חוקים) אויך רעפאָרמירט ווערען אויב מען געפינט ווען עס איז אויס אַז „מה ה מ צ ו ה הזאת ומה טעם יש בה", אַז פאַר היינטיגער צייט איז זי שוין מעהר ניט צוגעפאַסט... דאַרויף אָבער קומט דער ענטפער: „לפיכך כתב בה ח ק ה", אַז עס שטעהט אָבער אין דער תורה ח ו ק י ם אויך, איז דאָך אַ באַווייז אַז ס'איז ניט משה'ס תורה נור אַז „גזירה היא מ ל פ נ י", ס'איז אַ תורה פון גאָט און אַלס אַזעלכע איז שוין „אין לך רשות להרהר אחריה"...

און כאָטש אויסער פרה אדומה זיינען דאָך פאַראַן נאָך אומפאַרשטענדליכע מצוות וואָס קלאַסיפיצירען זיך אונטער חוקים, איז פונדעסטוועגען דער שוואַר פונקט פרה אדומה. אויף איהר איז געשטעלט געוואָרען דער דעמאָנסטראַטיווער טראָפּ פון תורה מן השמים, דען נאָך אַלעמען איז פרה אדומה די איינציגע חוקה וואָס אפילו דער חכם מכל אדם שלמה המלך האָט וועגען איהר צוגעגעבען דעם „אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני".

קלינגט אויך דער פסוק זעהר שעהן: „זאת חקת ה ת ו ר ה", אָט די חקה פון פרה אדומה איז אַ בנין אב אויף דער גאַנצער ת ו ר ה, אַז, א ש ר צ ו ה ה' ל א מ ר", אַז עס איז אַ תורה „אשר צוה ה'", אַ תורה פון גאָט, א תורה פון השמים.

***

און אין דעם אויסדרוק „זאת חוקת ה ת ו ר ה" אַנשטאָט זאת חוקת ה פ ר ה, איז אגב פאַראַנען נאָך אַ רמז וועגען דעם וואָס אַ סך פון די חכמי המוסר שטעלן זיך אָפּ דאַרויף, נעמליך, אַז אין דעם קיום המצוות דאַרף אָנגעווענדעט ווערען אַזאַ תמימות אז אפילו דער חלק פון די מצוות שכליות זאָל אויך באַטראַכט ווערען אַלס חוקים און מען זאָל זיי מקיים זיין בלויז דערפאַר וואָס „אשר צוה ה'" און ניט ווייל דער שכל דיקטירט זיי.

וואָרט און צייט

„זאת חקת ה ת ו ר ה", ניט נור די „פרה" נור די גאַנצע ת ו ר ה דאַרף באַטראַכט ווערען אַלס ח ק ה. און אַזוי איז אויך פאַר־פאַסט געוואָרען די ברכות המצוות: „אשר קדשנו ב מ צ ו ת י ו", ער האָט אונז געהייליגט מיט ז י י נ ע מצוות. אין ד ע ם באַשטעהט די קדושה וואָס זיי זיינען ז י י נ ע מצוות — אשר צוה ה'.

דאָס קען אויך זיין דער זין פון דרשת חז"ל: „ואהבת את ה"א בכל לבבך — בשני יצריך, ביצר הטוב וביצר הרע". ביים חלק החוקים פאַרמעסט זיך אַממעהרסטענס דער יצה"ר. דאָס זיינען דאָך די „דברים שהשטן משיב עליהם". דאַגעגען ביים חלק פון די מצוות שכליות איז שוין דער יצ"ט שטאַרקער. דאַרף אָבער אין אַט דיביידע חלקים (בשני יצריך) זיין דער ואהבת את ה' אלקיך דער לייט מאָטיוו, זיי מקיים צו זיין ניט ווייל דער שכל דיקטירט עס נור ווייל גאָט האָט געהייסען.

און דאָס איז אַלץ, ווי געזאָגט, כדי צו מאַכען זיכער דעם קיום המצוות. דען אויב די מצוות וועלען זיין אָפּהענגיג און באַזירט אויף׳ן שכל און אויף די טעמי המצוות, וועלען זיך געפינען גענוג מאָדערנע שטנ׳ס וואָס וועלען אַלעמאָל האָבען אויסזוצוגען געגען זיי, מאָטיווירענ־דיג אַז דאָ איז דער אָרט ניט מסוגל דערצו און דאָרט איז די צייט ניט פּאַסענד דאַפיר און נאָך עהנליכע אַזעלכע אויסזוצוגען.

וואָרום מי לנו גדול משלמה המלך און אויך ער איז נכשל געוואָרען אין דעם „לא ירבה לו סוסים" און „לא ירבה לו נשים" ווייל נעהמענדיג די מאָטיווען פון „ולא יסור לבבו" און „ולא ישיב את העם מצרימה למען הרבות סוס", האָט ער געהאַט גרינדע צו זאָגען „אני ארבה ולא אסיר" און „אני ארבה ולא אשיב" און האָט איןביידע זאַכען געהאַט אַ דורכפאַל. ביים „לא ירבה לו נשים" איז געווען: „ויהי לעת זקנת שלמה נשיו הטו את לבבו", און ביים „לא ירבה לו סוסים" — „ותצא מרכבה ממצרים"...

דערמיט ווערט אויסגעטייטשט דער באַקאַנטער מדרש (ויקרא יט, ב):

„אמר ר' אלכסנדרי אם מתכנסים כל אוה"ע להלבין כנף אחד של עורב אינם יכולים, כך אם מתכנסים כל אוה"ע לעקור דבר אחד מן התורה אינם יכולים, מאי את למד משלמה, ע"י שבקש

לעקור אות אחת מה״ת עלה קטגוריא; ומי קטרגו? יוד של ירבה קטרג. עלה ונשתטח לפני הקב״ה, אמר לפניו רבוש״ע עקרני שלמה ועשאני פלסתר, והרי שלמה המלך בקש לעקור יוד ממני, כתיב ולא ירבה לו נשים והרבה לו, לא ירבה לו סוסים והרבה לו סוסים כו׳, אמר לו הקב״ה צא לך, הרי שלמה בטל ומאה כיוצא בו ויו״ד ממך אינה בטלה לעולם״.

דער יו״ד איז דער צייכען פאַר׳ן „עתיד״. די טעמי התורה אין די ביידע לאו׳ן זיינען דאָך אויך באַגרינדעט אויף׳ן עתיד: „ולא יסור לבבו״ און „ולא ישיב את העם מצרימה״. שלמה אָבער האָט געשטעלט אויף זיך אַז ער האָט פאַר דעם דאָזיגען עתיד קיין מורא ניט. דאַרויף האָט זיך דער יו״ד באַקלאָגט אַז ער ווערט דורך שלמה׳ן נעקר מן התורה ווייל ער מאַכט צו־נישט די מורא פאַר׳ן עתיד אויף וואָס דער יו״ד צייגט אָן.

אגב איז דערמיט ניט נור שלמה׳ס עתיד אין סכנה נור אויך דער גאַנצער עתיד פון דער תורה. דען שלמה וועט דאָך דערמיט ווייזען אַ וועג פאַר די שפּעטערדיגע דורות אַז מען קען זיך ערלויבען רעפאָר־מירען די תורה. דאַרויף איז געקומען דער שאַרפער ענטפער אז קיינע רעפאָרמאַציעס קענען אין דער תורה ניט געמאַכט ווערען. די תורה איז אַ נצחית און קיין איין איינציגער אות פון איהר קען ניט בטל ווערען. עס קענען בטל ווערען „שלמה ומאה כיוצא בו ויו״ד ממך אינה בטלה לעולם״.

אויב אָבער מען איז מקיים אַ ל ע מצוות בתמימות, בלויז ווייל גאָט האָט אַזוי געהייסען און מען גריבעלט זיך ניט אין די טעמים זייערע, איז דאָך קיינמאָל קיין מורא ניטאָ אַז מען זאָל וואַגען וועלכע עס איז מצוה גרינגשעצען און איהר חלילה מבטל זיין.

אַ שעהנער וואָרט איז פאַראַן אין ילקוט אין פאָרם פון אַ פאַראַלעל צווישען דוד און שלמה:

„דוד אמר: ראשית חכמה יראת ה׳ ושלמה אמר: יראת ה׳ ראשית דעת״ (ילקוט תתקכ״ט).

ביי דוד׳ן איז די חכמה געוועזן דער מיטעל צום יראת ה׳ און ביי שלמה׳ן איז די יראת ה׳ געוועזן דער מיטעל צו דער חכמה...

וואָרט און צייט

און אויף דעם האָט שוין דער תנא אין אבות פעסטגעשטעלט אַ כלל פון: „כל שחכמתו קודמת ליראת חטאו״ אָדער „יראת חטאו קודמת לחכמתו״.

איז מילא וואָס אָנבאַלאַנגט דוד ושלמה ווייסען מיר ווי הייליגביידע זיינען געווען און אַלעס וואָס ווערט וועגען זיי געשריבען איז בכלל למעלה מהשגתנו. אָבער אַז דער דאָזיגער כלל האַלט אויס ביי די טאַטעס און זיהן פון אונזערע דורות, דאַרויף באַשטעטיגען שוין די פאַקטען. ביי די קאָנסערוואטיווע טאַטעס איז די אמונה דער יסוד און דער דעת דער טפל, ביי די קינדער אָבער איז פאַרקעהרט: דער דעת, דער יסוד און די אמונה דער טפל און ווערט דערפאַר נור אויף אַזוי וויט רעס־פעקטירט אויף וויפיעל זי קומט ניט אין צוזאַמענשטויס מיט דעם מענשליך באַגרעניצטען שכל...

ווי ערהאַבען איז דעריבער די דאָזיגע וואונדערבאַרע לעקציע פון דער היינטיגער פרשה:

זאת חקת התורה!

גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה!

בלק

פרשת בלק לאור החיים המציאותיים

ובלק בן צפור מלך למואב בעת ההיא.

אייגענטליך וואָלט דיזער זאַץ וואָס וויל אונז אידענטיפיצירען מיט בלק׳ס אָנגעהעריגקייט צו אַט דעם גאַנצען ענין, געדאַרפט אַוועקגעשטעלט ווערען גלייך אין אָנהויב אַלס אַן איינלייטונג צו דער דאָזיגער געשיכטע און ניט ערשט צום לעצטען?

משמעות אַז דער „ובלק בן צפור מלך למואב בעת ההיא" איז אויך אַ טייל פונ׳ם „וירא בלק" און אַזוי אויך דער „ויגר מואב" און „ויאמר מואב" און עס מיינט צו זאָגען אַז דורך דעם וואָס בלק האָט די אַלע זאַכען געזעהן, ער האָט געזעהן אַז „ויגר מואב"; ער האָט געזעהן דעם „עתה ילחכו" מעסעדזש וואָס מואב האָט איבערגעשיקט צו די זקני מדין און האָט אויך געזעהן דעם פאַקט אַז ער, בלק, דער מ ד י נ י איז אויפגענומען געוואָרען פאַר אַ קעניג אין מ ו א ב, האָבען אַט די אַלע געזעהענע זאַכען געפיהרט דערצו אַז „וישלח מלאכים אל בלעם בן בעור".

און דאָס לאָזט זיך אויך פראַמינענט ערקלעהרען.

עס איז דאָך אַ באַוואוסטע זאַך אַז מורא און שרעק זיינען די סימפּטאָמען פון אַ בעל עבירה. אַזוי למשל דערצעהלט אונז די גמרא (ברכות ל״ג) די מעשה מיט׳ן „ערוד" וואָס האָט זיך געיאָוועט אין אַ באַשטימטען אָרט און איז געווען אַ „מזיק את הבריות". אַז מ׳האָט וועגען דעם דערצעהלט ר׳ חנינא בן דוסא, האָט ער געבעטען מ׳זאָל איהם אָנווייזען דעם לאָך וואָס פיהרט צום ערוד׳ס פלאַץ. ר׳ חנינא האָט באַטראָטען מיט זיין פוס די דאָזיגע עפענונג און איז טאַקע זאָפאָרט פונ׳ם ערוד געביסען געוואָרען, אָבער ניט איהם ר׳ חנינא׳ן האָט דער ביס געשאַדעט זאָנדערען דעם ערוד אַליין וואָס איז גלייך אַוועקגעפאַלען אַ טויטער. ר׳ חנינא האָט דעם טויטען ערוד געבראַכט אין בית המדרש און דערמיט

דעמאָנסטרירט אַז „אין ערוד ממית אלא החטא ממית", און דאַרויף פיהרט די גמרא אויס: „באותה שעה אמרו, אוי לו לאדם שפגע בו ערוד ואוי לו לערוד שפגע בו ר"ח בן דוסא".

און פון וואַנעו אייגענטליך איז עס ר' חנינא געוועו אַזוי זיכער אַז דער ערוד וועט אויף איהם קיין שליטה ניט האָבען? אויב אפילו ער האָט געוואוסט אַז „אין ערוד ממית אלא החטא ממית" אָבער הא גופא קשיא: פון וואַנעו איז עס ר"ח געוועו אַזוי זיכער אַז ער איז ריין פון יעדער זינד, ווערהענד מיר זעהען דאָך אַז אפילו יעקב אבינו האָט אויך מורא געהאַט „שמא יגרום החטא"?

דאָס ערקלעהרט זיך אָבער דערמיט וואָס מיר ווייסען אַז ר"ח בן דוסא איז אין נאַטור געוועו אַ שטאַרקער אַנהענגער פון סימפּטאָמען: „אמרו עליו על ר' חנינא בן דוסא כשהיה מתפלל על החולה אמר אם ימות מחולי זה או לא וכו' אם תפלתו שגורה בפיו ידע שהיא מקובלת" וכו'.

לאָזט זיך דעריבער זאָגען אַז אויך אין דעם פאַל פון דעם „ערוד" האָט ער זיך געשטיצט אויף סימפּטאָמען. און דאָ איז דער סימפּטאָם געוועו דאָס וואָס ער האָט געפיהלט אז ער שרעקט זיך ניט פאַר'ן ערוד איז ער דער־פאַר געוועו איבערצייגט אז ער איז ריין פון זינד, אין אנקלאנג מיט'ן תלמוד'ישען כלל אַז „חזייה דקא מפחיד א"ל חטאה את דכתיב פחדו בציון חטאים" (ברכות ס' ע"א).

אַזעלכע סימפּטאָמען ווערען זאָגאַר אויך באַנוצט אין געוויסע פאַלען אין די ציווילע געריכטס הייזער. ווערט למשל דערצעהלט וועגען אַ געוויסען מערדער וועלכער אָט פּראָוויצירט די פּאָליציי דורך זיינעם אַ קלוגען איינפאַל. אין צייט ווען איינער וואָס האָט בייגעוואוינט דעם מאָרד איז אַרויסגעלאָפען פון מאָרד פּלאַץ און אַלאַמירט מיט געשרייען „אַ מערדער", „אַ מערדער"! האָט זיך דער אמת'ער מערדער אויך אַרויס־געריקט פון פּלאַץ און אויך אַלאַמירט מיט'ן זעלבען אויסגעשריי. עס איז אַ דאַנק דער דאָזיגער פּראָוואָקאַציע ניט פעסטגעשטעלט געוואָרען ווער דער אמת'ער מערדער איז געוועו. דער ריכטער האָט דערפאַר געאָרדערט צו ברענגען דעם ניי ערפונדענעם „ליגען אַפּאַראַט" אום דאַדורך פעסט־

בלק

שטעלען ווער פון די צוויי איז דער אמת'ער מערדער. אַזוי שנעל ווי מען האָט דעם ריכטער אינפאָרמירט אַז מען האָט שוין דעם אַפּאַראַט אַרויסגעשיקט און עס וועט באַלד זיין אין געריכט הויז, האָט דער ריכטער באַמערקט ווי איינער פון די צוויי האָט אָנגעהויבען אַרויסווייזען אַ שרעקליכע נערוועזיטעט וועהרענד דער צווייטער איז זיך געבליבען גאַנץ גלייכגילטיג. דערפון האָט שוין נאַטירליך דער ריכטער גלייך גע־צויגען די שליסע ווער דער אמת'ער פאַרברעכער איז. די שרעק סימפּטאָמען זיינען פאַר איהם געווען גענוג איבערצייגענד.

עס לאָזט זיך דעריבער זאָגען אַז בלק זאָל אויך האָבען אָפּערירט מיט די זעלבע סימפּטאָמען אום צו וויסען דעם אמת'ען צושטאַנד פון דער לאַגע. די תורה זאָגט דעריבער:

וירא בלק בן צפור: בלק האָט פאַר זיך געזעהן אַ רייהע פון גע־שעהענישען דורך וועלכע ער האָט סימפּטאָמיש קענען געלערענט אַז ישראל האָט איצט די אויבערהאַנט איבער מואב. צום אַלעם ערשטען —

ו י ר א ב ל ק: „את כל אשר עשה ישראל לאמורי", איז עס דאָך אַ באַווייז אַז ישראל'ס מזל שפּיעלט איהם איצטער צו.

ו י ר א ב ל ק: אַז — „ויגר מואב מפני העם" און אויב מואב שרעקט זיך איז די שרעק אליין גענוג באַווייז אַז ער איז היבש זינדיג און ממילא איז דאָך „החטא ממית"...

און קענען געלערענט מואב'ס שרעק האָט ער דערפון וואָס —

ו י ר א ב ל ק: אַז — „ויאמר מואב אל זקני מדין עתה ילחכו וגו'.

און וואָס נאָך מעהר דערפון —

ו י ר א ב ל ק: אַז — ובלק בן צפור מלך למואב ב ע ת ה ה י א. אָט דער פאַקט אַז מ'האָט איהם בלק'ן דעם פרעמדען מדיני און דערצו נאָך ניט קיין ראוי למלכות, און דאָך האָט מען איהם אָנגע־באָטען די מואב מלוכה, איז דאָך אַ סימן אַז דער „בעת ההיא" איז פאַר מואב'ן היבש צרה'דיג אַז מען דאַרף שוין פאַרבויגען דעם נאַציאָ־

וואָרט און צייט

נאַלען שטאָלץ און זיך אָנכאַפּען אין אַ שטרוי טאָמער וועט פון איהם קענען קומען די ישועה...

און אַז בלק האָט פון די אַלע זאַכען פאַרשטאַנען ווי קלאָגעדיג עס האַלט מיט דער מואב סיטואַציע, האָט ער שוין ממילא אַליין זיך אויך געפיהלט שוואַך און הילפסלאָז. דען אויב די מואב בירגער זיינען אַזוי דערשלאָגען, האָט ער דאָך ניט מיט וועמען צום טיש צו געהן. מיט מוטלאָזע סאָלדאָטען קען מען דאָך קיין אַרמיי ניט בילדען, מיט טרוסען קען מען דאָך אין פראָנט ניט געהן!

האָט בלק דעריבער פאַרשטאַנען אַז וואָס עס פאָדערט אַמנויטיגסטען ביי דיזען מאָמענט איז, נייעם מוט אַריינצוגעבען אין די געמיטער פון די ברייטע מאַסען. מען דאַרף די מאַסען אויפמונטערען, זיי נויטיגען זיך אין אַ „טראַנספיוזשען״ פון פריש פּאַטריאָטיש בלוט, און דאָס קען נור ערהייכט ווערען דורך אַ העפטיג סיסטעמאַטישע און שטאַרק אַנטיסע־מיטישע פּראָפּאַגאַנדע. מען דאַרף האָבען אַ טיכטיגען בלעם וועלכער זאָל מיט זיין הינטישען בלעם מויל אָנפיהרען די גיפטיגע אַנטי־אידען העצעס איבער דער גאַנצער לענג און ברייט פון לאַנד אום אַזוי אַרום אָנצושטעקען די גרויסע מאַסען מיט גיפטיגע שנאה און ראַסען האָס און דאַן וועט שוין אַלעס געהן ווי געשמירט: פּאָגראָמען, גירושים, קאָנ־צענטראַציע לאַגערען מיט אַלערליי אינקוויזיטאָרישע מעטאָדען, פון פער־דינאַנד ביז היטלער און פון טאָרקוואמאדא ביז גערינג...

און אין בלעם בן בעור האָט בלק געפונען דעם פּאַסענדען מענש, בעסער געזאָגט, „אונמענש״, פאַר דעם דאָזיגען צוועק.

בלק׳ס „פּאָליסי״ דעמאָלט איז ווי אַ צווילינג־שוועסטער צו דער היטלער פּאָליסי פון היינט. די דאָזיגע פּאָליסי איז פאָרמולירט אין אַ גאַנץ קורצען זאַץ, נעמליך:

„לכה נא א ר ה לי את העם הזה אולי אוכל נ כ ה בו ו א ג ר ש נ ו מן הארץ״. דער „ארה לי״ איז דער מיטעל וואָס זאָל דערפיהרען צום „נכה בו״, מ׳דאַרף אויסנוצען דעם בלעם צונג צו שימ־פּפען און שעלטען, ארונטעררייסען און דערנידעריגען, העצען און איג־

בלק

טריגירען צווישען די גרויסע פאָלקס מאַסען און נאָכדעם ווי די בלעם׳ס וועלען ערפאָלגרייך דורכפיהרען זייער „ארה לי״ מיסיאָן, וועט שוין דער „נכה בו״ ממילא נאָכקומען אַלס נאַטירליכער קאָנסעקוועניץ.

בכלל זעהט זיך אין דעם היינטיגען היטלעריזם אַ גרויסע עהנליכקייט צו יענער ביבלישער בלם־בלעם עפּאָכע. עס שפּיעלט זיך אָפּ די זעלבע דראַמע מיט אפילו די זעלבע העלדען נור מיט געביטענע נעמען. אָנשטאָט „בלק״ דאַרף זיין „היטלער״ און אָנשטאָט „בלעם״ דאַרף זיין „געבילס״. דען בלק ווי היטלער זיינען ביידע געוועזן פרעמדע צו די מלוכות וואו מ׳האָט זיי ערנאנט צו זייער פיהרערשאַפטליכער גדולה. בלק, ניט קיין מ ו א ב י נור אַ מ ד י נ י און היטלער ניט קיין ד י י ט ש נור אַן ע ס ט ר י י כ ע ר: בלק ניט קיין ראוי למלכות און היטלער „דער קאָלכער״ אודאי ניט קיין ראוי למלכות. „בלעם״ און „געבילס״ ווידער זיינען דאָך געוויס צוויי הינט פון איין טומאה שורש. ביידע זיינען ערנאנט געוואָרען אַלס פּראָפּאַגאַנדע מיניסטאָרען אָנצופיהרען דעם „לכה־ארה־לי־סקוואָד״; ביידע, דעמאָראַליזירטע נפשות פון העסליכסטען און נידעריגסטען סאָרט, בלעם אַ „בועל אתונו״ און געבילס אַ „האָמאָ־סעקסואַליסט״, אפילו אין זייער פיזישער פאַרקריפּלונג אויך ביידע גלייך. בלעם אַ „חגר ברגליו״ און דאָס זעלבע אויך געבילס...

זאָל דעריבער די בלק־בלעם פרשה דיענען פאַר אונז אַלס קוואַל פון טרייסט און האָפנונג אין אונזער איצטיגער פאָלקס טראַגעדיע. לאָמיר זיך שטאַרקען מיט אונזער אמונה און בטחון אַז ווי דעמאָלט אַזוי אויך היינט וועט סוף סוף מקוים ווערען דער „ויהפוך ה׳ אלקיך לך את הקללה לברכה״ און אויך אונזערע מאָדערנע בלעם׳ס וועלען כאַפּען זייער געהער־ריגען אָפּשניט.

מיר דאַרפען נור זעהן ניט צו געבען קיין געלעגענהייט אַז די קללות זאָלען קענען חל זיין אויף אונז. און אויך אין דיזער הינזיכט איז פאַר אונז די בלעם פרשה פון וויכטיגער אינפאָרמאַטיווער באַדייטונג. דען דער זעלבער בלעם איז שטום געבליבען אַזוי שנעל ווי ער האָט געזעהן „ישראל שוכן לשבטיו״, זיי פאָרען זיך ניט מיט קיין פרעמדע, אַסימילירען זיך ניט און היטען אָפּ דעם צביון פון זייער גזע, און דאָרט וואו מען

וואָרט און צייט

מוז צוגעבען אַז „מה טובו אוהליך יעקב״, דאָרט קענען די בלעמ׳ס קיין שליטה ניט האָבען.

איז אפשר פאַראַן אַ הימלישער וואונק אין דער היטלעריסטישער פאַרפאָלגונג אין באַצוג צו „ראַסענשאַנדע״... מיינט עס אפשר טאַקע אונז צו דערמאָנען אין דעם „וירא את ישראל שוכן לשבטיו״...

יאָ, „אין הערוד ממית אלא החטא ממית״. לאָמיר באַזייטיגען דאָס לעצטע וועלען מיר פאַר די נשיכות פון אונזערע מאָדערנע ערוד׳ס קיין מורא ניט האָבען. און אַזוי שנעל ווי זיי, די ערוד׳ס, וועלען פאַרטשעפּען אונזערע טריט וועלען זיי אַליין פאַלען די קרבנות דערפון. עס וועט זיין:

המה כרעו ונפלו ואנחנו קמנו ונתעודד!

פנחס

ברית הכהונה וברית השלום

הנני נותן לו את בריתי שלום והיתה לו
ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם.

איז פנחס פאַר זיין גרויסמוטיגקייט און העראָאישע אָפּפערוויליגקייט באַוויליגט געוואָרען מיט אַ משנה ברכה, מיט צוויי בריתות: „ברית כהונת עולם" און „ברית שלום". ווי ווייט ער האָט זיך געניטיגט אין ברית שלום איז זיך גאַנץ גרינג פאָרצושטעלען נאָכדעם ווי מיר ווערען באַקאַנט מיט אַלע איינצעלהייטען פון יענער פּאַסירונג. ווייסען מיר דאָך אַז פּנחס האָט מיט זיין העלדענטאַט קיין צו־פיעל באַגייסטערונג ניט אַרויסגערופען און איז פאַר דעם ניט שטאַרק אַפּלאַדירט געוואָרען. אין געגענטייל, ער איז גאַר היבש אַטאַקירט געוואָרען, אַנשטאָט כבוד האָט ער גאַר בושה און בזיון באַקומען; און ניט נור מצד די מדינים וואָס זיינען געשטאַנען אויף דער זייט פון זייער „ראש אומות בית אב" און וואָלטען מיט זייער רציחה־שוים זיכער פּנחס'ן אין שטיקער צוריסען פאַר זיין הינריכטונגס אַקט צו כזבי זייער פּיהרערס טאָכטער, ניט נור פון זיי האָט פּנחס געהאַט אויסצושטעהן, נור אויך זאָגאַר פון זיינע אייגענע מיט־מענשען. אויך זיי, די אידישע שבטים, האָבען איהם מבזה געווען און איהם אויפ־געוואָרפען זיין יחוס: „הראיתם בן פוטי זה שפיטם אבי אמו עגלים לע"ז והרג נשיא שבט מישראל".

אונטער אַזעלכע אומשטענדען ווען מען ווערט מיט אַמאָל אַרומ־גערינגעלט מיט אינערליכע און אויסערליכע שונאים, איז דער ברית־שלום געוויס געווען אַן אומבאַדינגטע נויטיגקייט. דאָס איז געווען זיין „אינשורענס פּאָליסי" וואָס האָט געדאַרפט פּראָטעקטען זיין לעבען. און דערפאַר איז דער ברית־שלום געווען דאָס ערשטע אין דער רייהע, דען פריהער פאַר אַלץ איז איהם פאַר נויטיג געווען זיין לעבענס פאַר־זיכערונג.

וואָרט און צייט

דאָן איז געקומען דער ברית־כהונת־עולם וואָס האָט שוין געטראָגען דעם כאַראַקטער פון אַ באַלוינונג און איז געווען אַ דירעקטער ענטפער צו זיינע אינערליכע שונאים צוריק צושליידערן זייער באַליידיגונג אין באַצוג צו זיין יחוס. איהר, שבטים, ווילט אַרונטעררייסען זיין יחוס, אָבער זעהט נור ווי גאָט באַפוילט משה'ן די העכסטע יחוס־מעדאַלען איהם צו זיין לאָץ אָנשפּילען — דעם ברית הכהונה וואָס איז דער העכסטער יחוס ראַנג צווישען די אידישע משפּחות.

וואַרפט זיך אָבער דאָ איין די אויגען דער אונטערשיעד פון אָט די ביידע בריתות וואָס וועהרענד ביים ברית הכהונה ווערט מיט אַ באַזונדער באַטאָנונג אונטערשטראָכען די דויערהאַפטיגקייט פון די דאָזיגע כהונה מתנה, „ברית כהונת ע ו ל ם", איז אָבער ביים ברית־שלום די דאָזיגע באַטאָנונג ניט פאַראַן. משמעות אַז אַזאַ פאַרזיכערונג האָט ניט געקענט געגעבען ווערען, ווייל ניט שטענדיג קען די אויפריכטיגע פונקציע פון כהונה געהן האַנט און האַנט מיט'ן ברית ש ל ו ם...

שווער דורכצופיהרען אויף אַן אמת אויפריכטיגען אופן די אויפגאַבען און פליכטען פון גייסטיגע פיהרערשאַפט און די רוה און פרידען זאָלען דאַדורך ניט געשטערט ווערען; און דוקא דערפאַר האָט שוין דער ש ל ו ם ניט געקענט טראָגען אויף זיך קיין אייביג דויערענדען כאַראַקטער, ווייל ניט אייביג וועט עס אַזוי קענען זיין אַז דער כהונה־וועג זאָל זיין אויסגעבעט מיט שלום־בלומען...

האָט אונז טאַקע די פּראַקטיק אין לעבען געוויזען אַז פיהרערשאַפט מיט שלום זיינען ניט אַלעמאָל קיין שמות־נרדפים און די ביידע זאַכען לעבען דוקא ניט בשלום איינער מיט'ן צווייטען.

ווילען נור די היינטיגע כהנים אין געשטאַלט פון די מורי העם אַביסעל נאָכפאָלגען דעם ביישפּיעל פון פּנחס'ן ווען אפילו נור אין אַ באַגרעניצטען פּראָצענטמעסיגען אופן, דאַן באַגעגענען זיי שוין אויף זייער וועג ניט ווייניג מכשולים. דער טיפּ „לץ" וועמען שלמה האָט אין זינען געהאַט מיט זיין: „אל תוכח לץ פן ישנאך" (משלי, ט') איז גראַדע ניט קיין יחיד אין אונזערע היינטיגע אידישע קהלות. ס'זיינען דאָ היבש פון דיזען מין אין דער מחנה ישראל און אַ גרויסער טייל פון זיי פאַרנעהמט נאָך דערצו אויך חשוב'ע פּאָסטענס און פּאָזיציעס אין דער

פיהרערשאַפט פון דער געמיינדע. געה דערייבער און זאָג די דאָזיגע לצים מוסר און זיי נאָך דערצו פאַרזיכערט מיט דיין כהונה...

האָבען טאַקע די חכמים ריכטיג אָבגעשאַצט די דאָזיגע מיזעראַבעלע לאַגע אין וועלכע עס געפינען זיך די רועי־ישראל, ווען זיי האָבען אַזוי פאַרטרעפליך געזאָגט: „האי צורבא מרבנן דרחמי ליה בני מתא משום דלא מוכח להו במילי דשמיא" (כתובות ק"ה).

עס ווילט זיך נור עפּעס צוגעבן דערצו. זיי האָבען געשטעלט דעם טראָפּ אויף „מילי ד ש מ י א" און אונז שיינט עס אַז אין די היינטיגע דורות מעג מען צו־שטעלען „מילי ד ע ל מ א" אויך. דען זאָל נור דער היינטיגער כהן־שופט צו־פּסק'נען איינעם פון זיינע בעלי בתים ניט ווי איהם געפעלט, וועט שוין דער דאָזיגער שופט מיט קיין ברית־שלום דערפאַר זיכער ניט באַוויליגט ווערען...

ניט אומזיסט באצייכענט די גמרא (קדושין ס"ו) דעם דאָזיגען שלום פון פּנחס'ן אַלס אַ שלום מיט אַ ו' קטיעא. דאָס איז אַן אינדירעקטער קאָמענטאַר צו דעם וואָס דאָ פעלט דער „עולם"... יאָ, ס'איז אַ שלום־קטיעא, אַן אונטערגעהאַקטער שלום, ניט קיין דויערהאַפטיגער און קיין אייביגער אודאי ניט. אַן אמת'ער מנהיג דאַרף זיין געפּאַסט דערויף אַז קיין „שלום־סעקוראַציאָן" אויף זיין כהונה אַמט קען ער ניט אַרויסבאַקומען. ער קען קריגען „פייער אינשורענס" פאַר אַזעלכע פייערען וואָס כאַפּען זיך אַריין אין זיינע ריעל־עסטייט, אין זיינע הויז־מעבעל, אין זיין רבנ'ישער ביבליאָטעק און אין נאָך אַזעלכע שוה כסף'ן, אָבער ניט אויף אַזאַ פייער וואָס האָט אָנגעצונדען זיינע בעלי בתים דורך עפּעס אַ פייער פונק וואָס האָט זיך ארויסגעגליטשט פון א צוהיצטער דרשה און פאַר־בלאָנדזשעט ערגעץ צווישען די בעלי בתים'שע רייהען... אויף אַזעלכע פייערען קריגט מען קיין אינשורענס ניט. כ ה ו נ ה מיט ש ל ו ם איז ניט אַזאַ געראָטענער זווג...

דאָס מיינט אָבער ניט אַז די כהונה און איהרע פליכטען דאַרפען פאַלען אַ קרבן אויף'ן מזבח פון שלום, און צוליעב שלום וועגען זאָל מען פאַרבויגען דעם אמת און איהם ניט אַרויסזאָגען דאָרט וואו די כהונה פליכט דיקטירט עס יאָ צו טאָן. דאַרויף איז ווירקליך אָנגעמאָסטען דער באַקאַנטער זאַץ פון: „הירא ורך הלבב עבודתו פסולה".

וואָרט און צייט

מען זאָגט נאָך פון דעם ניט לאַנג פאַרשטאָרבענעם גאון רבי חיים זאָנענפעלד ראב״ד בעיה״ק ירושלים וועלכער איז ווי באַוואוסט געווען אַ שטרענגער קנאי און האָט אויף קיינע פשרות ניט געוואָלט איינגעהן אויב ס׳האָט זיך נור געהאַנדעלט אין פאַרבויגען זאָגאָר א קוצו של יו״ד פון זיינע פרומקייט פרינציפּען. האָט מען איהם אַמאָל געפרעגט: „רבי, סטייטש, היתכן, שלום איז דאָך איינע פון די גרעסטע און הייליגסטע אידעאַלען אין אידישען לעבען, טאָ פאַרוואָס זיינט איהר אַזוי איינגעשפּאַרט און ווילט גאָר ניט מוותר זיין למען השלום?״

„איך וועל אייך זאָגען — האָט ר׳ חיים געענטפערט — די גמרא ברענגט אַז ווען דער רבוש״ע האָט געוואָלט באַשאַפען דעם מענשען, האָט די פראַגע אַרויסגערופען אַ היציגע דעבאַטע ביי די מלאכי השרת. די פאַרשטעהר פון „חסד״ און „צדק״ זיינען געווען צוגונסטען די בריאת האדם און אויף דער פראַגע צו „יברא״ אָדער „אל יברא״, זיינען זיי געווען פון די „יאָ זאָגערס״, וועהרענד „אמת״ און „שלום״ זיינען געווען פון די „ניין זאָגערס״. וואָס זשע האָט דער רבוש״ע געטאָן? „השליך אמת ארצה״, ער האָט דעם אמת אַראָפּגעוואָרפען צו דער ערד איז שוין דער „שלום״ געבליבען אין דער מינאָריטעט, האָבען חסד און צדק אַלס מאַיאָריטעט גובר געווען.

פאַרוואָס אָבער גראָדע האָט גאָט דעם א מ ת משלח געווען פון הימעל און ניט דעם ש ל ו ם וועלכער איז דאָך אויך געווען א „ניין זאָגער?״ איז דערפון געדרונגען — פיהרט אויס רבי חיים — אַז דאָרט וואו עס האַנדעלט זיך וועגען ש ל ו ם און א מ ת, זאָל בעסער דער ש ל ו ם בלייבען אין הימעל אָבי דער א מ ת זאָל הערשען אויף דער ערד... דער א מ ת דאַרף האָבען די אויבערהאַנט אי־בער׳ן שלום״.

אָט דאָס איז די פּלאַטפאָרמע פון כהונה און אַזוי דאַרף זיין די שטעלונג פון אַן אמת׳ען פיהרער.

וסוף הכבוד לבוא — דער אמת מוז סוף סוף זיעגען. דען אויך דאַרויף איז געגעבען געוואָרען אַ פאַרזיכערונג, טאַקע אין דער זעלבער פנחס אָפּערע, ווי חז״ל קאָמענטירען אויף דעם „לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום —ב ד י ן הוא שיטול שכרו״.

פנחס

די דאָזיגע באַטאָנונג פון „בדין" איז דאָך אייגנטליך אין ווידער־שפּרעכונג צום אָנגענומענעם כלל אַז „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא?" און די משנה זאָגט דאָך אויך: „אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב ע"מ לקבל פרס אלא הוו כעבדים המשמשין את הרב שלא עמלק"פ"?

איז אָבער טאַקע אין דער דאָזיגער משנה גופא פאַראַן דער ענט־פער צו דער פראַגע. דען אין אמת'ען ווייסען מיר דאָך אַז „האומר סלע זו לצדקה ע"מ שיחיה בני ה"ז צדיק גמור". דאָך וואָרענט מען דעם מענשען אַז לכתחילה זאָל ער ניט טאָן די מצוה אויף אַזאַ אופן. מ'דאַרף זיין פון יענע עבדים המשמשין שלא עמלק"פ, דען אויב דיין כונה איז ע"מ לקבל פרס, ביסטו דאָך ניט אַ משמש את הרב, ביסט דאָך ניט אויסען דעם נחת רוח פונ'ם רב נור דיין אייגענעם נחת רוח, און עס לאָזט זיך דאַן פרעגען דער באַקאַנטער פסוק־נוסח: „אם צדקת מה תתן לו", וואָס גיבסטו מיט דיין צדקות צו „איהם", צום רבונו של עולם, ווען דו מיינסט נור דיין אייגענע טובה?

דאָך, בדיעבד, „האומר סלע זו לצדקה ע"מ שיחיה בני", אַז ער האָט דאָך אַזוי געטאָן, איז ער אויך אַ צדיק, און וועט דאַרויף אויך באַקומען זיין שכר. אין אַזאַ פאַל אָבער וועט דער שכר ניט זיין קיין אמת פאַרדינטער, ס'וועט נור זיין בדרך „חסד" ווי דער פסוק זאָגט „ולך ה' חסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו". דאָרט וואו דער שכר ווערט נור געגעבען צוליעב דער מעשה אָבער עס פעלט דערביי די גוטע אויפריכטיגע כונה, דאָרט איז דער שכר נור בדרך חסד.

אויב אָבער אַז מ'טהוט די מצוה שלא עמלק"פ, דאָרט איז טאַקע דער שכר אן אמת פאַרדינטער ווייל מען איז דאָך „משמש את הרב" און ניט „משמש את עצמו".

איז דערפאַר דאָרט וואו עפ"י דין קומט קיין שכר ניט נור בדרך חסד, איז טאַקע „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא" ווייל ס'איז דאָך דאַרויף קיין לעגאַלע תביעה ניטאָ, איז דאָך ממילא ניטאָ קיין איסור פון „לא תלין פעולת שכיר". דאָרט אָבער וואו דער שכר קומט על פי דין, קען דער שכר ניט אָבגעלעגט ווערען אויף שפּעטער ווייל עס וועט שוין אָנריהרען דעם לאו פון „בל תלין", אין אַזאַ פאַל קען שוין זיין שכר מצוה בהאי עלמא.

וואָרט און צייט

פנחס וועלכער האָט דאָך קיין פניות געוויס ניט געהאַט ביים דורכ־פיהרען זיין קנאות אַקט, ווייל דער פאַקט איז דאָך געווען אַז ער האָט דאָך גאָר געליטען דורך דעם בזיונות, איז דאָך זיין כונה געוויס געווען נור לשם שמים, איז טאַקע דערפאַר „ב ד י ן שיטול שכרו״.

על כל פנים זעהט מען דערפון אַז דאָרט וואו ס׳איז דאָ אַ ריכטיגע עהרליכע כונה, דאָרט איז אויך דאָ אַ פאַרזיכערונג אַז „בדין שיטול שכרו״. מעג דעריבער די דאָזיגע פאַרזיכערונג דינען אַלס באַרוהיגונג פאַר די אויפריכטיגע מנהיגים און ערמוטיגונג אין זייער הייליגע עבודת הכהונה צו קאָפירען די פנחס שיטה און זיך ניט אָבשרעקען פאַר די קאָנסעקווענצען.

עס איז טאַקע, ווי געזאָגט, ניט קיין גרינגער וועג, דען אפילו ווען דער רב וויל אין דיזען הינזיכט זיין אין דער בחינה פון אַ מלאך, ער זאָל זיינע ערדישע אינטערעסען ניט אין אַנבאַטראַכט נעהמען, און מקיים זיין דעם „אם הרב דומה למלאך ה׳ צבאות״, אויך דעמאָלט איז ער נאָך מיט קיין ערפאָלג ניט אַזוי זיכער, ווייל זיינע בעלי בתים קענען גראַדע קיין מלאך ניט פאַרטראָגען, און אויב ווען די מלאכים זיינען גע־קומען צו אברהם׳ען האָבען זיי זיך געדאַרפט פאַרשטעלען פאַר מענשען, איז אַמאָל אויך מעגליך אַז ווען אַ מענש קומט צווישען אונמענשען זאָל איהם דאַן אפילו אויך שווער זיין אַ מענש צו בלייבען און מכל שכן אַ מלאך... איז עס טאַקע ניט פון די גרינגע זאַכען, אָבער אידישקייט בכלל איז ניט פון די גרינגע זאַכען, דאַרף אידישע פיהרערשאַפט אודאי קיין אויסנאַהם ניט זיין, דען אויף אידישע פיהרערשאַפט איז שוין לאַנג געזאָגט געוואָרען: „לא שררה אני נותן לכם אלא עבדות״...

פרשת פנחס איז דעריבער איינע פון די וויכטיגסטע קאַפּיטלען אין דער ריכטונג פון אידישער פיהרערשאַפט.

מטות

פרשת החלוצים בתקופת תחיתנו

ויאמר משה לבני גד ולבני ראובן האחיכם יבואו למלחמה ואתם תשבו פה.
(ל״ב—ו׳).

ד״א לב חכם לימינו זה משה ולב כסיל לשמאלו אלו בני ראובן ובני גד שעשו את העיקר טפל ואת הטפל עיקר שחבבו את ממונם יותר מן הנפשות, שהן אומרים למשה גדרות צאן נבנה למקנינו פה וערים לטפנו. אמר להם משה אינה כלום אלא עשו את העיקר עיקר, תחלה בנו לכם ערים לטפכם ואח״כ וגדרות לצאנכם. הוי לב חכם לימינו זה משה ולב כסיל לשמאלו אלו ב״ר וב״ג.
(במדבר רבה פ׳ כ״ב).

מערקווירדיג: די מוסר לעקציע וואָס משה רבנו האָט געגעבען די צוויי און אַ האַלב שבטים, בני גד ובני ראובן וחצי שבט המנשה, איז אפשר די לענגסטע אין איהר פאָרם און די שטאַרקסטע אין איהר אינ־האַלט וואָס ער, משה, האָט ווען ניט איז פראָדוצירט. פייערווערק האָט ער דאָ דערלאַנגט, שניידענדען פאָרוואורף און ביטערע אַטאַקעס האָט ער דאָ געמאַכט אויף די באַטערפענדע פעטיציאָנערען וואָס האָבען פאַר־לאַנגט אַז מ׳זאָל זיי אָבגעבען אַלס זייער חלק נחלה דעם דאָזיגען באָדען שטח פון עבר הירדן מזרחה.

איבערפלעכליך קוקט עס אויס זעהר מאָדנע, כמעט פלאי פלאים׳דיג. עס זעהט זיך דאָ ניט קיין בגידה, קיין רעוואָלטירענדער אויפשטאַנד ניט געגען משה׳ן און ניט געגען גאָט. אַלעס וואָס זיי האָבען פאַרלאַנגט איז געווען אַ פשוט׳ע טובה פון אַ געוועהנליך מענשליכען כאַראַקטער. ניטאָ אייגענטליך פאַרוואָס זיי צו פאַרדאַמען, זיי האָבען זייער בקשה מאָ־טיווירט מיט אַ מילתא בטעמא, אַ מאָטיוו וואָס ברענגט מיט זיך אַרויס

וואָרט און צייט

דעם אָנגענומענעם אידיש־מענשליכען עטהיק פון „זה נהנה וזה לא חסר": „ארץ מקנה היא ולעבדיך מקנה"...

פון וואַנען אַלזאָ די רוגזה מיט אַזאַ איבערכאַפּענדער מאָס וואָס האָט אַזש דערגרייכט צום שטעמפּלען זיי אַלס „תרבות אנשים חטאים"?...

טאַקע זעהר אַ פיינע מוסר דרשה, אָבער דוכט זיך שלא במקומה ושלא בזמנה. עפּעס קוקט עס אויס ווי די דאָזיגע דרשה זאָל האָבען פאַר־בלאָנדזשעט אויף'ן ניט ריכטיגען אַדרעס... ווי זי וואָלט געווען אַ חלק שיריים פון דאָס ניט דערזאָגטע ביי דער מעשה העגל אָדער ביי די מרגלים. דאָרט וואָלט זיווירקליך געווען אין פּלאַץ — אָבער דאָ?!...

משמעות אָבער אַז דער והייתם נקים מה' ומישראל" וואָס משה האָט אונטערשטראָכען נאָכדעם ווי די אָנגעגריפענע האָבען שוין צוגע־שטעלט אַ צופרידענשטעלענדע פאַרטיידיגונג, איז טאַקע געווען דער לייט־מאָטיוו אין דיעזר אַפּערע.

אָט דער „והייתם נקים מה' ומישראל" וואַרפט אַ ליכט אויף דער גאַנצער אָנגעלעגענהייט און רעכטפערטיגט משה'ס שטעלונג ווי שאַרף זי זאָל ניט האָבען געווען.

„ה' יראה ללבב והאדם יראה לעינים"...

מעג אפילו משה ניט האָבען געצווייפעלט אין דער אויפריכטיגקייט פון די ב"ג וב"ר און מעג ער אפילו ניט האָבען קיין חשד אויף דער עהרליכקייט פון זייער פּעטיציע, קוים איז ער אָבער געווען אונטער'ן איינדרוק אַז מיט זייער קריגען זייער חלק נחלה דאָ, מיינען זיי שוין דאָ צו פאַרבלייבען און ניט מיטגעהן ווייטער מיט זייערע ברידער צו פאַר־ענדיגען די מלחמה און דעם כבוש אויף דער אַנדער זייט ירדן, איז דאָס אַליין שוין געווען גענוג אורזאַכע פאַר זיין ביטערע אַטאַקע.

משה האָט אין דעם דאָזיגען געפּלאַנטען אַקט דערזעהן פאַר זיך אַ דראָהענדע סכנה וואָס קען אונטערגראָבען דעם גאַנצען ענד ציעל פון דעם ביאת הארץ. ער האָט פאַר זיך פּלוצלונג דערזעהן אַ מעגליכע ווידער־האָלונג פון דעם טרויעריגען מרגלים קאַפּיטעל.

אמת טאַקע, טענה'ט משה, אַז אייער כונה, ב"ג וב"ר, קען זיך זיין גאַנץ עהרליך און אויפריכטיג. עס מיינט דאָך אָבער ניט אַז אויך די אַנדערע שבטים וועלען די דאָזיגע כונה געבען די ריכטיגע אויסטייטשונג.

מטות

עס קען דאָך גאַנץ מעגליך זיין אַז זיי, די איבעריגע שבטים, וועלען אייער טענה פון „ארץ מקנה היא ולעבדיך מקנה" אָננעהמען ניט מעהר ווי אַלס אַן אויסרייד. זיי וועלען אייך פאַרדעכטיגען אַלס פּראָוואָקאַטאָרס וועלכע ווילען מיט דער דאָזיגער טענה בלויז פאַרדעקען די אמת'ע אורזאַכע פון אייער געפּלאַנטע מלחמה ליקווידאַציע.

זיי קענען דענקען אַז אייער וועלען אָבשטעלען זיך דאָ איז פּשוט דערפאַר וואָס איהר זיינט אויך אַזעלכע שוואַכלינגע ווי די מרגלים זיינען געווען. איהר האָט מורא פאַר'ן אויסגאַנג פון דער מלחמה; עס פעלט אייך די איבערצייגונג אַז איהר וועט זיין די זיעגער און איהר ציטערט פאַר אייער פעלץ („שיהיו סבורים שאתם יראים לעבור מפני המלחמה וחוזק הערים והעם" — רש"י).

און אויב מען זאָל ווירקליך געבען צו אייער כונה אַזאַ אויסטייטשונג, דאַן איז דאָך אלעס פאַרשפּיעלט. דען אויב בלויז צעהן איינציגע מענשען די מרגלים, האָבען געקענט באַווייזען צו געווינען דעם פאָלק אויף זייער זייט און איהם אָפּציהען פון די יהושע וכלב'ס, על אחת כמה וכמה אַז גאַנצע צוויי און אַ האַלב שבטים וועט זיך אַזאַ זאַך קענען איינגעבען...

דער רעזולטאַט דערפון וועט זיין אַז מיט אייער בלייבען דאָ וועט איהר מאַכען דאָס גאַנצע פאָלק זיך ניט צו וועלען ריהרען פון אָרט. דען, וואָס דענקט איר, זאָגט משה, „האחיכם יבאו למלחמה ואתם תשבו פה?" שטעלט איהר זיך דען פאָר, אַז אַזאַ זאַך זאָל געשעהן, אַז טראָץ־דעם וואָס „ואתם תשבו פה", איהר וועט דאָ בלייבען, וועט פונדעסט־וועגען דאָס ניט האָבען קיין השפעה אויף אייערע ברידער און „אחיכם יבאו למלחמה?" אזעלכעס וועט זיכער ניט געשעהן, דען אזוי שנעל ווי יענע וועלען זעהן אַז איהר בלייבט דאָ וועלען זיי זיך אויך ניט וועלען ריהרען פון אָרט. טאָ אויב אַזוי: „ולמה תניאון את לב בני ישראל מעבור אל הארץ אשר נתן להם ה'".

משה אונטערשטרייכט ווייטער און זאָגט:

„כה ע ש ו אבותיכם בשלחי אותם מקדש ברנע לראות את הארץ". דער טראָפּ ווערט דאָ אָוועקגעשטעלט אויף דעם „ע ש ו", אויף דער מ ע ש ה. אייער כונה מעג זיך טאַקע זיין גאַנץ אַנדערש פון די מרגלים'ס. כונה איז אָבער פון די „דברים שבלב" און בלויז

וואָרט און צייט

„ה' יראה ללבב", דער מענש אָבער ספּעקולירט ניט מיט קיין כונות, פאַר איהם איז די מ ע ש ה דער ענטשיידענדער פאַקטאָר. ער אורטיילט דעם צווייטען לויט זיינע מעשים און ניט לויט זיינע כונות, און אין וואָס אָנבאַלאַנגט די מ ע ש ה שטעהט איהר ניט אַוועק פון אייערע עלטער־רען — „כה עשו אבותיכם"...

און ערשט דאַן ווען די ב"ג וב"ר האָבען אָפען ערקלעהרט אַז ניט נור מיינען זיי ניט אָבצושטעהן פון די אַנדערע שבטים נור פאַרקעהרט, זיי וועלען נאָך זיין די ערשטע אין די שלאַכטס רייהען און פאַרנעהמען זייערע פּאָזיציאָנען אַלס די ח ל ו צ י ם אין דער מחנה ישראל: „ואנחנו נ ח ל ץ חשים", ערשט דאַן האָט זיך משה באַרוהיגט און אונטערשטראָכען דעם „והייתם נקים מה' ומישראל", ווי צו זאָגען אַז דערמיט האָט איהר שוין אויך באַזייטיגט דעם חשד מצד די ישראל.

איז דער דאָזיגער קאַפּיטעל אויך אַ מוסר השכל פאַר אונזער היינ־טיגער צייט ווען מיר מאַכען אויך דורך דעם „אחיכם יבאו למלחמה" אין פאַרבינדונג מיט דעם איצטיגען כבוש ארץ־ישראל.

אויך היינט שטויסען מיר זיך אָן אויף עהנליכע שוועריגקייטען וואָס זיינען געווען פאַר שוין...

אויך היינט איז דער „ואתם תשבו פה" ניט מעהר געריכטעט ווי צו אַ קליינעם טייל פון אידישען פאָלק וועלכע זיינען נאָך גליקליך גענוג צו לעבען אין די „ארץ מקנה'ס" וועמעס באָדען איז נאָך פאַרלויפיג אַ געזונטער אונטער זייערע פיס. מען לאָזט זיי נאָך געניסען עקאָנאָמיש און טיילוויז אפילו אויך פּאָליטיש פון דעם טוב הארץ פון זייערע אַדאָפּטירטע גלות לענדער. מיליאָנען אָבער פון אונזער פאָלק זיינען שוין געקומען צו אַזאַ מדרגה און געפינען זיך שוין אין אַזאַ לאַגע וואו דער „ואתם תשבו פה" איז שוין ניט מעהר ווי אַ דערמאַנונג פון דער פאַרגאַנגענהייט. דייטשלאַנד און עסטרייך, רומעניע און פוילען זיינען שוין ניט מעהר די לענדער פון דעם „ואתם תשבו פה"...

א"י איז שוין דעריבער היינט צו טאָג געוואָרען דער איינציגער רעטונגס פונקט צו וועלכען עס קוקען מיט ביטערען פאַרצווייפלונג

מטות

די אויגען פון אונזערע מיליאָנען פאַרפאָלגטע ברידער פון די פאַרשיעדענע עמק הבכא׳ס פון מזרח און מערב אייראָפּא.

די ווייניגע גליקליכע אָבער וועלכע באַלאַנגען נאָך צו דער קאַטע־גאָריע פון דעם „ואתם תשבו פה״, זיי קענען נאָך און דאַרפען נאָך שפּילען אַן ענטשיידענדע ראָלע אין דעם בנין הארץ. און אויב עס זיינען ליידער היינט ניטאָ די משה׳ס וועלכע זאָלען זיי דרעפטען אַליין צו קומען אין א״י, אַמווייניגסטענס אָבער זאָלען זיי כאַטש אַ טייל פון זייער „מקנה״ טראַנספּערירען קיין א״י, צי אין פאָרם פון קלענערע און גרע־סערע אינוועסטמענטס צו אין פאָרם פון באַדייטענדע ביי־שטייערונגען צו די פאַרשיעדענע נאַציאָנאַלע פאָנדען כדי מ׳זאָל קענען אָנפיהרען מיט די פאַרשיעדענע בויאונגס פּראָיעקטען און ריעזיגע בנין אַקציעס וואָס שטעהן איצט פאַר אין דיזען פאַטאַל קריטישען מאָמענט.

די געשיכטע שרייט אויס צו די דאָזיגע אידען מיט אַ מעכטיגען נאַציאָנאַלען פּראָטעסט:

„האחיכם יבאו למלחמה ואתם ו מ ק נ י כ ם תשבו פה?!״

**
*

אויך די עכאָ פון משה׳ס פּראָטעסט אין באַצוג צום „גדרות־צאן למקנינו וערים לטפנו״ דאַרף קריגען אַ שטאַרקען אָבקלאַנג אין אונזער לאַגער. דען אויך דערפון ליידען מיר זעהר שטאַרק אין אונזער אידישען לעבען, איבערהויפּט אין יענע לענדער וואָס געהערן צו דער קלאַס פון „ואתם תשבו פה״. דער „עשו את העיקר טפל ואת הטפל עיקר״ איז איינע פון די שרעקליכסטע טראַגעדיעס אין דער מחנה ישראל וואָס פיהלט זיך אויף יעדער טריט און שריט.

און ווען מיר האָבען טענות צו אונזערע קינדער פאַר זייער הפקרות׳־דיגען צושטאַנד אין באַצוג צו אידישקייט, דאַרפען מיר אויף קיין איין מאָמענט ניט פאַרגעסען אַז ניט זיי, די קינדער, דאַרפען געטאַדעלט ווערען, דען אויך אין ד ע ם פּרט זיינען ניט זיי די שולדיגע נור דער „כה עשו א ב ו ת י כ ם״...

די טאַטעס, זיי זיינען עס די וואָס „עשו את העיקר טפל ואת הטפל עיקר״. דער גאַנצער חנוך איז דאָ אָוועקגעשטעלט געוואָרען אויף אַזאַ

וואָרט און צייט

מיזעראַבעלען יסוד וואו דער טפל שפּיעלט די הויפּט ראָלע. די „מקנה" מיט די „גדרות צאן", דאָס פאַרנעהמט דעם אויבנאָן. צום אַלעם ערשטען זוכט מען דעם קינד צו באַזאָרגען מיט אַ קאַריערע וואָס זאָל פאַרזיכערען דעם קיום פון זיין „מקנה וגדרות צאן", ער זאָל קענען „מאַכען אַ לעבען". מען זאָרגט זיך אָבער ווייניג אָדער כמעט ווי גאָר־נישט פאַר זיין גייסטיגען עקזיסטענץ. דאָס איז ניט מעהר ווי אַ טפל. די „פּאָבליק סקול" קומט פריהער פאַר אַלץ, דער „חדר" אָבער קומט דערנאָך. צום פּאָבליק סקול דאַרף דאָס קינד זיין פריש און מונטער, צום חדר מאַכט ניט אויס אַן ערשעפּטער און אויסגעמאַטערטער; די פּאָבליק סקול מוז מען ענדיגען מיט אַ פאַלשטענדיגען פולען קורס, דעם חדר קען מען ענדיגען מיט אַ פערטעל בלעטעל „עברי". און אויב אין דער פּאָבליק־סקול פעריאָדע איז נאָך אַמווייניגסטענס פאַראַן אַ טפל־אידישקייט, איז אַז עס קומט צו היי־סקול און קאָלעדזש איז שוין אפילו קיין טפל אויך ניט פאַראַן. דאָרט איז שוין דער „מקנה" געוואָרען דער „קונה הכל" און ניט איבערגעלאָזען קיין פּלאַץ אפילו פאַר קיין טפל שבטפלים...

און קוים געפינט זיך נאָך אַ קליין הייפעלע אידען וואָס געהערן צום בעסערען עלעמענט און וועלכע האָבען מיט מסירות נפש געגרינדעט עטליכע געצעהלטע חנוך אַנשטאַלטען אין געשטאַלט פון אַ צעהנדליג ישיבות קטנות אין אַזאַ מעטראָפּאָליע ווי ניו יאָרק, חנוך אַנשטאַלטען וואָס פיהרען זיך לויט משה'ס פּראָגראַמע, פריהער דעם עיקר און דערנאָך דעם טפל, די אידישע למודים פאַר די ענגלישע און פון וועלכע מען קען שוין יאָ ערוואַרטען אַן אמת אידישען דור. טאָמער איז שוין יאָ פאַראַן עפּעס אַ משהו פון דעם מין, איז אָבער אוי לאותה בושה ואוי לאותה כלימה, ווי אַזוי די דאָזיגע אַנשטאַלטען מאַטערען זיך מיט זייער עקזיסטענץ. מען דאַרף זיי האַלטען אין איין אָפּראַטעווען און אין איין „אָפּשרייען" און שטענדיג געפינען זיי זיך אין אַ גסיסה צושטאַנד וואָס אַט אַט און ח"ו „ונר אלקים יכבה"...

מעג אויך דיזער צווייטער טייל פון משה'ס מוסר־דרשה דיענען פאַר אונז אַלס בייסענדער קריטיק אויף'ן פעלד פון אונזער אידישען חנוך אין די דאָזיגע לענדער.

מטות

און אפשר איז טאַקע הא בהא תליא, די דאָזיגעביידע טיילען פון משה׳ס מוסר. אפשר טאַקע דערפאַר וואָס מיר טהוען ניט ווי געהעריג אונזער חלק פאַר א״י, מיר טיילען זיך ניט מיט אונזער „מקנה״ איז דאַדורך די מקנה אין גאַנצען ביי אונז געבליבען, האָט זי דערפאַר פאַר מקנה׳ט אונזער גאַנצען לעבען, וואָלטען מיר אָבער אַביסעל מקנה טראַנספערירט קיין א״י, וואָלט דאָ געבליבען אַ שטיקעל חלל וואָס וואָלט געקענט אויסגעפילט ווערען מיט „עיקר״ אויך. ביים איצטיגען צושטאַנד פילט דער טפל אויס דעם גאַנצען חלל, בלייבט שוין פאַר׳ן ע י ק ר גאָר קיין פלאַץ ניט...

יאָ, אַ שעהנע לעקציע די היינטיגע פרשה!

מסעי

מסעות המדבר ומסעות הגלות

אלה מסעי בני ישראל.
משל למלך שהיה בנו חולה, הוליכו למקום אחר לרפאותו, כשחזרו התחיל אביו מונה כל המסעות ואומר, כאן ישננו, כאן הוקרנו, כאן חששת את ראשך, כך אמר לו הקב״ה למשה, מנה להם כל המקומות היכן הכעיסוני, לכך נאמר אלה מסעי בני ישראל.

(במדבר רבה פ׳ כ״ג, ג׳).

די תורה איז אַ נצחית און סיי אין איהר היסטאָרישען חלק וואו עס ווערט אונז איבערגעגעבען די אלע פּאַסירונגען פון אברהם אבינו ביז די ענדע פון דעם דור המדבר, און סיי אין דעם חלק המצוות והמשפטים איז זי ניט בלויז אַן אַרכיווישער דאָקומענט פון אַן עבר׳דיגען ווערטה נור איז אויך פּונקט פון אַזאַ חשיבות פאַר׳ן הוה און פאַר׳ן עתיד. די תורה איז למעלה מן הזמן און אַלס אַזעלכע איז זי אַן איי־ביגקייט פאַר אַלע צייטען און פאַר אַלע דורות.

מעגען זיך מאַנכע געשיכטליכע טיילען אין אונזער תורה קלינגען ווי ערצעהלונגען און עראינערונגען פון דער אוראַלטער פאַרגאַנגענהייט, האָבען אָבער אויך יענע טיילען אַ פּראַקטישען ווערטה פאַר אַלע צייטען און אַלע תקופות. אונזערע חכמים האָבען דער דאָזיגער אָבשאַצונג געגעבען א פארטרעפליכען אויסדרוק ווען זיי האָבען געזאָגט: „מעשי אבות סימן לבנים״. דען עס איז ווירקליך ניטאָ קיין איין איינציגער עפּיזאָד און פּאַסירונג אין דעם לעבען פון די אבות העולם וואָס זאָל אויך ניט האָבען רעפלעקטירט געוואָרען אין דעם לעבען פון זייערע קינדער און קינדס קינדער אין די שפּעטערדיגע דורות.

אַזוי איז עס אויך מיט דעם חלק המצוות וואָס אפילו יענע סאָרטען מצוות וועלכע האָבען פאַרלאָרען זייער פּראַקטישען אינהאַלט אין די

מסעי

היינטיגע גלות דורות, זיינען זיי אָבער אין זייער מאָראַלישען כאַראַק־טער אויך אָנווענדבאַר פאַר היינט און פאַר אַלע צייטען.

מען דאַרף אָבער נאַטירליך אַריינדרינגען אין די טיפע טיעפענישען פון די חדרי התורה אום צו דערזעהן און צו דערפיהלען דעם „מאור שבה" וואָס שיקט איהרע שטראַלען אין די ווייטע האָריזאָנטען פון דער אונ־ענדליכער אייביגקייט. אויף דער אויבערפלעכע איז ניט אַלעמאָל אַזוי גרינג אָנצוטאַפּען די דאָזיגע נצחיות.

פאַראַן אָבער געוויסע טיילען וואָס טראַצדעם וואָס זיי האָבען צו טאָן מיט געשיכטליכע פּאַסירונגען פון יענער אוראַלטער ביבלישער עפּאָכע, שטראַלט פונדעסטוועגן פון זיי אויך אַרויס די געגענוואַרט און ווען ניט די דאַטומס וואָס ווערען אָנגעגעבען אויף יענע געשיכטליכע טיילען, וואָלט מען זיכער געקענט מיינען אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען פּאַסירונגען ניט פון אַמאָל נור פון היינט, ניט פון וואָס עס א י ז ג ע ו ו ע ן נור פון וואָס עס א י ז.

אונזער היינטיגע פרשה אלה מסעי געהער געוויס צו דעם דאָזיגען דערמאָנטען טייל אין אונזער תורה.

די פרשת אלה מסעי האָט מיט גאַנץ קליינע אונטערברעכונגען נאָך ניט אויפגעהערט צו פונקציאָנירען אין אונזער לאַנגער לעבענס געשיכטע. די מסעות האָבען זיך בלויז געאָגראַפיש געענדערט אַזוי גוט ווי די העלדען פון די דאָזיגע מסעות האָבען זיך מיט דעם גאַנג פון די דורות געביטען די וואַנדערונגען אַליין אָבער, אַן און פאַר זיך, זיי האָבען זיך נאָך ניט געענדערט, זיינען נאָך ניט אַרויס פון סטייל און פון דער מאָדע...

און דערפאַר איז זעהר לייכט צו געפינען אין די פרשת המסעות דעם נויטיגען מאָראַלישען מאַטעריאַל אויך פאַר אונזערע גלות־מסעות פון היינט.

„אבותינו במצרים לא השכילו נפלאותיך — וימרו על ים בים סוף".

היינט קוקען מיר מיט באַוואונדערונג און מיט עהרען־פורכט אויף די אַלע נסים ונפלאות וואָס גב"ה האָט באַוויזען צו יענעם דור, דער דור המדבר. יענע אידען אָבער וואָס האָבען עס אַליין דורכגעלעבט, האָבען בשעתם גראַדע דאָס ניט אַזוי אויפגעפאַסט. ניט נור האָבען זיי

וואָרט און צייט

דערפון ניט געשעפּט די נויטיגע אינספּיראַציע, נור אין געענטהייל, זיי האָבען זיך נאָך באַצויגען דערצו מיט גרינגשעצונג און פאַרדרוס.

טאַקע וואונדערבאַרע נסים ונפלאות, אָבער צו וואָס דאַרף מען דאָס? איז דען נויטיג קראַנק צו ווערען כדי צו קענען ווייזען וואונדער אין דער אויסהיילונג? טאַקע אַ גוואַלדיגער נס דאָס זינקען פון די מצריים אין ים סוף, אָבער נאָך וואָס האָט מען עס אין גאַנצען גענדאַרפט? וואָלט דען ניט בעסער געווען ווען גב״ה וואָלט ניט „איבערגעקעהרט פרעה׳ס האַרץ״ אַז ער זאָל די אידען נאָכיאָגען צום ים סוף, וואָלט דאָך דאַן כלל ניט נויטיג געווען דער גאַנצער נס!

דער מן און דער באר זיינען ווירקליך געווען אויסערגעוועהנליכע נסים אויף׳ן וועג פון יענעם מדבר מאַרשרוט: אָבער האָט דען גב״ה זיי ניט געקענט פיהרען קיין א״י דורך אַן אַנדער וועג ווי דער „דרך ארץ פלישתים״ און אַזוי אַרום אין גאַנצען אויסמיידען דעם מדבר מיט דעם „ארץ לא זרועה״ און ממילא אויך ניט דאַרפען אָנקומען צו יענע נסים פון מן, שלו און באר?

„אבותינו במצרים לא השכילו נפלאותיך״, זיי האָבען ניט געקענט זיין קלוג גענוג צו פאַרשטעהן נאָך וואָס מען האָט כלל גענדאַרפט די דאָזיגע „נפלאות״, און דערפאַר אַנשטאַט צו קריגען דערפון באַגייסטערונג און אינספּיראַציע, האָט עס גאָר געהאַט אַ פאַרקעהרטע ווירקונג. און צוליעב דעם „לא השכילו נפלאותיך״, איז גאָר געווען „וימרו על ים בים סוף״...

אַנדערש זיינען שוין אין דיזען באַצוג געווען אונזערע אבות־אבותינו, די אבות העולם אין געשטאַלט פון אברהם יצחק ויעקב. זיי האָבען שוין קיין קשיות ניט געפרעגט.

האָבען זיי דאָך אויך געלערענט די פרשה פון „אלה מסעי״ און פון „לך לך״ און זיך אויך פיעל אָנגעליטען פון די דאָזיגע גלות מסעות. זיי האָבען אָבער קיין טענות צום רבונו של עולם ניט געהאַט. ניט נור האָבען זיי ניט געפרעגט: נאָך וואָס דאַרף מען דאָס?״ נור אפילו אויך דאַן ווען אַ געוויסער געטליכער באַפעל האָט אויסגעקוקט צו זיין אַ ווידערשפּרעכונג צו אַ פריהעריגען באַפעל ווי למשל די סתירה פון: „אתמול אמרת כי ביצחק יקרא לך זרע והיום אתה מצוני לך לך אל ארץ המוריה והעלהו שם לעולה״, אפילו אין אַזאַ פאַל איז אויך געווען

מסעי

„ויקם וילך לו אל המקום אשר אמר לו האלקים", און קיין קשיות אַלץ ניט געפרעגט...

איז עס דערפאַר ווייל זייער בליק אויף די אלע געשעהענישען איז געווען אַ ווייטזיכטיגער און אַ מעהר אומפאַסענדער. זיי האָבען אינ־סטינקטיוו געפיהלט דעם „מעשי אבות סימן לבנים" און אַז אויב אפילו פאַר זיי אַליין זיינען אפשר די אַלע נסים און נסיונות ניט נויטיג געווען, זיינען זיי אָבער נויטיג פאַר די קומענדיגע דורות פאַר וועמען זיי דאַרפען דעם וועג אויסטרעטען.

דער מסבב הסבות האָט געבראַכט דערצו אַז אויך זיי, די אבות, זאָלען דאַרפען אָנקומען צו נסים כדי מיט זייערע תפלות זאָלען זיי עפענען די שערי רחמים און זיי לאָזען אָפען בלייבען פאַר די שפּעטערדיגע דורות וועלכע וועלען מיט זייער אייגענעם זכות אַליין ניט קענען גרייכען די דאָזיגע שערים...

„עזרת אבותנו אתה הוא מעולם", און ניט בלויז צוליעב'ן „מגן ומושיע להם" נור הויפּטזעכליך צוליעב'ן „ו ל ב נ י ה ם א ח ר י ה ם ב כ ל ד ו ר ו ד ו ר"...

און וואָלטען די יוצאי מצרים אויך געווען דורכגעדרונגען מיט אַזאַ געפיהל, וואָלטען זיי אויך קיין קשיות ניט געפרעגט און וואָלטען אויך אַלץ אָנגענומען פאַר ליעב און טייער. דען אויב אפילו זיי וואָלטען געווען אונטער'ן איינדרוק אַז פאַר זיי אַליין זיינען די אַלע נסים אומנויטיג, אויך דאַן וואָלט קיין פּלאַץ ניט געווען פאַר קיין קריטיק און אומצו־פרידענהייט ווען זיי וואָלטען נור אין אַכט גענומען די דורות הבאים.

אין אמת'ען אָבער איז שוין מיט יענעם דור בכלל די זאַך אַנדערש געווען. די לאַנגע גלות יאָהרען אין מצרים האָבען דאָך אויף זיי אַליין אָבגעפּרעסט דעם חותם פון יענער גרויסער גלות לאַנד. זיי זיינען דאָך דאָרטען איבערגעקנאָטען געוואָרען אין אַן אַנדער טייג. די אַטמאָספערע פון אדמת מוף ונוף האָט דאָך זיי כמעט אין גאַנצען פאַרשלונגען אַזש ביז'ן „הללו עע"ז והללו עע"ז"... האָט דאָך דעריבער געמוזט נעהמען לאַנגע יאָהרען שוין נאָכ'ן פאַרלאָזען דאָס לאַנד ביז וואַנען זיי זאָלען זיך אויסטשוכען פון יענעם ערות־מצרים־טשאַד און זיין פאַסענד אַריינצוקומען אין דאָס פאַרשפּראָכענע אבות לאַנד.

וואָרט און צייט

דער מדבר איז פאַר זיי געווען אַ מין קאַראַנטין לאַגער וואו זיי האָבען געדאַרפט דורכמאַכען די נויטיגע דיזענפעקציאָנס פּראָצעדורע אום זיך צו באַפרייען פון יענע גיפטיגע און אַנשטעקענדיגע מצרים באַצילען וואָס וואָלטען געקענט מאַכען פון זייער ארץ ישראל אַ מין מצרים נומער צוויי...

האָבען די אַלע מסעות המדבר מיט זייערע אַלע געשעהענישען גע־דיענט דעם דאָזיגען צוועק. דער מדבר איז פאַר זיי געווען אַ כור המצרף וואו עס האָבען זיך געדאַרפט כעמיש אויפלייזען און פאַנאַנדערטיילען דאָס ריינע פון דאָס אומריינע. דער אָבפאַל האָט געדאַרפט בלייבען דאָרט אין דער מדבר און דאָס געלויטערטע זאָל אַריין אין ארץ ישראל.

איז עס טאַקע אַזוי געווען. יענע וואָס זיינען געווען גאַלע פּסולת ווי די אנשי קרח, די עגל מאַכער, דער אספסוף, די מרגלים אד״ג, זיינען טאַקע געבליבען אין מדבר, די אָבער וואָס זיינען געווען אַ געמישאַכץ פון טוב מיט רע, האָבען געדאַרפט דורך אַ רייהע פון נסיונות און נסים אָבטרייסלען פון זיך דעם רע און בלייבען בלויז ביים טוב און דיזער אַזוי גערופענער שמעלצונגס פּראָצעס האָט געדאַרפט נעהמען אַ לענגערע צייט דורך וועלכע זיי האָבען גראַדענווייז און שטופּענווייז אויסגעשפּיגען דאָס שלעכטע און געבליבען ביי דאָס גוטע.

און דערפאַר איצט אַז זיי זיינען שוין געשטאַנען ביי די טויערען פון לאַנד, האָט עס משה אויף׳ן געטליכען באַפויל געדאַרפט מאַכען אַ רע־וויזיע, דורכלופטערען דעם גאַנצען מדבר פּראָצעס אום צו זעהן צי זיינען זיי שוין ווירקליך באַפרייט געוואָרען פון יענע אַלע איבלען צוליב וועלכע זיי האָבען אַזוי שנעל אין לאַנד ניט געקענט אַריינקומען.

איז דער „אלה מסעי״ אין ליכט פון דער קאָמענטירונג פון אונזער טעקסט מדרש, געווען אַ מין אינספּעקציע וואָס ווערט געמאַכט פון די מעדיצינישע אויטאָריטעטען אויף יעדען נייעם איינוואַנדערער וואָס דאַרף איבערטרעטען די שוועל פון דער נייער מדינה צו וועלכע ער האָט געשטרעבט צו קומען און וועמעס שטרעבונג האַלט שוין אַזוי נאָהענט צו דער פאַרווירקליכונג.

משה עקזאַמינירט פּאַרזיכטיג יעדער רייזע פּונקט, שטעלט זיך אָפּ אויף יעדען עפּיזאָד, פּאַסירונג און אינצידענט און באַטראַכט עס גענוי

מסעי

אום צו זעהן ווי ווייט זיי זיינען שוין איצט פון יענע אַלע קראַנקהייטען אויסגעקורירט געוואָרען אַזוי אַז זיי זאָלען שוין זיין ראוי אַריינצוקומען אין לאַנד.

לכך נאמר אלה מסעי בני ישראל!

**
*

און פון יענעם ביבלישען „אלה מסעי" ביז היינט צו טאָג, האָבען מיר שוין היבשע עטליכע מאָל דעם דאָזיגען קאַפּיטעל איבערגע'חזר'ט אָבער ניט אינ'ם זעלבען נוסח, און ממילא אויך ניט אינ'ם זעלבען כאַ־ראַקטער.

דען גאָר אַנדערש איז געווען דער אלה מסעי פון מצרים קיין ירושלים ווי דער אלה מסעי פון אויף צוריק... און וואָלטען מיר גע־דאַרפט מאַכען די אינספּעקציע פון דעם אלה מסעי פון א"י אין גלות, וואָלטען מיר דאַן אויך דעם משל פון מדרש געדאַרפט אומבייטען אויף צוריק.

אויב די מסעות המדבר האָבען געפיהרט מיט זיך אַ גייסטיג קראַנק פאָלק וועלכער האָט שטופענווייז געקראָגען זיין קוראַציע אויף זיין לאַנגען מאַרשרוטס וועג, אַזוי אַז ביים אָנקומען צו דעם באַשטימטען ענד פונקט, האָט מען שוין געקענט „דערצעהלען אין פריידען" די אַלע פאַרגאַנגענע ליידען. אויב דאָס איז געווען דער פאַל מיט דעם אלה מסעי פון גלות קיין א"י, איז אָבער די סיטואַציע אין גאַנצען געווען איבערגעביטען ביים אלה מסעי פון א"י אין גלות נאָכ'ן חורבן. דאָרט איז פון א"י אַרויס אַ געזונט פאָלק און האָט נאָך מיטגעפיהרט מיט זיך זיין גייסטיגען באַגאַזש, זיין תורה און קולטור אוצרות פאַר וועלכע ער האָט געשאַפען נייע צענטערען אין זיינע ויחנו־פונקטען וואו דער גלות שיקזאַל האָט איהם פאַרוואָרפען. אַמאָל איז עס געווען אַ בבל מיט איהרע סוראַ'ס און פומבדיתאַ'ס; שפּעטער־צו איז עס געווען אַ ספרד, אשכנז און אַ צרפת, נאָך שפּעטער פוילען, ליטא, אונגאַרן אד"ג. דער תורה פולס האָט נאָך וואַרעם געקלאַפּט איבעראַל און אומעטום.

מיט דער צייט אָבער איז אַלעס געוואָרען שוואַכער. די שווערע גלות באַדינגונגען האָבען ענג געמאַכט דעם פּלאַץ פאַר די אידישע תורה מיט

וואָרט און צייט

איהרע טראַדיציעס. די אַסימילאַציע האָט גובר געווען און אַלץ האָט אָנגעהויבען צו געהן אויף צוריק.

איצט אַז מיר ווילען מאַכען דעם סך הכל פון דער לאַגע, דאַרפען מיר געבען דעם משל אַ פאַרקעהרטע ריכטונג. עס דאַרף הייסען: משל למלך וואָס האָט אַוועקגערייזט אין די מרחקים מיט אַ פאָלקאָם געזונטעס קינד, אָבער דאָרטען אין די מרחקים איז דאָס קינד קראַנק געוואָרען און האָט צוליעב דעם געמוזט מיט איהם צוריק אַהיים פאָהרען. פאַרביי־פאָהרענדיג אויף זייער צוריק רייזע די אַלע ערטער וואָס זיי זיינען דורכ־געפאָהרען אַהין וועגס, האָט דער פאָטער איהם אָנגעוויזען ביי יעדען פונקט וואָס ס'איז דאָרט פאָרגעקומען ביי דער ערשטער רייזע: דאָ האָסטו זיך לוסטיג געשפיעלט; דאָ האָסטו געמיטליך פאַרבראַכט; דאָ האָבען מיר זיך פרעהליך אונטערהאַלטען; דאָ גוטמוטיג פאַרווײַלט. אַנ־דערע צייטען. דעמאָלט געווען. ביסט נאָך דאַן געווען פאָלקאָם געזונט...

פאַר אונז איז איצט אויך ניט געבליבען קיין אַנדער אויסוועג ווי נור צו געהן צוריק אַהיים, זיך באַפרייען פון די גלות איבלען און צוריק ווערען אַ זעלבסטשטענדיג נאָרמאַלעס פאָלק.

און אויף דער דאָזיגער צוריק־רייזע וועלען מיר אויך דאַרפען איבערצעהלען אונזערע מסעות און אָנצייגען אויף אונזערע אַלע ווערטהען, סגולות און אוצרות וואָס מיר האָבען אַמאָל פאַרמאָגט און מיטגענומען מיט אונז אין גלות. דאָס וועט אָבפרישען אונזער זכרון און אונז ווידער־אַמאָל נעהענטער ברענגען צו יענע ווערטהען וועלכע מיר וועלען פון דאָס ניי האָבען אין אונזער באַזיץ אַזוי שנעל ווי מיר וועלען ווידער באַטרעטען דעם באָדען פון אונזער הייליגעס לאַנד.

ווייל נור דאַן ווען „בשוב ה׳ את שיבת ציון" וועט אויך קענען זיין „אז ימלא שחוק פינו ולשוננו רנה".

דברים

דברים

(לשבת חזון)

חטאו בכפלים ולקו בכפלים — ומתנחמים בכפלים.

דער ספר „דברים״ וועלכען מיר פאַנגען אָן היינטיגען שבת רופט זיך מיט'ן נאָמען „משנה תורה״ ווייל דער גאַנצער אינהאַלט פון דיזען ספר איז ניט מעהר ווי אַ ווידערהאָלונג פון די פריהעריגע פיער ספרים. האָבען מיר, הייסט עס, אַ טאָפעלע תורה, א תורה וואָס זי איז איבער־גע'חזר'ט געוואָרען כדי משמעות איהר בעסער צו געדענקען.

פון דיזען שטאַנדפונקט איז דער ציטירטער מאמר חז״ל פון אונזער טעקסט אַזוי וואונדערבאַר צוגעפּאַסט צו דער היינטיגער סדרה און עס זעהט אויס ווי אונזערע חכמים וואָלטען זיך אָנגעשטויסען אין דעם נאָמען פון „משנה תורה״ און דערפון געשלאָגען קאַפּיטאַל פאַר'ן שבת חזון וואָס פאַלט אויך אימער אויס אין דעם דאָזיגען שבת ווען מען פאַנגט אָן משנה תורה.

פונקט ווי דברים באַצייכענט „משנה תורה״ אַזוי באַצייכענט „חזון״ אויך א ט אָ פּ ע ל ק י י ט, אויב ניט אין דעם פּאָזיטיווען תורה זין איז עס אין דעם נעגאַטיווען אַנטי־תורה זין...

חטאו בכפלים!

די זינד איז אַ טאָפּעלע, אַ צווייפאַכיגע, אַ משנה־חטא, אַ חטא אין צוויי חלקים: פון בין אדם למקום ובין אדם לחבירו, זינד געגען אידיש־קייט און זינד געגען מענשליכקייט.

און אַט דיביידע זאַכען געהן האַנט און האַנט, זיינען געקניפּט און געבונדען און לאָזען זיך ניט פאַנאַנדערטיילען איינס פון דאָס אַנ־דערע. די אַלטע משכיל'ישע טהעאָריע פון „יהודי באהליך ואדם

בצאתך" האָט שוין לאַנג באַנקראָטירט. דער לעבן האָט באַוויזען איהר פאַלשקייט. ניטאָ אַזאַ זאַך ווי איד און מענש. איז מען אַ איד איז מען אויך אַ מענש, איז מען ווידער אַ פאַלשער איד איז מען אויך אַ פאַלשער מענש.

מיר האָבען געזאָגט אַז „דברים" איז משנה תורה. דער פאַקט אָבער איז דאָך אַז אפילו אין די פריהערדיגע ספרים זיינען אויך פאַראַן ווי־דערהאָלטע זאַכען. אַזוי למשל ווערען די שבע מצוות בני נח, צווישען זיי רציחה און גזילה, ווידערהאָלט אין מתן תורה און „כל מצוה שנאמרה לבני נח חזרה ונשנית בסיני". איז דאָך אייגענטליך די זאַך אַביסעל קשה'דיג, דען צו וואָס די דאָזיגע ווידערהאָלונג? אויב דער בן נח, דער סתם מענש, איז דאָרין פאַרזאָגט געוואָרען, מיינט דאָך עס אַז עס האָט צו טאָן מיט איינפאַכע מ ע נ ש ל י כ ק י י ט, טאָ צו וואָס די ווי־דערהאָלנוג אין סיני מיט אַ ספעציפישע באַטאָנונג פון א י ד י ש־ק י י ט?

הפנים אָבער אַז די תורה האָט פאָראויס געוואוסט אַז אפילו די מ ע נ ש ל י כ ע תורה מוז זיך נעהמען פאַר אַ שותף דאָס א י ד י ש־ק י י ט כדי צו זיין זיכער אין איהר דורכפיהרבאַרקייט, ווייל מ ע נ ש אָהן א י ד איז ניט מעהר ווי אַ פוסטע פראַזע, אַ „שם שנתרוקן מתוכו".

אָבער דאַרויף איז בכלל ניט נויטיג קיין ט ע אָ ר ע ט י ש ע באַשטעטיגונג פון דער ת ו ר ה ווען ס'איז דאָ אַ פ ר אַ ק ט י ש ע באַשטעטיגונג פון ל ע ב ע ן. און פאַר דער דאָזיגער באַשטעטיגונג איז ניט נויטיג זיך צו גריבלען אין די אַלטע היסטאָרישע אַרכיוועו און בלעטערען די פאַרגעלטע בלעטער פון דעם אוראַלטען געשיכטע בוך. דער טרויעריגער געגענוואַרט האַלט דעם בלאַט אָפען פאַר אונזערע אויגען. דוכט זיך קיינמאָל ניט געוועזן אַזאַ ציוויליזאַציאָנס עפּאָכע ווי די היינ־טיגע, און דוכט זיך קיינמאָל נאָך ניט געוועזן אַזאַ ציוויליזירטעס גע־בילדעטעס פאָלק ווי לאָמיר זאָגען, דאָס דייטשישע פאָלק, וואו נמוס און דרך ארץ, העפליכקייט און רעספעקט, זיטליכקייט און אַנשטענדיגקייט האָבען פאַרנומען דעם אויבענאַן אין זיין גערמאַנישען שולחן ערוך. צו וואָס אָבער האָט די דאָזיגע זיטליכקייט געפיהרט און דערפיהרט? מיט וואָס אָשטייגער פאַלט דער זאָגענאַנטער „ציוויליזירטער" היטלער אַרונ־

דברים

טער אַנטקעגען דעם אונציוויליזירטען פרימיטיווען טיטוס? מיט וואָס איז טיטוס'עס באַרבאַריזם מעהר באַרבאַריש ווי דער היטלער'שער? דוכט זיך אַז דער לעצטער שטייגט גאָר ווייט אַריבער דעם ערשטען טראָצדעם וואָס ער געפינט זיך אין אַ פיעל מעהר ציוויליזירטער צייט ווי די אין וועלכע דער ערשטער האָט זיך געפונען...

אַמאָל פלעגט אין פאָלקס לעבען צירקולירען אַ שפריכוואָרט וואָס האָט געלויטעט „שעהמען זיי זיך הערר קאָזאַק!" און האָט געמיינט אויס־צודריקען די מאַניערלאָזיגקייט פון דעם רוסישען קאַצאַפּ וועלכער האָט קיין אָבשייליכקייט ניט פאַר די ערגסטע אונמענשליכקייטען. היינט דאַרף מען שוין ניט אָנשפאַרען צום קאָזאַק, מען קען עס שוין טראַנספערירען צום „מאַניערפולען" דייטש, דער זאָגענאַנטער באַנער טרעגער פון דער אייראָפּעאישער קולטור... דער איינציגער אונטערשיעד באַשטעהט נור אין דעם וואָס דער פרימיטיווער „הערר קאָזאַק" האָט בלויז געברענט דעם אידען אָבער צורוה געלאָזען דעם אידענס תורה ווערענד דער „קולטור־רעלער הערר דייטש" ברענט שוין דעם אידענס תורה אויך... דאָס דער־מאָנט שוין אין דער פסיכאָלאָגיע פון יענעם חדר אינגעל וואָס אָנשטאָט מתפלל זיין דער רבי זאָל שטאַרבען האָט ער בעסער מתפלל געווען דער חומש'ל זאָל שטאַרבען, וועט שוין קיין אַנדער חומש'ל ניט זיין. און כדי די קולטור זאָל זיך ניט וואַרפען אין די אויגען און שטעכען ווי אַ דאָרען דעם זאָגענאַנטען קולטור פאָלק, איז די בעסטע עצה פון דער קולטור אויך פטור ווערען... דעם סוד פון „גוילין נשרפין ואותיות פורחות באויר", דאָס פאַרשטעהט נאָך דער קולטורעלער עשו אויך נישט.

אָבער ווי געזאָגט באַוויזט דאָך עס באַשיינפערליך אַז מענשליכקייט אָהן אידישקייט איז אַ באַנקראָטירטע פירמע צו וועלכע מען קען דעם מינ־דעסטען צוטרוי ניט האָבען.

אום צו פאַרזיכערען דעם חלק מענשליכקייט איז דעריבער נויטיג געווען צוצוגעבען דערצו די פאַרב פון אידישקייט. דערפון די ווידער־האָלונג אין סיני פון די מ ע נ ש ל י כ ע מצוות „שניתנו לבני נח".

און דעריבער ווען אידען גופא האָבען פרובירט אָבטיילען די דאָזיגע צוויי זאַכען, דעם א י ד און מ ע נ ש, איז דער רעזולטאַט געווען אַז

וואָרט און צייט

— „חטאו בכפלים", ניט נאָר האָט מען דעם א י ד פאַרניכטעט נור אויך דעם מ ע נ ש...

דער „חטאו בכפלים" איז אין אונזער גלות פעריאָדע געקומען צום אויסדרוק אויף'ן גאַנצען שטח פון אונזער אידישען לעבען. אויף יעדען טריט און שריט, און אין יעדער קעהר און ווענד שלאָגען מיר זיך אָן אין דער דאָזיגער טאָפּעלער בוכהאַלטעריע.

אָט זיינען אייניגע ביישפּילען:

ד ע ר א ָ ס י מ י ל י ר ט ע ר איד — די אַסימילאַציע זינד האָט אויף איהם אַרויפגעלייגט אַ שווערע משא. ער איז לויט זיין איבערציי־ צייגונג אַ קינד פון צוויי פעלקער, אַ איד אין רעליגיעזען זין און אַן אַמע־ ריקאנער, ענגלענדער אָדער פראנצויז אין נאַציאָנאַלען זין. איז עס עפּעס אַ משונה'דיגע בריאה, אַ מין מענש מיט צוויי קעפּ, און צוויי קעפּ לייגעז זיך נאַטירליך ווי אַ שווערע משא אויף איין קערפּער.

ד ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ר א י ד. ער האָט אָוועקגעשטעלט דאָס גאַנצע אידישקייט בלויז אויף איין פוס, אויף'ן נאַציאָנאַליזמוס. רע־ ליגיאָן און טראַדיציע איז ביי איהם ניט מעהר ווי אַ פּריוואַט זאַך, און אַ גוף וואָס דאַרף זיך האַלטען בלויז אויף איין פוס איז עס ווידער אַ שווערע משא וואָס איז אימשטאַנד יעדער רגע צוזאַמענברעכען...

ד ע ר ר ע ל י ג י ע ז ע ר א י ד, ביי וועמען דער גאַנצער טראָפּ פון אידישקייט איז אָוועקגעשטעלט נור אויף'ן רעליגיעזען פּונקט. דער איז אויך דער זעלבער בעל מום ווי דער פריהעריגער מיט דעם איינציגען אונטערשיעד וואָס ביי יענעם פעלט דער רעכטער פוס און ביי איהם דער לינקער. קוים אָבער איז עס נור א י י ן פוס, איז מען אַלץ אַ קאַליקע...

ד ע ר א י ד מ י ט פ ר ו מ ק י י ט, דער וואָס וויל יוצא זיין מיט אידישקייט בלויז מיט מצוות „שבין אדם למקום", ווערענד אין „בין אדם לחבירו" איז ער היבש מזלזל. אויך דער צורייסט די תורה אין צוויי חלקים און אַנשטאָט איין תורה ווערט ביי איהם אַ תורה

דברים

„בכפלים" פון וועלכע איין טייל בלייבט אין ס פ ר און בלויז איין טייל טראָגט ער אַריין אין לעבען, איז שוין ז י י ן אידישקייט אויך נור אוועקגעשטעלט על רגל אחת און ממילא אויך ער איז אַ בעל מום.

ד ע ר א י ד מ י ט ג ו ט ס ק י י ט, וואָס דענקט אַז אידישקייט באַשטעהט נור אין באַזיצען אַ גוטע האַרץ און אויף'ן חשבון פון דער האַרץ מעג שוין די קאָפּ זיין אַ קראַנקע, אַ קרקפתא דלא מנח תפילין און אַלע אַנדערע אברים וואָס זיינען באַשטימט געוואָרען פאַר געוויסע ריין רעליגיעזע פונקציעס, דאַרפען שוין אויך ניט אָפּערירען אַזוי לאַנג ווי די האַרץ איז נור אין אָרדנונג. דיזער איד רייסט דאָך אויך אַוועק אַלע וויכטיגע גלידער פון דער תורה, און אוקראַט ווי פיזיש מאַכט עס אונמעגליך אַ מענשען צו לעבען ווען אפילו מיט די געזונטסטע האַרץ אויב עס פעלט איהם אַ קאָפּ, אָדער אַ מאָגען אד"ג, אַזוי איז עס אויך גייסטיג. אַ האַרץ דאַרף מען האָבען אויף מיטפּהילען דעם צווייטענס ליידען כדי מען זאָל איהם קענען העלפען. מען דאַרף אָבער אויך אַ קאָפּ האָבען פאַר תפילין, און אַ מויל פאַר'ן „ודברת בם"; אויערען פאַר „אם שמוע תשמעו", אַ מאָגען פאַר כשרות און אַזוי יעדער איינציגען אבר פון די רמ"ח אברים וואָס זיינען באַשטימט כנגד רמ"ח מצוות־עשה אין יעדען אָדער פון די שס"ה גידין וואָס זיינען כנגד שס"ה לא־תעשה.

ולקו בכפלים!

דער גלות האָט אונז געשטראָפט קאָלעקטיוו אויך מיט צוויי ריטער. ער האָט אונז אין זיינע גלות לענדער אַוועקגעשטעלט אין אַזאַ זאַנדערבאַרע טראַגישע לאַגע וואָס דריקט אויך אויס מיט זיך אָט דעם טראַגי־קאָמישען שפּיעל פון צוויי רעכענונגען צו פיהרען און פון טאַנצען אויף צוויי חתונות. היטען צווייערליי שבתים, פראַווען צווייערליי ימים טובים; רעדען צווייערליי לשונות, שיקען די קינדער אין צווייערליי סקולס. איז עס ווידער איין מענש מיט צוויי קעפּ, איין פאָלק מיט צוויי פאָטער לאַנדס...

ולקו בכפלים!

און ווען אפילו מיר קומען צום פונקט ארץ ישראל, דאָרט וואו עס האָט זיך לעצטענס באַוויזען פאַר אונז אַ ליכטיגער שטראַל פון דער

וואָרט און צייט

מזרח זון, אויך דאָרט משמעות דאַרפען מיר נאָך דערוויילֿ אָביסעלֿ פאַר־יוכען דעם טעם פון „ולקו בכפלים״ וועלכעס קומט צום אויסדרוק אין דעם ניי געשאַפענעם בריטישען פּראָיעקט פון „חלוקת הארץ״. ענגלאַנד וויל אונז מאַכען פון איין א ר ץ ישראל — צוויי, איינע אַ אידישע און איינע, ווי איראַניש עס זאָל ניט קלינגען, אַן אַ ר אַ ב י ש ע...
און אַזוי אַרום זאָל דער גורל פון אונזערע מיליאָנען פאַרפאָלגטע אידען דאַרפען הענגען אויף איין וואָגשאָל, די קלענערע, די ניט איבערוועגענדע...

אָט דאָס שטעלט מיט זיך פאָר דער „שבת חזון״. דער איינציגער גליק אונזערער וואָס דערביי שטעלן מיר זיך ניט אָפּ. נאָך דעם „לקו בכפלים״ קומט דער „ומתנחמים בכפלים״, די מכה כפולה ועט געהיילט ווערען מיט אַ נחמה כפולה.

נאָך „שבת חזון״ קומט „שבת נחמו״ וואו דער קלאַנג פון די נחמה כפולה הערט זיך אין דעם נביא׳ס ווערטער:

נחמו נחמו עמי!

ואתחנן

(לשבת נחמו)

ושמרתם ועשיתם כי היא חכמתכם
ובינתכם לעיני העמים אשר ישמעון את
כל החקים האלה ואמרו רק עם חכם ונבון
הגוי הגדול הזה.
(ד—ו).

ווי אַ שעהנע ליכטיגע זון וואָס באַווייזט זיך נאָך שווערע דאָקוטשנע רעגענס וואָס דיקע שוואַרצע וואָלקענס האָבען געשפּיגען פון זיך גאַנצע טעג נאָכאַנאַנד און איינגעהילט די ערד אין אַ מאָנאָטאָנע פינסטערניש. אַזוי איז דער „שבת נחמו" וואָס באַווייזט זיך צו אונז נאָך די דריי שווערע טרויעריגע וואָכען. זיי, די „דריי וואָכען" מיט זייער „שבת חזון", האָבען דאָך אַזוי שווער געפּרעסט אויף'ן האַרצען, האָבען געדריקט און דערשלאָגען די געמיטער; האָבען אַ מעלאַנכאָלישע הויט אַרויפגעצויגען אויף די געזיכטער און מיט פעסימיזם און פאַרצווייפלונג געשמיסען יעדער גליד און אָדער, יעדער ביין און נערוו.

און איצט מיטאַמאָל אַלעס געענדערט, די סיטואַציע אין גאַנצען געביטען, אַן איבערגאַנג פון איין עקסטרעם צום צווייטען. אויס טרויער, אויס פאַרצווייפלונג, אויס יאוש און אויס פעסימיזם. אַוועק דער „חזון" און דער „נחמו" האָט פאַרנומען די פּאָזיציע.

נחמו נחמו עמי!

פאַנטאַסטיש קלינגט עס זעהר שעהן כמעט צויבעריש. די פראַגע איז אָבער, ווי ווייט האַרמאָנירט דער דאָזיגער צויבער רוף מיט דער פּראַקטישער זייט פון לעבען. איז עס ניט אַמאָל ווי געשאָטען זאַלץ אויף די וואונדען? איז טאַקע ווירקליך פאַראַן פּלאַץ פאַר דער דאָזיגער

וואָרט און צייט

נחמה, און איז ניט אַמאָל די דאָזיגע „נחמה בכפלים" פון „נחמו־נחמו" ווי אַ מין „יתר כנטול"?

דען ווי לאָזט זיך עס טרייסטען אין דער צייט ווען דער חורבן ליגט נאָך אויסגעשפרייט פאַר די אויגען? איז עס דען ניט אַ זאָנדער־באַרער עקסטרעמער איבערגאַנג פון אַ „חורבן בכפלים" צו א „נחמה בכפלים"?

לעבען מיר דאָך איצט דורך אַזאַ שרעקליך טראַגישע צייט וואו דער חורבן איז ניט נור „בכפלים" נור ווערט פון טאָג צו טאָג פאַרדרייפאַכט און פאַרצעהנפאַכט אַזוי אַז דער „אין לך יום שאין קללתו מרובה בו משל חבירו" איז ניט בלויז מליצה שפּראַך נור טאַקע פשוטו כמשמעו, ווערטערליך און בוכשטעבליך?

„און איז דען דער דין אַז „אין מנחמין בשעה שהמת מוטל לפניו" ניט אַנווענדבאַר אויף'ן אבל הצבור ווי אויף'ן אבל היחיד?

און דאָך שאַלען מיר מיט אַ טריאומפירענדען טאָן און מיט אמת'ע חדות הנפש דעם דאָזיגען „נחמו נחמו עמי"...

מיט וואָס אלזאַ ערקלעהרט זיך דאָס?

ע מ י !

קלינגט ניט דער דאָזיגער וואָרט מיט וועלכען די נחמה אַדרעסירט אונז עפּעס ווי אַ מין „לעגה לרש"? דען ווי אַזוי און מיט וועלכע רעכט קען מען אונז איצט אָנרופען „עם", וועהרענד עס זיינען שוין נאָהענט צו צוויי טויזענט יאָהר אַז מיר זיינען באַרויבט געוואָרען פון די אַלע אייגענשאַפטען וואָס באַרעכטיגען דעם דאָזיגען פ אָ ל ק טיטול? אָהן אַ לאַנד, אָהן אַ שפּראַך, אָהן אַ מלוכה און אָהן נאַציאָנאַלע זעלבסטשטענ־דיגקייט. טאָ מיט וואָס זיינען מיר עס אַ פ אָ ל ק?

איז מילא אַז דער דאָזיגער „עמי" ווערט נאָך באַגלייט מיט אַ „יאמר אלקיכם", לאָזט זיך עס נאָך ווי עס איז באַגרייפען. ביים רבונו של עולם זיינען מיר נאָך איצט אויך פאַררעכענט ווי אַ פאָלק, אויב אפשר ניט על שם ההוה, איז על שם העבר ועל שם העתיד. ווייל כביכול איז דאָך אַ צופה עתידות, רעזערווירט ער נאָך אונזער עהרע און טיטול פאַר יענעם גליקליך ערוואַרטעטען עתיד.

ואתחנן

ווען מיר קומען אָבער צו אונזער טעקסט פסוק פון היינטיגער סדרה וואו עס רעדט זיך וועגען דעם „לעיני העמים" און מען פאַרזיכערט אונז אַז אויך זיי, די גוים וועלען אונז אָנרופען מיט'ן טיטול פ אָ ל ק און נאָך ניט סתם פאָלק נור טאָקע: „ואמרו רק עם חכם ונבון הגוי הגדול הזה". דאָס איז שוין ווירקליך פלאי פלאים'דיג; דען מיט וואָס וועלען מיר עס פלוצים נושא חן זיין ביי די גוים אַז זיי זאָלען אונז אַריינגעהמען אין דער פעלקער משפחה און פאַר אונז פלעכטען אַ לאָרבער קראַנץ פון אַן „עם חכם ונבון" ?...

אמת, די תורה גיט דערביי אָן די סבה אויך, נעמליך: „אשר ישמעון את כל החקים האלה", הייסט עס אַז דער גוי'אישער דרך ארץ פאַר אונזערע חוקים וועט אויף זיי אַרויפוואַרפען אַ יראת הכבוד און וועלען אונז דערפאַר אַזוי עהרליך באַגריסען און אַזוי שעהן קאָמפלימענטירען.

ווייסען מיר דאָך אָבער אַז גראַדע זיי, די גוים, זיינען ניט אַזוי שטאַרק באַגייסטערט פאַר אונזערע ח ו ק י ם. פאַר די מצוות ש כ ל י ו ת אפשר נאָך ווי עס איז, פאַר ח ו ק י ם אָבער איז שוין לאַנג רעקאָרדירט געוואָרען אַז „אומות העולם מ ו נ י ן את ישראל לומר מה טעם יש בחוקה זו". זעצען זיי דאָך גראַדע אויס קריטיק וועגען אונזערע חוקים, טאָ ווי לאָזט זיך עס גלויבען אַז גראַדע אָט די ח ו ק י ם געגען וועלכע זיי האָבען אזוי פיעל אויסצוזעצען, זאָלען זיי אליין זיין דוקא די סבה פאַר זייער רעספעקט פאַר אונז און אויף'ן חשבון פון „החקים האלה" זאָלען זיי אונז פאַר אַן עם חכם ונבון באַטראַכטען?

איז אויבערפלעכליך עפּעס דער גאַנצער ענין זעהר קאָמפליצירט און די הפטרה אַזוי גוט ווי די סדרה זיינען ביידע כולו מוקשה!

פאַראַן מאַנכע דרשנים פון אַ פריהעריגען דור וואָס געפינען אין די שמירת החוקים דעם פתרון צו דער אייביג רעטזעלהאַפטער פראַגע וועגען דעם סוד פון דער קיום האומה. דען מיט'ן דרך הטבע לאָזט זיך דאָך דאָס אונענדליכע עקזיסטענץ פון דער אידישער אומה ניט פאַרשטעהן. אַן עם נרדף, אַ שה בין שבעים זאבים מיט אונענדליכע רדיפות, גזירות און גירושים און דאָך האָבען מיר באַוויזען איבערצולעבען די אַלע מעכטיגסטע

וואָרט און צייט

נאַציאָנען וועלכע זיינען בשעתם געווען די שטאַרקסטע אומבאַשטרייטבאַרע פעלקער, איז פונדעסטוועגען פון זיי אַלע שוין קיין זכר ניט געבליבען און דער עם מוחשך ומורדף האָט טראָץ אַלע פאַרפאַלגונגען זיי אַלעמען איי־בערגעלעבט און טרעט נאָך אויף די קברים פון זיינע אונטערדריקער?

איז טאַקע דער קיום עם ישראל אַן ענין פון למעלה מדרך הטבע, וואָס לאָזט זיך מיט'ן שכל ניט באַגרייפען. מיט וואָס אָבער האָבען מיר זוכה געווען צו אַזאַ נס? דאַרויף איז דער ענטפער אַז היות ווי מדותיו של הקב"ה זיינען דאָך געריכטעט אין דער ליניע פון מדה כנגד מדה און ווייל מיר היטען דאָך אָפּ ניט נור די מצוות שכליות נור אויך די חוקים, וואָס דער שכל קען זיי ניט משיג זיין, איז אויב אַזוי צאָהלט דער רבוש"ע אויך מיט מדה כנגד מדה: איהר זיינט מקיים די מצוות וואָס זיינען נגד השכל וועט אייער פאָלקס קיום אויך זיין נגד השכל און למעלה מדרך הטבע.

און אָט דאָס טאַקע רופט עס אַרויס דעם גרעסטען רעספּעקט און העכסטע פאַרעהרונג ביי די אומות העולם. זיי באַוואונדערען אונז מיט אונזער שמירת החוקים און טאַקע דערפאַר וואָס זיי אַליין זיינען „מונין את ישראל" און האָבען פאַר די חוקים אַליין ניט קיין רעספּעקט, האָבען זיי אָבער צוליעב דעם גופא דעם גרעסטען רעספּעקט פאַר די וואָס היטען יאָ די חוקים. זיי מוזען צוגעבען אַז אין דעם שטעקט טאַקע די גרעסטע חכמה, דען דאָס איז דאָך, ווי געזאָגט, דער איינציגער ענטפער צו דעם קיום האומה; און ווען זיי זעהען דעם פּאַראַלעל פון „כי מי גוי גדול אשר לו אלקים קרובים אליו כה' אלקינו בכל קראנו אליו", מוזען זיי צוגעבען אַז דער סוד פון דער דאָזיגער נאָנעהנטקייט צו דער געטליכער השגחה ליגט אין דעם „אשר ישמעון את כל החוקים האלה".

וואַרפט דער דאָזיגער געדאַנק שוין אויך אַ העלע ליכט אויף אונזער שבת נחמו. אין דעם „עמי" ליגט דער ענטפער צו דער אומפאַרשטענד־ליכער נחמה.

יאָ, כל זמן עס איז דאָ אַן „עמי" איז שוין אויך דאָ אַ „נחמו נחמו", דער „עמי" איז אַ פירוש, אַ קאָמענטאַר צום „נחמו".

ואתחנן

און אויב אפשר אַן „עם" סתם קען טאַקע ניט זיין אָהן די נאַטיר־ליכע פאָלקס אייגענשאַפטען מיט די פאָלקס ווערהטען ווי שפראַך, לאַנד, רעגירונג אד"ג, אַן „ ע מ י " אָבער, אַן „עם ה'" דאָס קען שוין יאָ זיין אפילו אָהן די אויסגערעכטנע זאַכען. די פאָלקסשאַפטליכקייט פון אַן „עם ה'" באַרוהט גאָר אויף אַ גאַנץ אַנדער זאַך, עס באַרוהט הויפט־זעכליך אויף'ן „ושמרתם ועשיתם"... און ניט אומזיסט איז דער עם ישראל פון אייביג אַן באַטיטולט געוואָרען מיט'ן נאָמען „עם הספר", אַ טערמין וואָס געפינט זיך נור אין א י ד י ש ע ן ווערטער־בוך...

און קוים האַנדעלט זיך דאָ וועגען אַן „עם הספר", ניט וועגען קיין „עם" סתם נור וועגען אַן „ ע מ י ", דאַן איז שוין דער „נחמו" ניט מעהר קיין פ אַ נ ט אַ ס ט י ש ע ר זאַנדערן אַ ר עאַ ל ע ר. ד ע ם טיטול האָבען מיר נאָך ניט אָנגעוואָרען אפילו אין אונזער גלות תקופה אויך. אין ד ע ם זין זיינען מיר נאָך איצט אויך אַ פ אָ ל ק, אמת ניט אפשר קיין „עם ה א ר ץ" אָבער אַן „עם ה ס פ ר", יאָ דעם ספר האָבען מיר נאָך ברוך השם ניט פאַרלאָרען אפילו מיט'ן פאַרלירען די לאַנד, די מלוכה און די אַנדערע ווערטהען פון אַ סתם פאָלק.

און אַזוי לאַנג ווי מיר האָבען נאָך איצט אויך דעם טיטול „עמי" איז שוין אויך פאַראַן פלאַץ פאַר'ן „נחמו". עס איז ניט קיין לאַגע פון „תנחמהו בשעה שהמת מוטל לפניו". כל זמן דער ס פ ר לעבט, לעבט נאָך דאָס פ אָ ל ק אויך און די נחמה האָט נאָך אויף וואָס חל צו זיין. איז עס אפשר ניט קיין צופאַל וואָס גראַדע אין דער סדרה פון שבת נחמו געפינט זיך די ווידערהאָלונג פון מתן תורה מיט די עשרת הדברות. עס איז אַ סימבאָלישער צייכען אַז דער „נחמו" מיט קבלת התורה זיינען ענג פאַרבונדען איינס מיט דאָס אַנדערע. „קבלת התורה" איז אַ פירוש צום „נחמו"...

ווי שעהן קלינגט דעריבער דעם נביא'ס ווערטער אין דער היינטיגער הפטרה:

„כל הבשר חציר וכל חסדו כציץ השדה — יבש חצר
נבל ציץ ו ד ב ר א ל ק י נ ו י ק ו ם ל ע ו ל ם".

וואָרט און צייט

אין דעם ליגט דער סוד פון דער נחמה, און אַז מ׳וועט פרעגען: אויב „כל הבשר חציר״ און אויב „יבש חציר נבל ציץ״, טאָ פון וואַנען נעהמט זיך דער אונענדליכער קיום פון דעם עם ישראל? איז דער ענטפער: „ודבר אלקינו יקום לעולם״, דאָרט וואו ס׳איז דאָ אַ „דבר אלקינו״, דאָרט וואו דער „נחמו״ געהט האַנט און האַנט מיט די „עשרת הדברות״ דאָרט איז אויך „ י ק ו ם ל ע ו ל ם ״.

נחמו נחמו עמי!

עקב

בור „ת״ח״ — הבריה המשונה והמסוכנת

והיה אם שכח תשכח את ה׳ אלקיך.
(ח—יט).
והיה אם שמע תשמעו אל מצותי.
(יא—יג).

רעדט זיך אין דער היינטיגער סדרה פון דיביידע זייטען פון לעבען, די גוטע און די שלעכטע, די ליכטיגע און די שאָטענדע, דער „אם שכח תשכח״ שטעהט גראָדע פריהער פאַר דעם „שמוע תשמעו״. די שאָטענדיגע זייט פון לעבען אין פאַרגלייך מיט דער ליכטיגער צייט, איז אין דער בחינה פון „תדיר ואינו תדיר״ וואו דער כלל זאָגט אז „תדיר קודם״...

פיעל גרינגער צו פאַרגעסען ווי צו געדענקען. ווען ניט וואָלט דאָך די תורה ניט געדאַרפט אַזוי פיעל מאָל וואָרנען אויף דעם „השמר לך פן תשכח״.

שכחת ה׳ און כפירת ה׳ זיינען איבערהויפט זאַכען וואָס מען דאַרף צו זיי קיין איבעריגע אָנשטרענגונג ניט מאַכען. אַראָפּקייקלען זיך פון באַרג איז פיעל גרינגער ווי דאָס אַרויפקלעטערען אויף׳ן באַרג. צום „אם שמוע תשמעו״ דאַרף מען אַרויף צום באַרג, צו יענעם היסטאָרישען תורה באַרג, דער הר סיני, וועהרענד צום „אם שכח תשכח״ דאַרף מען פאַרקעהרט אַראָפּנידערען פון באַרג און דאָס קומט ניט אָן אַזוי שווער.

די תורה גיט אָבער אויך אַ וואָרנונג צו די וואָס ווילען גראָדע יאָ אַרויף צום באַרג, ווען זי זאָגט: „השמרו לכם עלות בהר״. משמעות אַז אויך יענע באַרג קלעטערער נויטיגען זיך אין אַ וואָרנונג. די תורה אַליין גיט אָבער דעם פירוש דערצו ווען זי פיהרט אויס „ונגוע בקצהו״, דען אין דעם ליגט טאַקע די גאַנצע סכנה. דער יעניגער וואָס איז

וואָרט און צייט

שוין יאָ געקומען אין באַריהרונג מיט דעם באַרג סיני, ער איז אָבער געווען נור אַ „נוגע בקצהו״, בלויז עטוואָס פאַרזוכט פון דעם „עץ הדעת״. עטוואָס ידיעת התורה זיך איינגעשאַפּט, געלערענט אויף׳ן שפּיץ מעסער, פאַרזוכט אַ האַלבע עס־לעפעל פון דער חכמת התורה, אָט דער טיפּ האַלב געבאַקענער למדן אָדער משכיל, איז פיעל מעהר מסוכנ׳דיג פאַר דער אידישער געזעלשאַפט ווי דער וואָס האָט ענטוועדער גאָר ניט געלערענט אָדער וואָס האָט געלערענט אין אַ פול באַדייטענדער מאָס. דען דער גאָר פראָסטער מענש פיהלט דאָך ביי זיך זיין געפאַלענקייט, ער האָט דאָך קיינע פרעטענזיעס ניט און וועט דערפאַר ניט וואַגען זיך צו מישען אין אידישען לעבען, צו זאָגען דעות און וועלען באַאיינפלוסען.

פון דער אַנדער זייט ווידער, דער וואָס האָט יאָ פיעל געלערענט, האָט „ממלא כרסו״ געווען „בש״ס ופוסקים״, דער איז דאָך שוין דורכ־געדרונגען מיט׳ן אמת׳ען גייסט פון דער תורה, ביי איהם איז דאָך שוין פאַראַן דער „מאור שבה״ וואָס פאַרהיט פון אַלע סכנות, און ז י י ן אַריינמישונג אין אידישען לעבען איז דוקא זעהר ווינשענסווערט. ער האָט דאָך וואָס צוצוטראָגען צו אידישקייט, פון איהם און פון זיין השפעה האָט מען דאָך פיעל גוטעס צו ערוואַרטען.

מסוכן זיינען דעריבער בלויז יענע וואָס געהערען צו דעם „ונגוע ב ק צ ה ו ״ טיפּ, האָבען בלויז עפּעס פאַרזוכט פון דער תורה, אַ טעימא כל שהיא, אַ „טעימא שאין בה כדי שביעה״, אָבער אויף אַזוי פיעל אַז זיי זאָלען זיך שוין קענען איינרעדען אַז זיי זיינען שוין פאַרטיגע קענערס, גרויסע תורה אויטאָריטעטען און דעריבער זיך שטופּען אויבענאָן און פאַרקעהרען אין די קרייזען פון די אמת׳ע לומדי תורה. ווייל אָבער זייערע ידיעות זיינען דאָך זעהר בלאַסע, זיינען זיי ממילא מלא ספיקות ופקפוקים און קוים זיינען זיי געקומען צו געוויסע פונקטען אין דער תורה וואָס זייער באַגרעניצטער שכל האָט עס ניט געקענט משיג זיין, איז שוין די תורה פאַר זיי ממילא געוואָרען אַ סם המות. וואָלטען זיי געלערענט אַ סך, איז דאָך „דברי תורה עניים במקום זה ועשירים במקום אחר״ וואָלט דער „מקום אחר״ פאַרענטפערט דעם „מקום זה״ און וואָלטען ממילא ניט געקומען צו קיין דעות כוזבות און צו קיין כפירה. אַזוי אָבער אַז זיי האָבען זיך נור באַנוגענט מיט דער „בקצהו״ און זיך אַנגע־

שטויסען אויף אַזעלכע ערטער וואָס זיינען „עניים במקום זה״, זיינען זיי ממילא געבליבען „עניים בדעת״ אָבער געגוג אויף צו זיין אַ „דל גאה״ וואָס וויל זיין אָרעמקייט ניט צוגעבען נור זוכען אָנצושטעקען מיט זיינע כפירה באַצילען די אַלע מיט וועלכע ער קומט אין געזעלשאפטליכען פאַרקעהר.

ניט אומזיסט זאָגט אַ פאָלקס ווערטעל אַז דער געפעהרליכסטער מענש פאַר וועמען מען דאַרף זיך שטאַרק היטען איז אַן „עם הארץ — אַ תלמיד חכם״. דאָס מיינט, אַט דער כאַראַקטעריסטישער טיפּ פון דער „בקצהו״־קלאַס וואָס איז אין אמת׳ען אַן עם הארץ אָבער רעכנט זיך שוין פאַר אַ תלמיד־חכם. אַזאַ פאַרשוין איז אַ מין בין־השמשות בריאה ביי וועמען עס איז ניט טאָג — ניט נאַכט און איז דערפאַר אַ „שני בשני״ מיט יענע „מזיקין״ וואָס זיינען אויך באַשאַפען געוואָרען בין השמשות און איז פאַר דער געזעלשאַפט אויך ניט קיין קלענערער „מזיק״ פון זיי...

אין לעבען באַגעגענען מיר היבש פון דיזען מין. איהר זעהט זיי אין די שוהלען און בתי מדרשים קריכען אַרום די ווענט וואו זיי בדק׳נען דעם וואַנט לוח פון וואַנען זיי שעפּען זייער לומדות וועגען „אב הרחמים״, „צדקתך״, דעם „מולד״ אד״ג און קריגען אַזוי אַרום גענוג שטאָף צו כאַפּען דעם רב ביי אַ גרייז און איהם פסל׳נען זיין רבנות...

זיינען דעריבער, ווי געזאָגט, ניט נור די „באַרג ג ל י ט ש ע ר״ אַ סכנה פאַר אידישקייט נור אויך די „באַרג ק ל ע ט ע ר ע ר״ ווען זיי דערקלעטערען ניט צו דער געהעריגער הויך און בלייבען נור ביים „ונגוע ב ק צ ה ו״...

קומענדיג צוריק צו אונזערע טעקסט פסוקים איז אגב כדאי זיך אָבצושטעלען אויף דער שפּראַכליכער ענדערונג פון אַט די צוויי גע־געגנגעזעצטע פסוקים. דען וועהרענד ביי דער „שכחה״ רעדט זיך בלשון י ח י ד „אם שכח תשכח״, רעדט זיך שוין ביי דער „שמיעה״ בלשון ר ב י ם „אם שמוע תשמעו״. פון וואַנען אַלזאָ די דאָזיגע ענדערונג?

פונקט אַזוי לאָזט זיך אויך נאָכדענקען וועגען דעם אויסדרוק פון „והיה״ ביים „שכח תשכח״. דען לויט חז״ל איז דאָך „אין ו ה י ה

אלא לשון ש מ ח ה ״ און וואָס פאַר אַ שמחה קען דאָ זיין ווען עס האַלט חלילה ביים „שכח תשכח את ה׳ אלקיך״ ?...

לאָזט זיך דעריבער זאָגען אַז אפשר אין דעם גופא באַשטעהט טאַקע די שמחה דאָס וואָס דער שכח תשכח איז נור בלשון יחיד. די תורה פאַרזיכערט אונז אַז ס׳וועט חלילה ניט קומען דערצו אַז שכחת ה׳ זאָל אָנעהמען אַ קאָלעקטיווען צבור׳ישען פאָרם. יחידים יאָ, אָבער א גאַנצער צבור זאָל חלילה קומען צו שכחת ה׳, דאָס ניט.

און דער לעבען באַשטעטיגט עס טאַקע. זעהען מיר דאָך למשל אַז אפילו אין אַזעלכע לענדער וואו אידישקייט שטעהט בשפל המדרגה און יחיד׳ישע הפקרות בושעוועט זעהר אויף אַ העסליכען שטייגער, בילדען פונדעסטוועגען די זעלבע צולאָזענע יחידים אַ גאַנץ אַנדער לעבענס שטייגער אויף דעם שטח פון זייער קהל׳שער טעריטאָריע, דאָרט וואו פון די יחידים ווערט א צבור. אין זיין פריוואַט לעבען געהערט טאַקע דער אָדער יענער יחיד צו דעם „שכח תשכח״ טיפּ, אין זיין צבור׳ישען לעבען אָבער באַלאַנגט ער שוין צום „שמוע תשמעו״ קלאַס. וואו אַ ר ב י ם דאָרט איז שוין „ ת ש מ ע ו ״. די פרייעסטע אידען האָבען נאָך אין זייער קאָלעקטיווען לעבען די אַלע נויטיגע רעליגיעז־טראַדי־ציאָנעלע אינסטיטוציעס, שוהלען און בתי מדרשים, חדרים און תלמוד תורה׳ס, מאַנכע פון זיי אפילו ישיבות אויך.

דאָס דערמאָנט אונז אין דעם אַנעקדאָט פון יענעם רב וועלכער האָט ניט געקענט אויסקומען מיט זיין מאַגערען געהאַלט און האָט שטאַרק געוואָלט מען זאָל איהם מוסיף זיין אויף די שכירות. ער האָט זיך מיט זיין בקשה געווענדעט צום ראש הקהל און יענער האָט איהם פאַר־זיכערט אַז פון זיין זייט וועט קיין מניעה ניט זיין, אַזעלכע זאַכען דאַרפען אָבער באַשטימט ווערען ביי אַן אַלגעמיינע אסיפה פון די שטאָט פיהרער. ער האָט איהם דעריבער געראַטען זיך צו זעהן מיט נאָך איינ׳יגע פיהרער כדי אויך מיט זיי זיכער צו זיין. דער רב נאַטירליך האָט אַזוי געטאָן און יעדערער פון די שטאָדט טאַטעס אָהן אויסנאַם האָט איהם אויפריכטיג פאַרזיכערט אַז פון זיין זייט וועט קיין מניעה ניט זיין. אַז ס׳איז אָבער געקומען צו דער אסיפה האָט זיך עס גראַדע

געענדיגט מיט אַ דורכפאַל פאַר׳ן רב. זייענדיג אַנטוישט פון דעם אויס־גאַנג האָט דער רב סאַרקאַסטיש באַמערקט: „די דאָזיגע קהלה איז אין דער בחינה פון בשר־בחלב וועלכעס ווערט באַצייכענט אַלס „חדוש״, דען פלייש באַזונדער מעג מען עסען, מילך באַזונדער איז אויך מותר נור אַזוי שנעל ווי זיי קומען זיך צוזאַמען ווערען זיי אסור. מיין קהלה, פיהרט אויס דער רב, איז אויך אַ מין בשר בחלב. יעדערער באַזונדער האָט געגעבען די בעסטע גינסטיגע פאַרשפּרעכונגען נור אַז זיי זיינען זיך אַלע געקומען צוזאַמען זיינען זיי געוואָרען בשר בחלב׳דיג און איך האָב שוין פון זיי קיין ה נ א ה ניט געקענט האָבען״...

וואָס אַנבאַלאַנגט אידישקייט איז די זאַך, ווי געזאָגט, אומגעקעהרט: יעדערער באַזונדער קען זיך טאַקע זיין אַ פריייער, און אין זיין פּריוואַט לעבען ווערט מען זעהר ווייניג אידישקייט געפינען, ווען זיי קומען זיך אָבער צוזאַמען אין דעם צבור׳ישען לעבען, דאָ איז שוין עפּעס אַנדערש, דאָ איז שוין „אם תשמוע תשמעו״... איז דאָס ווירקליך אַ בשורה טובה און פאַרדינט שוין טאַקע דער „תשכח״ בלשון י ח י ד, אויך אַ „והיה״, אַ לשון שמחה...

דער אמת׳ער „והיה — לשון שמחה״ איז אָבער נאַטירליך דער פון „שמוע תשמעו״ וועלכעס ווייזט אגב אויף די גאַנצקייט פון דער תורה און אויף דער אונצוטיילבאַרקייט פון איהרעביידע חלקים, די תורה שבכתב און די תורה שבעל פה.

„אם שמוע בחדש תשמע בישן״ (סוכה מו).

די אלטע באַרג־סיני־תורה מיט די נייע שבעל־פה־תורה זיינען ניט קיין צוויי נור איינס, „שתים שהן אחת״ און דערפאַר איז „אפילו כל מה שתלמיד ותיק עתיד ל ח ד ש ״ אויך פאַרוואָרצעלט געוואָרען אין סיני. תורה שבכתב אָהן תורה שבעל־פה איז אויך אין כלל פון דעם „ונגוע ב ק צ ה ו ״ אויף וועלכעס די תורה וואָרענט מיט אַ „מות יומת״, אַ פּסק דין וואָס די געשיכטע האָט שוין לאַנג באַשטעטיגט. קיין סעקטע אין אידישען פאָלק וואָס האָט ניט געוואָלט אַנערקענען די תורה שבע״פ

וואָרט און צייט

האָט ניט געקענט אָנהאַלטען קיין דויערהאַפטיגען עקזיסטענץ. זי איז אָבגעשטאָרבען און פאַרשוואונדען פון דער אידישער אַרענא.

תורה שבכתב אָהן תורה שבע״פ איז אין כלל פון דעם וואָס די גמרא זאָגט: „א״ר פרנך א״ר יוחנן כל האוחז ספר תורה ערום נקבר ערום״ וואָס מיינט „ערום בלי מצוות״. די תורה שבכתב איז דער טעקסט און יעדער טעקסט נויטיגט זיך אין אַ פירוש און די תורה שבע״פ איז עס דער דאָזיגער פירוש צו דער תורה שבכתב.

„אם שמוע תשמעו — אם שמוע בחדש תשמע בישן״, און וואו עס האַנדעלט זיך אין ש מ י ע ה איז — „מצוה ל ש מ ו ע דברי חכמים״!

ראה

הברכה והקללה המשמשים בערבוביה

את הברכה אשר תשמעו אל מצות ה׳
אלקיכם אשר אנכי מצוה אתכם היום.
יא—כז).

דער היינטיגער שבת וועלכער פאַלט אין די מעהרסטע יאָהרען אויס שבת מברכין אלול, איז דער ערשטער שבת ווען די שוהל בימה פאַנגט ווידער אָן אָפערירען נאָך אַ שטיקעל הפסקה פון אייניגע וואָכען ווען די מעהרסטע רבנים זיינען געוועזן פאַררייזט אויף זייערע זומער וואַקאַציעס.

עס מאַכט ניט אויס וואָס דער זומער מעג זיך נאָך זיין אין זיין פולער חמימא און אין זיין פולסטען היציגסטען טעמפעראַמענט, שבת מברכין אלול גראַמט זיך שוין ניט מיט וואַקאַציע. די גייסטיגע אלול ווינטען מילדערען שוין די זומער היצען און ברענגען צוריק די גייסטיגע אידען אין זייערע גייסטיגע צענטערס.

אלול רופט צוריק אין שוהל אַריין.

די אלול אטמאָספערע דרינגט נאָך אייגענטליך אריין אביסעל פריהער. חמשה עשר באב ווען דער טאָג הויבט שוין אָן ווערען קלענער, און די זון הויבט שוין באַצייטענס אָן צו געהן צוריק אין איהר „פוטערפאַס״, שוין דעמאָלט גיט דער „כי בא השמש״ דעם סיגנאַל פון „ וטהר ״... עס פיהלט זיך שוין דעמאָלט אַביסעל אלול׳דיג.

ניט אומזיסט פאַרזאָגען די ספרי מוסר אַז שוין פון חמשה־עשר באב זאָל מען אין בריעף וועקסלונג מיט פריינד זיך שוין באַגריסען מיט אַ כתיבה וחתימה טובה וואונש אַלץ כדי באַצייטענס זיך שוין צו גרייטען צו די הייליגע טעג.

אפילו די סדרות פון די וואָכען הויבען שוין אויך אָן פאַרברייטען דעם אידענס האַרץ און נשמה צו די ימים נוראים. אָנפאַנגענדיג מיט

„ואתחנן" ביז צו די סאַמע ענדע פון פ' „נצבים" (שבת סליחות) איז אין יעדער סדרה דאָ אַ רמז און אַ וואונק אויף די ימי הרחמים והרצון.

„ואתחנן אל ה' ב ע ת ה ה י א ", אין „יענער צייט" דאַרף מען שוין זיין צוגעגרייט צום „ואתחנן אל ה'", אַ תפלה פאַר דעם „אעברה נא" אַריבער צו קומען צום נייעם יאָהר לחיים ולשלום.

„והיה ע ק ב תשמעון את המשפטים האלה", ווען מ'האַלט שוין ביים „עקב", ביים סוף יאָהר, ווען אפילו נור דאַן ביים סאַמע ענדע פאַרכאַפּט מען נאָך דעם „תשמעון" מיט'ן „ושמרתם" איז נאָך אויך ניט צו שפּעט. אויף'ן ו ש מ ר ת ם פון ע ק ב וועט אויך קומען די באַלוינונג פון ושמר ה' אלקיך לך את הברית ואת החסד".

„ראה אנכי נותן לפניכם ה י ו ם ", וואָס, ווי געזאָגט, רעדט דאָך דער דאָזיגער שבת פאַר זיך אַליין ראש השנה'דיגס דורך זיין „ברכת החודש" פון אלול; און דער „היום" ווערט דאָך פון די ספרי מוסר אונ־טערשטראָכען אַלס דער יום הידוע, דער יום הדין.

„שופטים ושוטרים תתן לך בכל שעריך", איז דאָך ידוע די אויסטיי־טשונג פון של"ה הקדוש אַז דאָס באַציהט זיך אויף דעם מענשענס אייגענע „שערים" אין געשטאַלט פון מ ו י ל, א ו י ע ר, א ו י ג און נ אָ ז, אַז מ'דאַרף ביי אָט די אַלע „טויערן" אַוועקשטעלען שופטים ושוטרים זיי צו באַוואַכען אַז זיי זאָלען ניט זיין הפקר, ניט אַריינלאָזען אין זיך קיין אומגעוואונשטע געסט. היטען דעם מויל עס זאָל אין איהם ניט אַריינקומען קיין דבר טומאה, קיין לשון הרע און רכילות; היטען דעם אויער אויף ניט צו הערען וואָס מ'דאַרף ניט; די אויג, ניט צו קוקען וואו מ'טאָר ניט און אַזוי דעסטגלייכען די אַנדערע שערים פון מענשליכען גוף, און דורך דעם וועט ממילא זיין „ושפטו את העם משפט צדק" אין יענעם טאָג ווען ס'איז „היום יעמיד במשפט כל יצורי עולמים".

„כי תצא למלחמה על אויביך", וואָס דערמאָנט אין דעם „לא דברה תורה אלא כנגד יצר הרע", אַ מלחמה וואָס דאַרף אויסגעפאָכטעט ווערען איידער עס דערגרייכען די הייליגע טעג כדי צו קענען אַריינטרעטען זיעג־רייך בחצרות ה'. אויך איז דאָ פאַראַן אַ פאַרזיכערונג אז אויב נור „כי תצא", דו וועסט נור מאַכען דעם ערשטען שריט פון יציאה למלחמה, קענסטו שוין זיכער זיין אַז „ונתנו ה' אלקיך בידך" ווייל „הבא

לטהר מסייעין אותו" און „אתם פתחו לי פתח כחודו של מחט ואני אפתח לכם כפתחו של אולם".

„והיה כי תבא — — ולקחת מראשית" — — ווען מען האַלט ביים אַריינקומען אין נייעם יאָהר דאַרף מען אויסנוצען דעם „מראשית" אויף צו נ ע ה מ ע ן פון איהם גייסטיגע נאַהרונג וואָס זאָל דיענען אַלס צדה לדרך מראשית השנה ועד אחרית השנה.

און — „אתם נצבים ה י ו ם כולכם לפני ה' אלקיכם". מיט אַזעלכע געהויבענע הכנות קען מען ווירקליך זיך אַוועקשטעלען אין דעם דאָזיגען „היום" מיט'ן הא הידיעה, אויפריכטיג, פאַר'ן כסא הכבוד, און זיין זיכער אַז „למען הקים אותך היום לו", צו האָבען אַ קיום ותקומה צום נייעם יאָהר הבאה עלינו לטובה.

צווישען די אַלע אויסגערעכענטע סדרות איז אָבער היינט ביי אונז פרשת ראה דער גבור היום, ווייל ביי דער סדרה האַלטען מיר דאָך היינט, פאַרדינט זי דעריבער נאַטירליך אַ מעהר אויספיהרליכע און מעהר ברייטערע באַהאַנדלונג.

און היבש מוסר און טרייסט, וואָרנונג און בטחון דערלאַנגט אונז די היינטיגע סדרה. זי איז שטרענג אָבער אויך מילד, דראָהענד אָבער אויך ערמוטיגענד אין איהר מעסעדזש צו אונז.

„את הברכה אשר תשמעו אל מצות ה' אלקיכם"!

אשר ת ש מ ע ו — איז טאַקע כדאי זיך גוט צו צוהערען כדי ריכטיג אויפכאַפּען די איידעלע קלאַנגען און טענער וואָס געהען ארויס פון דער דאָזיגער פרשה וועלכע איז, ווי געזאָגט, אַ רינג אין דער גאָל־דענער קייט פון דער סעריע פרשיות וואָס בילדען אַ משמר הכבוד אַרום די פרינצליכע טעג, די „ימי מלכיות".

מערקווירדיג: דאָ ווערט אונז די ברכה פאַרזיכערט אויף'ן גרונט פון „אשר ת ש מ ע ו", וואָס איהר ו ו ע ט הערען ב ע ת י ד. וועהרענד ביי אברהם אבינו שטעהט: „עקב אשר שמע בקולי ו י ש מ ו ר משמרתי" — „וישמור" — ער האָט שוין אָבגעהיט, ב ע ב ר. איז אין דעם פרט, הייסט עס, אונזער זכות נאָך אַ גרעסערער פון אברהם'ס. איהם, אברהם'ען, האָט מען געצאָלט ערשט נאָכדעם ווי ער האָט שוין

וואָרט און צייט

גערטאָן די מצוות און אונז צאָלט מען גאָר אין פּאַראַויס, זיינען מיר דען גרעסערע „בטוחים" ווי אברהם אבינו?

די זאַך לאָזט זיך אָבער ערקלעהרען מיט אַ בילד פון לעבען.

בנוהג שבעולם אז איינער געהט קויפען אַ מלבוש געווענדעט זיך צו ער קויפט דעם בגד מן המוכן, ער געהט אַריין אין אַ קליידער געשעפט און קלייבט זיך צו אַ בגד צו זיין מאָס, אָדער ער לאָזט זיך מאַכען דעם מלבוש צו אָרדער. אין ערשטען פאַל איז דער פּרייז אַ ביליגערער ווי אין צווייטען פאַל און ווערט געצאָהלט ווען ער אָט שוין דעם בגד. אין צווייטען פאַל אָבער קאָסט עס טייערער און דאַרף אויך אין פּאַראַויס געבען אַן אויפגאַבע. אברהם אבינו האָט דאָך מקיים געווען כל התורה כולה נאָך איידער די תורה איז געגעבען געוואָרען, ער האָט אַלזאָ צוגע־גרייט אַ „סטאָק" פון תורה און מצוות מכל המינים און דער רבונו של עולם האָט ביי איהם „איינגעקויפט" די דאָזיגע סחורה מן המוכן, איז דאָך ממילא דער שכר געצאָהלט געוואָרען אויף'ן פּאַרטיגען, אַ שכר אויף דאָס אָבגעטהאָנענע, אויף'ן עבר. מיר אָבער, אברהם'ס אייניקלאַך ביי וועמען דער רבונו של עולם האָט באַשטעלט די מצוות צום אָרדער, אַן אָרדער וואָס איז געגעבען געוואָרען בשעת מתן תורה, האָט השי"ת דערפאַר געדאַרפט געבען אַן אויפגאַבע למפרע ווי עס פיהרט זיך געוועהנליך אין אַזאַ פאַל. מען דאַרף דאָך האָבען עפּעס מזומן אויף איינקויפען דעם מאַטעריאַל.. מען דאַרף דאָך באַזאָרגען ווייב און קינדער מיט עסען כדי ניט געשטערט זיין אין דער אַרבייט.. האָט דערפאַר גב"ה פאַרזיכערט: „את הברכה — אשר ת ש מ ע ו", איהר באַקומט שוין אַ חלק פון דער ברכה אויף'ן סמך פון א ש ר ת ש מ ע ו, אויף דעם אָרדער וואָס איהר דאַרפט ערשט מאַכען...

אָט דאָס איז דער זין פון „גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה". דער אינו מצווה ועושה מאַכט פאַר'ן סטאָק, דער מצווה ועושה אָבער מאַכט צום אָרדער...

און ווי דער רבונו של עולם פיהרט זיך מיט אונז מיט ז י י ן אָרדער, אַזוי דאַרפען מיר זיך אויך פיהרען מיט א י ה ם, מיט אונזער אָרדער. אויך מיר באַשטעלען דאָך אין די טעג פון ר"ה־יו"כ אַ גרויסען אָרדער אויף'ן גאַנצען יאָהר, אַן אָרדער וואָס ווערט אויסגעשריבען אין דער

ראה

גרויסער ליסט פון די תפלות „אבינו מלכנו״: „חיים טובים״; „גאולה וישועה״; פרנסה טובה וכלכלה״; „סליחה ומחילה״ און נאָך און נאָך. איז דאָך ניט מעהר ווי יושר׳דיג אַז אויך מיר זאָלען געבען אַן אויפ־גאַבע אין „באַרעס געלט״ אויף אַזאַ גרויסען אָרדער... אַט דערפאַר זיינען די דאָזיגע הייליגע טעג באַשטימט געוואָרען אויף תפלה ועבודה און זיינען געווידמעט צום „רחצו הזכו״, צום „קדשו הטהרו״ און צום „שפרו מעשיכם״. דאָס איז די אויפגאַבע וואָס מיר גיבען דעם רבוש״ע אויף אונזער גרויסען באַשטעלטען אָרדער.

אין אַט דעם זין דאַרפען גענומען ווערען אין באַטראַכט די גרויסע הכנות וואָס מיר דאַרפען מאַכען אין די אלול טעג און אויך וועלכע ווי געזאָגט, עס וואונקט צו אונז די סעריע סדרות פון ואתחנן ביז נצבים.

„ראה אנכי נותן לפניכם היום ברכה וקללה״!

איז עס טאַקע אַ גרויסער חסד פון השי״ת וואָס ער איז מקדים זיין ברכה נאָך איידער מיר האָבען איהר פאַרדינט. צו דער זעלבער צייט דערהערט זיך אָבער אַ וואָרנונג וועגען אַ ק ל ל ה אויך און דוקא אין א י י ן פסוק מיט דער ברכה. דאָס לאָזט זיך שוין נאָכדענקען. דען אויב די ברכה איז, ווי געזאָגט, אַ מין „האַנט געלט״ אויף׳ן עתיד, טאָ ווי פאַסט זיך דאָ אַריין אַ קללה? א י י ד ע ר מען פילט אויס דעם אָרדער איז דאָך ניטאָ קיין אורזאַך צו מאַכען דענקען אַז דער אָרדער וועט ניט פינקטליך אויסגעפילט ווערען?

משמעות אַז דער דאָזיגער „וקללה״ באַציהט זיך כלל ניט אויף דעם „אנכי נותן״. ניט פון א י ה ם כביכול וועט די קללה קומען, דען „מאתו לא תצא הרעות״. די ברכה אַליין קען אָבער אין אונזערע הענט פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ קללה חס ושלום און דאַרויף קומט די וואָרנונג.

ווי קען אָבער אַזעלכעס געשעהן אַז גאָט׳ס ברכה זאָל חלילה קענען פאַרוואַנדעלט ווערען אין אַ קללה?

דעם פירוש דערצו גיט דער לעבען גופא.

איז עס דען אַ זעלטענע ערשיינונג צו זעהן ווי מאַנכע פאַמיליעס ווערען צושטערט און רואינירט אַזוי שנעל ווי די ברכה האָט זיך אָנגע־הויבען צו באַווייזען פאַר זיי. כל זמן ארמוט און נויט האָבען געהערשט

ביי זיי, מען האָט זיך שטאַרק געמוטשעט אויף דאָס שטיקעל אָרעמע, דלי דלות׳דיגע לעבען, דאַן איז געווען שלום ושלוה אין הויז, מען האָט זיך געלעבט אַ געמיטליך שטיל רוהיג לעבען, טאַקע „פת חרבה״ אָבער „ושלוה בה״.

מיטאַמאָל האָט פאַר דער דאָזיגער פאַמיליע אַ שיין געטאָן די ליכטיגע זון פון גאָט׳ס ברכה און אָט די ברכה האָט דוקא געמאַכט אַן ענדע צו דאָס ביז אַהעריגע פאַמיליען גליק. דער באַשיידענער שטילער יונגערמאַן וואָס איז אין זיין אָרעמקייט געווען אַ טרייער אי־בערגעבענער מאַן צו זיין פרוי און א געטרייער טאַטע צו זיינע קינדער; זיין הויז איז פאַר איהם געווען אַ בית המקדש, זיין טיש אַ מזבח, זיין פרוי, די „שולמית״ פון שיר השירים און זיינע קינדער, די כרובים פון כפרת — איצט אָבער מיט זיין אויפגעקומענקייט, האָט זיך אַלעס געענ־דערט: דער בית המקדש איז חרוב געוואָרען, פרעמדע במות האָבען פאַרנומען דעם פלאַץ פונ׳ם מזבח, זיין טיש איז איבערגעשטעלט גע־וואָרען אין די רעסטאָראַנען און אין די פרעהליכע נאַכט קלובען; די שולמית איז אויסגעביטען געוואָרען מיט לינקע פלוירטערקעס; דער פריהערדיגער אָרעמער גן עדן איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ רייכען גיהנום; פון די „פת חרבה״ איז טאַקע געוואָרען „סלת נקיה״, פונ׳ם „שלוה״ איז אָבער געוואָרען „קטטה ומריבה״...

און זעהר אָפט קומען פאַר אַזעלכע משפטים אין די אידישע און ניט־אידישע „קאָורטס״ וואו די פרוי קלאָגט אַן איהר אויפגעקומענעם מאַן און עס שפּילען זיך אָפּ דראַמאַטישע סצענעס וואָס גיבען אַ שרעקליך טרויעריגע בילד פון אַ חרוב׳ען פאַמיליען לעבען וואָס איז געקומען אַלס רעזולטאַט פון דעם אויבערשטענס ברכה...

ניט זעלטען זיינען אויך די זעלבע פאַלען אין אַ פאַרקעהרטער ריכטונג ווען די ברכה איז פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין אַ קללה ניט פאַר דער פרוי נור גראַדע פאַר׳ן מאַן. די פריהער באַשיידענע באַלע־באָסטע, די עקרת הבית, וועלכע האָט מקיים געווען דעם פסוק „כל כבודה בת מלך פנימה״ און די פיער ווינקעלאַך פון איהר אָרעם באַ־שיידענע הויז זיינען געווען איהר לעבענס־אידעאַל, דער מאַן און די קינדער, איהר העכסטער נשמה ציעל. אַזוי שנעל אָבער ווי זי איז

אויפגעריכט געוואָרען, געוואָרען אן „אַלרייטניצע", איז מיטאַמאָל אַלץ צו גרונט געגאַנגען, נייע באַגריפען, נייע אידעאַלען, די הויז אין גאַנצען פאַרנאַכלעסיגט, פאַרבערענגט די טעג מיט די נעכט ערגעץ ביי די קאָר־טען טישלאַך אין די האָל'ס און קאַבאַרעען, ניטאָ די מוטערליכע השגחה אויף די קינדער, זייער גורל ווערט איבערגעגעבען צו די שוואַרצע דיענסטמיידעל.. און פאַר'ן מאַן איז איצט די גאַנצע הויז אַ קללה, אַ פלוכט און אַ גיהנום.

ניט אומזיסט קאָמענטירען אַזוי שעהן אונזערע חז"ל אויף די ברכת־כהנים ווען זיי טייטשען אויס: „יברכך ה' וישמרך — יברכך בממון, יברכך בבנים, וישמרך מן המזיקין". דער „יברכך" מוז באַגלייט ווערען מיט אַ „וישמרך" ווייל סיי די ברכה פון „ממון" און סיי די פון „בנים" קענען אַמאָל פאַרוואַנדעלט ווערען אין „מזיקין". עס קען זיין „ברכה וקללה", די ברכה זאָל צוזאַמענגעשמאָלצען ווערען מיט אַ קללה. און דאַרויף קומט די געטליכע וואָרנונג אין דעם ערשטען פסוק פון דער היינטיגער סדרה.

איז עס, ווי געזאָגט, אַ פרשה וואָס טראָגט מיט זיך אַרויס סיי וואָרנונג און סיי ערמוטיגונג, זי טרייסט און דראָהט אין איין און דער זעלבער צייט און דיענט אַלס וואונדערבאַרער פּראָלאָג צו די אָנקומענדע עהרליכע און הייליגע טעג פון ראש השנה און יום כפור.

ראה אנכי נותן לפניכם היום!

שופטים

האַנרכיה בשדה הרבנות

כי יפלא ממך דבר למשפט בין דם לדם בין דין לדין דברי ריבות בשעריך, וקמת ועלית — — — ובאת אל הכהנים הלוים ואל השופט אשר יהיה בימים ההם.

(דברים י״ז, ח׳—ט׳).

לא יקום עד אחד באיש — — עפ״י שנים עדים — — ועמדו שני האנשים אשר להם הריב לפני ה׳ לפני הכהנים והשופטים אשר יהיו בימים ההם.

(דברים י״ט, ט״ו—י״ז).

ולקחת מראשית כל פרי האדמה אשר תביא מארצך אשר ה׳ אלקיך נותן לך — — — ובאת אל הכהן אשר יהיה בימים ההם.

(דברים כ״ו, ב׳—ג׳).

האָבען מיר פאָלגליך דריי מאָל איבערגע׳חזר׳ט אין דער תורה דעם „ובאת אל הכהן (אָדער: הכהנים) אשר יהיה בימים ההם״, צוויי מאָל אין היינטיגער סדרה אַליין און איינמאָל אין פ׳ כי תבא. דעם פירוש אָבער צו דעם „בימים ההם״ איז ניט אין אַלע ערטער גלייך. אין ערשטען פאַל טייטשט אויס רש״י: „אשר יהיה בימים ההם ואפילו אינו כשאר שופטים שהיו לפניו אתה צריך לשמוע לו אין לך אלא שופט שבימיך״. אויף׳ן צווייטען אָרט זאָגט רש״י: „אשר יהיו בימים ההם, יפתח בדורו כשמואל בדורו, צריך אתה לנהוג בו כבוד״; און אין פ׳ תבא: „אשר יהיה בימים ההם אין לך אלא כהן שבימיך כמו שהוא״.

און געוויס האָט רש״י דערביי געהאַט אַ באַזונדער כונה ווען ער האָט אין יעדער אָרט געשטעלט דעם טראָפּ אויף אַן אַנדער פונקט, און ווען מיר קלייבען זיך פאַנאַנדער אין די דאָזיגע דריי ענינים ווערט

שופטים

פאַר אונז אָט די כונה רש״י׳ס אין יעדער אָרט באַזונדער גאַנץ קלאָר און פאַרשטענדליך.

די דריי ציטירטע ענינים כאָטש אין אַלע פון זיי פיגורירט דער כהן „אשר יהיה בימים ההם״, זיינען זיי אָבער פאַרשיעדען אין כאַראַק־טער איינער פון אַנדערען.

אין ערשטען פאַל האַנדעלט זיך וועגען „דברי ריבות בשעריך״ וואָס לויט רש״י׳ס אויסטייטשונג מיינט עס: „שיהיו חכמי העיר חולקים בדבר זה מטמא וזה מטהר זה מחייב וזה מזכה״. עס הייסט אַלזאָ פשוט אַ רב׳נישע מחלוקת אין עניני איסור והיתר ווי טומאה וטהרה, כשרות אד״ג וואו די דעות זיינען צוטיילט, הללו אוסרין והללו מתירין, זה מטמא וזה מטהר.

אַזעלכע פעלע זיינען ליידער ניט קיין זעלטענע ערשיינונגען אין אידישען לעבען און זעהר אָפט דערגרייכט עס צו אַזאַ פונקט וואָס ברענגט גרויס חלול השם און בזיון כבוד התורה. עס פאַנגט זיך אָן מיט׳ן „ה כ ה ן המשיח יחטא״ און ענדיגט זיך מיט׳ן „לאשמת העם״. דען דאָס פשוט׳ע פאָלק זעהענדיג ווי די רבנים אַליין קריגען זיך אַרום און אַז איינער זאָגט טאָג זאָגט דער צווייטער נאַכט, אַז דער שרייט „טרפה״ שרייט דער אַנדערער „כשר״, פאַלט ביי איהם דאַדורך אַרונטער דער רבנישער אויטאָריטעט, ער פאַרלירט דעם רעספּעקט פאַר׳ן תלמיד חכם און דעם דרך ארץ פאַר׳ן גייסטיגען פיהרער. פאַרשטעהט זיך אַז דאָס ברענגט ממילא צו דעמאָראַליזאַציע אין אידישען לעבען, הפקרות שפּאַ־צירט זיך אַריין מאַיעסטעטיש אין דער מחנה ישראל און עס הערשט אַ כאַאָטישער צושטאַנד אויף גאַנצען שטח פון דאָס רעליגיעז־טראַדי־ציאָנעלע אידענטום, „אין כהן ואין שופט ואיש הישר בעיניו יעשה״.

די תורה האָט נאַטירליכערוייזע געוואָלט באַזייטיגען דעם דאָזיגען איבעל און האָט דערפאַר אַרויסגעגעבען איהר דעקרעט פון „ובאת אל הכהנים ואל הלוים ואל השופט אשר יהיה בימים ההם״ וואָס מיינט צו זאָגען אַז אויך די „דברי ריבות״ פון די „חכמי העיר״ דאַרפען ענט־שיידעט ווערען דורך אַ העכערע אויטאָריטעט און אויך זיי, די חכמי העיר, דאַרפען זיך אונטערוואַרפען דעם „דבר המשפט״, דעם פסק־דין פון אַ גרעסערע און מעהר אויטאָריזירטע רב׳נישע קראַפט.

וואָרט און צייט

ווער זאָל אָבער זיין אָט דער אויטאָריטעטיווער כח צו וועמען די חכמי העיר זאָלען זיך מוזען בויגען און אָננעהמען זיין פסק פאַר ענדגילטיג?

דאַרויף זאָגט די תורה: „ובאת אל הכהנים הלוים ואל השופט אשר יהיה בימים ההם". זי פאַנגט אָן מיט לשון רבים „הכהנים הלוים" און ענדיגט בלשון יחיד „ואל השופט". משמעות אַז ניט אַלעמאָל און ניט אומעטום קען דער אויטאָריטעטיווער כח אָננעהמען דעם זעלבען פאָרם. אַמאָל קען עס זיין אפילו אַ י ח י ד און אַמאָל דאַרף עס זיין אַ ר ב י ם.

מיר די איינגעוואַנדערטע אידען אין אמעריקא וואָס האָבען געהאַט די געלעגענהייט און ערפאַהרונג זיך צו באַקענען מיט דער פסיכאָלאָגישער זייט פון אידישקייט אויףביידע זייטען פון דעם גרויסען אָקעאַן, איז אונז ניט שווער צו שאַפען זיך אַ באַגריף וועגען די דאָזיגע צוויי פאָרמען פון אויטאָריטעט.

אין דער אַלטער היים איז דער דרך ארץ פאַר תורה און פאַר תורה אויטאָריטעטען געווען גאַנץ אַנדערש ווי דאָ אין דער נייער היים. דאָרט איז דאָס תורה וואָרט געווען אַ דאָמינירענדער פאַקטאָר אין אי־דישען לעבען; און פונקט ווי בעלי בתים האָבען אַנערקענט די רבנישע אויטאָריטעט אַזוי האָבען רבנים אַליין אויך אַנערקענט די רבנישע אוי־טאָריטעט; עס זיינען געווען גרעניצען אין דעם רבנישען לאַגער גופא. דער קלענערער רב האָט געהאַט דעם געהעריגען דרך־ארץ פאַר'ן גרע־סערען. מ'האָט געוואוסט ווער ס'איז סתם אַ רב, ווער אַ „רב גדול" און ווער אַ „רב גאון". עס האָט ניט געוואָגט וועלכער ס'איז רב זיך אָנצורופען מיט'ן נאָמען „גדול" אָדער „גאון", יעדערער האָט געוואוסט צו וועלכער קאַטעגאָריע ער געהערט און איז געווען אַ „חכם המכיר את מקומו". איז דאָרט דעריבער די רבנישע אויטאָריטעט פונעם י ח י ד אויך אַנערקענט געוואָרען און ס'האָט געקענט אָנגעווענדעט ווערען דער „ובאת אל ה ש ו פ ט אשר יהיה בימים ההם". דער וואָרט פון דעם איינציגען אַנערקענטען גאון איז געווען מאסגעבענד און זיין פסק דין איז געווען אַ „מעשה בית דין" אויף וועלכעס עס איז אָנגעווענדעט געוואָרען דער „אין אחר מעשה בית דין כלום".

דאָ אין אַמעריקא וואו דער דרך ארץ פאַר תורה איז ליידער בשפל המדרגה; דער תורה קורס איז היבש געפאַלען אין דעם בעל הבית'ישען

לאַגער און ניטאָ יענער רעספּעקט און פאַרעהרונג פאַר תורה און פאַר לומדי תורה ווי ס׳איז געווען דאָרט מעבר לים, דאָ האָט זיך די דאָזיגע גרינגשעצונג אין אַ באַדייטענדער מאָס אויך איבערגעטראָגען אין דעם רבנישען לאַגער אַליין, לויט׳ן כלל אז „פרנס לפי הדור״...

דאָ אין אַמעריקא זיינען כמעט ווי אָבגעווישט געוואָרען די גרענעצען צווישען דעם קלענערען רב און דעם גרעסערען. די רבנישע טיטולען האָבען אָנגענומען אַ הפקר׳דיגען כאַראַקטער. יעדער רב איז געוואָרען אַ „גאון״ און מאַנכע שרייבען עס אַזוי בפירוש אויף זייערע שילדען וואָס זיי הענגען אַרויס ביי זייערע וואוינונגען, און דערפון ממילא אויך די הפקרות אויף דער גאַנצער רבנישער גאַס. דען אויב יעדער רב האַלט זיך פאַר אַ גאון מעג דאָך יעדער רעווערנד׳ל זיך האַלטען לפחות פאַר אַ רב...

דאָס האָט דערבראַכט צו דער שטופּע וואָס מאַנכע פון די העכסטע רבנישע פונקציעס זיינען אַריבער אין די הענט פון אַזעלכע „ערב רב׳ס״ וואָס „לא קראו ולא שנו ולא שמשו תלמידי חכמים״ און אַ טייל פון זיי אויך עמי הארצים גמורים.

אין אַזאַ אָרט ווי דאָ איז שוין שווער צו זאָגען „ובאת אל השופט אשר יהיה בימים ההם״, ווייל דאָרט וואו יעדער רב׳ל איז ביי זיך אַליין פאַררעכענט פאַר „הגאון הגדול״, טאָ וואו איז דאָ פאַראַן דער „השופט״ מיט דער הא הידיעה וועמעס אויטאָריטעט זאָל ווערען אָנער־קענט ווערען אַלס דער העכסטער אינסטאַנץ?

דאָ מוז שוין דעריבער אָנגעווענדעט ווערען די ערשטע העלפט, נעמליך: „ובאת אל הכהנים הלוים״. אויב ניט קיין יחידי׳ישע אויטאָריטעט, אמווייניגסטענס כאָטש די אויטאָריטעט פונ׳ם רבים. הונדערט רבנים דאַרפען דאָך אַלץ זיין שטאַרקער פון איינעם אָדער פון איינציגע!

ליידער האָבען מיר שוין דערלעבט אַזאַ צייט וואָס די הפקרות האָט שוין אַזוי ווייט אַריינגעדרונגען אין אידישען לעבען אַז אפילו די רבנישע מאַיאָריטעט האָט שוין אויך פאַרלאָרען איהר אויטאָריטעט. מיר האָבען שוין דערלעבט די צייט ווען איינציגע רבנים האָבען זיך געוואָגט צו שטעלען געגען די אויטאָריטעט פון אַ פאַראייניגטען ראַבינאַט אין אַזאַ

וואָרט און צייט

גרויסע שטאָדט ווי ניו יאָרק וואָס נעהמט אַריין אין זיינע רייהען איבער דריי הונדערט רבנים, און דער „ובאת אל ה כ ה נ י ם" איז שוין אויך אַראָפּ פון זיין קורס...

איז גרויס דער וועהטאָג און נאָך גרעסער די שאַנדע! סיידען מען זאָל זיך טרייסטען דערמיט וואָס אויב מען האָלט שוין ביי אַזאַ „חוצפה יסגי" איז עס אַ סימן אויף די „עקבתא דמשיחא"..

איז דעריבער ווען עס האַנדעלט זיך אין „דברי ריבות בשעריך — שיהיו חכמי העיר חולקים בדבר זה מטמא וזה מטהר", דאָ קומט רש"י'ס באַטאָנונג: „אתה צריך לשמוע לו", צו פאָלגען דעם אויטאָריזירטען כח צו עס איז אין געשטאַלט פון אַ יחיד, פון „השופט אשר יהיה בימים ההם", צו אין געשטאַלט פון אַ ר ב י ם — „הכהנים הלוים". „אתה צריך לשמוע לו"! עס מוז זיין אַן אַנערקענטע אויטאָריטעט, עס טאָר ניט הערשען קיין הפקרות אין אידישען לעבען און אינ'ם רבנישען לעבען אודאי ניט.

אין צווייטען פאַל, דאָרט וואו רש"י שטעלט שוין דעם טראָפּ ניט אויף'ן „אתה צריך לשמוע לו" נור אויף'ן „צריך אתה לנהוג בו כבוד", דאָרט האַנדעלט זיך שוין ניט וועגען קיין רבנישע קאָנפליקטען און וועגען די באַציהונגען צווישען רב און רב, נור עס ציעלט שוין אין בעל־הבית'ישען לאַגער און עס האַנדעלט זיך שוין וועגען די באַציהונגען צווישען בעל הבית און רב.

דיזער פסוק רעדט וועגען „ועמדו שני האנשים אשר להם הריב". בעלי בתים קומען צום רב אויף אַ דין תורה נאַטירליך וועגען דיני ממונות. אין אַזעלכע פאַלען אַנטפּלעקען זיך זעהר בולט די בעל־הבית'ישע באַציהונגען צום רב און גאַנץ אָפט דריקען זיך די דאָזיגע באַציהונגען אויס אין זעהר ניט קיין שעהנע ליכט.

זעהר זעלטען אַז ביידע בעלי דינים זאָלען אַרויס פון רב'ס הויז נאָכ'ן פסק דין און זאָלען ביידע צופרידען זיין. דער וואָס פאַרלירט די דין תורה איז כמעט אַלעמאָל אָנגעשטויסען אויף'ן רב. האָט ער ביז צו דער דין תורה געקענט זיין אפילו פון דעם רב'ס גרעסטע פאַרהערער און פאַטריאָטען, אַזוי גיך אָבער ווי ער האָט ביי איהם איינמאָל פאַרשפּיעלט אַ ד"ת, ווערט ער שוין אויס פאַרהערער און אויס פאַטריאָט. מאַנכעס

שופטים

מאָל וואָגט ער נאָך אַזוי ווייט ווי צו פאַרדעכטיגען דעם רב אין נשיאת פנים און קבלת שוחד... און זאָגט עס אפילו אַרויס אָפען דעם רב אין די אויגען.

עס ווערט נאָכגעזאָגט פון דעם גרויסען גאון רבי ישראל סאלאנטער אַז ער זאָל אַמאָל האָבען געפרעגט איינעם אַ בעל הבית וואָס האָט שטאַרק גע'רודף'ט דעם רב נאָכדעם ווי ער האָט ביי איהם פאַרשפּיעלט אַ דין תורה: סטייטש, זאָגט צו איהם רי"ס, איהר האָט דאָך אַמאָל ביים זעלבען רב געהאַט אַ שאלה וועגען אַ גרויסען סטאַק מיט ספּירט וואָס איהר האָט פאַרגעסען צו פאַרקויפען אין חמץ און דער רב האָט עס גע'אסר'ט אַלס „חמץ שעבר עליו הפסח". איהר האָט דאַן געליטען אַ שאָדען פון היבשע הונדערטער און דאָך האָט איהר דעם רב האַרציג באַדאַנקט פאַר דעם וואָס ער האָט אייך מציל געווען פון אַן איסור, און וואָרום איצט ווען דורך אייער פאַרשפּילטער דין תורה האָט איהר בלויז פאַרלאָרען אַ פּאָר צעהנדליג רובעל, זיינט איהר געוואָרען אַזוי אויפ־געבראַכט אויף'ן רב, כאָטש דעמאָלט האָט ער אייך נור פאַרהיט פון אַן איסור דרבנן וועהרענד איצט האָט ער אייך פאַרהיט פון אַן איסור גזל דאורייתא?

דאַרויף זאָל איהם דער איד האָבען געענטפערט: פאַרשטעהט איהר מיך, רבי, ווען איך וואָלט איצט געווען געדאַרפט די פּאָר צעהנדליג רובעל אַריינוואַרפען אין ים ווי ס'איז געווען דעמאָלט דער פאַל מיט די פעסער ספּירט וואָלט מיך אסור געווען פאַרדראָסען. מיינע רובלען זיינען דאָך אָבער ניט אין ים אַריין נור צו מיין בעל־דבר אין קעשענע, דאָס זעהט איהר קען איך שוין ניט דולדען און עס איז ביי מיר קיין ספק ניט אַז דער רב איז אונטערגעקויפט געוואָרען...

אין פאַרבינדונג דערמיט ווערט ווידער דערצעהלט וועגען אַ קלוגען רב פאַר וועמען עס איז פאָרגעקומען אַ דין תורה וואו איינער פון די בעלי דינים איז געווען אַן עושר און דער צווייטער אַן אָרעמאַן, און פאַרשפּיעלט האָט גראַדע דער עושר. האָט דער לעצטער פאָרגעהאַלטען דעם רב אַז ער פיהרט זיך ניט לויט די פאַרשריפטען פון דער גמרא וואו עס ווערט געזאָגט: „רבי מכבד עשירים".

וואָרט און צייט

דאַרויף האָט איהם דער רב געענטפערט: איהר פאַרשטעהט ניט מיין ליעבער איד דעם פשט אין דער גמרא. דער פשט איז אזוי: די משנה זאָגט דאָך אַז: „שלשה פגיעתן רעה ואלו הן חרש שוטה וקטן, הם שחבלו באחרים פטורים ואחרים שחבלו בהם חייבים". אין אמת'ען אָבער איז דאָך דאָ נאָך אַ פערטער, דער עושר, וואָס איז אין דעם פרט אויך אַן אָנשיקעניש ווייל ער וויל און „מוז" אַלעמאַל בלייבען דער גערעכטער. האָט דאָך רבי דער מסדר המשנה געדאַרפט אַריינשטעלען ארבעה פגיעתן רעה? דאַרויף זאָגט די גמרא אַז „רבי מכבד עשירים", האָט ער דערפאַר דעם עושר געשוינט און איהם ניט אַריינגעשטעלט צווישען דעם חרש שוטה וקטן...

אין אַזאַ פאַל איז שוין די באַטאָנונג ניט אויף דעם „אתה צריך לשמוע לו", דען דאָ האַנדעלט זיך ניט אין ניט פאָלגען דעם רב'ס פסק דין. דעם פסק דין פאָלגט ער טאַקע יאָ אָבער דער רב ווערט דערפאַר באַלוינט מיט בזיונות און באַליידיגונגען, דאַרויף קומט דעריבער די באַטאָנונג פון „צריך אתה לנהוג ב ו כ ב ו ד ". דרך ארץ פאַר'ן רב און פאַר זיינע פסקים, ער איז דער זעלבער רב אין דיני ממונות ווי אין איסור והיתר; דער חושן משפט איז דער זעלבער אויטאָריטעט ווי דער יורה דעה, און די זעלבע „סמיכה" וואָס אויטאָריזירט דעם רב אין „יורה יורה" אויטאָריזירט איהם אויך אין „ידין ידין"...

און דאַן קומט דער דריטער פאַל פון „בכורים" וואָס ריהרט שוין אָן דעם ענין פון „החזקת הרב", די בעל הבית'ישע פליכטען צו דער אויפהאַלטונג פון דעם רב'ס עקאָנאָמישען עקזיסטענץ.

און דאָ שטעלט רש"י דעם טראָפּ אויף דעם „אין לך אלא כהן שבימיך כ מ ו ש ה ו א ".

גראַדע איז דער „כהן שבימיך" אין דעם בכורים פאַל, דער לעצטער אין די רייהע אַנטקעגען די פריהעריגע צוויי. שטימט עס מיט דער פראַקטיק פון לעבען וואו אין דעם בעל הבית'ישען בודזשעט בלייבט דער רב אויף'ן לעצט, אין איינקלאַנג מיט'ן „אני ראשון ואני אחרון" וואָס ווערט בדרך הלצה אויסגעטייטשט אַז ביי דברים שבקדושה איז פאַראַן צווייערליי מאָסען, די מאָס פון „אני ראשון" און די מאָס פון „אני אחרון". אין אַ

צייט פון קריזיס ווען מ׳זוכט צו עקאָנאָמירען איז „אני ראשון״ קומען די עניני קדושה צום ערשטען אין דער עקאָנאָמיע; דאַגעגען, אין אַ צייט פון שפע און פּראָספּעריטי, איז „אני אחרון״, דערמאָנט מען זיך אין דער געטליכקייט ערשט צום סאַמען לעצט. ווען אַלע לוקסעריעזע זאַכען ווערען שוין באַזאָרגט ערשט דאַן דערמאָנט מען זיך אויך אין די דברים שבקדושה, אין שוהל, אין ת״ת, אין רב אד״ג. אין נ אָ מ ע ן איז עס טאַקע ב כ ו ר י ם, אין ט ה אַ ט אָבער איז עס גראָדע א ח ר ו ן...

אָבער אפילו אויך דאַן הויבט מען אָן צו מאַכען חשבונות אין באַ־צוג צום באַטרעפענדען „כהן״ צו איז ער בכלל ראוי אונטערשטיצט צו ווערען, צו איז ער טאַקע אַזאַ „נצרך״... מען שאַצט אָפּ זיינע הכנסות און מען פאַרגלייכט זיי מיט די הכנסות פון דעם קליינשטעלטעדיגען רב אין דער אַלטער היים. מען פאַרגעסט אָבער דערביי אויך צו פאַרגלייכען די הוצאות פון דעם הייגטיגען רב אין אַמעריקא ביז די פון דעם אַלטען היימישען רב...

די תורה זאָגט אָבער: „אל הכהן אשר יהיה בימים ההם — אין לך אלא כהן שבימיך כ מ ו ש ה ו א״. עס איז דיין בעל הבית׳ישע פליכט מחזיק צו זיין דיין רב אָהנע צו מאַכען וועלכע ס׳איז חשבונות וועגען איהם. „כהן כמו שהוא״, אַט ווי ער איז. קוק איהם ניט אין טעפּעל אַריין און אויב ער לעבט טאַקע אין רחבות, דאַרף ער דאָך ערשט טאַקע אַ סך און ווער, אויב ניט זיינע בעלי בתים דאַרפען זאָרגען דערפאַר.

און אין אַלע פאַלען, צו עס האַנדעלט זיך וועגען „לשמוע לו״, צו וועגען „לנהוג בו כבוד״ אָדער וועגען „הבאת בכורים״, דאַרף די לאָזונג שטענדיג זיין „אין לך אלא כהן שבימיך״, ווייל „יפתח בדורו כשמואל בדורו״.

יפתח און שמואל זיינען דאָךווירקליך געווען צוויי עקסטרעם־געגענ־געזעצטע טיפען, ווייט איינער פון אַנדערען כרחוק מזרח ממערב. שמואל דער זוהן פון צדקת חנה, דאַגעגען יפתח דער בן אשה זונה; שמואל דער אויפגעהאָדעוועטער בבית ה׳, יפתח דער פאַרטריבענער מבית אבותיו; שמואל — „והנער שמואל הולך וגדל וטוב לה׳ ולאנשים״ און יפתח — „ויתלקטו אל יפתח אנשים ריקים״; שמואל ווירקט מיט זיין גייסט און יפתח מיט זיין שווערד.

וואָרט און צייט

אַזוי פאַרשידען איינער פון אַנדערען און דאָך: „יפתח בדורו כשמואל בדורו", ווייל — „אין לך אלא כהן שבימיך". אויב די אַמאָליגע כהנים זיינען געוועזן גרעסער און חשוב'ער, זיינען דאָך אָבער די אַמאָליגע בעלי בתים אויך געוועזן גרעסער און חשוב'ער און דאָרט וואו ס'איז „פרנס לפי הדור" דאָרט איז אויך „דור לפי הפרנס".

ובאת אל הכהן אשר יהיה בימים ההם —

אין לך אלא כהן שבימיך!

כי תצא

(לפרשת זכור)

זכור את אשר עשה לך עמלק בדרך בצאתכם ממצרים.

(כ״ה—י״ז).

אויב די תורה בכלל איז אַ נצחית פאַר אַלע צייטען און פאַר אַלע דורות, איז אָבער די נצחיות פון פרשת עמלק פּראָקלאַמירט געוואָרען אויף אַ מעהר ספּעציפישען אופן. דאָ איז דייטליך פאַרזאָגט געוואָרען דער „מחה תמחה״ און דער „מלחמה בעמלק מ ד ר ד ר״. די אידישע טראַדיציע פאָלגט טאַקע אויס די דאָזיגע זכירת עמלק דורכ׳ן ספּעציעלען „שבת זכור״ וואָס פאַרנעהמט אַ זעהר פּראָמינענטען פּלאַץ צווי־שען די אַנדערע שבתים פון יאָהר.

לאָזט זיך עס נאָכטראַכטען וועגען דעם גאַנצען ענין. דען נאָך אַלעמען איז דאָך עמלק בלויז געווען איין רינגעלע אין דער גרויסער דורות קייט פון אידישע צרות. זיינען דאָך געווען אי פאַר איהם אי נאָך איהם גענוג צוררי ישראל וואָס האָבען ניט וועניגער אויב ניט מעהר פאַרביטערט דעם אידישען לעבען מיט די שרעקליכסטע ענוים און גזירות און דאָך איז פאַר קיינעם פון זיי קיין „פרשת זכור״ ניט פּראָקלאַ־מירט געוואָרען אויסער פאַר איהם, פאַר עמלק׳ן?

אין געגענטייל: מצרים מיט איהר „ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה״ איז וועגען איהר פּראָקלאַמירט געוואָרען אַ „לא תתעב מצרי״, דאָס זעלבע מיט אדום — „לא תתעב אדומי״. האָבען דאָך שפּעטער־צו אויך אַנגעפיהרט מלחמות מיט אידען גאַנצע ל״א מלכים און מ׳האָט דערפון ניט געמאַכט אַזאַ גרויסען וועזען. אַ פרשה פון „זכירה״ וואָס געהט אויך אַריין אינ׳ם מנין פון די תרי״ג מצוות, איז נור געווידמעט געוואָרען צו דער מלחמת עמלק.

וואָרט און צייט

איז אויב דאָס איז אַן ענין לדורות איז דאָך משמעות אַז די פּרשת עמלק מעהר פון אַנדערע פון איהר סאָרט, האָט אַ דירעקטע שייכות צו יעדען דור באַזונדער. טאָ מיט וואָס ערקלעהרט זיך דאָס?

לויט אַלע וואַרשיינליכקייטען זעהט עס אויס אַז אין מלחמת עמלק ליגט דער שליסעל צו דעם „שנאת עולם לעם עולם״ און איז פון דיזען שטאַנדפּונקט דעריבער אַ זאַך פון דער אייביגקייט און פון דויערהאַפטיגען כאַראַקטער.

מיט׳ן פאַרטיפען זיך אין דער עמלק אַפּערא וועט פאַר אונז קלאָר ווערען די אמת׳ע סיבה פון די אידישע צרות און ליידען אין אַלע דורות און אין אַלע צייטען. עמלק איז אַזוי צו זאָגען די דיאַגנאָזא פאַר דער שנאת העמים, אַ זאַך וואָס איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט פאַר דער גראַדליניגקייט פונ׳ם אידישען לעבענס פּראָצעס.

די עמלק דיאַגנאָזא וועט אונז ניט לאָזען אַפּנויגען אין זייטיגע וועגען וואו מיר וועלען פּרובירען זוכען די סבות צו דער אידישער טראַגעדיע און אַזוי אַרום פאַרפיהרט און פאַרבלאָנדזשעט ווערען דורך פאַלשע טהעאָריעס און דורך פאַרפיהרערישע שוץ מיטלען.

און זיינען דאָך ווירקליך אַזעלכע נסיונות און פּראָבען געמאַכט געוואָרען און ווערען נאָך ביז היינטיגען טאָג געמאַכט אין די פאַרשיעדענע „לאַבאָראַטאָריעס״ פון די זאָגענאַנטע אידישע פאַרזאָרגערס וואָס זוכען די נויטיגע תרופות מיט וועלכע צו קענען אויסקורירען די אידישע מחלה, אָבער זיינען אין קיין פאַל ניט געווען קיין געלונגענע און האָבען נור געהאָלפען צו פאַרגרעסערען די אַנטוישונג און פאַרמעהרען די פאַר־צווייפלונג.

פאַרשיעדען זיינען זיי די דאָזיגע עקספּערימענטאַלע לאַבאָראַטאָריעס וואָס האָבען זיך געשטעלט אַלס זייער אויפגאַבע די אויסראָטונג פון דער גוי׳אישער שנאה צום עם אלקי אברהם. ניט אַלע שטעלען אַוועק די זעלבע דיאַגנאָזא. מיט איין זאַך זיינען זיי אָבער אַלע איינשטימיג אַז אין דעם „נהיה ככל הגוים בית ישראל״ ליגט די אמת׳ע רפואה צו דער אידישער גלות קראַנקהייט.

כי תצא

און כאָטש די אויסטייטשונגען פון דעם דאָזיגען „נהיה ככל הגוים״ נעהמען אָן פאַרשיעדענע פאָרמען, אייניגען זיי זיך אָבער אויף אַ פּרינ־ ציפּיעלען „צד השוה״ און טיילען זיך בלויז פאַנאַנדער אין די „לאַ הרי״ס...

ביי אַלעמען פון די דאָזיגע „דאָקטוירים״ אונזערע איז „אַסימילאַציע״ דער שלאָגוואָרט אויף צוריק צושליידערען די שנאת העמים, נור די אַסימילאַציע גופא ווערט ניט ביי אַלעמען אויסגעטייטשט אויף איין און דעם זעלבען אופן.

אַנדערע פאַרשטעהען אין דעם, די אַסימילאַציע אין נאַציאָנאַלען זין. לאָמיר אויפהערען, זאָגען זיי, צו חלומ׳ען וועגען נאַציאָנאַלע זעלבסט־ שטענדיגקייט, וועגען אַ אידישע נאַציאָנאַלע היים מיט ספּעציפיש אידיש נאַציאָנאַל אַספּיראַציעס, און דאַן וועט אַלץ גוט ווערען. די גאַנצע שנאה צו אונז, באַהויפּטען זיי, נעהמט זיך דערפון וואָס מען פאַרגינט אונז ניט אונזער נאַציאָנאַלע „התקוה״; מען וויל ניט זעהן אידען אַלס זעלבסטשטענדיגעס פאָלק על אדמתו וארצו און לאָמיר זיך נור פּרובירען אָבזאָגען פון די דאָזיגע שטרעבונגען וועלען די גוים זיך אויך זאָפאָרט אָבזאָגען פון זייער רשעות.

לויט דיזע טהעאָריע קומט אויס אַז די ניט אידישע וועלט האָט אונז געהרן אין איהר מיטע. זי וויל ניט אַז מיר זאָלען פאַרלאָזען זייערע לענדער און אויסוואַנדערען נאָך ארץ ישראל; זיי זשאַלעווען הייסט עס צו פאַרלירען אַזעלכע גוטע שכנים וועלכע ברענגען זיי אין זייערע לענדער אַזוי פיעל גוטע נוצען אין אַלע צווייגען פון זייער ווירטשאַפטליכ־ קייט, און מיט אידישער אויסוואַנדערונג וועלען זיי היבש פאַרלירען, רודף׳ט מען אונז דערפאַר כדי מיר זאָלען זיך אסימילירען מיט זיי אין נאַציאָנאַלען זין און זיך אַרויסשלאָגען פון קאָפּ אונזערע נאַציאָנאַלע אַמביציעס.

אַנדערע לאַבאָראַטאָריער ווידער געפינען אַן אַנדער פירוש צו „אַסי־ מילאַציע״. זיי דרשנ׳ען עס אין אַ ר ע ל י ג י ע ז ע ר אויפפאַסונג. די באַהויפּטונג איז אַז די פעלקער שנאה צו אונז שטאַמט צוליעב אונזער רעליגעזע אָבגעזונדערקייט. זייער פליישׁ איז ביי אונז טרפה, עסען מיר ניט מיט זיי; זייער וויין, יין נסך, טרינקען מיר ניט מיט זיי; מיר האַלטען אונזער ראַסע העכער פאַר זייערע, זיינען מיר זיך דעריבער

וואָרט און צייט

ניט משדך מיט זיי. די גוי'אישע וועלט זעהט אין אונז אַ מין „סופעריאָ־ריטי קאָמפּלעקס" וואָס דריקט זיך אויס אין דעם אידישען „אתה בחרתנו'איזם", קענען זיי עס דערפאַר ניט דולדען און דערפון די שנאה.

לאָמיר זיך אָבער מיט זיי אַסימילירען אויף דעם דאָזיגען רעליגיעזען געביט, והכל שריר ובריר וקיים, די שנאה וועט אויפהערען און אונזערע בירגערליכע און מענשליכע רעכטע וועלען ניט מעהר פאַרלעצט ווערען און מיר וועלען פאַלשטענדיג אויסקורירט ווערען פון אַלע אונזערע קראַנק־הייטען.

קומט אָבער דער קאַפּיטעל עמלק און מאַכט צו נישט די דאָזיגע טהעאָריעס. זיי צופאַלען זיך ווי אַ קאָרטען שטיבעל און צוגעהען ווי אַ זייפען בלאָז.

דען מיט וואָס לאָזט זיך רעכטפערטיגען די עמלק־שנאה און וועלכע פון די דערמאָנטע סיבות קענען אָנגעווענדעט ווערען אַלס גרינדע פאַר עמלק'ס ארויסטריט געגען די אידען פון זיין צייט?

דער אידישער נאַציאָנאַליזם איז זיך נאָך דעמאָלט געלעגען אין זיינע פּרימיטיווע ווינדעלאַך. דערוויילע זיינען זיי נאָך געווען אַ מדבר פאָלק וועמען עס האָבען נאָך געפעלט די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס. דער „נתנה ראש ונשובה מצרימה" האָט נאָך אָבגעהילכט ווייט ווייט אויף יענע זאַמד ברעגען. און וואָלט אפילו עמלק יאָ מורא געהאַט פאַר אידישע נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס, וואָלט ער דאָך אָמוועניגסטענס פריהער געדאַרפט קומען מיט אַן אָנבאַט צום אידישען פאָלק אַז זיי זאָלען אַריינקומען צו איהם אין עמלק לאַנד און ערשט ווען זיי וואָלטען אַזאַ אָנבאָט צוריק־געוויזען וואָלט ער ערשט דאַן אַרויס מיט זיין שנאה און מלחמה. משמעות דעריבער אַז ניט דער אידישער נאַציאָנאַליזם האָט איהם אַזוי שטאַרק געקימערט.

ביי עמלק'ן האָט אויך די רעליגיעזע אָבגעזונדערקייט ניט געקענט זיין די סיבה צו זיין שנאה, דען אין יענער צייט האָבען דאָך נאָך אידען ניט געהאַט קיין תורה און דער רעליגיעזער שטעמפּעל איז נאָך אויף זיי ניט געלייגט געוואָרען. און בכלל איז דאָך געווען: „ולא ירא

כי תצא

אלקים" און ווי דאָס זאָל ניט אויסגעטייטשט ווערען, צו אַז דאָס באַציהט זיך אויף עמלק'ן אַליין, צו אויף די אידען, האָט דאָך איןביידע פאַלען דער רעליגיעזער מאָמענט קיין ראָלע ניט געקענט שפּיעלען.

און געוויס האָט דעמאָלט ניט געקענט זיין קיין אַנדערע סיבות ווי, לאָמיר זאָגען, די מורא פאַר אידישער גבורה, דען עס איז דאָך געווען „ואתה עיף ויגע", אַן אויסגעמאַטערטער וואַנדערער פאָלק וואָס בלאָנדזשעט אַרום ערגעץ אין די וויסטע מדבריות און דאַרף זיך שפּייזען און שיצען בלויז אויף נסים.

און ממילא האָט שוין קיין קנאה און קיין ניט־פאַרגינען אויך דאָרט ניט געקענט זיין.

מיט וואָס אַלזאָ ערקלעהרט זיך יענע היסטאָרישע מלחמת עמלק?

איז דער ענטפער אַז טאָקע דערין גופא, אין דער אונדערקלעהרקייט אליין, ליגט ערשט די ערקלעהרונג. עס איז געווען א הוראה לדורות אַז מען זאָל ניט פּרובירען זוכען די סיבות פון גוי'אישער שנאה ביי א ו נ ז, אין אונזער אייגענעם לאַגער און אַזוי אַרום אַריינגעשלעפּט ווערען אין פאַלשע עקספּערימענטאַלע לאַבאָראַטאָריעס מיינענדיג אַז דער אָדער יענער עקספּערימענט וועט מעגליך פיהרען צו דער באַזייטיגונג און אויסראָטונג פון דער שנאה.

ניין, אַזעלכע דרכים זיינען פאַלש. מיט די דאָזיגע עקספּערימענטען וועלען מיר נור זיך קאַליע מאַכען אָבער ניט זיי פאַרריכטען.

זכור את אשר עשה לך עמלק!

אָט די אַלע עקספּערימענטען דיינע האָבען באין אופן ניט געקענט זיין אַנוועגדבאַר אין דער עמלק אַפּערא און דאָך איז „ויבא עמלק". מעגסטו דעריבער זיכער זיין אַז ווי דו זאָלסט זיך ניט זוכען צו באַשיצען געגען די עמלק'ס פון אַלע דורות אויף'ן חשבון פון דיינע נאַציאָנאַלע אָדער רעליגיעזע ליקווידאַציעס, וועסטו דערמיט גאָר ניט אויספיהרען. דער פעלער ליגט ניט ביי ד י ר נור ביי א י ה ם. דו זוכסט מיט דיינע עקספּערימענטען צו קומען צו אַ „צד השוה" אויף

וואָרט און צייט

ד י י ן רעכענונג, אַ צד השוה וואָס „לא ככל העמים בית ישראל" און אין ד ע ם געפינסטו דעם מקור הרעה. עס איז אָבער אַ טעות, עס איז ניט דער „הצד השוה ש ב כ ם ", נור דער „צד השוה ש ב ה ן ". ביי זיי, ביי די אומות, ביי די עמלק׳ס פון די פאַרשיידענע דורות, ביי זיי ליגט דער צד השוה, און ז י י ע ר צד השוה איז „שדרכן להזיק".

ראשית גוים עמלק! עמלק איז געווען דער „ראשית גוים", דער ערשטער פון די „אבות נזיקין", און אַוואו „אבות" דאָרט איז אויך „מכלל דאיכא תולדות", און אין דעם פאַל איז „תולדותיהם כיוצא בהם"... דרכן להזיק!

און וואָלט עס געווען כאָטש „ברשות הניזק" וואָלסטו אפשר געקענט אַנהענגען אַז עס איז אַ מין „תולדה דשן" וואו ס׳איז „יש הנאה להזיקו", וואָלסט געזאָגט: אפשר די קנאה אין דיין „רשות הניזק" פאַרשאַפט איהם די ה נ א ה דיר מזיק צו זיין. ס׳איז דאָך אָבער געווען „אשר קרך ב ד ר ך ", ניט אין דיין אייגענעם ר ש ו ת און דאָרט וואו ס׳איז אין אַ הפקר רשות, דאָרט פאַלט עס ניט אַרונטער די קאַטעגאָריע פון „יש ה נ א ה להזיקו". אין רשות הרבים איז עס ענטוועדער אַ מין „קרן" וואָס איז סתם „כונתו להזיק" אָהן אירגענד וועלכע ה נ א ה, אָדער אַ מין „בור" וואָס „תחלת עשייתו לנזק".

יאָ די עמלק׳ס, די אבות און תולדות זיינען אַלעס צוזאַמען: „כונתם להזיק", „תחלת עשיתם לנזק", „הזיקם מצוי" און „דרכם להזיק בין ראוי להם ובין שאינו ראוי להם". און דערפאַר איז אומזיסט דיין גריבלען זיך אין דיין אייגענעם רשות. די צרה איז ביי א י ה ם און ניט ביי ד י ר...

און די געשיכטע האָט עס באַשטעטיגט:

אידען אין די מערב אייראָפּעאישע לענדער האָבען זיך אַסימילירט סיי אין נאַציאָנאַלען זין און סיי אין רעליגיעזען און דאָס האָט אַלץ ניט געהאָלפען צו לעזען די אידען פראַגע. די עמלקים אין געשטאַלט פון די היטלערס און אַנדערע שונאי ישראל געהען אָן מיט זייערע גזירות, גרושים און רדיפות אפילו אויף אַזעלכע אידען ביי וועמען די סימנים פון אידישקייט זיינען שוין אָבגעמעקט געוואָרען פאַר דורות לאַנג.

כי תצא

געה דעריבער, ישראל, אין דיין אייגענעם אויסגעטראָטענעם וועג. מאַך ניט קיין עקספּערימענטען מיט וועלכע דו וועסט גאָר ניט אויס־פיהרען. שפּין ווייטער די פעדים פון דיין טראַדיציאָנעלער ירושה און לאָז ווייטער הערען די עהרליכע גראַציעזע מוזיק פון דיין „התקוה".

זכור את אשר עשה לך עמלק!

און געדענק אַז אויב „ראשית גוים עמלק", איז אָבער „ואחריתו עדי אובד".

זכור! אל תשכח!

כי תבוא

זכרון העוני בימי העושר

ולקחת מראשית כל פרי האדמה אשר תביא מארצך אשר ה׳ אלקיך נותן לך ושמת בטנא — — וענית ואמרת לפני ה׳ אלקיך ארמי אבד אבי וירד מצרימה.
(ב—ה).

די פרשה בכורים סיי ווי זי איז אויסגעשריבען אין טעקסט פון די תורה פסוקים און סיי ווי זי ווערט געשילדערט אין דער משנה, איז איינע פון די שעהנסטע קאַפּיטלען וואָס ברענגט ארויס מיט זיך די שעהנסטע פערל אין דער מענשליך־אידישער מאָראַל און עטהיקס.

אין טהאַט אזוי ווי אין וואָרט האָט דער אידביים ברענגען די בכורים געבראכט צום אויסדרוק די העכסטע אידעאלע יסודות פון זיין אמונת ה׳.

מיט׳ן אראָפּנעהמען די ערשטצייטיגע פרוכט פון זיין פעלד און גאָרטען און זיי ברייגגען אין בית המקדש נאָך איידער אליין צו געניסען פון דער געטליכער ברכה, האָט ער דערמיט דעמאָנסטרירט אויפ׳ן שעהנסטען אופן דעם „לה׳ הארץ ומלואה״ אין אנקלאַנג מיט די ערקלעהרונג פון דער גמרא, אז „כאן קודם ברכה וכאן לאחר ברכה״ פאר די ברכה איז „לד׳ הארץ ומלואה״ און נאָך די ברכה איז „והארץ נתן לבני אדם״. דערמיט וואָס ער איז געווען א „מביא וקורא״ האָט ער דיזען יסוד פון אמונה געגעבען די געהעריגע פּאָפּולאַריטעט און האָט מקדש השם געווען ברבים.

ער האָט גלייכצייטיג דעמאָנסטרירט דעם „תן לו משלו״ ווען ער האָט פּראָקלאַמירט דעם „הנה הבאתי את ראשית פרי האדמה אשר נ ת ת ה ל י ה׳״ אן עפענטליכע ערקלעהרונג אז „לא כחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה״.

די אַרט און ווייזע פון די בכורים פּראָצעסיע ווי זי ווערט געשילדערט אַזוי בילדליך רייך אין דער משנה און וואו עס ווערט געזאָגט, אַז „אפילו

כי תבא

אגריפס המלך נשא הסל על כתפו", האָט מיט זיך אויסגעדריקט די מענש־ליכע נישטיגקייט, די אפסיות און בטול היש און דאָס זיינען דאָך די פונדאַמענטאַלע עטהישע מדות מיט וועלכע די אבות העולם זיינען גע־לויבט געוואָרען. אברהם מיט'ן „ואנכי עפר ואפר"; משה מיט'ן „והאיש משה ענו מאד" און דוד מיט'ן „ואנכי תולעת ולא איש".

דארויף ווייזט דאָך אויך אָן דער אָרגינעלער נאָמען „אדם", וואָס איז באַגרינדעט אויף דעם „עפר מן ה א ד מ ה". (אין א ד ם איז אגב מרומז די דריי דערמאָנטע נעמען אברהם דוד משה).

אָבער די גולת הכותרת פון די בכורים איז זיכער געווען די קריאת הפרשה ווי זי ווערט איבערגעגעבען אין איהר פולען טעקסט אין דער היינטיגער סדרה.

אַז די קריאת הפרשה האָט אָן און פאַר זיך פארנומען א פראָמינענטען פלאַץ, זעהט מען דאָך דערפון וואָס ניט אלעמאָל האָט מען געקענט זיין א מביא ו ק ו ר א. אַזוי צום ביישפיל זאָגט די משנה: „מעצרת ועד החג מביא וקורא, מן החג ועד חנוכה מביא ואינו קורא". דארויף זאָגט דער רע"ב: „דכתיב בפ' בכורים ושמחת בכל הטוב אין קריאה אלא בזמן שמחה מעצרת ועד החג שאדם מלקט תבואתו ופירותיו ושמח בהם ומחג ואילך אעפ"י שהרבה פירות נלקטים עד חנוכה מ"מ שמחת אותה שנה כבר נגמרה בחג הלכך מביא ואינו קורא" (בכורים פרק א' מ"ו).

איז דאָך די גאנצע קריאת הפרשה הייסט עס באַגרינדעט געוואָרען בלויז אויף דעם זמן השמחה, אין דעם אינהאלט אָבער פון דער פרשה גופא שטעלט מען זיך הויפטזעכליך דוקא אָפּ אויף די צרות וענוים וואָס אידען האָבען דורכגעמאכט אין גלות מצרים. דער „וירעו אותנו המצרים ויענונו" מיט'ן „ונצעק אל ה'" ווערען אין דער דאָזיגער פרשה זעהר פראָמינענט געפיטשורט.

טאָ ווי קומט אייגענטליך אז א קריאה וואָס דערמאָנט אין אזוי פיעל צער זאָל דוקא פראָקלאמירט ווערען אין א זמן שמחה?

אָבער טאָקע אין דעם גופא באַשטעהט די גרויסקייט און חשיבות פון דער פרשת בכורים.

די תורה האָט דוקא געוואָלט אז אין צייט פון שמחה זאָל מען אויך געדענקען די צייט פון צער און פיין. דאָס וועט ברייגגען פיעל נוצען דער

מענשליכער מאָראל. עס וועט איהם דערמאָנען אין דעם „כי לא לעולם חוסן״; עס וועט איהם איבערצייגען אז דער „בגלל הדבר הזה יברכך״ איז געמיינט ווי אַזוי חז״ל טייטשען עס אויס „גלגל החוזר בעולם״... די ווירקונג וועט אַזוי אַרום זיין א טאָפּעלע. פון איין זייט וועט עס איהם פּאַרהיטען פון דעם וישמן־ויבעט וויסענדיג אז אויב עס קען קומען פון א „ויענונו״ צום „ויתן לנו את הארץ הזאת ארץ זבת חלב ודבש״, אַזוי קען אויך זיין פאַרקעהרט און ממילא טאָר מען זיך ניט בריקען אין א צייט פון גדולה. פון צווייטען זייט ווידער וועט עס איהם אין צייט פון פיין און ארמוט באַשי־צען פון יאוש און פאַרצווייפלונג.

מיט דער קריאת הפרשה פון בכורים און די פאַרטיפונג אין איהר, וועט ער געטרייט ווערען צו קענען אויסהאַלטען די פּראָבע פון ביידע נסיונות, דעם נסיון העוני און דעם נסיון העושר.

וענית ואמרת!

אין דער דאָזיגער צייט פון שמחה ווען דו ביסט ארומגערינגעלט מיט ברכה און גליק פון אַלע זייטען. די ליכטיגע פריהלינגס זון שמייכעלט צו דיר מיט וואַרעמע ליבליכקייט; די נאַטור האָט זיך צובליהט מיט איהר פולער פּראַכט און גלאַנץ; די לאַנדווירטשאַפט ארום רופט ארויס פּאַעטישען רייץ, אַלץ לעבט און שטראַהלט, דיינע פעלדער אָנגעפילט מיט תבואה, א גערעטעניש אויף דיינע גרינסען און פרוכטבוימער, דיינע וויין גערטנער און אוילבירטען זיינען באַלאַדען מיט גאָט׳ס שפע און פון אַלעס שרייט אַרויס דער „ושמחת בכל הטוב״ — דוקא אין אזא צייט טאָרסטו ניט פאַר־געסען דיין טרויעריגען עבר, דוקא איצט בזמן השמחה זאָל זיין: „וענית ואמרת״, זאָלסט זיך מעהר קאָנצענטרירען אויף יענעם עבר ווי אויפ׳ן איצטיגען הוה. בלעטער דורך די געשיכטע פון יענער פאַרגאַנגענהייט און לופטער איהר דורך מיט אַלע פּרטים, מיט אַלע איינצעלהייטען און דעטאַלען. פאַנג אָן מיט׳ן „ארמי אבד אבי וירד מצרימה״; שטעל זיך אָפּ מיט א באַזונדער באַטאָנונג אויפ׳ן „וירעו״; „ויענונו״; „ויתנו עלינו עבודה קשה, פון דאָרט צום „ונצעק אל ה׳ אלקי אבותינו״ און אַזוי כסדר ביז׳ן „ויביאנו אל המקום הזה״.

און — „ו ע נ י ת — בהרמת קול״. שעהם זיך ניט מיט דיין פאַרגאַנגענהייט, זוך עס ניט צו פאַרגעסען, צו מבליע זיין און צו דער־

שטיקען, נור שריי עס אויס אין דער הויך, „בהרמת קול״... דען קוים וועסטו געדענקען דיין אייגענע אָרעמקייט פונ׳ם ע ב ר , וועסטו ממילא אויך ניט מסיח דעת זייך פון דיין חבר׳ס אָרעמקייט אין דעם ה ו ה און דאָס וועט ברענגען דערצו אַז דער „ושמחת בכל הטוב״ וועט ניט בלויז זיין „לך ולביתך״ נור אויך „אתה והלוי והגר אשר בקרבך״...

„וענית ואמרת — בהרמת קול״!

ווי ווייט די תורה האָט דערמיט אַריינגעדרונגען אין דער מענשלי־כער פסיכאָלאָגיע, קענען מיר עס זעהן באַשיינפּערליך פון דער מענשליכער נאַטור אין אונזער אייגענעם אַלטעגליכען לעבען.

ניט ווייניג אין צאָהל זיינען זיי אָט די מענשען וואָס „בימי עשרם״ זוכען זיי מיט אַלע כחות צו פאַרגעסען די „ימי ענים״, זיי שעהמען זיך מיט יענעם עבר און עס פאַרדריסט זיי אַז ווער עס איז וויל זיי אַמאָל דערמאָנען אין דעם. מיט זייער „אַרויפאַרבייטען״ זיך אין דעם „המקום הזה״ וואו דער גליק האָט זיי צוגעשפּילט און זיינען מיטאַמאָל געוואָרען „אַלרייטניקעס״, האָבען זיי גלייך אָפּגעווישט זייער פאַרגאַנגענהייט. זייערע פריינד און חברים פון נעכטען דערקענען זיי ניט מעהר היינט, שעהמען זיך שוין מיט זיי; און זאָל עס טרעפען אַמאָל ביי אַ צופעליגער באַגעג־געניש מיט איינעם פון זיינע אַמאָליגע פריינד ווען יענער זאָל איהם אונשולדיגערווייזע דערמאָנען אין זיין קלאָגעדיגען צושטאַנד פון אַמאָל, וועט ער איהם גלייך אַ ציה טאָן פאַר׳ן אַרבעל אַלס צייכען צו האַלטען מויל און ניט „מגלה קלונו ברבים״ זיין אַקוראַט ווי אָרעמקייט וואָלט ווירקליך געווען עפּעס אַ מין קרימינאַלער פאַרברעכען מיט וועלכען מען דאַרף זיך אַזוי שעהמען...

די תורה אָבער זאָגט דוקא אַז „וענית ואמרת — בהרמת קול״, שעהם זיך ניט, דערצעהל דיינע ליידען אין ד ע ר ה ו י ך; פּרוביר ניט צו באַהאַלטען דיין פאַרגאַנגענהייט, ברעך ניט אָפּ מיט׳ן עבר, זאָל דער הוה ניט זיין ביי דיר קיין „דבור המתחיל״ נור אַ „המשך״, וועט עס, ווי געזאָגט, זיין גוט אי פאַר דיר אי פאַר יענעם.

איז אויב אפילו אין דער פּראַקטיק האָבען מיר היינט ניט קיין הבאת הבכורים, די קריאת הפרשה אָבער אפילו בלויז ווען זי ווערט

וואָרט און צייט

געלייענט פון דער בימה אין שוהל, דאַרף אויך היינט דיענען פאַר אונז אַלס אַ מאָראַלישע לעהרע פונקט ווי אַמאָל. דען אויך היינט דאַרף מען דערמאַנען די אידען ביי וועלכע ס'איז מקוים געוואָרען דער „ויביאנו אל המקום הזה ויתן לנו", אמת, ניט אויף'ן ארץ ישראל באַדען אָבער דאָך אַזאַ „מקום" וואו מען ווייסט ניט מעהר פון קיין „וירעו" און פון קיין „ויענונו", דאַרף מען זיי דערמאַנען אַז זיי זאָלען ניט פאַרגעסען אין דעם נעכטען און אַז זיי די „געוואָרענע" זאָלען ניט ווערען קיין גרעסערע „יענקיס" ווי די „געבאָרענע"...

ניט אומזיסט רופט די תורה אויס: „ה י ו ם ה ז ה ה' אלקיך מצוך לעשות את החוקים האלה ואת המשפטים". דער מאָראַל פון דער פרשה איז ניט נור פאַר'ן זמן המקדש נור אויך פאַר'ן ה י ו ם ה ז ה

***

און גלייך נאָך די פרשה פון בכורים קומט די פרשה פון מעשרות. איינס ברענגט דאָס צווייטע, אַ בכורים איד ווערט אויך אַ מעשר איד.

און ווי שעהן קלינגט דער זאַץ אין דער דאָזיגער פרשה פון וידוי המעשר וואו ער זאָגט: „לא עברתי ממצוותיך ולא שכחתי". דאָ איז עס אויך הא בהא תליא. די וואָס באַמיהען זיך אין דער גליקליכער צייט צו פאַרגעסען די פאַרגאַנגענהייט, פאַרגעסען זיי עס ניט בלויז אינ'ם מאַטעריעלען זין נור אויך אין גייסטיגען זין. דען קוים ליקווידירען זיי מיט'ן עבר איז ניט נור פאַרגעסען זיי יענע מאַטעריעלע אָ ר ע מ ק י י ט נור אויך יענע גייסטיגע ר י י כ ק י י ט, און אויב דאָרט אין דער אַלטער היים איידער זיי זיינען געקומען „אל המקום הזה" זיינען זיי געווען עניים בחומר און עשירים ברוח, האָט זיך דאָ אומגעביטען די לאַגע און ווערענדיג עשירים בחומר זיינען זיי אויך געוואָרען עניים ברוח, ווייל אויב עס האַנדעלט זיך אין פאַרגעסען, פאַרגעסט מען דאָך אַלץ...

לא עברתי ממצוותיך ולא שכחתי!

דער לא שכחתי איז דער פירוש צום לא עברתי ממצוותיך. דאָרט וואו מען פאַרגעסט ניט דעם עבר, פאַרגעסט מען קיין זאַך ניט, ניט די

כי תבא

קערפערליכע אָרעמקייט און ניט די גייסטיגע רייכקייט, אויב „ולא שכחתי" איז ממילא אויך „לא עברתי ממצוותיך".

און דאָס אַלעס דריקט זיך אויס אין דעם איינציגען וואָרט „ב כ ו ר י ם" וואָס באַצייכענט די ערשט צייטיגע פרוכט און עס מאַכט ניט אויס צו עס באַציהט זיך אויף די פרי ה א ד מ ה אָדער אויף די פרי ה א ד ם. איןביידע פאַלען דאַרף מען שטענדיג אויפמישען די פרשה פון בכורים, דאָס לעצטע קאַפיטעל טאָר ניט מאַכען פאַרגעסען דאָס ערשטע, וועט עס ממילא פיהרען צום „עשיתי ככל אשר צויתני" סיי אין דעם בין אדם למקום און סיי אין דעם בין אדם לחבירו.

נ צ ב י ם

הציביליזציה „המבורכה״ ואכזבתה

והיה כי יבאו עליך כל הדברים האלה הברכה והקללה אשר נתתי לפניך והשבות אל לבבך בכל הגוים אשר הדיחך ה׳ אלקיך שמה — ושבת עד ה׳ אלקיך ושמעת בקולו ככל אשר אנכי מצוך היום, אתה ובניך בכל לבבך ובכל נפשך.

(ל, א—ב).

אויף׳ן ערשטען בליק לאָזען זיך די דאָזיגע פסוקים שווערליך פאַר־שטעהן. די תורה זאָגט אַז דורך די ברכה מיט דער קללה וואָס וועלען קומען אויף דיר וועסטו זיך צוריק קעהרען צו גאָט. איז אָבער די פראַגע וועלכע פון די צוויי, די ברכה אָדער די קללה, וועט זיין דער גורם צום „ושבת״? דען עס קען דאָך ניט מיינען אַז ביידע, ברכה און קללה, וועלען אָפערירען צוזאַמען אין איין און דער זעלבער צייט, זיי זיינען דאָך שני הפכים, אויב ברכה איז דאָך ניט קללה און אויב קללה איז דאָך ניט ברכה?

זאָל די תורה מיינען די קללה אַלס הויפט סיבה פאַר דער מענש־ליכער תשובה, שטימט דאָך עס אָבער ניט מיט אַ צווייטען אָרט אין דער זעלבער סדרה וואו עס ווערט געזאָגט: „פן יש בכם איש או אשה או משפחה או שבט אשר לבבו פונה היום מעם ה׳ אלקינו וגו׳ והיה בשמעו את דברי האלה הזאת והתברך בלבבו לאמר שלום יהיה לי כי בשרירות לבי אלך״.

זעהט דאָך דערפון אויס אַז דער „בשמעו את דברי האלה הזאת״ וועט דוקא האָבען אַ פאַרקעהרטע ווירקונג, עס וועט ברענגען צום „בשרירות לבי אלך״, איז דאָך שוין די קללה פאַלגליך ניט קיין סיבה צום „ושבת עד ה׳ אלקיך״.

נצבים

און פונקט אַזוי לאָזט זיך קוים זאָגען אַז די ברכה זאָל עס זיין דער גורם צום אידענ'ס תשובה דען אין אַנדערע ערטער ווערט גראַדע געזאָגט אַז דער „פן תאכל ושבעת ובתים טובים תבנה וישבת וכסף וזהב ירבה לך" וועט גאָר זיין אַ סיבה צום „ורם לבבך ושכחת". משמעות אַז פון דער ברכה איז אויך שווער צו ערוואַרטען אַ מאָראַלישע אויס-בעסערונג אין מענשענס לעבען. טאָ אויב אַזוי, וואָס פאַרט האָט דאָ די תורה געמיינט מיט'ן „כי יבאו עליך הברכה והקללה" אַלס סיבה צום „והשבות אל לבבך ושמעת בקולו"? ביידע צוזאַמען זיינען דאָך ניטאָ אין מציאות, ברכה אליין איז „וישמן — ויבעט", קללה אליין איז „בשמעו את האלה — בשרירות לבי אלך". טאָ מיט וואָס דאָך ערקלעהרט עס זיך?

און וואָלט עס אפילו ניט געווען געשריבען אין דער תורה, איז עס דאָך אָבער באַשטעטיגט פון לעבען גופא סיי דער וישמן — ויבעט און סיי דער בשרירות לבי אַלס רעזולטאַט פון דער קללה.

זעהר וועניג אין צאָהל זיינען זיי די ברכה-אידען אונזערע וועלכע זיינען טראָץ אָדער אַ דאַנק די ברכה געבליבען ביי זייער אידישקייט. אין מעהרערע פאַלען איז עס צום באַדויערען פאַרקעהרט. אַזוי זעהט מען אויך ניט צופיעל פון יענעם טיפּ אידען וועלכע זיינען צוליב דער קללה געקומען נעהענטער צו אידישקייט. דער „והתברך בלבבו לאמר שלום יהיה לי כי בשרירות לבי אלך" איז אַזאַ אָפּטע ערשיינונג אין אונזער געשיכטליכען לעבען אַז עס איז שוין כמעט געוואָרען אַ נאַטור פּראָצעס.

היבש, זעהר היבש, זיינען זיי יענע אידען וואָס זיינען תולה אַז דער „האלה הזאת" איז אַ דירעקטער אויסגאַנג פון אידישער אָבגעזונדערקייט. דערפאַר וואָס מיר דערווייטערען זיך פון גוי, זאָגען זיי, קוקט מען אויף אונז קרום און דערפון די רדיפות און פאַרפאָלגונגען. אַזוי שנעל אָבער ווי מיר וועלען אָנהויבען פיהרען אַ לעבען פון „בשרירות לבי אלך", אַזוי שנעל וועט אויך זיין „שלום יהיה לי".

איז דאָך אַלזאָ הדרא קושיא לדוכתיה: פון וואַנען נעהמט זיך עס וואָס די תורה אָט דאָ אָנגענומען אַן אַנדער קורס וואָס קלינגט ווי אַ מין סתירה מיניה וביה פון איין פסוק אויף'ן צווייטען אין דער זעלבער פרשה?

וואָרט און צייט

אויב אָבער מיר האָבען דערמאָנט אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אויך די פּרשה פון לעבען, איז שוין גראָד ניט אַזוי שווער פון לעבען גופא צו געפינען די לעזונג דערצו. ס'איז טאַקע „הוא מותיב לה והוא מפרק לה". פון לעבען קומט די קשיא און פון זעלבען לעבען גופא קומט אויך דער ענטפער.

עס איז טאַקע אמת אַז ניט די ברכה אַליין און אויך ניט די קללה אַליין קענען זיין אויסגעפּרובירטע מיטלען פאַר די אויסבעסערונג פון דער מענשליך־אידישער מאָראַל. ביידע צוזאַמען אָבער, די ברכה מיט דער קללה — יאָ.

און אויב די תורה זאָגט „והיה כי יבואו עליך כל הדברים האלה הברכה והקללה", מיינט זי טאַקע אונטערצושטרייכען ביידע אין איינעם אַלס קאָמבינירטער מיטעל וואָס דאַרף ענדליך ברענגען דעם „ושבת".

די תורה מיינט דערמיט צו באַצייכענען דעם געשיכטליכען פּראָצעס פון לעבען צו וועלכען מיר זיינען היינט צו טאָג לעבעדיגע עדות וואָס קענען באַשטעטיגען די ווירקליכקייט דערפון.

מיר האָבען אין פאַרלויף פון אונזער געשיכטע פיעל דורכגעמאַכט. מיר האָבען דורכגעלעבט אַ פּעריאָדע פון קללה אין אונזער קאָלעקטיווען לעבען. דער פינסטערער מיטעלאַלטער איז געווען איין אויסגוס פון קללה אויף'ן גאַנצען שטח פון אידישען לעבען. שוואַרצע וואָלקענס האָבען זיך אויסגעשפּרייט אויף אונזער הימעל וואָס האָבען ניט דורכגעלאָזען קיין איין איינציגען ליכטיגען שטראַל, ס'איז געווען ממש אַ חשך מצרים. דאָך האָט עס נאָך צו קיין אמת'ע תשובה ניט געבראַכט. מיר האָבען געטראַכט אַז ס'איז בלויז אַ פאַרביילויפיגע ערשיינונג. די מענשהייט איז נאָך ניט ציוויליזירט, ניט אויפגעקלעהרט און דערפאַר איז נאָך איהר טהירישער אינסטינקט ניט געצאַמט, די חיה שבאדם פונקט ווי די חיה שבחיות געוועלטיגט אויך אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט. זאָל אָבער נור די נאַכט אַריבער, די פינסטערניש וועט פאַרשווינדען און די ליכט פון טאָג וועט אַריינדרינגען אויף איהר אָרט, וועט ממילא די חיה אויך פאַרשווינדען. ביי טאָג האָט די חיה קיין ממשלה ניט.

אַזוי האָבען מיר געטראַכט, דערצו האָבען מיר געהאָפט און דערמיט האָבען מיר זיך געטרייסט. עס איז געווען יענע האָפנונג פון „בערב

תאמר מי יתן בקר״. איצט איז ע ר ב, נאַכט, הערשעווען די חיות אין וואַלד, זאָל אָבער קומען דער מאָרגען און די זון פון ציוויליזאַציע וועט אַראָפּשיקען איהרע ליכטיגע שטראַלען אין דעם מענשליכען לאַגער, וועט די חיה שבאדם זאָפאָרט מאַכען פליטה „ולכל בני ישראל יהיה אור במושבותם״ און „לא יחרץ כלב לשונו״. דען קוים האָנדעלט זיך עס אין ציוויליזאַציע, קומט דאָך דעם איד דעם אויבענאָן. ער איז דאָך דער גרעסטער לעהרער פון קולטור און ציוויליזאַציע פאַר דער גאַנצער מענשהייט, וועט מען איהם דאָך זיכער צוטיילען דעם כבוד וואָס עס קומט אַ רבי׳ן. דערפאַר ניט געזאָרגט ר׳ איד. „חכי כמעט רגע עד יעבור זעם״; זאָל דער מיטעלאַלטער מיט זיין פינסטערניש פאַרשווינדען און דיינע הימלען וועלען ווידער ליכטיג ווערען, דיין אידענפראַגע וועט געהעריג געלעזט און פאַרענטפערט ווערען, ס׳וועט זיין אין שטן ואין פגע רע, והכל על מקומו יבא בשלום.

אַזוי האָט מען געטראַכט און אַזוי האָט מען געהאָפט. איצט איז אַ צייט פון קללה, זאָל אָבער קומען די ברכה און אַלעס וועט זיין אין בעסטען אָרדנונג.

און — שוין דאָס אויך דערלעבט. די „ברכה״ שוין ברוך השם אויך געקומען. דער „לתקן עולם במלכות הציביליזציה״ וואָס האָט זיך אָנגעהויבען פון מערב האָט שוין אַזש דערגרייכט ביז׳ן ווייטען מזרח. די גאַנצע וועלט איז שוין געוואָרען כביכול אַ קולטורעלער בית המקדש, אַ בית שכולו ספרים. איצט הייסט עס, דאַרף שוין זיין כולו ברכה׳דיג. אַ נייע וועלט מיט אַ נייע קולטור, נייע מענשען מיט נייע באַגריפען און אויף אַלעמענס טורעמס פלאַטערט דאָך די פאָהן פון ציוויליזאַציע. עפּעס אַ קלייניגקייט —

צ—י—וו—י—ל—י—ז—אַ—צ—י—ע!!!

אָבער וואָס זעהען מיר?!

לא מיניה ולא מקצתיה, לא דובים ולא יער, אָדער פאַרקעהרט, די זעלבע „דובים״ און דער זעלבער „יער״. די ציוויליזירטע חיה איז נאָך פירכטליכער פאַר דער פרימיטיווער. ווידער שייטערהויפענס, און ווידער אינקוויזיטאָרישע קאָנצענטראַציע לאַגערס, ווידער גזירות און רדיפות און ווידער פּאָגראָמען און גרושים.

וואָרט און צייט

והיה כי יבאו עליך — — הברכה והקללה!

שוין נאָכדעם ווי די זאָגענאַנטע „ברכה״ פון ליכט און קולטור איז שוין כלומר׳שט געקומען, האָט זיך נאָך די קללה ניט אָבגעטאָן. די קולטור האָט נור געבראַכט מאָדערנע כלי משחיתים אויף׳ן פלאַץ פון די אַמאָליגע ניט־מאָדערנע. דער זעלבער טייפעל נור אַנדערש געשלייערט...

צורונען אונזערע האָפנונגען, צונישט געוואָרען אונזער תקוה ובטחון, אַלעס ווי געוועזן — ואנחנו לא נושענו.

אָט דיזע חלופים ותמורות, דער איבערגאַנג פון די קללה פון מיטעל־אַלטער צו די „ברכה״ פון ציוויליזאַציע און טראָץ דער דאָזיגער ברכה איז נאָך אַלץ קללה, פון דעם אַלעמען מוז קומען צום „ושבת עד ה׳ אלקיך״. עס מוז קומען צו דער איבערצייגונג אַז „ואנו אין לנו להשען אלא על אבינו שבשמים״.

און אויך דאָס לעצטע האָט דער לעבען שוין ביז אַ געוויסער מאָס באַשטעטיגט. די אַסימילאַציע איז שוין ניט מעהר דאָס וואָס זי איז געווען, ס׳איז תש כחה וחילה, זי געהט ביסלעכוויז אַרונטער פון איהר סטאַנ־דאַרד, זי ווערט אַ מטבע שנפסלה צורתה און ס׳איז ניט שווער צו פראָ־פעצייהען אַז נאָך אַביסעל און זי וועט אין גאַנצען זיין אויסגעשפיעלט און באַנקראָט.

דער „הברכה והקללה״ האָט שוין טיילוויז דערפיהרט און וועט מיט דער צייט פאָלשטענדיג דערפיהרען צום „ושבת עד ה׳ אלקיך״. אידען הויבען אָן צו ווערען פרימער, קעהרען זיך צוריק צום מקור און אַזוי שנעל ווי דער „ושבת״ וועט זיך צוריק איינבירגערען אין אידישען לעבען וועט עס ממילא ברענגען צום „ושב ה׳ אלקיך את שבותך ורחמך ושב וקבצך מכל העמים אשר הפיצך ה׳ אלקיך שמה״.

דען ניט דאַרטען „בכל הגוים אשר הדיחך ה׳ אלקיך שמה״ וועסטו געפינען דעם תקון, מעג עס אפילו זיין צווישען ציוויליזירטע גוים. דיין אמת׳ער תקון וועט נור קומען מיט׳ן „והביאך ה׳ אלקיך אל הארץ אשר ירשו אבותיך וירשתה״.

וילך

ההתחלה והסיום — בתורה ובחיים

וילך משה וידבר את הדברים האלה אל
כל ישראל.
(לא—א).

משה האַלט איצט ביים סיום פון לעבען און ממילא אויך ביים סיום פון זיין פיהרערשאַפט. ער דאַרף איבערגעבען די קרוין צו יהושע'ן וועלכער איז פון גאָט באַשטימט געוואָרען אַלס זיין נאָכפאָלגער.

איז ביי אידען פאַראַן אַ מין טראַדיציע אַז ווען מען מאַכט אַ „סיום" פלעגט מען אויס אויף אַ לומדישען שטייגער אַ דבר תורה וואָס זוכט אַ האַרמאָנישען צוזאַמענהאַנג פון דעם סיום מיט דער התחלה: „לחבר סוף התורה לתחלתה".

איז דער דאָזיגער מנהג אַן און פאַר זיך זעהר שעהן. ס'איז דאָ אין דעם אַ סימבאָלישער וואונק אויף דער שלמות התורה. פון דער התחלה ביז'ן סיום איז זי אויסגעהאַלטען און קאָנסעקווענט, דער אָנהויב שליסט זיך מיט'ן סוף, פאַראַן אַ חבור צווישען זיי. „תורה שלמה ניתנה".

אַ דאַנק אָט דעם חבור פון דעם סיום מיט דער התחלה איז דאָך דער ספר קהלת ניצול געוואָרען פון גניזה. „בקשו לגנוז את ספר קהלת — — — ומ"ט לא גנזוהו מפני שתחלתו דברי תורה וסופו דברי תורה". האָט דער דאָזיגער חבור פון תחלתו וסופו באַרייכערט אונזער קולטור אוצר מיט נאָך אַ ספר אין דעם אַרכיוו פון אונזערע כתבי הקדש.

איז דער דאָזיגער חבור פון סיום און התחלה אויך אַ בנין־אב אויף דאָס גאַנצע מענשליכע לעבען. אויך דאָס לעבען דאַרף זיין אַ חבור פון דער התחלה מיט'ן סיום. אַ שעהנער און באַדייטונגספולער לעבען אויף'ן גאַנצען שטח. „מקשה אחת זהב טהור". איין אויסגעקלאַפטע

וואָרט און צייט

שטיק גאָלד, מעור אחד. שטאַרק, געזונט, ערהאַבען און שעהן אויף'ן גאַנצען שטח.

די תורה ברענגט דאָס זעלבע צום אויסדרוק דאָ אין אונזער פרשה ווען עס האַלט ביים סיום פון משה'ס לעבען. אויך דאָ איז פאַראַן דער חבור פון דעם סיום מיט דער התחלה. ביידע פון איין כאַראַקטער און איין קולטור.

ביים סיום איז „וילך משה — אל כל ישראל" און ביי דער התחלה „ויגדל משה ויצא אל אחיו". משה האָט אָנגעפאַנגען זיין קאַריערע מיט'ן „ויצא אל אחיו" און האָט איהר אויך געענדיגט מיט'ן „וילך אל כל ישראל".

און דאָך לאָזט זיך אַביסעל נאָכטראַכטען וועגען דעם. דען פון יענעם „ויצא" ביז איצטיגען „וילך" איז דאָך פאַראַן אַ גוואַלדיגער אונ־טערשיעד. דעמאָלט האָט דאָך נאָך משה ניט געטראָגען די קרוין פון מלוכה אויף זיין קאָפּ איז ניט געווען אַזאַ רבותא אויב ער האָט אַרויס־געוויזען עניוות און באַשיידענהייט און איז אליין געגאַנגען צום פאָלק. איצט אָבער איז דאָך משה מלך ומנהיג און „מלך שמחל על כבודו אין כבודו מחול", האָט דאָך דאָ משה'ס עניוות אויך ניט געקענט גילטען אַלס התנצלות אויף די דאָזיגע באַשיידענהייט.

אָט זעהען מיר דאָך טאַקע דאָ גופא אַ פאַקט ווי משה אַליין גיט איבער זיינע אינסטרוקציעס צו יהושע'ן און — „ויאמר אליו לעיני כל ישראל חזק ואמץ" וואָס ווערט אין ליכט פון די מפרשי התורה אויסגע־טייטשט אַז משה איז דאָ אויסענגעוועזען צו לערנען יהושע'ן אַ פּרק אין הלכות פיהרערשאַפט. יהושע, ווייסען מיר דאָך איז אויך אין ענוה געווען אַ תלמיד מובהק פון משה'ן, ווי עס איז באַקאַנט דער מאמר פון „כד חמי משה ענותנותו של יהושע". האָט איהם דעריבער משה איצט שטרענג פאַרזאָגט אַז איבערנעהמענדיג פון איצט אָן די נשיאות דאַרף ער זיך שוין אַנדערש פיהרען. „לעיני כל ישראל חזק ואמץ", אַלס פריוואַט מענש האָסטו זיך געמעגט זיין אָן ע נ ו עד קצה האחרון און מקיים זיין דעם „מאד מאד הוי שפל רוח". אַזוי שנעל אָבער ווי דו ווערסט אַ מנהיג מוזטו זיין אַ „נהוג נשיאתך ברמה". ווען עס איז „לעיני כל ישראל", דאָרט מוז זיין „חזק ואמץ". עס דאַרף זיין „ויגבה לבו בדרכי ה'".

וילך

און אויב אַזוי איז דאָך טאַקע די קשיא אויף משה'ן אַליין, ווי קומט עס וואָס ער האָט זיך ערלויבט איצט מוחל צו זיין אויף זיין כבוד המלך און „וילך משה", אַליין געגאַנגען צום פאָלק און ניט געוואַרט אַז דאָס פאָלק זאָל קומען צו איהם, ווערהרענד ער אַליין האָט געזאָגט אויף אַן אַנדער פּלאַץ „כי יהיה לכם דבר בא אלי"?

מאַנכע ווילען דערפאַר האַבען אַז רש"י האָט די דאָזיגע פראַגע אין זינען געהאַט ווען ער פאַנגט אָן מיט'ן פסוק „וילך משה" אָבער זאָגט דאַרויף גאָר ניט און געהט גלייך איבער צום פסוק לא אוכל עוד לצאת ולבוא". איז דאָך אייגענטליך ניט פאַרשטענדליך וואָס רש"י האָט געדאַרפט ציטירען דעם פסוק „וילך משה" אויב ער האָט דאַרויף גאָר ניט געזאָגט?

רש"י האָט אָבער בכונה געבראַכט דעם ערשטען פסוק כדי צו פאַרענטפערען די דערמאַנטע פראַגע פאַרוואָס איז געווען וילך משה און האָט ניט געשוינט זיין כבוד אַלס מלך? דאַרויף ברענגט רש"י אַלס ענטפער גלייך דעם צווייטען פסוק: „לא אוכל עוד לצאת ולבוא — שניטלה ממני הרשות וניתנה ליהושע", אַז דעמאָלט האָט ער שוין די הנהגה איבערגעגעבען יהושע'ן, איז ער שוין מעהר קיין מלך ניט געווען און ממילא איז שוין כבודו מחול...

איז אין ליכט פון דיזען געדאַנק נאָך מעהר האַרמאָניש דער חבור צווישען דעם סיום מיט דער התחלה. דען איןביידע פאַלען אין יענעם „ויצא" און אין איצטיגען „וילך" איז משה ביז אַ געוויסען גראַד געווען אַ פריוואַט מענש, מיט דעם איינציגען אונטערשיעד וואָס דעמאָלט איז געווען ע ר ב מלוכה און איצט מ ו צ א י מלוכה, דעמאָלט איז ער נ אָ ך נ י ט געווען קיין מלך און איצט איז ער ש ו י ן נ י ט געווען קיין מלך.

אָבער דוקא אין דעם שפּיגעלט זיך ערשט אָפּ משה'ס גרויסקייט. דען ניט קוקענדיג דערויף וואָס ער האָט ניט דעמאָלט און ניט איצט געהאַט אויף זיך אָפיציעלע פליכטען אַלס פיהרער און דאָך איז אַלץ געווען „ויצא משה" און „וילך משה". די ליעבע און איבערגעבענהייט צו

וואָרט און צייט

זיין פאָלק איז געווען אַזוי שטאַרק און גרויס אַז ער האָט זיך כלל ניט גערעכנט מיט קיין אָפּיציאַליטעט. ס'איז ניט געווען ביי איהם קיין ענין פון פאָרמאַליטעט, יאָ פיהרער, ניט פיהרער, דאָס פאָלק בלייבט פאָלק און אַלעס דאַרף איינגעשפּאַנט ווערען אין זיין דיענסט. די אינטערעסען פון פאָלק שטעהן העכער פון אַלץ און ביז'ן לעצטען אָטעם צוג מוז מען דעם פאָלק געבען יעדעס מעגליכע לייסטונג.

דאַרף דער דאָזיגער קאַפּיטעל דינען אַלס מוסר השכל פאַר די מנהיגים פון אונזער צייט. דער גרעסטער טייל פון די לעצטע האָלט ליידער ניט אויס די דאָזיגע פּראָבע. אין צייט ווען מען שטעהט אין אַמט און מען האָט דעם גרויסען כבוד צו זיין אַ פיהרער, דאַן לייסטעט מען נאָך עפּעס וואָס עס איז, אַזוי שנעל אָבער ווי מען געהט אַרונטער פון דער ממשלה, ליגט שוין דאָס פאָלק מעהר ניט אין זינען. אַזעלכעס באַגעגענען מיר אויף'ן גאַנצען שטח פון אונזער לעבען. עס פיהרט זיך אַזוי אין די שוהלען, אין תלמודי תורה און ישיבות, אין נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, אין פילאַנטראָפּישע און אין אַלע אַנדערע פון דיזען סאָרט. געהט נור אַ געוויסער באַאַמטער אַראָפּ פון זיין גדולה, עקזיסטירט שוין פאַר איהם עפ"י רוב ניט די גאַנצע אינסטיטוציע.

דערפון דער וואַקלדיגער עקזיסטענץ פון די מעהרסטע און בעסטע מוסדות התורה והחסד אונזערע. ס'איז דער מאַנגעל אין די עסקנים. מיר האָבען ניט גענוג טוערס, בלויז אַ קליין הייפעלע פון די עטליכע פיהרער וואָס זיינען איצט אין אַמט, בלויז זיי גיבען זיך אָביסעל אָפּ דערמיט וועהרענד די נאָך ניט געוואָרענע און די שוין געוועזענע פיהרער, זיי אינטערעסירט די גאַנצע זאַך ניט, די ערשטע האָט נאָך ניט אָנגעהויבען צו אינטערעסירען און די צווייטע האָט שוין אויפגעהערט צו אינטערעסירען.

גיט עס געוויס ניט צו קיין איבעריגען כבוד צו אונזערע פיהרער, עס שטעלט זיי אין זעהר אַ טונקעל ליכט. עס קוקט אויס ווי די ישיבה למשל איז געשאַפען געוואָרען צוליעב'ן פיהרער און ניט דער פיהרער צוליעב די ישיבה...

ניין, עס דאַרף אַזוי ניט זיין און עס טאָר אַזוי ניט זיין. עס דאַרף זיין אַ „ויצא" פ אַ ר דער פיהרערשאַפט און אַ „וילך" נ אָ ך דער פיהרערשאַפט און ניט נור ב ע ת דער פיהרערשאַפט.

וילך

משה האָט אונז אָבער נאָך עפּעס געלערענט אין הלכות דינערשאַפט פאַר'ן פאָלק. ער האָט אונז געלערענט אַז דינען דעם פאָלק דאַרף מען מיט אַלץ וואָס מען קען און מיט אַלץ וואָס ס'איז נור מעגליך, זיך פאַר קיין זאַך ניט אָבשטעלען. פונ'ם „ויצא" ביז'ן „וילך" איז געווען איין לאַנגע קייט פון דיענסט און לייסטונג וואָס האָט זיך אויסגעדריקט סיי אין פיזישען זין און סיי אין גייסטיגען זין. משה איז ניט בלויז געווען אַ תורה געבער צו זייך פאָלק נור אויך אַ קלעפּ געבער צו זיין פאָלקס שונאים. ער האָט פּראַקטיצירט דעם „דרך ארץ קדמה לתורה" און נאָך איידער ער האָט אידען אַ תורה געגעבען האָט ער שוין אידישע שונאים דרך ארץ געלערענט — „ויך את המצרי"...

אָבער דאָס אַלעס שטאַמט פון איין מקור און דער דאָזיגער מקור איז, דער קוואַל פון ליעבע צום פאָלק. ווען די אמת'ע אהבת העם איז פאַראַן, די אהבה שאינה תלויה בדבר, דאַן איז קיין אונטערשיעד ניט צו מ'האָט יאָ אָפיציעלע פליכטען, צו ניט, און ס'איז אויך קיין אונטער־שיעד ניט ווי אַזוי און אויף וועלכער אַרט און ווייזע דעם פאָלק צו דיענען. ס'איז קיין מ אָ ל ניט שווער און ס'איז קיין ז אַ ך ניט שווער.

צו דיענען אַ פאָלק מיינט צו זיין אַ „בטל רצונך מפני רצונו". קיין אייגענע פּניות סיי אין געלט און סיי אין כבוד טאָרען דערביי קיין ראָלע ניט שפּיעלען. די אינטערעסען פון פאָלק מוזען ליידען דעמאָלט ווען זיי קומען זיך צוזאַמען מיט דעם מענשענס אינדיווידועלע אינטערעסען.

אָט געפינען מיר ווי די גמרא ברענגט אַ כאַראַקטעריסטיק פון צוויי־ערליי עלעמענטען אויף'ן געביט פון אידעאַליסטישע לייסטונגען.

„בני גלילא אמרי עשה דברים לפני מטתך, בני יהודא אמרי עשה דברים לאחר מטתך" (שבת קנ"ג).

אייגענטליך האָבען ביידע סיי די בני גלילא און סיי די בני יהודא געטאָן גוטע זאַכען, דען די צדקה ומעשים טובים וואָס ווערט געטאָן מיט'ן רכוש „לאחר מטתך" איז פונקט אַזוי ניצליך פאַר דער געזעלשאַפט ווי די וואָס ווערט געטאָן „לפני מטתך". עס שטעמפּעלט אָבער דעם כאַ־ראַקטער פון דער באַטרעפענדער פּערזאָן. דער וואָס טוט צדקה ביי

וואָרט און צייט

זיין לעבען, „לפני מטתו" און האָט קיין מורא ניט אַז מיט'ן העלפען דעם צווייטען וועט ער זיך קריוודען, ד ע ר ציינט זיך אַרויס צו זיין מעהר אויפריכטיג מיט זיינע לייסטונגען. זיין אינדיווידועלע פערזאָן שטעהט ביי איהם ניט העכער פאַר דער געזעלשאַפט. דער אָבער וואָס געהר צו די פון „עשה דברים לאחרי מטתך", כל זמן ער לעבט האָט ער מורא אַז ס'וועט פאַר איהם ניט בלייבען, שטעלט ער דאָך זיינע אייגענע אינטערעסען העכער פון די אינטערעסען פון זיין פאָלק, אַזעלכער איז שוין אַ מענש מיט פניות און עס פעלט שוין אין זיין לייסטונג די געהעריגע אויפריכטיגקייט און ממילא זיינען זיי שוין פון אַ צווייפעלהאַפטיגען כאַראַקטער.

יאָ, מיר האָבען פון דער היינטיגער סדרה זעהר פיעל צו לערנען.

האזינו

(לשבת שובה)

שובה ישראל עד ה׳ אלקיך כי כשלת
בעונך. קחו עמכם דברים ושובו אל ה׳.
(הושע י״ד).

איז דער דאָזיגער ציטירטער רוף פונ׳ם נביא א טאָפּעלער, אַ רוף צום יחיד און אַ רוף צום צבור. ער פאַנגט אָן מיט שובה און ענדיגט מיט שובו.

אייגענטליך אויב דער ערשטער טייל זאָל פאַרווירקליכט ווערען און יעדער יחיד באַזונדער זאָל געהעריג תשובה טאָן איז דאָך שוין דער תשובה רוף צום רבים אָן איבעריגער ווייל דער רבים איז דאָך צוזאַמענגעשטעלט פון די יחידים „ואין בכלל אלא מה שבפרט״ איז דאָך מיט׳ן תקון פון די יחידים דער כלל ממילא שוין אויך מתוקן?

דאָן איז כדאי צו באַטראַכטען דעם שנוי הלשון צווישען דעם רוף צום יחיד וואו עס ווערט געזאָגט „עד ה׳ אלקיך״ און דער רוף צום רבים וואו ס׳שטעהט סתם „ושובו אל ה׳״ אָהן אויסצופיהרען אלקיכם?

משמעות דעריבער אַז די תשובת היחיד און די תשובת הרבים זיינען פון צוויי באַזונדערע כאַראַקטערען, ס׳איז לא הרי זה כהרי זה און דערפאַר זיינען אויך פאַראַן צוויי באַזונדערע רוף׳ס.

דער לעבען גיט טאַקע די באַשטעטיגונג דערצו.

„בני אדם כשם שאין פרצופיהם דומים אלה לאלה כך אין דעותיהם שוות״ און דאָס באַציהט זיך אויך אין באַצוג צו די דעות און השקפות וועגען געטליכקייט, רעליגיאָן און אמונה. ניט יעדער יחיד האָט די זעלבע אויפפאַסונג איבער די דערמאַנטע ענינים. פאַראַן אַ סך מאָדערנע חבקוק׳ס וואָס שטעלען אַוועק דעם יסוד פון זייער אמונה אויף איין אָדער איינציגע

וואָרט און צייט

געוויסע פונקטען וועלכע זיינען ביי זיי דער עיקר העקרים ווערהענד די אַלע אַנדערע זאַכען זיינען בבחינת „ואידך פירושא הוא״.

און ניט רעדענדיג וועגען די צוויי חלקי התורה: „בין אדם למקום ובין אדם לחבירו״ אַרום וועלכעס עס איז אַזוי שטאַרק קענטיג די פאַנאַנ־דערטיילונג צווישען מענשען, נור אפילו אין יעדען חלק באַזונדער זיינען אויך פאַראַן מיינונגס פאַרשידענהייטען. ביי איינעם איז די אָדער יענע מצוה פאַררעכענט אַלס עיקר. זי אַפּעלירט צו איהם מעהר און ווערט דעריבער ביי איהם אַ „מצוה שהחזיקו בה״ און אַן אַנדערער כאַפּט זיך אָן אין אַן אַנדער מצוה און יענע אַפּעלירט מעהר צו זיינע געפיהלען. אין ב״א למקום למשל זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס מיט כשרות אַליין ווילען זיי שוין האָבען יוצא געוועזען זייער חלק פרומקייט, און פאַר אַנדערע זאַכען אַרט זיי ניט אַזוי שטאַרק און אַנדערע ווידער מיינען אַז מיט דאַוונען אַליין איז מען שוין יוצא רעליגיעזע אידישקייט און קוים היט ער נור אָפּ דעם דאַוונען מאַכט שוין ניט אויס אויב אין אַנדערע זאַכען איז ער ניט אַזוי שטאַרק מדקדק.

דאָס זעלבע אויך אין ב״א לחבירו. איינער שטעלט דעם טראָפּ אויף צדקה און אויף׳ן חשבון וואָס ער גיט עטליכע דאָלאַר פאַר אַ שוהל, אַ תלמוד תורה אד״ג „מעג״ ער שוין מיסהאַנדלען זיינע אַנגעשטעלטע אין געשעפט אָדער זיינע אַרבייטער אין שאָפּ און אַ צווייטער פאַרקעהרט, איז ראַיעל און עהרליך אין געשעפט אָבער צדקה אַפּעלירט ניט צו איהם.

ווער שמועסט דאָ אין אַמעריקא געפינען מיר דאָך אַזעלכע אידען ביי וועמען דער טראָפּ פון אידישקייט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרען נור אויף יענע זאַכען וואָס האָבען צו טאָן מיט׳ן טויט: לויות, קדיש, מלא׳ס און יזכור׳ס...

געוויס זיינען די דאָזיגע יחידים אַלע טועים ומוטעים און אויב ס׳איז טאַקע לא הרי זה כהרי זה איז אָבער הצד השוה שבהם וואָס אַלע זיינען זיי פאַרבלאָנדזשעטע נשמות. וואָלט מען אָבער אַמוועגנגיסטענס כאָטש געווען זיכער מיט דער „מצוה שהחזיקו בה״, וואָלט זיך דעמאָלט נאָך ווי עס איז געלאָזט אויסרופען „שובה ישראל עד ה׳ א ל ק י ך ״, געה כאָטש צוריק צו ד י י ן א י י ג ע נ ע ם גאָט, האַלט זיך כאָטש פעסט אָן אין די מצוות וואָס ווערען ביי דיר אַליין באַטראַכט אַלס עיקר און

יסוד פון געטליכקייט און אידישקייט, וואָלסטו אמת דערמיט נאָך ניט געקענט באַטראַכט ווערען פאַר אַ פאָלשטענדיגען גאַנצען איד, וואָלסטו כאָטש געווען אַ שטיקעל איד.

איז אָבער די צרה וואָס „כי כשלת בעונך". דעמאָלט ווען עס איז „ה' אלקיך" דו מאָלסט זיך אויס אַ גאָטהייט לויט דיינע אייגענע באַגריפען, די מצוה אָפּעלירט צו דיר יאָ אַלס געטליך און די ניט, ענדיגט זיך עס דערמיט אַז ניט נור ווערסטו נכשל אין יענע עבירות וואָס לויט דיין באַגריף זיינען זיי גאָר קיין עברות ניט, נור „כי כשלת בעונך", אין דיינע אייגענע עבירות וואָס דו אַליין באַטראַכסט שוין אַלס זינד און פאַרברעכענס, אויך אין זיי ווערסטו נכשל, דען כל זמן עס איז גאַנץ, אַ גאַנצע תורה מיט גאַנצע תרי"ג מצוות, קען זיך עס אויפהאַלטען לאורך ימים, אַזוי שנעל אָבער ווי עס הויבט זיך אָן ברעכען, ברעכט זיך עס שוין כסדר און ביסט מיט דאָס ביסעל אָבגעשפאָרטע אידישקייט אויך ניט זיכער...

ס'איז דאָך באַקאַנט דעם דובנער מגיד'ס משל אויף דעם „לא תוסיפו ולא תגרעו ממנו לשמור את מצוות ה'" דען אייגענטליך ווי פאַסט זיך דער „לשמור" נאָכ'ן „לא תגרעו"? ווען מען איז גורע פון די מצוות התורה מיינט עס דאָך ניט צו היטען די תורה און מצוות?

דערויף זאָגט דער דובנער מגיד אַ פיינעם משל: איינער איז אַמאָל געקומען צו זיין שכן און געבעטען לייהען אַ געוויסע כלי, יענער האָט איהם געליהען. אויף מאָרגען קומט ער צוריק און ברענגט איהם אָפּ צוויי כלים אַנשטאָט איינע. אויף זיין פראַגע: איך האָב דאָך דיר נור געליהען איינע טאָ וואָס האָסטו מיר אָפּגעבראַכט צוויי? האָט איהם דער שכן געענטפערט: די איינע האָט זיך ביי מיר „געקינדעלט" און געבאָרען אַ צווייטע. יענער איז צופרידען געווען מיט דער דאָזיגער ערקלעהרונג און ביי איהם צוגענומען ביידע. אַזוי האָט דאָס זעלבע פאַסירט נאָך אייניגע מאָל ביז אין אַ געוויסען טאָג איז ער ביי איהם געקומען לייהען אַ זילבערנעם לייכטער מיט אַכט רעהרען. דער שכן האָט עס איהם געליהען מיט שמחה טראַכטענדיג ביי זיך אַז ער וועט דאָך איהם מסתמא אָפּברענגען צוויי ווי ער טוט אַלע מאָל. מיט עטליכע טעג שפּעטער ברענגט ער איהם דעם לייכטער אָבער בלויז מיט פיער רעהרען.

ווארט און צייט

אויף דער פראגע: דו האסט דאך געליהען מיט אכט רעהרען טא פארוואס נור אפגעבראכט מיט פיער? ערקלעהרט איהם דער שכן אז די אנדערע פיער זיינען „געשטארבען". סטייטש, שרייט דער בעל הלייכטער: ווי קען עס מעגליך זיין אז רעהרען פון א לייכטער זאלען שטארבען? אויב ס'איז רעכט — ענפטערט איהם דער שכן — אז בלעכענע לעפעל זאלען קינדלען, קען אויך רעכט זיין אז זילבערנע רעהרען זאלען שטארבען...

דאס זעלבע איז אויך מיט'ן „לא תוסיפו ולא תגרעו". אויב מצוות קענען קינדלען און זיך פארמעהרען, קענען זיי אויך שטארבען און זיך פארוועניגערען. איז אויב דו מיינסט אז מיט רעדוצירען די מאס פון די מצוות וועסטו אמוועניגסטענס זיין זיכער מיט דאס ביסעל, מאכסטו א טעות. מיט'ן לא תגרעו וועסטו ניט פארזיכערען דעם „לשמור" אפילו אויף די קליינע צאהל וואס איז ביי דיר פארבליבען... דער סוף וועט זיין אז אפילו דאס ביסעלע וואס דו האסט שוין כלומר'שט יא איבערגעלאזען אין דיין באזיץ, וועלען אויך קיין קיום ניט האבען.

„כי כשלת ב ע ו נ ך". אין דאס וואס ווערט ביי דיר אליין פאררעכענט פאר אן „עון" וועסטו אויך נכשל ווערען.

און דערפאר עצה'ט דער נביא: „קחו עמכם דברים ושובו אל ה'". שליס זיך אן אין כלל, מאך ניט קיין שבת פאר זיך, דאן וועסטו האבען א גאנצע תורה. ביים כלל ישראל, ביים רבים, איז ניטא קיין שטיקלאך תורה... „ושובו אל ה'", ביים רבים, איז סתם „אל ה'", ניטא קיין באגרענעצטע גאטהייטס באגריפען וואס זאל אוועקגעשטעלט ווערען אויף דעם אדער יענעם פונקט, אויף די אדער יענע מצוה.

***

כי כשלת בעונך!

מאנכע פון די גדולי הדרשנים געפינען אין דעם „כשלת בעונך" א שניי־דענדען סארקאסטישען פארוואורף צו אנדערע שוואכזיניגע אידען, די אסימי־לאטארען מכל המינים, וואס טרייסלען זיך אפ פון אידישקייט מיינענדיג אז דערמיט וועלן זיי זיך איינקויפען נשיאות חן ביי די גוים און פטור ווערען פון זייערע רדיפות. מיר'ן ווערען — זאגען זיי — נעהענטער צו זיי געשעפט־ליך, געזעלשאפטליך און קולטורעל, וועלען זיי אונז אנהויבען באטראכטען

האזינו

פאַר אייגענע מענשען און וועלען זיך באַציהען צו אונז מיט חבר׳שע באַציהונגען.

מאַכסט אָבער אַ ביטערען טעות, שרייט אויס דער נביא. „כי כשלת בעונך״, ביסט דורכגעפאַלען מיט דיינע זינד. האָסט געדענקט אַז מיט דיין זינדיג גוי׳איש לעבען וועסטו פאַרבעסערען דיין מערכה, לסוף האָסטו געהאַט אַן אַנטוישענדען דורכפאַל. די גוי׳אישע שנאה איז געבליבען די זעלבע אפילו נאָכדעם ווי דו האָסט שוין אָראָפּגעוואָרפען פון דיר דיין אידישקייט.

ווי ווייט דאָס איז אַ טרויעריגער אמת, זעהען מיר דאָך עס ממש בחוש אין אונזער היינטיגער צייט, איבערהויפט אין מערב איירָאָפּא וואו יאָהרענלאַנג האָט די אַסימילאַציע פאַרזייהט איהרע גיפטיגע זוימען פון וועלכע עס האָבען אַרויסגעשפּראָצט הונדערט פּראָצענטיגע אַסימילאַטאָרען, אידישע גוים אין פולען זין פון דאָס וואָרט סיי אין נאַציאָנאַלען זין און סיי אין רעליגיעזען. די פּרוכט פון די דורות פּרעדיגענדע אַסימילאַציע האָט זיך שוין אפילו באַוויזען אין אַ קאָליר פון האַלבע און גאַנצע פּראָדוצירטע משומדים, און אפילו שמד האָט שוין אויך אויפגעהערט צו זיין אַ תריס בפני הפורענות. משומדים ווערען אויך ביי די היטלערס פאַררעכענט פאַר אידען אויף וועמען עס זיינען חל אַלע גזירות פּונקט ווי אויף אמת׳ע אידען.

ביסטו דאָך מיט דיין גוי׳אישקייט פולשטענדיג דורכגעפאַלען און ביסט געבליבען קרח מכאן וקרח מכאן, ביי די גוים פאַררעכענט אַ איד און ביי אידען אַ גוי. און אויב אַזוי, אַז „כשלת בעונך״, אַז דיינע זינד זיינען געוועזען אַ דורכפאַל, טאָ זיי זשע אַ „ספּאָרט״ און — שובה ישראל׳ גיי צוריק צו דיין מקור און בעט זיך איבער מיט דיין גאָט, ומודה ועוזב — ירוחם.

שובה ישראל!

גיי צוריק! און געהן צוריק צום אידישען מקור הייסט ניט געהן ר י ק וו ע ר ט ס נור געהן פ אָ ר וו ע ר ט ס. דען אין דעם אונטערשיידעט זיך דער עם אלקי אברהם פון די אומות העולם. ביי זיי, ביי די אומות, איז די פאַרגאַנגענהייט זעהר אַ פינסטערע און געהן צוריק וואָלט הייסען צוריק צום תהו ובהו, צוריק צו רעאַקציע, צוריק צו די פינסטערע צייטען פון באַרבאַריזם און געצענדינעריי.

וואָרט און צייט

ביי אונז אָבער מיינט געהן צוריק, צוריק צו ליכט, צוריק צו אמת׳ע ציוויליזאַציע, און צוריק צום אמת׳ען פראָגרעס. ביי זיי, ביי די גוים, שעהמען זיך די קינדער מיט די טאַטעס, די אייניקלאַך מיט די זיידעס און די אור אייניקלאַך מיט די עלטער זיידעס, און זיי דאַרפען זיך מיט זיי שעהמען, זיי האָבען זיך מיט וואָס צו שעהמען. זייער יחוס ציהט זיך פון די פרעה׳ס מיט די עמלק׳ס, פון די המנ׳ס מיט די טיטוס׳עס, פון די טאַרקוואַמאַדעס מיט די כמעלניצקים. אונזער יחוס אָבער ציהט זיך פון אברהם יצחק ויעקב מיט די שבטים, פון די כהנים מיט די נביאים, פון די תנאים מיט די אמוראים און ווען מיר קוקען אויף צוריק זעהען מיר דורכאויס ליכט און זון.

ביי אונז איז „אשרי זקנתנו שלא בישה את ילדותנו״ און וואָס פריהער אַ דור אַלץ שעהנער, אַלץ עדעלער. דער טאַטע פרימער פאַר׳ן זוהן, דער זיידע פרימער פאַר׳ן טאַטען, דער עלטער זיידע פרימער פאַר׳ן זיידען, וואָס מעהר אינ׳ם עבר אַלץ שעהנער די אידישקייט. אונזער פראָגרעס, דער אידישער פראָגרעס, שטעהט אייך אין דעם נעכטען ניט אין דעם היינט און געוויס ניט אין דעם מאָרגען. ביי אונז איז דער אויסדרוק אַ „היינטיגער״ אַ באַצייכענונג פון פריידענקערשאַפט, פון הפקרות און גסות און אויב דאָס מיינט אַ ה י י נ ט י ג ע ר, פאַרשטעהט מען שוין וואָס עס קען מיינען אַ „מאָרגענדיגער״...

און דערפאַר — שובה ישראל!

צוריק צו דיין גאָט, צוריק צו דיין תורה, צוריק צו דיינע שבתים וימים טובים, צוריק צו דיינע הייליגע טראַדיציעס, צוריק צו אַלע קניני הרוח פון דיין אומה וואָס זיינען ערוואָרבען געוואָרען מיט אַזוי פיעל מסירות נפש און וואָס אַ דאַנק זיי ביסטו געבליבען אַן אייביגעס פאָלק, אַן עם נצחי מיט אַ תורה נצחית.

שובה ישראל!

וזאת הברכה

(לשמחת תורה)

ולזבולן אמר שמח זבולן בצאתך וישׂשכר באהליך.

(לג—יח).

אגיל ואשמח בשמחת תורה,
בא יבוא צמח בשמחת תורה;
תורה היא עץ חיים, לכולם חיים
כי עמך מקור חיים.

(פיוט לשמחת תורה).

דער פאַרפאַסער פון דעם דאָזיגען ציטירטען שטיקעל פיוט האָט אין די געצעהלטע קורצע פערזען אַרויסגעבראַכט אַ פּאָר ערהאַבענע געדאַנקען וועלכע פאַרדינען מען זאָל זיך אויף זיי אָפּשטעלען.

מיר וועלען דוקא אָנהויבען „במאי דסליק מיניה", פונ'ם סיום. די גאַנצע חשיבות פון היינטיגען יום־טוב טאָג, שמחת תורה, איז דאָך דער „סיום". פאַרדינט דעריבער דער סיום דעם פאָרצוג צו מאַכען מיט איהם די ה ת ח ל ה.

תורה היא עץ חיים, לכולם חיים!

אַן אַלטע וועלט קשיא: מילא אַז דער תלמיד חכם, דער למדן, פרעהט זיך מיט דער תורה, איז עס אַ פאַרשטענדליכע זאַך. ע ר האָט אַ גאַנץ יאָהר געלערענט די תורה, האָט גע'טאָג'ט און גענעכטיגט איבער איהר, אויפ־געשטאַנען פאַרטאָגס, מאַנכעס מאָל גאַנצע „משמורים" אויפגעוועז, איז דע־ריבער ניט מעהר ווי רעכט אַז אַזאַ איינער וואָס ווייסט די תורה, פאַר־שטעהט איהר ווערט און אָבשאַצונג, זאָל ער זיך דעריבער צום סיום התורה זיך שטאַרק פרעהען מיט איהר, דען מיט דער שמחה גיט ער דעם בעסטען אויסדרוק צו זיינע געפיהלען, די הודאה צום: „ששמת חלקנו מיושבי בית המדרש".

וואָרט און צייט

די „יושבי קרנות" אָבער, די פּשוט'ע בעלי בתים פון אַ גאַנץ יאָהר, די וועלכע האָבען מיט דער תורה גאַנץ ווייניג פאַרקערט, קנאַפּע מחותנים מיט איהר געוועזן; ווען אויך ז י י פרעהען זיך אַזוי שטאַרק מיט דער תורה, לאָזט זיך טאַקע פרעגען: „ולשמחה מה זו עושה"? וואָס איז ביי אייך אַזאַ גרויסע שמחה מיט דער דאָזיגער תורה וועלכע איהר קענט אַזוי ווייניג?

מען דערצעהלט אַ גלייכוווערטעל: אַ רב זאָל אַמאָל האָבען געשטעלט די דאָזיגע פראַגע צו איינעם פון זיינע גאָר פּראָסטע כמעט מגושם'דיגע בעלי בתים וואָס האָט שמחת תורה גאַנצע וועלטען איינגעלעגט, געטאַנצט און גע־הוליעט אויף אַ גאָר געהויבענעם שטייגער. סטייטש, זאָגט דער רב, אַז א י ך האָב די תורה געלערנט ד אַ ר פ ס ט ו זיך מיט איהר אַזוי פרעהען?

דאַרויף זאָל איהם דער בעל הבית האָבען געענטפערט: זאָגט מיר נור, רבי לעבען, פאַרוואָס דאַרף אַשטייגער אַזאַ איד ווי איך זיך קלאַפּען אין האַרצען ביים „על חטא שחטאנו לפניך בכפת שוחד"? ווי קום איך צו ש ו ח ד, כ'בין ניט קיין רב און ניט קיין דיין און ס'איז ניטאָ קיין אורזאַכע פאַרוואָס מ'זאָל מיר ווען עס איז גאָר וועלען אָנבאָטען אונטערקויף געלט. אָט זעהט איהר פאַר אַ רב איז אַזאַ על חטא יאָ אַם פּלאַץ אָבער פאַר אַזאַ איד ווי איך ווי קלעפּט זיך צו מיר אַזאַ פסוק ווען דער שוחד גופא קען זיך צו מיר ניט קלעפּען? איז אויב, רבי, צוליב א י י ע ר ע חטאים דאַרף א י ך זיך על חטא קלאַפּען, מעג איך צוליב א י י ע ר תורה אויך פרעה־ליך זיין...

אין אמת'ען אָבער איז כלל גאָר ניטאָ קיין איד וואָס זאָל ניט האָבען קיין חלק אין דער תורה, און דער פּייטן האָט עס זעהר טרעפליך געבראַכט צום אויסדרוק אין דעם דערמאָנטען פערז ווען ער אונטערשטרייכט „תורה היא עץ חיים ל כ ו ל ם חיים". די תורה איז אַ זאַך פון „לכולם", אַלע אידען האָבען אין איהר אַ חלק, דען דערפאַר איז דאָך „תורה היא עץ חיים" און דאָרט וואו דער פסוק רעדט וועגען דער תורה אַלס „עץ חיים" דאָרט אונטערשטרייכט ער דייטליך „למחזיקים בה" אויף וועלכעס חז"ל קאָמענ־טירען: „לומדיה לא נאמר אלא ל מ ח ז י ק י ם בה"...

און אַלס מחזיקי תורה קענען שוין די בעלי בתים, אפילו די סאַמע פּשוט'סטע און פּראָסטע צווישען זיי, אויך האָבען אַ שעהנעם אינוועסטמענט אין אונזער תורה.

וזאת הברכה

עס איז דער אַלטער שותפות קאָנטראַקט פון יששכר מיט זבולן אויף וועלכעס די היינטיגע סדרה שטעלט זיך אַזוי שטאַרק אָפּ ווען זי זאָגט: „ולזבולן אמר שמח זבולן בצאתך ויששכר באהליך״, און דער מדרש רעאַגירט דאַרויף אין פאָלגענדע ווערטער:

והלא יששכר גדול מזבולן? אלא על ידי שהיה זבולן פורש לים ויוצא לפרקמטיא ובא ונותן לתוך פיו של יששכר, לפיכך נתן לו שכר בעמלו.

(ילקוט שמעוני סימן תתקל״ד).

ווערט אַלזאָ זבולן דער סוחר נאָך אָוועקגעשטעלט אין פסוק פריהער פאַר יששכר דעם תלמיד חכם. די תורה גיט איהם, זבולנ׳ען, דעם פאָרצוג איבער יששכר׳ן, ווייל זבולן געהער צו די „למחזיקים בה״, ער האַלט אויף די תורה, ווערט ער דעריבער באַטראַכט פאַר׳ן יסוד און דער יסוד קומט נאַטירליך פ אַ ר דעם בנין גופא.

איז דעריבער דער שמחת תורה זעהר סימבאָליש אויך דערמיט וואָס אין איהם מעהר ווי אין אַלע אַנדערע ימים טובים, פאַרנעהמען אַזאַ פראָמינענטען פּלאַץ דאָס קליינוואַרג וועלכע באַצירען מיט זייערע שמחת תורה פאָהנען דעם דאָזיגען שעהנעם יום־טוב און טראָגען צו פיעל קאָליר און פאַרב צו איהם.

יאָ, די קינדערלאַך דאַרפען ווירקליך פאַרנעהמען דעם אויבענאַן אין אונזערע שמחת תורה׳ס. דען אויך זיי זיינען דאָך דער י ס ו ד פון אונזער תורה. „אם אין גדיים אין תישים״. מיט׳ן „תינוקת של בית רבן״ פאַנגט זיך אָן דער בנין התורה. זיי זיינען דער „בראשית״ מיט וועלכען מיר מאַכען די ה ת ח ל ה פון דער תורה.

וואָלט דער שמחת־תורה יו״ט ווירקליך געדאַרפט זיין אַ טאָג פון חשבון הנפש און ערנסטע באַטראַכטונג וועגען דער אויפהאַלטונג פון די מוסדות התורה פאַר דאָס קליינוואַרג אין געשטאַלט פון די תלמוד תורה׳ס און ישיבות קטנות אין וועלכע דער גרעסטער טייל פון דעם קינדער מאַטעריאַל באַשטעהט

וואָרט און צייט

אגב פון די „בני עניים שמהם תצא תורה" און זיי נויטיגען זיך דאָך אַזוי שטאַרק אין די מחזיקים ותומכים.

צום באדויערען אָבער ליידען אונזערע מוסדות התורה זעהר שטאַרק און זייער עקזיסטענץ שטעהט שטענדיג אין סכנה. אַ שווערען קאַמף פיהרען אַן די וועלכע שטעהן אין דער שפּיצע פון די דאָזיגע מוסדות, אַ קאַמפף וואָס ברענגט מאַנכעס מאָל די טוערס צו אַ מצב פון פאַרצווייפלונג.

אויסערליך האָט נאָך דער שמחת תורה ברוך השם ניט פאַרלאָרען זיין גלאַנץ. מען טאַנצט מיט דער תורה, מען פרעהט זיך מיט איהר אַזוי ווי אין די אַלטע גוטע צייטען. אייגענטליך האָט די שמחה ווייט ווייט ניט דערגרייכט די שטופע צו וועלכע זי וואָלט געדאַרפט האָבען דערגרייכט ווען עס וואָלט געווען אַביסעל מעהר באַוואוסטזיניגקייט.

עס ווערט היבש קאַלעמוטנע אויף'ן האַרצען ווען מען ציהט אַ פּאַראַלעל פון דעם מצב פון אונזערע תורה אַנשטאַלטען אין אונזערע היגע מדינות ביז דעם מצב פון די מוסדות התורה אין די אַלטע היימען פון יענער זייט ים.

לויט'ן כלל פון „אם אין קמח אין תורה" וואָלט דאָך געדאַרפט אויס־קומען אַז דאָ אין די „קמח"־לענדער וואו דער עקאָנאָמישער מצב איז אונ־געהייער פיעל בעסער ווי אין די אָרעמע לענדער פון דער אַלטער איראָפּאַ, וואָלט דאָך דאָ דער מצב פון תורה אויך געדאַרפט שטעהן אויף אַ העכערען סטאַנדאַרד ווי דאָרט. לסוף איז די זאַך ניט אַזוי און דוקא דאָרטען וואו ס'איז בוכשטעבליך „אין קמח", האָט די תורה פונדעסטוועגען מעהר קונה שביתה געווען ווי דאָ? און מיט וואָס זאָל זיך דאָס ערקלעהרען?

דער ענטפער אָבער איז אַ פשוט'ער. דען אויף'ן זעלבען אָרט וואו ס'איז געזאָגט געוואָרען „אם אין קמח אין תורה", איז אויך געזאָגט געוואָרען דער געגענזאַץ: „אם אין תורה אין קמח", און אין אָט דעם צווייטען האַלבען זאַץ ליגט דער ענטפער. ס'איז טאַקע אמת אַז „אם אין קמח אין תורה", מען קען ניט אויפהאַלטען די תורה אויב עס זיינען ניטאָ די נויטיגע פינאַנ־ציעלע מיטלען דאַפיר. אויף די פראַגע אָבער וואו צו נעהמען דעם דאָזיגען „קמח", קומט דער ענטפער פון „אם אין תורה אין קמח" וואָס מיינט צו זאָגען אַז דער גאַנצער מאַנגעל פון קמח קומט בלויז דערפון וואָס איז „אין

תורה״, דורכדעם וואָס עס פעלט די נויטיגע הרגשה אין דעם צורך פון תורה. וואָלט מען געפיהלט ווי ווייט נויטיג עס איז די תורה, וואָלט מען געווען דורכגעדרונגען מיט׳ן געדאַנק אַז די תורה איז ניט קיין לוקסוס זאַך וואָס מען קען זיך אָהן איהר באַגעהן אין אַ צייט פון אַ קריזיס און עקאָנאָמישע דעפּרעסיע; וואָלט מען באַטראַכט די תורה אַלס אַ לעבענס נויטיגקייט פון דער ערשטער מדרגה, מען וואָלט געפיהלט אַז דער „כי היא חייך״ איז ניט קיין מליצה, ניט קיין פראַזע נור אַ בוכשטעבליכער אמת, דאַן וואָלט די תורה ניט געוואוסט פון קיין נויט און אַרמוט אפילו אין די ערגסטע עקאָנאָמישע צייטען. ב ר ו י ט מוז מען שאַפען אפילו אין אַ קריזיס און קוים איז די תורה די ברויט פאַר׳ן גייסט, די מחיה פאַר דער נשמה, וואָלט מען שוין אונטער אַלע אומשטענדען און אונטער די שווערסטע באַדינגונגען געזאָרגט פאַר איהר עקזיסטענץ.

אויב אָבער „אם אין תורה״, עס פעלט די איבערצייגונג אין דער נויטיגקייט פון דער תורה, און זי ווערט נור באַטראַכט אַלס אַ מין לוקסעריעזער אַרטיקעל, דאַן איז טאַקע „אין קמח״, איז טאַקע ניטאָ מיט וואָס אויפצוהאַלטען איהר עקזיסטענץ, דען פאַר קיין לוקסעריעזע זאַכען איז מען זיך ניט אַזוי שטאַרק מוסר נפש דעמאָלט ווען צייטען זיינען ניט אַזוי אַמבעסטען...

און אין דעם ליגט דער אונטערשיעד פון דער אַלטער היים ביז דער נייער. דאָרט איז תורה באַטראַכט געוואָרען אַלס אַ נאָהרונגס אַרטיקעל אָהן וועלכעס מען קען זיך ניט באַגעהן, און קוים איז ביי זיי ניט געווען „אין תורה״ איז שוין אויך ניט געווען „אין קמח״. דער אָרעמסטער איד האָט זיין קאַפּאָטע פאַרזעצט אום צו האָבען מיט וואָס צו צאָהלען שכר למוד.

דאָ אָבער, איז „התורה מונחת בקרן זוית״, די תורה האָט פאַרלאָרען איהר אַמאָליגען גלאַנץ, איהר קורס איז געפאַלען; מען באַטראַכט איהר שוין מעהר ניט פאַר אַ לעבענס נויטיגקייט. די תלמוד תורה האָט געפונען איהר קאָנקורענט אין דער פּאָבליק סקול און די ישיבה, אין דעם קאָלעדזש. אונטער אַזעלכע אומשטענדען איז שוין קיין חדוש ניט פאַרוואָס די חנוך אַנשטאַלטען מאַטערען זיך אַזוי פיעל מיט זייער עקזיסטענץ, ווייל — „אם אין תורה, אין קמח״...

וואָרט און צייט

דאַרף דער שמחת תורה ניט בלויז אויסגענוצט ווערען פאַר מאַטעריעלע פראָפּאַגאַנדע צוועקען פאַר די מוסדות התורה, נור אויך, און אפשר טאַקע הויפּטזעכליך, פאַר גייסטיגע פּראָפּאַגאַנדע צו שאַפען די באַוואוסטזיניגקייט ביי די אידישע טאַטעס און מאַמעס אַז די אידישע תורה, דער חדר און די ישיבה איז פונקט אַזוי נויטיג פאַר זייער קינד ווי להבדיל די אַלגעמיינע שוהלע און דער קאָלעדזש. אַזוי שנעל ווי אַזאַ תורה סענטימענט וועט גע־שאַפען ווערען, וועט שוין די פינאַנציעלע פראַגע פון זיך אַליין אויטאָמאַטיש געלעזט ווערען, ווייל דאָרט וואו „ י ש תורה", דאָרט איז אויך „ י ש קמח"...

איז דעריבער אויך זעהר סימבאָליש דאָס וואָס „שמחת תורה" איז אַן איינהייטליכער טייל פון דעם „שמיני עצרת", דער יום־טוב וואָס איז לויט חז"ל הויפּטזעכליך אונז געגעבען געוואָרען אַלס דעמאָנסטראַציע פאַר אָט דעם אויבענגעזאָגטען געדאַנק. שמיני עצרת דריקט אויס דעם שטאַרקסטען פּראָטעסט און פאָרוואורף געגען יענע אידען וואָס ברענגען די גרעסטע און טייערסטע קרבנות פאַר דעם וואוילזיין פון דער אַלגעמיין ניט אידישער וועלט און פאַרנאַכלעסיגען אָבער זעהר שטאַרק דאָס אידישקייט אַליין:

„עצרת תהיה לכם לפי שכל ימות הרגל הקריבו שבעים פרים כנגד שבעים אומות וכשבאין ללכת אמר להם הקב"ה בבקשה מכם עשו לי סעודה קטנה כדי שאהנה מכם". (מדרש רבה).

יאָ, עס איז די „סעודה קטנה" אין געשטאַלט פון דאָס ביסעל אידישקייט אין פאַרגלייך מיט די „סעודה גדולה" אין געשטאַלט פון די סך גוי'אישקייט, צו וועלכע דער שמיני עצרת רופט. עס איז דער רוף פאַר דעם „פר אחד" פאַר דער אידישער תלמוד תורה אין פאַראַלעל צו די „שבעים פרים" פאַר די ניט־אידישע סקולס און קאָלעדזשעס.

שמחת תורה איז משלים דעם דאָזיגען רוף און ברענגט עס צום אויס־דרוק דורך זיין „עם כל הנערים" וואו ער לאַדעט איין דאָס קליינוואַרג צו דער אידישער תורה. דען דאָס איז, ווי געזאָגט, די הויפּט זאַך. זאָל נור זיין ת ו ר ה וועט שוין ממילא אויך זיין קמח.

וזאת הברכה

און „מנהג ישראל תורה היא". איז דער שמחת תורה מנהג וואָס איז פאַרשפרייט בכל תפוצות ישראל אַז די אַלע „עולים לתורה" דערלאַנגט מען זיי גלייך נאָך דער „עליה" לעקאָך־און־בראַנפען, אויף קידוש צו מאַכען, איז דער דאָזיגער מנהג אויך סימבאָליש. עס זאָגט אָן דעם „עולה" אַז קוים האָסטו נור געקראָגען „תורה" קריגסטו שוין אויך „קמח"...

***

קומענדיג צוריק צו אונזער טעקסט־פיוט, זעהט עס אויס אז דער פייטן וויל פאַרבינדען שמחת תורה מיט דער אידישער גאולה ווען ער זאָגט: „בא יבוא צמח בשמחת תורה" וואָס מיינט אַז דורך שמחת תורה וועט זיין בא יבוא צמח. שטימט עס טאַקע מיט דער תורה גופא וואו גלות ווערט אָנגע־געבען אַלס רעזולטאַט פון ניט פרעהען זיך מיט אידישקייט: „תחת אשר לא עבדת את ה׳ אלקיך ב ש מ ח ה ובטוב לבב מרוב כל, ועבדת את אויביך ברעב ובצמא ובערום ובחוסר כל", און „מכלל לאו אתה שומע הן". אויב יאָ שמחה וועט דער „אגיל ואשמח בשמחת תורה", ברענגען דעם „בא יבוא צמח", און אַזוי געהט דאָך טאַקע דער סמיכות הפסוקים: „ובא לציון גואל — ואני זאת בריתי", דאָרט וואו דער ברית התורה איז „לא ימושו מפיך", דאָרט איז אויך „ובא לציון גואל".

שישו ושמחו בשמחת תורה!

מועדי השנה
ולעת מצוא

לסליחות

כנשר יער קנו על גוזליו ירחף.
(דברים ל״ב).

כנשר הזה רחמני על בניו ואינו נכנס לקנו פתאום עד שהוא מקשקש ומטרף על בניו בכנפיו בין אילן לאילן, בין שוכה (ענף) לחברתה כדי שיעירו בניו ויהא בהם כח לקבלו.
(רש״י, ילקוט האזינו).

דיזער ציטירטער ילקוט וואַרפט אַ העלע ליכט אויף דעם שעהנעם מנהג פון זאָגען „סליחות״. די ימים נוראים זיינען דאָך די הייליגסטע טעג פון יאָהר וואָס גיסען אויס אַ ליכט פון קדושה אויף דאָס אידישע האַרץ און באַשטראַלען די נשמה מיט אַ שפע פון דעם אור העליון.

אָבער כדי צו קענען מקבל זיין אָט די גרויסע ליכט מוז מען דערצו האָבען אַ געהעריגע הכנה. ווען מען געהט אַרויס פון אַ פינסטערען פּלאַץ אויף דער ליכט פון דער מיטענטאָגיגער זון, קענען די אויגען ניט פאַרטראָגען די שטאַרקע ליכט און עס נעהמט צייט ביז מ׳קען זיך צו דער זונען ליכט צוגעוואוינען.

מיט גייסטיגע ליכט איז אויך דער זעלבער פאַל. ווען עס איז „השפעת עלינו רוב טובה״ דאַן איז „ואין אנו יכולים לקבלה״. עס נויטיגט זיך דעריבער אַ מין טריינינג אין דער דאָזיגער קדושה. מ׳דאַרף מאַכען איבונגען אום זיך צו קענען ביסלעכווייז צוגעוואוינען צו דער קדושה ליכט פון די גרויסע הייליגע טעג.

כנשר יעיר קנו — דער רבונו של עולם וויל זיך כביכול ניט מכביד זיין אויף אונז דורך אַראָפּנידערען מיטאַמאָל אַזאַ גרויסע ליכט. מיר וואָלטען עס ניט געקענט מקבל זיין. קומען דעריבער די ימי הסליחות וואָס דינען אַלס טעג פון הכנה „כדי שיעירו בניו ויהי׳ בהם כח לקבלו״.

וואָרט און צייט

„מען וועקט צו סליחות" פונקט ווי דער אַדלער וועקט זיינע קינדער זיי זאָלען ערוואַכען פון שלאָף. אַ גאַנץ יאָהר זיינען מיר פאַרשלאָפען. אונזערע כחות הנפש זיינען איינגעשלאָפען אין אונז. די סליחות טעג וועקען אונז אויף. זיי זיינען די טעג פון אינספּעקציע, די טעג פון ריי־ניגונג, די טעג וואָס זיינען באַשטימט פאַר דעם „סור מרע" כדי צו קענען קומען צום „עשה טוב".

אָט ווי עס ווערט געבראַכט אין די אחרונים:

„חז"ל קבעו את ימי הסליחות עכ"פ ד' ימים קודם ר"ה משום דבכל הקרבנות כתיב והקרבתם ובר"ה כתיב ועשיתם משום דבר"ה צריך האדם לעשות עצמו קרבן, וכיון שכל קרבן צריך בקור ממום ד' ימים קודם, ע"כ גם האדם שמכין עצמו להיות קרבן לד' צריך בקור ממומי העבירות עכ"פ ד' ימים קודם". (או"ח תקפ"א בעטרת זקנים).

אָבגערייניגט זיך פון די מומין, קען מען ערשט דאַן מקיים זיין דעם „ועשיתם" דעם „ע ש ה טוב".

מען דערצעהלט אויף דעם קדוש עליון רבי אהרן „הגדול" מקארלין אַז ווען ער איז איינמאָל צוגעגאַנגען צום עמוד ראש השנה, זאָגען „המלך", איז ער פאַר'חלש'ט געוואָרען און ס'האָט היבש געדויערט ביז ער איז געקומען צו זיך. ערקלעהרענדיג נאָכער די אורזאַך דערפון האָט עס געהייסען אַז בעת ער האָט געדאַרפט אָנפאַנגען „המלך", איז איהם אויפגעקומען אויפ'ן געדאַנק די גמרא (גיטין נ"ו): „אי מלכא אנא אמאי לא אתית עד השתא" און פון גרויס פחד האָט ער אָוועקגע'חלש'ט.

די פאַרברייטונג אין די ימי הסליחות דאַרף דיענען אַלס ענטפער צו דיזער פראַגע. מ'דאַרף ניט וואַרטען ביז צום סאַמע לעצטען ווען מ'האָלט שוין ביי „המלך" און אַזוי אַרום מאַכען צו פרעגען: „אמאי לא אתית עד השתא"...

יאָ, די סליחות דאַרפען דיענען אַלס פאַרברייטונג צום ראש השנה. די פראַגע איז אָבער צי ווערען זיי טאַקע פאַר דעם צוועק אויסגענוצט,

לסליחות

באַציהען מיר זיך טאַקע צו די סליחות מיט'ן פולען ערנסט, דיענען זיי טאַקע פאַר אונז אַלס די הכשרה טעג צו די הייליגע ימים הנוראים?

עס שיינט אַז דעם ענטפער צו דער דאָזיגער פראַגע געפינען מיר טאַקע אין סליחות גופא ווען מיר קומען צום „אָשמנו מכל עם בושנו מכל דור".

יאָ, בושנו מכל דור!

אין די פריהעריגע דורות, אין די דורות פון אונזערע עלטערען, זיינען טאַקע די סליחות געווען דאָס וואָס זיי דאַרפען זיין. די מליצה וואָס איז אָנגעווענדעט געוואָרען אַז אפילו „פיש אין וואַסער ציטערען" פאַר די ימי הדין האָט ווירקליך געגעבען די ריכטיגע אָבשאַצונג דערצו. שוין גלייך מיט'ן ערשטען שופר בלאָז פון ר"ח אלול, האָט זיך די שטימונג אין גאַנצען געביטען. אַ הייליגע מעלאַנכאָליע, ניט פון קיין עצבות נור פון התרוממות הנפש, האָט זיך ארויפגעצויגען אויף די גע־זיכטער פון אונזערע עלטערען אַזוי שנעל ווי מ'האָט אָנגעהויבען זאָגען „לדוד אורי". דאָס לערנען, דער דאַוונען און דאָס תהלים זאָגען אין די אלול טעג איז געווען גאָר אַנדערש ווי אין די טעג פון אַ גאַנץ יאָהר. אויף אַלעס איז געלעגען דער שטעמפעל פון אלול און אַלץ האָט געאָטעמט מיט נשמה יתירה'דיגקייט פון די ימים נוראים. ביי זיי, ביי די אידען פון פריהעריגען דור, איז מען צוגעטראָטען צו די הייליגע טעג מיט אַ הכנה דרבה וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען ניט מיט די סליחות טעג נור מיט די אלול טעג. די סליחות גופא האָבען אויך געהאָט אַ הכנה.

זיי אין די פריהעריגע דורות האָבען געקענט פאַר'חלש'ט ווערען ביים „המלך" צוליעב'ן „אמאי לא אתית עד השתא" כאָטש דאָס איז נור געווען אַן אויסדרוק פון ענייות, דען אין אמת'ען איז ביי זיי יאָ געווען „אתית עד השתא". זיי זיינען אַ גאַנץ יאָהר געווען נאָהענט צום „המלך". יעדער ריהר און באַוועגונג, יעדע עבודה און מעשה איז ביי זיי געווען אין דער ריכט ליניע פונ'ם „בכל דרכיך דעהו". דער „שויתי ה' לנגדי תמיד" איז ביי זיי ניט געווען בלויז אַן אויפשריפט אויף'ן ע מ ו ד פון שוהל נור איז געווען זייער ע מ ו ד אש וואָס האָט זיי באַלויכטען אַלע וועגען פונ'ם „בכל דרכיך".

וואָרט און צייט

ביי אונז אָבער איז די פראַגע פון „אמאי לא אתית עד השתא" ניט קיין אויסדרוק פון ענָיוות נור טאַקע אַ טרויעריגער אמת. דען ניט דער אלול און אפילו אויך ניט די סליחות ברענגען אונז נעהענטער צום „המלך". דאָס וואָס זיי ד אַ ר פ ע ן זיין זיינען זיי עס באמת ניט.

עס איז ווי די וועלט פרעגט אין באַצוג צום „יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי" וואָס מען זאָגט ביים סוף פון דער שמונה עשרה. די פראַגע איז: אַ איד שטעהט זיך שמונה עשרה און איז בעת מעשה אויס אויף אַלע יאַרידען, מאַכט אויס אַלע געשעפטס פּלענער און פּלאַנעוועט אויס אַלערליי ביזנעס טריקס און לסוף בעט ער דעם רבשו"ע „יהיו לרצון אמרי פי ו ה ג י ו ן ל ב י"... דער תירוץ איז אָבער אַז ביים יהיו לרצון גופא האָט ער דאָך אויך ניט אין זינען וואָס ער רעדט. ער איז דאָך דעמאָלט אויך פאַרטראַגען אין זיינע געשעפטען און פונקט ווי ביים „סלח לנו" ק ל אַ פּ ט זיך אויטאָמאַטיש און ביים „מודים" ב ו י ג ט זיך אויטאָמאַטיש, אַזוי ביים „יהיו לרצון" ז אָ ג ט זיך אויטאָמאַטיש...

לײדער זיינען ביי אונז די סליחות אויך ניט מעהר ווי אויטאָמאַטישע, אַ מין „מצות אנשים מלומדה". דער חזן מיט די משוררים ליגען דעמאָלט מעהר אין זינען ווי די סליחות גופא. ווערען דאָך טאַקע צום באַדויערען אין אַ סך שוהלען די סליחות אויסגענוצט אַלס אַ רעקלאַמע פאַר די שוהל מיט איהר חזן, עס איז אַן „אַדווערטייזינג" אָווענט פאַר׳ן „ימים נוראים טיקעט סייל" וואו די סליחות ווערען געגעבען אַלס אַ „פרי סעמפּעל"...

זכור ימות עולם, בינו ש נ ו ת דור ודור!

אין דיזען פאַל קען מען טייטשען דאָס וואָרט „שנות" מלשון ה ש ת נ ו ת, פאַרענדערונג. דען ווען ס׳איז „זכור ימות עולם", אַז מען דערמאָנט זיך אין יענע טעג פון אַמאָל, דאַן פאַרשטעהט מען ווי וױיט די דורות האָבען זיך ג ע ע נ ד ע ר ט...

אבותנו ח ט א ו ואינם ואנחנו ע ו נ ו ת י ה ם סבלנו!

ווי באַוואוסט איז „ ח ט א " שוגג און „ ע ו ן " מזיד. ביי אונזערע עלטערען ווען ס׳איז אפילו בלויז געוועזען ח ט א ו, דאָס מינ־דעסטע קליינע זינד, איז שוין געוועזען „ ו א י נ ם ", האָבען זיי שוין געפיהלט ווי זיי זיינען גאָר נישט, עס האָט זיי אַזוי שטאַרק געקרענקט און

געערגערט, אַז זיי זיינען ביי זיך געוואָרען בטל ומבוטל. „ואנחנו ע ו נ ו ת י ה ם סבלנו". מ י ר אָבער קענען אפילו דעם „עון" אויך סובל זיין, מיר קענען עס פאַרטראָגען, מיר חלש'ען ניט אַוועק ביים „המלך"... פילייכט חלש'ט שוין ביי מאַנכע דאָס הארץ פון וועלען עסען, און ביי מאַנכע איז אפילו ד י חלשות אויך ניטאָ...

ביי זיי אין די פריעהריגע דורות האָט, ווי געזאָגט, דער ערשטער שופר בלאָז פון אַלול שוין אַרויסגערופען אַ ציטער. ס'איז געווען ווי דער נביא זאָגט: „אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו" בלשון תמיהא וועהרענד ביי אונז איז עס פשוט בניחותא, דען אפילו דער ראש השנה שופר איז אויך ווייט פון אָנוואָרפען דעם געהעריגען שרעק...

דערפאַר אָבער זיינען מיר מעהר „אמת'ע" מענשען ווי אונזערע עלטערען זיינען געווען. זיי, אונזערע עלטערען, אַז זיי האָבען געזאָגט: „לא בחסד ולא במעשים באנו לפניך, כדלים וכרשים דפקנו דלתיך", איז עס ניט אין גאַנצען אמת געווען. ביי אונז אָבער איז עס טאַקע אַן אמת'ער אמת...

דאָס דערמאָנט אונז וואָס מ'דערצעהלט אויף דעם גרויסען צדיק רבי מענדעלע וויטעפסקער וועלכער פלעגט זיך שטענדיג אונטער'חתמ'נען „השפל באמת". האָט מען איהם איבערגעגעבען וועגען איינעם פון זיינע חסידים, אַ גאָר פשוט'ער מענש, אַז ער מאַכט נאָך דעם רבי'ן און חתמ'עט זיך אויך „השפל באמת". דאַרויף האָט ר' מענדעלי באַמערקט שמייכלענדיג: „יאָ, ער איז טאַקע אַ שפל ב א מ ת"...

אָט דאָס איז טאַקע דער חילוק פון אונזערע עלטערען ביז אונז. זיי האָבען זיך ג ע ' ח ת מ ' ט השפל באמת און מיר ז י י נ ע ן טאַקע שפל באמת. זיי האָבען נור ג ע ז אָ ג ט „כדלים וכרשים דפקנו דלתיך" און ביי אונז איז עס טאַקע אַזוי...

זיינען מיר טאַקע אין דעם פרט, ווי געזאָגט, מעהר אמת פאַר אונזערע עלטערען. איז עס אָבער אַ ט ר ו י ע ר י ג ע ר אמת...

דערפאַר אָבער אויב קיין חסד און קיין מעשים טובים האָבען מיר ניט מיט וואָס זיך אַוועקשטעלען פאַר'ן רבונו של עולם, קענען מיר אָבער זאָגען: „פנה נא אל ה ת ל א ו ת ואל לחטאת". דען אין דעם פרט פון „תלאות" לעבן מיר זיכער דורך די טראַגישסטע צייט אין אונזער

וואָרט און צייט

געשיכטע. פאַר אונזערע אויגען שפּיעלט זיך אָפּ די גרויסע טראַגישע דראַמע וואָס האָט צו איהר קיין גלייכען ניט אין אונזער גלות געשיכטע. די גאַנצע וועלט איז ווי איין בלוטיגער מזבח און דאָס אידישע פאָלק איז ווי איין בלוטיגער קרבן אויף דעם דאָזיגען מזבח.

אין דעם זין פון צרות און יסורים איז אונזער דור דער מוסטער דור אַנטקעגען הונדערטער און טויזענטער פון די פאַרגאַנגענע דורות; און אויב „יסורין ממרקין עונותיו של אדם" האָבען מיר געוויס דאָס רעכט צו זאָגען: „פנה נא אל התלאות ואל לחטאות".

לאָמיר דעריבער אויסנוצען די דאָזיגע הייליגע טעג, די ימי הרחמים והרצון, און לאָמיר זיך אַלע פאַראייניגען מיט אונזערע הערצער און נשמות אויסצוגיסען דעם קאָלעקטיוען צער און שמאַרץ פון אונזער אומגליקליכעס פאָלק, דעם „עם מוחשך ומורדף".

לאָמיר אַלע מהרהר בתשובה זיין און מיט האַרץ און כונה אויסוויינען פאַרן רבונו של עולם די תפלה מיט וואָס די סליחות ענדיגען זיך:

רחמנא דעני לעניי ענינא,
רחמנא דעני לתבירי לבא ענינא,
רחמנא דעני למכיכי רוחא ענינא,
רחמנא ענינא, רחמנא חוס, רחמנא פרוק,
רחמנא שזיב, רחמנא רחם עלן
השתא בעגלא ובזמן קריב.

לראש השנה

א.

(לפני התקיעות)

אשרי העם יודעי תרועה, וכי אין אוה״ע יודעים להריע, כמה קרנות יש להם, כמה בוקינוס יש להם, כמה סלפירגסי יש להם, ואמרת אשרי העם יודעי תרועה, אלא שהן מכירין לפתות את בוראן בתרועה.

ויקרא רבה כ״ט).

„עורו ישנים משנתכם ונרדמים הקיצו מתרדמתכם״.

(רמב״ם ה׳ תשובה פ״ג).

דער רמב״ם ז״ל האָט געגעבען דעם טאָן פאַר תשובה מיט דעם דאָזיגען ציטירטען רוף פון „עורו ישנים משנתכם״. פון נאַטור גענומען איז יעדער מענש פעהיג זיך צו דערהויבען צו דער גרעסטער מדרגה פון צדקות און קדושה. דער חלק אלוה ממעל אין געשטאַלט פון מענ־שענס נשמה רייסט זיך ביי יעדער איינעם צו איהר מקור, צו הימלישקייט, צו געטליכקייט. דער חסרון איז נור וואָס די גופניות פאַר׳שכור׳ט דעם מענשען און פאַרזינקט איהם אין אַ לעטאַרגישען שלאָף, און שלאָפענדיג ווערען זיינע חושים ווי פאַראַליזירט און אָבגעטויט און דערפון די התרחקות פון קדושה און דאָס אַראָפזינקען אין תהום פון טומאה און זינד.

רופען דעם מענשען צו תשובה, דאַרף מען איהם וועקען פון שלאָף. זאָל ער נור וואַכעדיג ווערען וועט ער צוריק קומען צו זיינע חושים, ער וועט זיך אויפהויבען פון תהום, זיך אויסשיילען פון די ערדישקייט און זיין נשמה וועט זיך ווידער קענען צוריק קעהרען צו איהר מקור פון וואַנען זי וועט קענען שעפּען איהר גייסטיגע יניקה פאַר דעם קיום פון דעם בחיר היצורים.

וואָרט און צייט

פון דיזען שטאַנדפּונקט איז דער שופר ווי אָנגעמאָסטען פאַר די דאָזיגע טעג פון תשובה. עס איז דער שופר וואָס וועקט מיט זיינע קולות דעם שלאָפענדיגען מענשען צו וואַכזאַמקייט און קוים וועט ער נאָר וואַך ווערען, וועט ער שוין קענען עהרענהאַפטיג דערפילען זיין היילינגע אויפגאַבע לד׳ ולתורתו.

האַנדעלט זיך עס אָבער אין שלאָפען, וויסען מיר דאָך אַז ניט יעדער איינעמס שלאָף איז גלייך. פאַראַן מענשען מיט אַ גרינגען שלאָף, מענשען מיט אַ האַרטערען שלאָף און מענשען מיט אַ גאָר האַרטען שלאָף; און אויב דער שופר איז דער וועקער דאַרף ער דאָך באַזיצען די וועקונג קראַפט וואָס זאָל קענען זיין ווירקזאַם פאַר אַלע סאָרט שלאָף נאַטורען. דערפאַר איז דאָך דער שופר אַ קאָלעקטיווער, אַ כל ישראל׳־דיגער, ס׳איז דאָך דער שופר ניט פון יחיד נור פון צבור, ניט פון ר׳ ישראל נור פון כלל ישראל.

דערפאַר פאַרמאָגט טאַקע דער שופר אַזאַ אויסוואַהל פון טענער. משמעות אַז אין די תקיעות, שברים און תרועות זיינען שוין נכלל אַלע סאָרט שלאָפיגע אידען פאַר וועמען דער שופר האָט צוגעגרייט די נויטיגע וועק מאַטעריאַל.

געוועהנליך זיינען די שלאָף נאַטורען, ווי געזאָגט, איינגעטיילט אין דריי קלאַסען: מענשען מיט אַ גרינגען שלאָף, מיט אַ האַרטען שלאָף און מיט גאָר אַ האַרטען שלאָף. דער מענש מיט׳ן גרינגען שלאָף אַז מען וויל איהם אויפוועקען איז גענוג אַ לייכטען קלאַפּ צו טאָן אין טיר פון זיין שלאָף צימער און ער וועט זיך גלייך אויפכאַפּען. פאַר די וואָס האָבען אָבער אַ האַרטען שלאָף איז שוין דאָס ניט גענוג, זיי מוז מען שוין אַ ציה טאָן פאַר׳ן שלאָף־ראָק כדי זיי וואַך צו מאַכען. פאַר די גאָר האַרט־שלאָפיגע איז שוין דאָס אויך ניט גענוג. ניט דער קלאַפּ אין טיר און אויך ניט די באַריהרונג פון זייערע שלאָף קליידער וועט זיי וואַכעדיג מאַכען. אַזעלכע מוז מען שוין שטאַרקען אין קערפּער גופא, טרייסלען דעם גוף און צומאָל טאַקע גוט אויפטרייסלען ביז זיי כאַפּען זיך אויף.

ווי שעהן און בילדליך קלינגט דעריבער דער פאָלגענדער מדרש פון פרשת הנגעים:

לראש השנה

אין בעל הרחמים נוגע בנפשות תחילה. נגעים הבאים על האדם, תחילה הן באים בביתו, אם לא חזר בו הן באים על בגדיו ואם לא חזר בו הרי הם באים על גופו. (ויקרא רבה י״ז).

זיינען דאך די עונשי ה׳, ווי מיר ווייסען, ניט מצד נקמה, זיי זיינען דאך פאר זיך אליין בכלל קיין צוועק ניט נור א מיטעל צום צוועק: „כי לא אחפוץ במות המת כי אם בשובו מדרכו וחיה״; און אויב זיי קומען צוליעב׳ן „בשובו מדרכו״, צוליעב תשובה, איז עס דאך לויט׳ן רמב״מ׳ס פארמולע ווידער אן ענין פון „עורו ישנים״, איז דאך טאקע זעהר אנגעמאסטען, אין ליכט פון מדרש, די דריי קלאסען פון די תורה נגעים: נגעי בתים, נגעי בגדים און נגעי אדם. עס זיינען די דריי פארשיעדענע וועק־מיטלען פאר די דריי פארשיעדענע שלאף נאטורען. דען אויך אין גייסטיגען שלאף זיינען ניט אלע מענשען גלייך. פאראן מענשען מיט א גרינגגען שלאף. זיי זיינען עס די בעסערע מענשען, די בעסערע אידען. אזוי זיינען זיי זיך גאנץ וואוילע אידען, פרום, עהרליך און גוט. כמעט צדיקים קען מען זאגען. כאפט דאך אבער אמאל אפילו א צדיק אויך א דרעמעל, ס׳איז דאך „אין אדם צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא״. זיין דרעמעל איז אבער טאקע ניט מעהר ווי א דרעמעל. שטארק שלאפט ער קיינמאל ניט איין.

פאראן אבער שלעפער נומער צוויי. יענער געהר צו דער קלאס פון „עבר ושנה נעשה לו כהיתר״, שלאפט ער זיך שוין גאנץ געשמאק און האט נאך דערביי היבש הנאה אויך..

ס׳איז אבער אויך פאראן גאר א הארט שלעפיגער, א בעל עבירה׳ניק מיט א גרויסען רעקארד, א מושרש בחטא ביי וועמען עס איז שוין ניט „נעשה לו כהיתר״, מיט א כף הדמיון נור טאקע לויט׳ן ערשטען נוסח פון דער גמרא: „הותרה לו״, ער איז שוין אזוי פארזונקען אין שלאף אז ער האט שוין ממש חושים פארלארען, ער פיהלט שוין גאר ניט צו ער טוט אן עבירה.

איז בעת מען דארף די דאזיגע דריי־קלאסיגע שלעפער אויפוועקען, פארשטעהט זיך דאך אז די וועק־מיטלען דארפען אויך זיין פון דרייערליי סארטען. און דאס האט דער ציטירטער מדרש אזוי טרעפליך געבראכט

וואָרט און צייט

צום אויסדרוק קלאָסיפיצירענדיג די דריי סאָרטען תורה נגעים: נגעי ב ת י ם; נגעי ב ג ד י ם און נגעי א ד ם.

„אין בעל הרחמים נוגע בנפשות תחלה". דעם גרינג־שלאָפיגען מענשען, איהם איז ניט נויטיג צו וועקען דורך אַ „נגיעה בנפש", דורך טרייסלען דעם גוף זיינעם. פאַר איהם קען מען יוצא זיין בלויז מיט אַ קלאַפּ אין טיר פון הויז: „תחילה הן באים ב ב י ת ו", פון אַ קלאַפּ אין הויז וועט ער זיך שוין אויך אויפכאַפּען, דען דערפאַר האָט ער דאָך אַ גרינגען שלאָף..

זעהט איהר פאַר שלעפער נומער צוויי איז שוין קיין „נגעי בתים" ניט גענוג, מיט אַ קלאַפּ אין טיר וועט ער זיך נאָך ניט אויפכאַפּען און קויב איז מיט נגעי בתים „לא חזר בו" מוזען שוין די נגעים צוקומען נעהענטער: „באים על בגדיו". דאָך דאַרף עס נאָך ניט קומען צו „נוגע ב נ פ ש ו ת".

בלויז ביים דריטען סאָרט שלאָף־מענש וועלכער איז אַזוי האַרט פאַרזונקען אין שלאָף אַז ניט דער קלאַפּ אין טיר און ניט די נגעי בגדים זיינען אימשטאַנד איהם אויפצואוועקען, ביי אַזאַ איינעם מוז מען שוין אָנווענדען „נגעי אדם". איהם מוז מען שוין אַ טרייסעל טאָן אין קערפּער. דאָ מוז שוין זיין „פוגע בנפשות"...

אין אָט דעם זין זיינען אויך סימבאָליש די דרייערליי סאָרטען קולות פונ'ם שופר: תקיעה, שברים און תרועה. די תקיעה מיט איהר קול פשוט איז דער צייכען פאַר די בעסערע אידען, די וואָס האָבען אַזוי צו זאָגען אַ גרינגען שלאָף, און מיט איין רוף צייכען, מיט אַ קול פשוט ווערען זיי גלייך. די שברים אָבער וועלכע איז שוין צוזאַמענגעשטעלט פון גאַנצע דריי קולות, דאָס איז שוין דער סימבאָלישער צייכען פאַר די עבר ושגה'ניקעס וועמעס שלאָף איז שוין אַ האַרטערער און מיט אַ קול פשוט וועט מען זיי שוין ניט אויפוועקען. פאַר זיי דאַרף מען שוין האָבען מעהרערע קולות.

פאַר די גאָר זינדיגע אָבער, פאַר די מושרשים בחטא, פאַר זיי איז שוין קיין שברים אויך ניט גענוג. זיי אויפצואוועקען דאַרף מען שרייען נאָך העכער און מיט אַ מעהרערע צאָהל קולות, פאַר זיי דאַרף מען אָנווענדען די תרועה.

לראש השנה

די קולות השופר זיינען פּאַראַלעל די וואָרנונגען, די התראות אויף די עונשין ווייל „אין עונשין אלא אם כן מזהירין". רעפּרעזענטירט יעדערער פון זיי אַ באַזונדער עונש לויט דעם נפש החוטאת פון די דריי באַזונדערע קלאַסען און זיינען איינגעאָרדענט לויט'ן סדר פון „מן הקל אל הכבד". די תקיעה גיט די וואָרנונג פאַר דעם גרינגסטען עונש, פאַר נגעי בתים; די שברים, פאַר'ן שווערערען, נגעי בגדים און די תרועה פאַר'ן גאָר שווערען, נגעי אדם.

זיינען אָבער ליידער פאַראַנען אויך אַזעלכע וואָס ליידען פון די געפעהרליכע שלאָף קראַנקהייט וועמען מען קען שוין אפילו מיט קיין תרועה אויך ניט אויפוועקען. צו דיזער קלאַס געהרען די יעניגע וועלכע האָבען זיך שוין געוואָרפען אין די אָרעמס פון שטן, זיי האָבען זיך שוין אין גאַנצען אַסימילירט און איבערגעגאַנגען אין פרעמדען לאַגער, און דאָרט וואו דער שטן מישט זיך אַריין איז ער דאָך שוין מבלבל די תקיעות, און די תרועה אפילו קען שוין אויך ניטווירקזאַם זיין. פאַר זיי זיינען די אידישע נגעים קיין תרופה ניט, אדרבה זיי האָבען גאָר אַ פאַרקעהרטע ווירקונג. זייער אַסימיליטאַרישע טהעאָריע איז אַז זיי ליידען נור אַלס אידען. זאָלען זיי אָבער איבערגעהן אין גוי'אישען לאַגער און זיך פאָלשטענדיג אַסימילירען, דאַן וועלען זיי פון קיין נגעים מעהר ניט וויסען אפילו ניט פון די קלענסטע פון זיי.

פאַר אָט די סאָרט אידען האָט אויך דער שופר אַ מיטעל, און אויב ניט דורך די תקיעות, שברים און תרועות איז עס דורך די — תקיעה גדולה.

די תקיעה גדולה איז דער סימבאָלישער צייכען פון דעם „יתקע בשופר גדול" און דאָרט וואו ס'שטעהט דער „יתקע בשופר גדול" דאָרט שטעהט אויך „ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים והשתחוו לה' בהר הקדש בירושלים".

ענדליך ענדליך וועט קומען יענער טאָג, דער „ביום ההוא" וואָס די אַנטלאָפענע אין די „ארץ אשור'ס" און אין די „ארץ מצרים'ס" וועלכע האָבען געמיינט אַז דאָרטען וועלען זיי זייער תקון קריגען, וועלען זיי אָבער ענדליך אויסגעפינען אַז אויך דאָרט זיינען זיי „אובדים" און „נדחים", פאַרלאָרענע און פאַרשטויסענע. זיי וועלען אויסגעפינען דעם ביטערען

וואָרט און צייט

טעות וואָס זיי האָבען געמאַכט מיינענדיג אַז אין די אשור׳ס און מצרים׳ס אָדער אין די אשכנז׳ס ויון׳ס וועלען זיי פטור ווערען פון די נגעים לסוף וועלען זיי אויסגעפינען אַז גראַדע דאָרטען האָבען זיך די נגעים ערשט צושפּיעלט און אָפּעריִרען אַלע מיטאַמאָל: נגעי בגדים, נגעי בתים און נגעי אָדם. מען נעהמט צו ביי זיי די הייזער, זייער פאַרמעגען, די סחורות פון די אידישע געשעפטען ווערען אַרויסגעשלעפּט און קאָנ־פיסקירט און צו דעם אַלעמען קומען נאָך ערשט די נגעי אדם אין די קאָנצענטראַציע לאַגערס וואָס דערמאָנען אין די שוידערליכסטע ענוים פון די אַלטע כמעלניצקיס צייטען.

און ערשט דאַן ווען זיי וועלען זיך זעהן אין אַ טרויעריגע פּאָזיציע פון אובדים און נדחים, ערשט דאַן וועלען זיי דערהערען די „תקיעה גדולה" פון דעם „שופר גדול" און וועלען זיך אויפכאַפּען פון זייער האַר־טען אָדער האַרטנעקיגען שלאָף און וועלען געהן אויף צוריק — „והשתחוו לה' בהר הקדש בירושלים", אַ זאַך צו וועלכעס מיר זיינען עדי ראיה אין די לעצטע עטליכע יאָהר זייט די היטלער מגפה האָט אָנגעהויבען צו בושעווען אין אייראָפּא.

דער שופר איז אַלזאָ אונזער וועקער. ער וואָרענט אונז מיט אַלערליי נוסחאות און רופט אונז צו ערוואַכונג און צו תשובה. לאָמיר דערהערען זיין רוף, ווייל דאָרט וואו ס'איז „ל ש מ ו ע קול שופר, דאָרט איז אַ „ברכה"...

און טאַקע „לשמוע ק ו ל שופר" ניט וואָרטען אויף די ק ו ל ו ת אין געשטאַלט פון די שברים און תרועות, נור גלייך ביים ערשטען איינציגען ק ו ל, ביים קול פון דער תקיעה, שוין דאַן לאָמיר מקיים זיין דעם ל ש מ ו ע, וועלען מיר דערמיט, ווי געזאָגט, ברענגען אויף אונז גאָט׳ס ברכה און מיר וועלען זיך אַריינשטעלען אין יענע קאַטעגאָריע אויף וועלכע דוד המלך רופט אויס: „אשרי העם יודעי תרועה" און וואָס מיינט לויט אונזער טעקסט מדרש „שהן מכירין ל פ ת ו ת א ת ב ו ר א ן ב ת ר ו ע ה".

אשרי העם יודעי תרועה!

לראש השנה

ב.

בראש השנה יכתבון וביום צום כפור יחתמון כמה יעברון וכמה יבראון, מי יחיה — — — מי יעני ומי יעשר, מי ישפל ומי ירום.

(מחזור).

די דאָזיגע תפלה איז זעהר פראָמינענט צווישען די אַנדערע תפלות פון די ימים הנוראים. זי ווערט געזאָגט מיט האַרץ און מיט פולער ערנסט און אויפריכטיגקייט. אפשר מעהר פון אַנדערע פון דיזען סאָרט וואַרפט זי אַרויף אַן אימה אויף די מתפללים און שאַפט די געהעריגע ימים־נוראים שטימונג.

און דאָס איז אויך נאַטירליך. ראש השנה איז דער יום הדין און אין דיזען טאָג איז אָבהענגיג דער גורל פון דעם מענשען פאַר דאָס גאַנצע קומענדע יאָהר. עס איז דער טאָג ווען „כל באי עולם יעברון לפניך כבני מרון" און „כבקרת רועה עדרו מעביר צאנו תחת שבטו", טאָ ווי זאָל דעם מענשענס האַרץ ניט אויפגעריהרט ווערען ווען דאָס מחזור בלעטעל ברענגט איהם פנים אל פנים מיט אָט דעם גאַנצען צעטעל וואָס פרעזענטירט לעבען און טויט, גליק און אומגליק, עליה און ירידה און האָט לחלוטין קיין אַהנונג ניט וואָס זיין גורל וועט אַרויסציהען פון די אַלע אויסגערע־כענטע זאַכען.

מענשען שפיעלען אויף לאָטעריי צעטלען. זיינען די מעהרסטע פון זיי היבש נערוועז אין דעם טאָג ווען די לאָטעריי ווערט געצויגען, כאָטש אין יענעם פאַל ווען אפילו ניט געוואונען מיינט דאָך עס נור, ניט גליקליך געוואָרען, עס מיינט דאָך אָבער ניט קיין אומגליק און פון ניט צו ווערען גליקליך ביז צו ווערען אומגליקליך איז נאָך אַ היבשער מהלך.

אין ד ע ם פאַל אָבער פון ר"ה און יו"כ איז דאָך די זאַך גאָר אַנדערש. דאָ ווערען דאָך געצויגען צעטלען וואָס ברענגען אויך

אומגליק. אין פאַראַלעל צום „מי יחיה" איז דאָך אויך פאַראַן דער „מי ימות, צום יעשר, דער י ע נ י און צום ירום, דער ישפל, דאַרף דאָך די נערוועזיטעט פיעל שטאַרקער זיין; דערפון די צובראָכענקייט און די השתפכות הנפש, דאָס ציטערניש און דאָס פלאַטערניש. עס איז אַלץ איין אויסגוס פון זיינע תשובה געפיהלען פון וועלכע ער ווערט באַהערשט אין די דאָזיגע פאַרכטיגע טעג בכלל און ביי אַזאַ שיקזאַל־ענטשיידענדע תפלה בפרט.

און עס איז קיין אונטערשיעד ניט ווער עס זאָגט די תפלה. זאָגט עס למשל אַן אָרעמאַן וועמעס עבר איז אַ טרויעריגער, האָט אָבגעלעבט אַ צייט אין ארמוט, געווען אַ מתמוגג בעניו אַזוי אַז זיין פאַרגאַנגענהייט שטעלט מיט זיך פאָר אַ שאָטענדיגען בלאַט אין זיין לעבענס געשיכטע, אַזאַ איינער, ווערט זיין בליק צוגעצויגען צום „ומי ירום". מיט בענקענדיגע אויגען שטעלט ער זיך אָפּ אויף דיזע צוויי גליקליכע ווערטער. ער וויל אין זיי געפינען דעם פתרון צו זיין אייביגען חלום, די פאַרווירקליכונג פון זיין יאָהרענלאַנג שפינענדיגע פאַנטאַזיע וועגען אַ לעבען מיט אַביסעלע גליק וואָס זאָל כאָטש עטוואָס פאַרגיטיגען זיין מיזעראַבעלען עבר.

שוין גענוג, טראַכט ער זיך, דורכגעמאַכט דעם „מי ישפל", שוין היבש ערפאַרונג געהאַט אין דיזען פעלד פון שפלות און צובראָכענקייט. שוין צייט צו געניסען אַביסעל אויך פון דעם „ומי ירום"...

דער גליקליכער מענש ווידער וועמען ס'איז ביז איצט געגאַנגען גוט. די זון פון הצלחה האָט געשיינט פאַר איהם אין יעדען קעהר און אין יעדען ווענד און האָט זיך וועגען זיין עבר חלילה ניט צו באַקלאָגען, אַזעלכען ציהט מעהרער צו דער „מי ישפל". דער ע ב ר טאַקע גוט, אָבער ווער ווייסט וואָס ס'וועט זיין מיט'ן ע ת י ד. ער האָט ביים רבונו של עולם קיין קאָנטראַקט ניט אַרויסגענומען. ווער ווייסט דעריבער אויב דאָס רעדעלע וועט זיך חלילה ניט איבערדרעהען. די פראַקטיק פון לעבען האָט איהם שוין געוויזען צעהנדליגער און הונדערטער אַזעלכע פאַלען וואו די נעכטיגע געבערס זיינען געוואָרען די היינטיגע אביונים, און אויב דער נעכטען איז ניט קיין פאַרזיכערונג אויף'ן היינט, טאָ מיט וואָס איז דער היינט אַ פאַרזיכערונג אויף'ן מאָרגען?...

לראש השנה

מען דערצעהלט אַ פּיקאַנטע מעשה׳לע וועגען אַ זעהר רייכען מאַן וועמען דאָס גליק האָט באַגלייט אויף טריט און שריט און איהם געלאָזט געניסען דערפון אין דער פולער מאָס. געלעבט אין גרויס רייכקייט, געבענשט געווען מיט אַ סך געראָטענע קינדער, אַלע גוט ערצויגען גע־וואָרען, געזונט און שעהן, קלוג און געלערענט אַזוי אַז גאָט און לייט האָבען זיך געבענשט מיט זיי און אַלע האָבען די דאָזיגע פאַמיליע שטאַרק מקנא געווען. אַז ס׳איז געקומען צו שדוכים, פאַרשטעהט מען דאָך אַז אַזאַ איינער האָט געקענט באַווייזען די שעהנסטע שדוכים צו טאָן, סיי אין יחוס און סיי אין געלט.

און אַזוי איז עס אַוועק אַ גאַנצער לעבען פון גאַלע גליק און צופרידענקייט.

אַז ס׳איז געקומען צו דער חתונה פון דאָס קלענסטע קינד, דעם גביר׳ס בת זקונים, קען מען זיך קוים פאַרשטעלען ווי גרויס ס׳איז געווען די דאָזיגע שמחה. די מוזינקע איז נאָך צופעליגערווייזע געווען דאָס געראָטענסטע קינד אין דער משפחה און געטאָן האָט מען מיט איר דעם שעהנסטען שדוך ווי עס פּאַסט פאַר אַ געראָטענע בת זקונים פון אַזאַ גביר, האָט מען דאָך פאַרשטעהט זיך געפּראַוועט אַ חתונה מעשה מלכות. זיינען זיך צוזאַמענגעקומען די שעהנע מחותנים פון דער נגיד׳ישער און לומדות׳שער וועלט; די שעהנסטע בעלי בתים פון שטאָדט, די גרעסטע סוחרים, דאָקטוירים און יוריסטען אויסער די צאָהלרייכע רבנים פון שטאָדט און אומגעגענד. פאַרשטעהט זיך אַז מ׳האָט אויך געפּראַוועט גרויסע סעודות פאַר די אָרעמעלייט און אַלע האָבען זיך געטיילט מיט דער אונפאַרגלייכבאַרער גרויסער שמחה פון דעם שטאָדטישען גביר.

אין סאַמע מיטען פון דער גרויסער חופּה־וועטשערע ווען אַלע געסט זיינען געזעסען מיט שטראַלענדע פריידענס געזיכטער אַרום די שעהן סערווירטע חתונה טישען, האָט מען פּלוצים באַמערקט ווי דער בעל שמחה אַליין, דער גביר, וואָס איז נאַטירליך געזעסען אויבענאָן ביי דער זייט פון חתן־כלה, ער גראָדע איז עפּעס ניט אַזוי אויפגעלייגט, עפּעס ניט אין אַזאַ געהויבענער שטימונג. פון זיינע אויגען האָבען גע־שטראָמט הייסע טרעהרען און אַ מעלאַנכאָלישע הויט האָט ווי איבער־געצויגען זיין גאַנצען געזיכט.

וואָרט און צייט

אויף דער פראַגע וואָס איז מיט איהם געשעהן, האָט ער זיך ערשט גאָר היסטעריש צעוויינט און פון זיינע האַלב שטאַמעלדיגע ווערטער האָט זיך אַרויסגעהערט דאָס וואָרט „טשוואַק". עס זאָל הייסען אַז אַ טשוואַק פעלט איהם און דערפאַר וויינט ער עס אַזוי שטאַרק. נאַטירליך האָט זיך בעת מעשה געשאַפען דער איינדרוק אַז דער גביר לײדעט פון אַ פלוצלײכען מעלאַנכאָלישען אַנפאַל וואָס גרעניצט זיך מיט משוגעת.

ווען ער איז אָבער געקומען צוריק צו זיך פון זיין היסטעריקע, האָט ער געמאַכט צו די מקורבים די פאָלגענדע ערקלעהרונג:

„פאַרשטעהט איהר מיך, מיינע טייערע, די וועלט איז דאָך ווי אַ ראָד, זי האַלט זיך אין איין דרעהען און מיט איהר דרעהט זיך אויך די גאַנצע מענשהייט. ביי אַ דרעהענדיגע ראָד איז דאָך דער אויבערשטער טייל ניט קיין באַשטימטער. איצט איז ד ע ר טייל אויבען און י ע נ ע ר פון אונטען און שפעטער אַ ווײלע וועט זיין פאַרקעהרט ווייל עס דרעהט זיך דאָך. נאַטירליך געהט עס אין אַזאַ סאָרט פראָצעס. די ראָד דרעהט זיך און דער אונטערשטער טייל הויבט זיך אַלץ העכער און העכער ביז עס גרייכט דעם סאַמען שפיץ פון הויכקייט, אַזוי שנעל אָבער ווי עס דערגרייכט יענעם פונקט, אַזוי געהט עס אויגענבליקליך ווידער אַראָפּ, אַלץ נידעריגער און נידעריגער. דאָס ראָד האַלט זיך דאָך אין איין דרעהען; עס הערט ניט אויף זאָגאַר אויף קיין איינציגע סעקונדע.

מיין לעבענס־ראָד ביז איצט — פיהרט אויס דער גביר — האָט זיך אַלץ געדרעהט אין דער ריכטונג אויף אַרויף. איך האָב געשטיגען ממדרגה למדרגה, סיי אין רייכקייט סיי אין נחת פון קינדער און סיי אין אַלע אַנדערע מענשליכע גליקען און שטרעבונגען. מיט יעדען אויפ־שטייג האָב איך געפיהלט אַז דאָ איז נאָך ניט דער ענד, עס קען נאָך געהן העכער. איצט אָבער אַז איך האָט שוין ביי דער חתונה פון מיין אינגסטע קינד, פיהל איך אַז כ'האָב שוין דערגרייכט דעם העכסטען שטאַפעל פון גליק, די מאָס פון גליקליכע צופרידענהייט האָט שוין דערגרייכט דעם העכסטען פונקט; און דערפאַר שרעקט עס מיר אַזוי שטאַרק. עפעס האָב איך אַ מין פאָרגעפיהל אַז איצט נאָכדעם ווי מיין

לראש השנה

לעבענס־ראַד האָט שוין דערגרייכט דעם סאַמען הויך, זאָל זיך עס חלילה איצט ניט דרעהען אויף צוריק...

אָט דאָס האָב איך געמיינט — פאַרענדיגט דער גביר — מיט'ן פאַר אייך אונפאַרשטענדליכען וואָרט „טשוואַק". יאָ, וואו נעהמט מען אַ טשוואַק אויף קענען צו נאַגלען די ראָד אַז זי זאָל זיך מעהר ניט קענען דרעהען נור זאָל בלייבען שטעהן אין איהר איצטיגער פּאָזיציע"...

אָט פון אַזאַ געדאַנקען גאַנג ווערט יעדער אויפגעקומענער גליקליכער מענש דורכגעדרונגען ווען ער קומט צו דער דאָזיגער מחזור תפלה פון „מי ישפל ומי ירום". דער אָרעמאַן בעט אַז די ראָד זאָל זיך דרעהען אויף אַרויף צום „ומי ירום" און דער גביר ציטערט אַז די ראָד זאָל זיך ניט דרעהען אויף אַראָפּ, צום „מי ישפל"...

זעהר סימבאָליש צו דאָס פריהער געזאָגטע, זיינען די צוויי „קריאות" אין די ביידע ראש השנה טעג, דער ערשטער טאָג מיט דער געשיכטע פון הגר'ן און דער צווייטער מיט דער געשיכטע פון שרה'ן. די ביידע געשיכטעס ברענגען מיט זיך אַרויס דעם דאָזיגען לעבענס־פּראָצעס אויף וועלכעס דער „מי ישפל ומי ירום" גיט זיין אָנדייטונג.

פון איין זייט ווערט פאַר אונז בילדליך געשילדערט אַן אומגליקליכע מאַמע ביי וועמען דער לעבענס־ראָד האָט זיך געדרעהט אין דער ריכ־טונג פון „אויף אַראָפּ". זי ווערט צוזאַמען מיט איהר קינד אַרויסגעטריבען פון איהר הויז, בלאָנדזשעט אַרום אין די וויסטע מדבריות צוזאַמען מיט'ן קינד אויף די הענט ; אין איהר באַזיץ געפינט זיך אַ לאַרבען ברויט מיט אַ לאָגעל וואַסער וואָס ווערט אַלץ ווייניגער און ווייניגער. אָט גרייכט עס שוין צום „ויכלו המים מן החמת". דאָס קינד ראַנגעלט זיך מיט אונערטרעגליכע יסורים פון דאָרשט, די פאַרצווייפעלטע מוטער ווייסט ניט וואָס צו טאָן, זי האָט קיין עצה ניט מיט וואָס צו לינדערען דאָס אָרעמעס קינד'ס שמערצען. עס גרייכט צו אַזאַ פּונקט אַז „ותשלך את הילד תחת אחד השיחים כי אמרה אל אראה במות הילד".

איז נאָך פאַראַן אַ שרעקליכערע טראַגעדיע ווי די וואָס ווערט אַזוי איינפאַך איבערדערצעהלט אין אונזער תורה?

וואָרט און צייט

יאָ, ביי דער דאָזיגער מאַמען האָט שוין איהר לעבענס ראָד זיך געהאַט אַראָפּגעדרעהט ביז'ן סאַמען נידעריגסטען פּונקט.

אָבער גראָד אין יענעם טראַגישסטען מאָמענט באַווייזט זיך דער געטליכער מלאך מיט די גליקליכע אויסרופען „אל תיראי" — — „כי לגוי גדול אשימנו". און גלייך נאָכדעם: „ותרא באר מים"... אַזוי שנעל ווי די ראָד איז שוין געווען ביים סאַמע אונטערשטען פּונקט, אַזוי האָט זי אויגענבליקליך זיך גענומען דרעהן אויף צוריק און „ויהי אלקים את הנער ו י ג ד ל " פונ'ם „מי ישפל" איז געקומען צום „ומי ירום".

דאַגעגען קומט די קריאה פון צווייטען טאָג און פּרעזענטירט אונז אַ צווייטע מאַמע געשיכטע און דאָ איז שוין גראַדע פון אַ פאַרקעהרטען כאַראַקטער.

די מאַמע שרה ווערט אויפגעריכט און דערגרייכט צום העכסטען שטאַפּעל פון גליק, מען קען זאָגען נאָך העכער פאַר'ן העכסטען שטאַפּעל. דען אַזאַ סאָרט גליק פון געבוירען אַ קינד אין אַזאַ הויכען עלטער פון ניינציג יאָהר איז שוין עפּעס מעהר אפילו פון העכסטען גליק. דאָס איז דאָך שוין למעלה מדרך הטבע און דערצו זיינען דאָך שוין אפילו די העכסט גליקליכע מענשען ניט זוכה. און דער גליק שטייגט אַלץ אַרויף און אַרויף. יצחק וואַקסט און שטראַלט ווי אַ ליכטיגע זון. געהט אין טאַטע־מאַמעס דרכים און אויף איהם קומט עס די געטליכע הבטחה פון „כי ביצחק יקרא לך זרע". מיט זיין געבורט איז געקומען אַ ישועה ניט נור צו זיין מוטער נור אויך צו אַנדערע אומגליקליכע פרויען וואָס האָבען געגאַרט נאָך אַ קינד און זיינען אָבער פון שיקזאַל פאַראורטיילט געוואָרען צו בלייבען עקרות. אַזוי שנעל אָבער ווי „וה' פקד את שרה" זיינען שוין אין איהר זכות אַ סך אַנדערע עקרות אויך נפקד געוואָרען.

מיט איין וואָרט: שרה האָט דורך ד ע ם קינד דערגרייכט צום העכסטען גליקליכסטען פּונקט פון איהר לעבענס־ראָד.

אָבער פּונקט דעמאָלט קומט די מעשה העקדה און די ראָד האָט זיך אַ דרעה געטאָן אויף אַראָפּ און „נסמכה מיתת שרה לעקידת יצחק לפי

לראש השנה

שע"י בשורת העקדה שנזדמן בנה לשחיטה וכמעט שלא נשחט פרחה נשמתה ממנה ומתה" (רש"י פ' חיי שרה).

זיינען, ווי געזאָגט, די צוויי ר"ה קריאות זעהר סימבאָליש פאַר דעם כאַראַקטער פון די דאָזיגע מחזור תפלה וואָס פאַרנעהמט אַזאַ חשוב'ען פלאַץ אין דעם סדר התפלה פון דיזע הייליגע טעג. עס ליפערט די נויטיגע מאַטעריאַל פאַר'ן חשבון הנפש אויף וועלכעס די ימים נוראים זיי־נען געבויט.

דאָס שעהנסטע אָבער איז דער גרויס בוכשטאַביגער זאַץ פון „ו ת ש ו ב ה ו ת פ ל ה ו צ ד ק ה" וואָס פאָלגט נאָך דעם „מי ישפל ומי ירום". מיט דעם פרעזענטירט מען אונז מיט די נויטיגע דריי „טשוועקעס" וואָס זאָלען צונאָגלען דעם „ומי ירום" און פרעזערווירען דאָס מענשליכע גליק אַז דער לעבענס ראָד זאָל עס ניט אַראָפּ דרעהען...

יאָ, דאָס איז די שעהנסטע געטליכע מתנה וואָס די מענשהייט האָט געקראָגען, די בעסטע תרופה צו מענשליכע פאַרצווייפלונג. די ערגסטע „רוע הגזירה" וועט פאַרשווינדען אַזוי שנעל ווי דו וועסט זיך קאָנצענט־רירען אַרום די דאָזיגע דריי שוץ־פעסטונגען: ותשובה ותפלה וצדקה.

לראש השנה

ג.

עלה אלהים בתרועה ה׳ בקול שופר.
(תהלים מז).

בשעה שהקב״ה יושב ועולה על כסא דין, בדין הוא עולה מאי טעמא עלה אלהים בתרועה ובשעה שישראל נוטלין את שופריהן ותוקעין לפני הקב״ה הוא עומד מכסא דין ויושב על כסא רחמים דכתיב ה׳ בקול שופר.
(מדרש ויקרא).

לויט דיזען ציטירטען מדרש באַזיצט דער שופר אַזאַ מיסטעריעזע קראַפט צו קענען מיט זיינע תקיעות פאַרוואַנדלען דין אין רחמים און באַוועגען כביכול אליין צו זיין אַ „עומד מכסא דין ויושב על כסא רחמים״.

איז עס דאָך אָבער רעטזעלהאַפט און עס ווילט זיך פרעגען: במה גדול כחו של שופר זה? אין וואָס פאַרט באַשטעהט אָט דיזער מיסטישער כח פונ׳ם שופר צו קענען מרעיש עולמות זיין און אויפשטורעמען אַלע הימלען אַזש ביז׳ן כסא הכבוד?

אלס מוזיקאַלישער אינסטרומענט פאַרנעהמט, דוכט זיך, דער שופר ניט אַזאַ הויכע פּאָזיציע; דער פרימיטיווער שופר איז ווייט ניט אויף איין פלאַכע מיט דעם „נבל וכנור — מינים ועוגב״ אָדער אַנדערע כלי שיר ווען אפילו אין פסוק שטעהט ער יאָ מיט זיי צוזאַמען; אורטיילענדיג לויט אַ מוזיקאַלישען חוש קען מען דוכט זיך ניט פיעל אינספּיראַציע קריגען פון די שופר טענער איינשליסענדיג אפילו זיין גאַנצען רעפּערטואַר, די תשר״ת׳ס, תש״ת׳ס און תר״ת׳ס — און דאָך איז „עלה אלהים בתרועה ה׳ בקול שופר״, טאָ מיט וואָס ערקלעהרט זיך דאָס?

ווייסען מיר אמת אַז די תקיעות פון שופר ענטהאַלטען אין זיך גרויסע סודות, אָבער סודות זיינען דאָך אויך פאַראַן אין אַלע מצות התורה, די גאַנצע תורה איז דאָך בדרך פרד״ס, וואו „סוד״ פאַרנעהמט אַ פּראָמענענטען פּלאַץ, דאָך קומט „פשט״ אין דער ערשטער רייהע, שיקט זיך דאָך דע־

לראש השנה

ריבער ניט אַז גראדע די שופר מצוה זאָל זיין איינגעטונקען אין גאָלע סוד און צום פשט זאָל מען זיך גאָר ניט קענען דערשלאָגען?

משמעות אָבער אַז אין דעם דערמאָנטען מדרש איז דוקא יאָ געגעבען געוואָרען דער שליסעל צום שופר און טאָקע דער איינפאַכער שליסעל, ניט דער סעקרעטנער, דער סודות'דיגער. מען דאַרף זיך בלויז פאַנאַנדערקלייבען און אַביסעלע פאַרטיפען אין דעם פשט גופא, וועט דער ענין אויך פאַר אונז פשט־מענשען מעהר קלאָהר ווערען.

ווייסען מיר דאָך אַז דער סדר־התקיעות מיט דעם סדר־התפלות געהען האַנט און האַנט און די תקיעות זיינען דאָך טאָקע איינגעאָרדענט געוואָרען לויט דעם סדר התפלות פון „מלכיות־זכרונות־שופרות". לאָמיר זשע ווענדען אונזער בליק אין יענער ריכטונג פון די תפלות פיללייכט וועט אונז פון דאָרט געלינגען דורכשלאָגען אַ וועג צו די תקיעות און פאַרשטעהן זייער פשוט'ע באַדייטונג.

„אמרו לפני מלכיות כדי שתמליכוני עליכם, אמרו לפני זכרונות כדי שיעלה זכרוניכם לפני, ובמה? בשופר". (ראש השנה).

זיינען די תפלות פאַלגליך איינגעטיילט אין צוויי טהיילען, איינער וואָס רופט זיך „מלכיות" און דער צווייטער — „זכרונות", און דיביידע צוזאַמען קריגען זייער תקון דורכ'ן שופר: ובמה — בשופר!

מלכיות און זכרונות!

אָט די דאָזיגע צוויי תפלות זיינען פון צוויי באַזונדערע כאַראַקטערע. „מלכיות" טראָגט מיט זיך אַרויס דעם „שתמליכוני עליכם", אַ תפלה וואָס ציעלט צום „לתקן עולם במלכות שדי", אַ תפלה וואָס איז דורכאויס הימליש, האָט כלל ניט צו טהון מיט דער מענשליכער זייט און מיט די מענשליכע אינטערעסען; עס איז די תפלה אויפ'ן מלכות־שמים, אויפ'ן כבוד־השכינה, פאַנגט זיך אָן מיט: „מלוך על כל העולם כולו בכבודך והנשא על כל הארץ ביקרך", ווערט פאַרטגעזעצט מיט „קדשנו במצותיך ותן חלקנו בתורתך" און שליסט זיך מיט „מלך על כל הארץ מקדש ישראל".

וואָרט און צייט

דאָגעגען „זכרונות" וואָס דריקט אויס דעם „שיעלה זכרוניכם לפני" איז שוין אַ תפלה וואָס האָט דורכאויס צו טהון מיט דעם מ ע נ ש גופא, מיט א ו נ ז אליין; עס איז ז כ ר ו נ י כ ם, א י י ע ר זכרון, די עראינערונג אין א י י ך און אין א י י ע ר ע באַדערפניסע.

אין דער דאָזיגער ריכט־שנור לויפען כמעט אַלע ימים נוראים תפלות, עס איז אַ צוזאַמענשמעלצונג פון גאָט און מענש, הימעל און ערד, רוחניות און גשמיות, גייסטיגעס און מאַטעריאַלעס.

בעאָבאַכטענדיג אָבער די אידישע מאַסען אין די שוהלען אין די דאָזיגע טעג, די ימי רחמים ורצון, איז עס כאַראַקטעריסטיש צו זעהן ווי די מעהרסטע פון זיי קאָנצענטרירען זייער געדאַנק און כונה מעהר אויפ'ן צווייטען טהייל פון „זכרונות" ווי אויפ'ן ערשטען, פון „מלכיות".

דער אידישער קרעכץ רייסט זיך אַרויס מיט מעהר ערנסטקייט און מעהר אויפריכטיגקייט ביים „ונתנה תוקף" מיט זיין „מי יעני ומי יעשר" ווי ביים „עלינו לשבח" מיט זיין „וכל בני בשר יקראו בשמך"; מעהר טרעהרען ווערען פאַרגאָסען ביים „ככלות כחנו אל תעזבנו" ווי ביים „ורוח קדשך אל תקח ממנו"...

זיינען טאַקע די תפלות העכסט ריהרענד, האַרץ רייסענד און מעסער שניידענד, ווייל ניטאָ דאָך קיין גרונט צו מענשליכע צרות, יעדערער האָט דאָך זיין אייגען פעקעל, און אויפכאַפענדיג דאָ און דאָרט אַ היסטע־רישען טרעהר פון אַן אומגליקליכע יונגע אלמנה וואָס האָט פארלאָרען איהר „בעל נעוריה", אַ קרענקליכען זיפץ פון אַ יאָמערדיגען יתום וואָס האָט זיין יונגען טאַטען פארלאָרען און אַ וועהטאָגדיגען קרעכץ פון אַן אלמן וואָס קלאָגט אויף זיין אשת־נעורים אָדער פון אַ צובראָכענעם טאַטען פון וועמען דער אומ'ברחמנות'דיגער טויט האָט אַזוי פריהצייטיג זיין בן יחיד אַוועקגערויבט — פון אָט דעם גרויסען קאָלעקטיווען ים־הדמעות קען מען ווירקליך הינגעריסען ווערען.

אָבער, ווי געזאָגט, זיינען אָט די אַלע אויסברוכען קאָנצענטרירט בלויז אַרום די צרות הפרט, די אינדיווידועלע מ ע נ ש ל י כ ע צרות און א י ר ד י ש ע אומגליקען, וועהרענד די ה י מ ל י ש ע אנגסטען ווערען דערשטיקט און דערטרונקען אין די דאָזיגע מים הזדונים פון די מענשליכע ליידען און זיינען קוים דערהערבאַר, ז"י, די הימלישע

לראש השנה

ליידען, אפילו ווען זיי ווערען יאָ דערמאָנט איז עס בלויז מן השפה ולחוץ, אַ מין „מצות אנשים מלומדה" אָבער קומען ניט פון דער טיעפע־ניש פון דער נשמה.

איז דאָס נאַטירליך אַ „עלבון כלפי שמיא", עס פאַרוואַנדעלט די הייליגקייט אין אַ וואכעדיגקייט און די ימים נוראים ווערען אויסגענוצט בלויז פאר עגאָאיסטישע צוועקען, בלויז פאר דעם „איך"...

איז אפשר דערפאר קיין חדוש ניט וואָס דער „אל תשיבנו ריקם מלפניך" ערגרייכט ניט אַלעמאָל זיין ציעל און מענשען בלייבען אַזוי אָפט אַנטוישט אין זייערע תפלות...

די אמת'ע תפלות זיינען יענע וועלכע ענטהאַלטעןביידע חלקים, „מלכיות" מיט „זכרונות" און טאַקע מלכיות בראש.. דער כבוד־שמים איז פריהער פאַר דעם כבוד בשר ודם און דער כבוד המקום דאַרף אַוועקגעשטעלט ווערען העכער פאר דעם כבוד הבריות.

צו־ערשט: „אמרו לפני מלכיות כדי שתמליכוני עליכם" און ערשט דערנאָך: „אמרו לפני זכרונות כדי שיעלה ז כ ר ו נ י כ ם לפני"...

דאַן קומט אַ צווייטער מאָמענט אין דעם דאָזיגען תפלה־פּראָצעס, אַ מאָמענט וואָס באַצייכענט שוואַכקייט אפילו אין דעם מ ע נ ש ל י כ ע ן טהייל פון דער תפלה.

אונזערע חכמים האָבען געגעבען אַ גוטע עצה ווי צו מאַכען אַז אַ תפלה זאָל אָנגענומען ווערען ווען זיי האָבען געזאָגט: „המתפלל בעד חבירו והוא צריך לאותו דבר הוא נענה תחלה" (ב"ק צב). מען דאַרף ביים מתפלל זיין בעסער אין זינען האָבען דעם צווייטען איידער זיך אליין און דאַן איז „הוא נענה תחלה".

עס הייסט אלזאָ אַז אפילו ביים מתפלל זיין אויף ערדישע זאַכען, אויף גופניות, דאַרף מען אין די גופניות גופא אויך ניט זיין עגאָאיסטיש און די תפלה־ליניע דאַרף אויך דאָרט זיין אין דער ריכטונג פון „בעד חבירו".

ציהען מיר דערפון פאָלגענדע שליסע אין באַצוג צו תפלה: א) אַז די תפלה טאָר ניט זיין קאָנצענטרירט בלויז ארום אירדישע אינ־טערעסען, אַרום גשמיות; און ב) אַז אפילו ביים חלק גשמיות דאַרף

וואָרט און צייט

מען אויך בעיקר אין זינען האָבען דעם צווייטען און ניט זיך אַליין אפילו ווען מען איז אַ „צריך לאותו דבר״.

שטימט עס מיט די צוויי הויפּט יסודות אויף וועלכע אונזער תורה איז באַגרינדעט: דער „בין אדם למקום״ און דער „בין אדם לחבירו״, דער „ואהבת את ה׳ אלהיך״ און דער „ואהבת לרעך כמוך״.

האָט טאַקע שלמה המלך קענטיג אין זינען געהאַט די דאָזיגע צוויי הויפּט פּונקטען ווען ער האָט אין זיין קלאַסישע תפלהביים בנין הבית אַזוי שטאַרק באַטאָנט אָט דיביידע טהיילען, דעם „למקום״ און דעם „לחבירו״.

„כל תפלה כל תחנה אשר תהיה לכל האדם ל כ ל ע מ ך י ש ר א ל אשר ידעון איש נגע לבבו ופרש כפיו א ל ה ב י ת ה ז ה; ואתה תשמע השמים מכון שבתך — ונתת לאיש ככל דרכיו אשר תדע את לבבו״ (מלכים א,ה).

שלמה המלך האָט דאָ געגעבען דעם ריכטיגען טאָן פאַר תפלה. ער זאָגט:

„כל תפלה כל תחנה אשר תהיה לכל האדם״, יעדער סאָרט געבעט וואָס אַ מענש וועט האָבען מתפלל צו זיין פאַר זיך אַליין, פאַר זיינע אייגענע אינטערעסען, די תפלה וועט אָבער זיין געציעלט, פון איין זייט „ל כ ל ע מ ך י ש ר אל ״, ער וועט אין זינען האָבען דעם כל עמך ישראל ניט זיך אַליין, ווען אפילו „אשר ידעון איש נגד לבבו״, ער האָט זיינע אייגענע צרות, וועט ער אויך דאַן זיין אַ מתפלל בעד חבירו; און פון דער צווייטער זייט: „ופרש כפיו א ל ה ב י ת ה ז ה ״, ער וועט אין זיין תפלה אין זינען האָבען דעם בית המקדש, דעם מלכות־שמים וכבוד־השכינה — אַ זאַ תפלה, פאַרזיכערט שלמה, וועט גרייכען איהר ציעל: „ואתה תשמע השמים — — ונתת לאיש ככל דרכיו אשר תדע אל לבבו״, ער, דער פרט, וועט אויך שנעל אויפגעריכט ווערען, וויל אַזאַ תפלה וואָס ענטהאַלט אין זיך די ביידע חלקים, דעם „לכל עמך ישראל״ און דעם „אל הבית הזה״, אַזאַ תפלה וועט זיכער זיין „ואתה תשמע מן השמים״, און — הוא נענה תחלה.

אָט דאָס איז דער סוד פון „מלכיות״ און „זכרונות״!

לראש השנה

ובמה? בשופר!

דער פאַקט איז אַז פון די אַלע אַנדערע קולות השופר איז די „תרועה" אַוועקגעשטעלט געוואָרען אין דער שפּיצע: „יום תרועה יהיה לכם"; „זכרון תרועה מקרא קודש" און „אשרי העם יודעי תרועה". דאָס וואָרט תרועה קומט פון'ם שורש „רוע" וואָס מיינט פריינדליכקייט, געזעלשאַפטליכקייט און אחדות.

ענטהאַלט אַלזאָ די תרועה אין איהר פשוט'ער אויפפאַסונג איינעם פון די דערמאָנטע צוויי הויפּט פונקטען, נעמליך, דעם „לכל עמך ישראל", דעם „ואהבת לרעך כמוך" וועלכעס איז, ווי געזאָגט, אַ פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ אין תפלה. אין דער זעלבער צייט ווידער דאַרף אין שופר אויך דערהערט ווערען דער הימלישער טהייל פון דער תפלה, די תפלה פאַר דער געטליכקייט וואָס איז דער צווייטער פונדאַמענטאַלער פּרינציפּ און ערשט דאַן האָט מען מקיים געווען די מצות שופר עם כל דקדוקיה וכוונותיה.

ווי שעהן און ערהאבען קלינגט דעריבער אָט דער דערמאָנטער תלמוד'ישער זאָץ: „אמרו לפני מלכיות כדי שתמליכוני עליכם, אמרו לפני זכרונות כדי שיעלה זכרוניכם לפני". אין ליכט פון דאָס פריהער געזאָגטע רעפּרעזענטירען דאָך מלכיות און זכרונות אָט די צוויי טהיילען, דעם „למקום" און דעם „לחבירו". זאָגט דערפאַר דער רבש"ע: „אמרו לפני מלכיות אמרו לפני זכרונות", זאָגט פאַר מירביידע זאַכען „מלכיות" און „זכרונות", זאָלען ביידע טיילען פון תפלה קומען צום אויסדרוק. ובמה? מיט וואָס און דורכוואָס זאָלען זיי צום אויסדרוק קומען? בשופר! דורכ'ן שופר. די „גנוחי גניח'ס מיט די „ילולי יליל'ס" וואָס דער שופר רופט אַרויס ביי אייך זאָלען זיין באַזירט אויף די ביידע זאַכען, אויף מלכיות און זכרונות, און דאַן וועט איהר מקיים זיין די מצוה כתקונה.

אָט די צוויי פונקטען ווערען אין ליכט פון דעם אויבענדערמאָנטען מדרש אויך געבראַכט צום אויסדרוק אין אונזער טעקסט־פסוק:

„עלה אלהים בתרועה ה' בקול שופר"!

„עלה אלהים", דער מדת־הדין הויבט זיך אויף, געהט אַוועק און פאַר־שווינדט (או „עלה" מלשון „בטול" כלשון המשנה: „התרומה עולה באחד ומאה" (תרומות פ"ד מ"ז) „ערלה עולה באחד ומאתים" (ערלה פ"ב מ"א).

וואָרט און צייט

און ווי אַזוי פאַרשווינד דער מדת הדין? — א) ב ת ר ו ע ה, דורכ׳ן געדאַנק פון „תרועה״, אחדות „ורעות״ וואָס מיינט דעם „מתפלל בעד חברו״; און ב) „ ה ׳ בקול שופר״, אין קול שופר זאָל דערהערט ווערען דער ה׳, די געטליכקייט, דאן וועט זיין „עלה אלהים״, עומד מכסא דין לכסא רחמים״, אין אנקלאַנג מיט שלמה׳ס הבטחה „ואתה תשמע מן השמים״*)

זיינען דיביידע ציטירטע מאמרי חז״ל, דער „אמרו לפני מלכיות״ פון דער גמרא און דער „עומד מכסא דין לרחמים״ פון מדרש „שניהם עולים בקנה אחד״ און ברענגען ביידע אַרויס דעם פּראַקטפּאַלען געדאַנק פון דעם שופר מעסעדזש אין זיין איינפאַכען פשט.

און ווען מיר קומען בלויז נאָך אָט דעם פשוט׳ן פשט פון שופר פאַר־דינען מיר שוין אויך דעם תהלים קאָמפּלימענט פון: —

אשרי העם יודעי תרועה!!

---

*) לאור רעיון זה יובן גם הפסוק במשנה תורה: „ותשובו ותבכו לפני ה׳ ולא שמע ה׳ בקולכם ולא האזין אליכם״, אשר לכאורה כפל הלשון זה למה? והיינו „ולא שמע בקולכם״ והיינו „ולא האזין אליכם״? אך לפי האָמור יתכן שגם משה כוון לזה בתוכחתו, לאמר, מה ש„לא האזין אליכם״ הוא מפני „שלא שמע ה׳ בקולכם״, בקול תפלתכם לא נשמע ה׳. התפללתם רק על ענינכם אתם, עניני הגוף ולא על עניני ה׳, ענינים שמימיים...

לשבת שובה

ותשובה ותפלה וצדקה מעבירין את רוע הגזרה.
(מחזור).

אויף דער דאָזיגער תפלה וואָס ווערט אין אונזער „מחזור" „געפּיטשורט" מיט „קדוש לבנה אותיות" דאַרף מען ניט זוכען דעם פירוש ערגעץ פון „אונטען" אָדער „פון דער זייט" ווי עס איז דער פאַל מיט אַנדערע תפלות און פיוטים. דאָ ווערט דער פירוש געגעבען פון „אויבען". יעדער וואָרט טראָגט „אויף זיך" זיין ערקלעהרונג. אויף „תשובה" איז ארויפגעשטעלט געוואָרען: „ צ ו ם ", אויף „תפלה" — „ ק ו ל " און אויף „צדקה" — „ מ מ ו ן " .

וואָלט דער „אינקאָגניטאָר" מחבר פון דעם דאָזיגען פירוש אייגענטליך געדאַרפט קריגען אַ גרויסען יישר־כח פאר אונטערטראָגען דעם דאַוונער דעם פשט פון דיזע דריי ווערטער וואָס זיינען, ווי געזאָגט, דער לייט־מאָטיוו פון אונזערע ראש־השנה יום־כפור תפלות און איהם איינגעשפּאָרט די טרחה פון גריבלען זיך אין די מחזור־מפרשים...

מיט אונזער גאַנצען רעספּעקט אָבער צום חשוב'ן מחבר פאר זיין חשוב'ער לייסטונג דאַרפען מיר פון דעסטוועגען זיין אָפּענהאַרציג אין אַרויסזאָגען אונזער באַשיידענעם מיינונג אַז אַפילו מ י ט דעם דאָזיגען פירוש איז נאָך דער טעקסט אלץ געבליבען ניט קלאָהר גענוג און דער פירוש גופא נויטיגט זיך ערשט אין נאָך אַ פירוש, אַ מין פירוש לפירושו.

און — על ראשון ראשון ועל אחרון אחרון.

„תשובה — צ ו ם " . לויט דער דאָזיגער דעפעניציע הייסט עס אַלזאָ אַז מיט פאַסטען אליין איז מען שוין יוצא ידי חובת תשובה. שטימט עס דאָך אָבער ניט מיט אַ רייהע אַנדערע פלעצער פון וואו

וואָרט און צייט

מיר זעהען אַז דאָס פאַסטען ווערט גראָדע ניט אָוועקגעשטעלט אויף אַזאַ געהעריגער הויך, ערטערווייז ווערען נאָר אדרבה די פאַסטערס אַרונטערגעריסען און ניט איבעריג קאָמפּלימענטירט פאַר זייערע תעניתים און סגופים. אָט אַשטייגער בייזערט זיך ישעיה הנביא: „הכזה יהיה צום אבחרהו יום ענות אדם נפשו, הלכוף כאגמון ראשו ושק ואפר יציע, הלזה תקרא צום — הלא זה צום אבחרהו פתח חרצובות רשע התר אגודות מוטה“ (ישעיה נח).

איז דער טראָפּ פאָלגליך ניט אָוועקגעשטעלט געוואָרען אויף „צום“ ווי עס טהוט עס דער קאָמענטאַטאָר פון די „תשובה“ אין מחזור.

און אויסערדעם: תשובה איז דאָך אַ מצות־עשה מן התורה: „ושבת עד ה' אלהיך“, איז אויב תשובה מיינט „צום“ מיינט עס דאָך מסתמא דעם צום־יום־כפור וויל מן התורה איז דאָך קיין אַנדער צום ניטאָ, טאָ ווי שיקט זיך עס אַז מיט איין טאָג פאַסטען זאָל מען שוין קענען „גוט מאַכען“ די עבירות פון דעם גאַנצען קיילעכדיגען יאָהר מיט זיינע אַלע דריי הונדערט פינף און זעכציג טעג?

געהען מיר ווידער איבער צו „תפלה“ וואָס לויט'ן מחזור פירוש מיינט עס „קול“, לאָזט זיך עס אויך ניט אַזוי גרינג אַרונטערשלינגען. קול מיט תפלה האַרמאָנירען גראָדע ניט אַזוי שטאַרק. אין געגענטייל די גמרא זאָגט בפירוש: „יכול ישמיע קולו בתפלתו, כבר מפורש ע"י חנה שנאמר וקולה לא ישמע“ (ברכות לא).

און ניט ווייניגער קשה'דיג איז אויך די „צדקה“ מיט דעם פייטן'ס איבערשלאָג פון „ממון“ לויט וועלכעס עס דאַרף הייסען אַז די ריכטיגע צדקה מיינט „געלט“, וועהרענד פון דער גמרא שיינט גאָר אַז ברויט איז אַ העכערע מדרגה אין צדקה ווי געלט.

אָט וואָס די גמרא דערצעהלט וועגען אבא חלקיה צו וועמען די חכמים זיינען געקומען בעטען אַז ער זאָל מתפלל זיין אויף רעגען. ער מיט זיין פרוי זיינען ארויף אויפ'ן דאַך פון הויז און האָבען ביידע מתפלל געווען יעדערער אין אַ באַזונדער ווינקעל. האָבען זיך צו־ערשט באַוויזען די וואָלקען־רעגענס פון איהר ריכטונג און נאכהער ערשט אויך פון זיין ווינקעל. אויף דער פראַגע פון זיינע רבנן־וויזיטאָרס פאַר וואָס די וואָלקענס זיינען פריהער אויפגעקומען פון איהר זייט, האָט ער זיי גע־

לשבת שובה

ענטפערט: „משום דאיתתא שכיחא בביתא ויהבא ריפתא לעניי ומקרבא הנייתא ואנא יהיבנא זוזא ולא מקרבא הנייתא" (די פרוי געפינט זיך מעהר אין הויז גיט זי דעם אָרעמאַן ברויט פון וועלכעס ער געניסט גלייך אויפ'ן שטעל, איך אָבער גיב ג ע ל ט אויף צדקה און די הנאה קומט ניט אזוי שנעל).

איז דאָך „ממון" פאַלגליך ניט קיין ערשט קלאַסיגע צדקה, פאר וואָס זשע האָט מען עס דאָ אין מחזור אָפּגעגעבען דעם אויבענאָן?

און דערפאר זאָגען מיר אַז אָט דער פירוש אויף „תשובה, תפלה וצדקה" נויטיגט זיך ערשט אין אַ פירוש־לפירושו.

כדאי דעריבער זיך אָביסעלע מעהר אריינטראַכטען אין דעם אמת'ן זין פון די דאָזיגע דריי זאַכען אין ליכט פון חז"ל און ראשונים.

אָט וואָס דער רמב"ם זאָגט מכח דעם ענין פון „תשובה:

„מדרכי התשובה להיות השב צועק לפני ה' בבכי ובתחנונים ומשנה מעשיו כולו לטובה ולדרך ישרה" (רמב"ם פ"ב מה' תשובה ה"ד).

לויט דיזען רמב"ם זיינען פאַראַנען צוויי הויפּט פאַקטאָרען וואָס אפּערירען אין תשובה. זיי זיינען: א) דער צ ו ע ק לפני ה' בבכי ובתחנונים, און ב) דער „משנה מעשיו כולו לטובה". וועגען פ אָ ס ט ע ן ווערט דאָ כלל ניט דערמאָנט. לייגט זיך דעריבער אויפ'ן געדאַנק אַז דער „צום" וואָס איז ארויפגעשטעלט אויף דאָס וואָרט „תשובה" ענטהאַלט וואַרשיינליך די איניציאַלען (ראשי תבות) פון די דערמאָנטע צוויי עקרים און לעזט זיך: צעקה ושנוי מעשה, און שטימט דעריבער פאָלשטענדיג מיט דעם רמב"ם'ס יסודי התשובה.

דאָס נאַטירליך עפענט שוין אַ וועג אויך פאר די אַנדערע צוויי: „קול" און „ממון", אַז אויך ז י י זיינען בלויז איניציאַלען וואָס ענטהאַל־טען דעם „קאוד" צו „תפלה" און „צדקה".

„תפלה" לויט חז"ל באַצייכענט דעם טערמין פון „עבודה" — „עבודה שבלב זו תפלה". אויב „תפלה" אַלזאָ מיינט „עבודה", פיהרט עס אונז צו דער משנה אין אבות וואו שמעון הצדיק שטעלט אַוועק „עבודה" אין צענטער פון די דריי זאַכען אויף וועלכע עס האַלט זיך אויף דער

וואָרט און צייט

קיום העולם: „על שלשה דברים העולם עומד על התורה ועל העבודה ועל גמילות חסדים" (אבות פרק א').

גלייך נאָך דעם מאמר פאָלגט אַ צווייטער מאמר וואָס זאָגט: „אנטיגנוס איש סוכו קבל משמעון הצדיק. הוא היה אומר אל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס אלא הוו כעבדים המשמשין את הרב שלא על מנת לקבל פרס ויהי מורא שמים עליכם".

נאָך אַלע וואַרשיינליכקייטען איז אָט דער צווייטער מאמר וואָס שטאַמט אויך פון שמעון הצדיק אַ פירוש צום ערשטען און מיינט אויפצוקלעהרען די אמת'ע כונה פון „עבודה".

דען אין אמת'ן זיינען פאַראַן צוויי סאָרטען „עבודה" און ביידע ווערען אַזוי טרעפליך פאָרמולירט אין דעם „על מנת לקבל פרס" און „שלא על מנת לקבל פרס". דער עבד וואָס דינט דעם האַר על מנת לקבל פרס, דינט דאָך אייגענטליך ניט דעם האַר נור זיך אליין ווייל ער איז דאָך בלויז אויסען זיין באַלוינונג. אַן אמת'ער עובד את רבו און ניט את עצמו איז דער וואָס דינט שלא על מנת לקבל פרס. און דאָס זעלבע איז נאַטירליכערווייזע אויך מיט די „עובדי ה'".

און ווילען מיר דערקענען דעם אונטערשייד פון די צוויי, קענען מיר עס לייכט דערקענען דורך דעם אַרט און וויזע פון זייער עבודה. פאַראַן אַזעלכע וואָס אין זייערע תפלות שטעלען זיי דעם טראָפּ הויפּטזעכליך אויף יענעם טהייל וואָס האָט צו טהון מיט זיך אַליין. אַזוי צום ביישפּיל אַז עס קומט צו די „אבינו מלכנו'ס" פון „שלח רפואה שלמה לחולי עמך", „כתבנו בספר חיים טובים", „כתבנו בספר פרנסה וכלכלה", דאָרט טראָגען זיך די קולות עד לב השמים. דאָס זעלבע ביים ראש־חודש־בענטשען וואו דער „חיים של פרנסה" „שפּאַלט מעהר די הימלען" ווי דער „חיים שיש בהם יראת שמים"...

אָט דיזע „עובדים" געהערען צו דער קאַטעגאָריע פון „על מנת לקבל פרס" ביי וועמען דער „איך" און דער „זיך" איז דער עיקר, און דערפאַר ווערט דער „דגש חזק" געשטעלט אויף יענע תפלות וואָס האָבען צו טהון מיט „גופניות".

ניט דער איז אָבער דער אמת'ער עובד. אַן אמת'ער עובד איז דער פון „שלא על מנת לקבל פרס" און ביי יענעם ווערט שוין

לשבת שובה

דער טראָפּ גראַדע געשטעלט אויף די ר ו ח נ י ו ת און ניט אויף די ג ו פ נ י ו ת ; ביי איהם פאַרנעהמט דעם אויבענאָן דער „אבינו מלכנו החזירנו בתשובה שלמה לפניך", גלות ה ש כ י נ ה האָט ביי איהם מעהר פאַרצוג פאַר גלות י ש ר א ל...

אנטיגנוס איש סוכו נאָכדעם ווי ער גיט די ריכטיגע דעפעניציע צו שמעון הצדיק'ס ע ב ו ד ה דורך דעם געלונגענעם פאַראַלעל פון די צוויי סאָרטען „עבדים", ענדיגט דעריבער מיט'ן קלימאַקס פון „ויהי מורא ש מ י ם עליכם", מורא ש מ י ם און ניט מורא ב ש ר ו ד ם . די מורא פאר'ן ה י מ ע ל און ניט פאר'ן מ ע נ ש ע ן, פאַר דאָס ה י מ ל י ש ע, דאָס ר ו ח נ י ו ת'ד י ג ע, ניט פאַר דאָס מ ע נ ש ל י כ ע, דאָס ג ש מ י ו ת'ד י ג ע די הויפּט עבודה איז די וואָס דריקט זיך אויס אין דעם „לב טהור ברא לי אלהים", אין דעם „קדשנו במצותיך וטהר לבנו לעבדך".

בראַנדמאַרקען מיר זיך טאַקע אַליין און זיינען זיך מתודה אויף דער דאָזיגער שוואַכקייט אונזערע ווען מיר הויבען אויף די אויגען צום הימעל און זאָגען : „הטה אלהי אזנך ושמע — וראה שוממותינו — כי לא על צדקותנו אנחנו מפילים תחנונגו לפניך כי על רחמיך הרבים". איז דאָס אַ שניידענדער זעלבסטפאָרוואורף : ראה שוממותנו — אָה גאָט, זעה אונ־זער וויסטע נישטיגקייט — „כי לא על צ ד ק ו ת נ ו אנחנו מפילים תחנוננו" — ניט אויף אונזער געפּאַלענע צ ד ק ו ת זיינען מיר מתפלל, ניט די מורא ש מ י ם וואָס פרעסט אונזער געמיט אַזוי שטאַרק — „כי על ר ח מ י ך הרבים" — נור דיין ר ח מ נ ו ת איבער אונז, די צרות גופניות וואָס נויטיגען זיך אַזוי שטאַרק אין דיין רחמנות, אויף דעם „אנחנו מפילים תחנוננו לפניך"...

און אויב אויף „תפלה" איז ארויפגעשטעלט „קול", לייגט זיך עס דעריבער אויפ'ן געדאַנק אַז „קול" איז דער איניציאַל וואָס דריקט אויס דעם „קדשנו וטהר לבנו" און גיט דאָמיט די ריכטיגע דעפיניציע אויף „תפלה" וואָס מיינט „עבודה שבלב" און וואָס דאַרף אין ליכט פון די ציטירטע מאמרים זיין הויפּטזעכליך קאָנצענטרירט אויף ק ד ו ש ה און ט ה ר ת ה ל ב .

וואָרט און צייט

און דאַן קומט דאָס דריטע: „צדקה — מ מ ו ן״.

„ארבע מדות בנותני צדקה״, און די העכסטע מדה איז די פון „יתן ויתנו אחרים״ (אבות פרק ה׳). דען עס פאַרשטעהט זיך דאָך אליין אַז אפילו דער גרעסטער עושר אין דער וועלט איז ניט אימשטאַנד מיט זיין צדקה, ווי גרויס זי זאָל ניט זיין, צו שפּייזען אַ גאַנצע וועלט מיט ארעמע־לייט. אויב אָבער מען איז אַ „יתן ויתנו אחרים״, מען איז ניט יוצא מיט דער אייגענער נתינה נור מען זעהט אַז אויך דער אַנדערער זאָל געבן, דאַן קענען טאַקע אַלע אָרעמעלייט אויפגעריכט ווערען.

קלינגט דעריבער אזוי שעהן דער תורה־פסוק אין די פּרשה פון צדקה וואו עס ווערט געזאָגט: „כי לא יחדל אביון מקרב הארץ על כן אָנכי מצוך לאמר פתח תפתח את ידך״ (דברים טז). עס מיינט צו זאָגען: דו ווייסט דאָך אַז „כי לא יחדל אביון מקרב הארץ״, וויפיל דו אליין זאָלסט ניט געבען וועסטו נאָך אלץ ניט אויסקאָסירען דעם אביון מקרב הארץ, דעם וועלט אָרעמאַן, „על כן אנכי מצוך לאמר״, באפויל איך דיר דעריבער „לאמר״ דו זאָלסט אויך אַ צווייטען זאָגען „פּתח תפתח את ידך״, זאָלסט זיין אַ „יתן ויתנו אחרים״...

איז טאַקע דעריבער ווארשיינליך אַז דער „ממון״ וואָס שטעהט איבער „צדקה״ זאָל געבען דעם ריכטיגען פּירוש צו צדקה און לעזט זיך אין זיינע איניציאַלען: „מוציא מחבירו וגם נותן״...

אָט אַזאַ מין „תשובה תפלה וצדקה״ וואָס טראָגט מיט זיך אַרויס דעם העכסטען אויסדרוק פון מענשליכער דערהויבונג, איז טאַקע ווירקליך אַ חוט־משולש וואָס ווישט אָפּ דאָס פאַרדאָרבענע און דאָס העסליכע אין מענשען און אין דער מענשליכער געזעלשאַפט און קען דערפאַר זיין דער גורם צו „מעבירין את רוע הגזרה״.

איז עס אַ גרויסער הייליגער מעסעדזש וואָס דער „שבת שובה״ ברייננגט אונז אַלס אַן הכנה צו דעם גרויסען הייליגען טאָג — יום כפּור.

לכל נדרי

אויב עס זיינען פאַראַן אין יאָהר מאָמענטען וואָס רופען אַרויס ביים אידען טיעפען ערנסט, הייליגע אויפריכטיגקייט און אומפאַרגלייכבאַרען עקסטאַז, זיינען עס אָט די מאָמענטען פון כל נדרי ווען אַ הייליגע ציטערניש כאַפּט אַרום יעדער אידען, אַלט און יונג, מאַן און פרוי, קליין און גרויס. אַלע, אַלע שטעהען זיי מיט געבויגענע רוקענס און פאַרוואָלקענטע אויגען; אַן אימתא דקדושה איז אויסגעגאָסען אויף אַלעמענס געזיכטער און יענע דמדומי חמה מאָמענטען פון תפלה זכה און כל נדרי.

איז עס כלל קיין חידוש ניט און נויטיגט זיך לחלוטין ניט אין קיין פירוש און אין קיינע ערקלעהרונגען. שטעהט מען דאָך אויף'ן שוועל פון דעם הייליגסטען טאָג פון יאָהר, אויף'ן שוועל פון דעם יום הדין אין וועלכען עס איז אָבהענגיג דער פינאַלער שיקזאַל פון יעדער איינעם פאַר דעם גאַנצען קומענדען יאָהר; ס'איז דאָך אַן אַנטשיידונגס טאָג, אַ טאָג פון „יחתמון", טאָ ווי קען דער מצב רוח אַנדערש זיין, ווי קען די שטימונג ניט זיין קיין אָנגעצויגענע?

וואָלט דעריבער ניט ריכטיג געווען ווען מיר פרעגען: ווי קומען טרערען צו כל נדרי, דען אפילו מען זאָל דעמאָלט זאָגען „שושנת יעקב" וואָלטען אויך געווען טרערען, ס'איז ניט דער „ו ו אָ ס מען זאָגט" וואָס ברענגט די טרערען נור דער „ו ו ע ן מען זאָגט". דאָס זאָגאַכץ אַליין מאַכט דעריבער ניט אויס וואָס ס'זאָל ניט זיין. דער עיקר איז דאָ די צייט ו ו ע ן מ'זאָגט, און צווישען דער צייט און די טרערען איז שוין געוויס דאָ אַ נאָהענטע פאַרוואַנדשאַפט.

איז אויב מיר קענען ניט פרעגען: ווי קומען טרערען צו כל נדרי, קענען מיר אָבער יאָ פרעגען: ווי קומט כל נדרי צו טרערען? אויב יאָ אַזאַ ערנסטער מאָמענט האָט מען דאָך געקענט צו טראָגען צו איהם אַזאַ תפלה וואָס זאָל זיין צוגעפּאַסט צו זיין כאַראַקטער, וועהרענד כל

וואָרט און צייט

נדרי איז דאָך כּלל קיין תּפלה ניט נור א מסירת מודעה וועגען בטול נדרים, טאָ מה ענין שמיטה להר סיני?

ווייסען מיר אמת די שייכות פון כּל נדרי צום יום כּפור אָוונט פון דער געשיכטליכער זייט וואָס ציהט זיך פון דער תּקופה פון די אנוסים אין שפּאַניע, דאָך איז דאָס אַליין נאָך ניט קיין גענוגענדע באַרעכטיגונג אויף אַריינפּאַסען דעם דאָזיגען „זכר לשפּאַניע" פּונקט אין דעם סאַמען הייליגסטען מאָמענט פון יאָהר, סיידען אַז אין כּל נדרי אַליין ליגט עפּעס אַזעלכעס סענטימענטאַלעס וואָס פּאַסט זיך צו צו דער שטימונג פון יענעם מאָמענט.

דאַרף מען טאַקע ניט זוכען גאַנץ ווייט כּדי צו געפינען די דאָזיגע סענטימענטאַליטעט וואָס פאַרבינדט כּל נדרי מיט יום כּפור. גענוג בלויז אַ בליק צו טאָן ווי דער ענין פון נדרים ווערט באַהאַנדעלט אין דער גמרא און די שייכות פון דיביידע זאַכען וועט גלייך קלאָר ווערען.

„בעון נדרים אשתו של אדם מתה; בעון נדרים בניו של אדם מתים כּשהם קטנים" (שבת ל"ב).

אשתו של אדם! בניו של אדם!

גיט עס דען נאָך אַ טייערערע זאַך דערפון פאַר דעם פאַמיליען פאָטער? איז דען דאַ נאָך עפּעס טייערער און חשוב'ער פאַר אַ מענשען ווי זיין ווייב און קינדער? זיינען דאָך ווייב און קינדער דער העכסטער אידעאַל פון דער מענשליכער פאַמיליע; זיינען זיי דאָך דער העכסטער אויסדרוק פון מענשליכען גליק; איז דאָך ניטאָ קיין אָפּפער וואָס זאָל זיין צו גרויס פאַר אַ געטרייעם מאַן און פאָטער צו ברענגען פאַר דעם גליק און וואוילזיין פון זיינע ליעבע און טייערע.

און ווען עס קומט די הייליגע נאַכט פון יום־כּפור, נור וואָס זיך געזעגענט אין הויז פאַר'ן געהן אין שוהל אַריין; ציטערדיגע הענט האָבען זיך צערטליך געהויבען איבער די קעפּ פון די זיסע ליעבע קינ־דערלאָך; זודיגע הייסע טרערען האָבען געשטראָמט פון טאַטענס אויגען. וועהרענד זיינע ליפּצען האָבען דערביי געשעפּטשעט אַ שטילע צניעות'דיגע תּפלה, דאָס איז געוועזן די ברכת הורים פון ערב יום־כּפור. די מאַמע איז צו דער זעלבער צייט געשטאַנען איבער די בענש ליכט און מיט האַרץ רייסענדע כליפּעס אויסגעגאָסען איהר האַרץ מיט תּפלה און געבעט

לכל נדרי

פאַר'ן לעבען און געזונט פון איהר מאַן און קינדער, די מאַמעס תפלה האָט צוגעגעבען פאַרב און קאָליר צום טאַטענס ברכת־הורים. די נאַאיווע קינדערלאַך וועלכע זיינען נאָך ניט גרויס גענוג צו פאַנאַנדערקלייבען זיך אין דעם גאַנצען ענין און וויסען וועגען וואָס דאָ האַנדעלט זיך, האָבען פונדעסטוועגען אינסטינקטיוו געפיהלט אַז עפּעס ערנסטעס קומט דאָ פאָר און טוליענדיג זיך צום טאַטענס פאָלעס בשעת דער ברכה האָבען זייערע אונשולדיגע אויגעלאַך אויך אָנגעהויבען צו טרערען, אַליין ניט וויסענדיג פאַר וואָס און פאַר ווען...

אָט דאָס איז געווען דער פראָלאָג צום שוהל־געהן, און מיט אָט דער שטימונג האָט עס דער טאַטע פאַרלאָזען די הויז מיט'ן טלית און קיטעל אין איין האַנט און מחזור און סידור אין דער צווייטער.

און דאָס ערשטע אויף'ן סדר היום אין די שוהל תפלות קומט — כ ל נ ד ר י !

זיין אונטערבאַוואוסטזיין טראָגט איהם אונטער אַ געהיימע שטימע פון מרחקים פון וועלכע עס הערט זיך אומגעפעהר אַזוי:

יאָ, טאַטעניו, דיינע געדאַנקען זיינען איצט קאָנצענטרירט אַרום איין איינציגען פונקט, דער מיט וועלכען דו האָסט דיין הויז פאַרלאָזען, דיין ברוויזיגער ים פון מחשבות וואָס טראָגט זיך אַרום אויף זיינע לויפענדע שטורעמדיגע כוואַליעס פון איין עק וועלט צו דער צווייטער, האָט דיר איצט צוריקגעבראַכט צו דיינע אייגענע פיער ווינקעלאַך וואָס רופט זיך „היים“. דאָ האָבען זיך דיינע געדאַנקען אָבגעשטעלט; צו דיין היים, צו דיין ווייב און קינדער ביסטו איצט ווי מיט אייזערנע פלעקער צוגעשמידט געוואָרען; מ י ט זיי, פ אַ ר זיי און צ ו ל י ע ב זיי ביסטו איצט אין שוהל געקומען — טאָ הער זשע זיך גוט צו צום געטליכען מעסעדזש וואָס ווערט צו דיר איבערגעשיקט דורכ'ן שליח צבור, אין דיזען מעסעדזש דאַרפסטו געפינען דעם ענטפער צו דיין צענטראַלע מחשבה וואָס באַהערשט איצט דיין געדאַנקען גאַנג.

און גלייך דערהערט זיך די לייריש דראַמאַטישע און פירכטליך מאוים'דיגע שטימע פון חזן —

כ—ל נ—ד—ר—י !

וואָרט און צייט

און אַ געהיימע כּאַראַליש קאָלעקטיווע שטימע רייסט דורך די געדאַנקען און ברענגט צו דעם מאמר חז״ל פון מסכת שבת צום כל נדרי פון שבת שבתון:

בעון נדרים אשתו של אדם מתה...

בעון נדרים בניו של אדם מתים כשהם קטנים...

איז דער כל נדרי פון שוהל אַן ענטפער צום ברכת הורים פון הויז... און האָט שוין דערפאַר דער כל נדרי צו טרערען ניט ווניגער שייכות ווי טרערען צו כל נדרי...

איז אָבער די פראַגע: וועלכער טהייל לעבען פון אונזערע קינדער מאַכט אונז אַזוי שטאַרק באַזאָרגט, איז עס דער ק ע ר פ ע ר ל י כ ע ר לעבען אָדער דער ג י י ס ט י ג ע ר, די חיי ה ג ו ף אָדער די חיי ה נ פ ש?

ווען עס וואָלט זיך געהאַנדעלט אין די טעג פון אַ גאַנץ יאָהר וואָלט די דאָזיגע פראַגע גאַנץ לייכט געקענט פאַרענטפערט ווערען. מען וואָלט געמוזט צו געבען דעם אמת, ווי טרויעריג אַזאַ אמת זאָל ניט זיין, אַז ביי די מעהרסטע טאַטעס פאַרנעהמט דער קערפּערליכער לעבען פון זייערע קינדער דעם אויבנאַן. אין דער נשמה פאַרגעסט מען זיך אַ היבש ביסעל...

אַנדערש, אַ סך אַנדערש, דאַרף אָבער זיין דער ענטפער ווען די פראַגע ווערט אַוועקגעשטעלט היינט אָוענט אין דער הייליגער יום כפור נאַכט.

פאַראַן אַ פראַכטפולער מאמר חז״ל אויף׳ן פסוק אין קהלת: „ודע כי על כל אלה יביאך אלקים במשפט״. דאַרויף ברענגט דער ילקוט פאָלגענדען מאמר:

> א״ר לוי משל לעוף שהוא נתון בכלוב, ובא חבירו ועומד על גביו ואומר לו אשריך מה מזונותיך מצוים לך, אָמר לו במזונותי אתה מסתכל ובמצודה אי אתה מסתכל? (ילקוט קהלת י״א).

דיזער דיאַלאָג צווישען די צוויי פויגלען, דער וואָס פליהט אַרום פריי אונטער די הימלען און דער וואָס איז פאַרשפּאַרט אין שטייג, מאַכט אונז היבש נאַכצוטראַכטען. עס טראָגט אונז איבער פון דער פויגעל וועלט אין דער מענשען וועלט, דער פויגעל אַלס משל און דער מענש אַלס נמשל.

לכל נדרי

די פליגלען ביים עוף זיינען ספעציפישע נאַטור טיילען וואָס גיבען איהם זיין ספעציפישע חשיבות. דער גאַנצער נאָמען „עוף" איז דאָך איהם געגעבען געוואָרען צוליעב'ן פליהען, נעהמט מען פון איהם אַוועק דאָס פליהען און ער איז שוין מעהר ניט קיין עוף.

דאָס פליהענדע עוף מאַטערט זיך אָבער אויף זיין שפייז. קיינער גרייט עס פאַר איהם ניט צו און עס קומט איהם אָן שווער ביז ער קלייבט צונויף די קערענדלאַך פון די הפקר פלעצער. איז ער דעריבער מקנא דאָס שטייג פויגעלע וועלכע באַקומט איהר שפייז רעגעלמעסיג פון דאָס שעהנסטע און דאָס בעסטע אָהן צו אַרבייטען און שוויצען דאַרויף.

דאָס שטייג פויגעלע ענטפערט אָבער אַף איהר קאַמעראַד: „אויף מיין עסען קוקסטו, וואָרום קוקסטו אָבער ניט אויף מיין טורמע־שטייג. וואָס קומט מיר אַרויס וואָס איך האָב דאָס עסען אַז איך בין באַרויבט געוואָרען פון דאָס בעסטע צו וואָס די נאַטור האָט מיר באַשטימט, מ'האָט ביי מיר צוגענומען די פרייהייט, איך קען מעהר ניט פליהען"...

דער מענשענקינד איז אויך באַשאַפען געוואָרען מיט אַ באַשטימטע אויפגאַבע. ע ר דאַרף אויך פליהען, ער דאַרף זיך אויפהויבען העכער פון אַלע אַנדערע נבראים, העכער פון דער ערדישער ספערע, נעהענטער צום הימעל. פאַר דעם צוועק האָט מען איהם געגעבען גייסטיגע פליגלען אין געשטאַלט פון זיין נשמה וואָס דאָס איז זיין „מותר האָדם מן הבהמה".

מהיכי תיתי, ער דאַרף עסען אויך. דאָס עסען איז אָבער בלויז אַ מיטעל צום צוועק אָבער ניט דער צוועק אַליין. פאַרגעסט אָבער דער מענש דעם צוועק און גיט זיך איין גאַנצען איבער צום מיטעל. ער פרעסט איין די נשמה אין גוף, דאָרטען האַלט ער איהר פאַרשפאַרט ווי אַן אַרעס־טאַנט, באַרויבט איהר פון איהר גייסטיגען גענוס, לאָזט איהר ניט פליהען אין די הויכע ספערען אַז זי זאָל זיך דערנעהענטערען צו איהר מקור און האַלט איהר נור באַשעפטיגט מיט ערדישע גופניות זאַכען, עסען, עסען און ווידער עסען...

קומט אָבער יום כפור ווערט די נשמה באַפרייט פון איהר פריזאָן צעל וואָס הייסט גוף. יום כפור איז ניטאָ קיין עסען. די נשמה ווערט דאַן פריי און זעלבסטשטענדיג. אַזוי שנעל ווי עס ענדיגט זיך די סעודה המפסקת

וואָרט און צייט

ווערט איהר געגעבען אַמנעסטיע. זי קען זיך דאַן פריי באַוועגען, זי איז ניט מעהר קיין שקלאַף צום גוף און קען זיך דעריבער אויפהויבען צו איהר העכסטער הויך און קריגען איהר עלית נשמה.

איז אויב אַ גאַנץ יאָהר איז דער מענש צופיעל פאַרשקלאַפט צום גוף אַז ער האָט גאָר כמעט קיין געלעגענהייט ניט צו טראַכטען וועגען נשמה זאַכען, און בעת ער זאָרגט פאַר זיך, פאַר זיין פרוי און זיינע קינדער, איז די דאָזיגע זאָרג אין גאַנצען קאָנצענטרירט אַרום דעם גוף, איז דערפאַר אָבער אַז עס קומט יום כפור באַפרייט ער זיך מיטאַמאָל פון אַט די אַלע ערדישע און מאַטעריעלע אינטערעסען און אויף זייער פּלאַץ קומט די נשמה מיט איהרע גייסטיגע און הימלישע אינטערעסען.

יום כפור פאַרנעהמט די נשמה דעם מלוכה טראָהן, זי איז דער דאָמינירענדער פאַקטאָר אין דיזען הייליגען טאָג.

יום כפור איז דער איינציגער טאָג און די איינציגע צייט ווען בעת ער האָט אין זינען זיינע קינדער, זאָל די זאָרג אַרום זיי זיין אַ נשמה זאָרג. יום כפור איז די פּאַסענדסטע צייט אויף צו זאָרגען פאַר זיינע קינדער׳ס מזון הנפש. ער דאַרף זאָרגען פאַר דעם עקזיסטענץ פון די בתי היוצר לנשמת האומה אין געשטאַלט פון די אידישע ערציהונגס אַנשטאַלטען, די תלמוד תורה׳ס און ישיבות וואו זיינע קינדער באַקומען זייער גייסטיגע נאָהרונג.

דאַרויף קומט דער כל נדרי מעסעדזש וואָס דערמאָנט איהם אַז די לעזונג צו דער דאָזיגער ערציהונגס פראַגע איז דורכאויס אָבהענגיג אין „כל נדרי״.

די נדרים ונדבות וואָס ווערען געגעבען פאַר דער אויפהאַלטונג פון די תורה אַנשטאַלטען, אין זיי איז אָבהענגיג די דאָזיגע אַנשטאַלטענס גאַנצער עקזיסטענץ, און נור דורכ׳ן כל נדרי קען מען באַווייזען אויפ־צוהאַלטען דעם גייסטיגען לעבען פון זיינע קליינע קינדער.

ווען אָבער מען איז מזלזל אין כל נדרי און עס ענדיגט זיך מיט „נדרנא ל א נדרי״; ענטוועדער מען בלייבט אין גאַנצען גלייכגילטיג צום תורה רוף; מען רופט זיך ניט אָפּ אויף די רבנישע אַפּיעלס פאַר די מוסדות התורה, אָדער ווען אפילו מען רופט זיך שוין יאָ אָפּ אָבער

לכל נדרי

עס בלייבט בלויז ביים „פלעדזש" און מען „פארגעסט" דעם פלעדזש צו באצאהלען, אין אזא פאל מוז עס קומען בוכשטעבליך צום „בעון נדרים בניו מתים כשהם קטנים". אויב תלמוד תורה'ס און ישיבות האבען ניט די נויטיגע נדרים מיט וואס אויפצוהאלטען זייער קיום ווערען די קליינע קינדער אונזערע גייסטיג טויט פאר אונז ווייל עס פעלט זיי דאך די נויטיגע שפייז אוצרות פאר זייער מזון הנפש.

איז דעריבער די כל נדרי נאכט אמבעסטען צוגעפאסט פאר די אפיעלס צו גונסטען אונזערע מוסדות התורה. און צווישען די אלע אנדערע קלענערע און גרעסערע תורה אנשטאלטען אין דיזען לאנד, דארף און מוז פארנעהמען דעם אויבענאן דער איינציגער גרעסטער מוסד־תורה אין געשטאלט פון דער וועלט באריהמטע גרויסע „ישיבת רבנו יצחק אלחנן" פון ניו יארק וועלכע איז זייט צעהנדליגער יאהרען דער תורה פעסטונג פאר'ן אמעריקאנער אידענטום, די פומבדיתא פון אמעריקא און ליידער געפינט זיך אויך זי ניט אין קיין בעסערען מצב פון די אנדערע תורה אינסטיטוציעס.

דאס ליכט בענשען פון דער מאמען און די ברכת הורים פון טאטען וואס באגלייטען די אידישע עלטערן ערב יום כפור פארנאכט פון היים אין שוהל אריין, דארפען קריגען זייער פינאלען תקון ביים כל נדרי מיט זיין נאכגעפאלגטען תורה אפיעל. דען די דאגה פאר אונזערע קינדער אין פיזישען און מאטעריעלען זין איז דורכאויס אין דעם רבונו של עולם'ס הענט ווערענד די דאגה פאר זייער גייסטיגען לעבען איז דורכאויס אין אונזערע אייגענע הענט ווייל „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים".

און — „אמר הקב"ה נרי בידך ונרך בידי אם אתה משמר את נרי אני משמר את נרך".

לאמיר זארגען פאר אונזערע קינדערס נשמה און דער רבונו של עולם וועט דעמאלט זיכער זארגען פאר זייער גוף.

אונזער כתיבה וחתימה טובה אויף אונזערע טשעקס און באוטס, וועט ברענגען אין באלויבונג דעם רבונו של עולם'ס כתיבה וחתימה טובה צום נייעם יאהר הבאה עלינו ועל כל ישראל לטובה — אמן.

ליום כפור

כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם
מכל חטאתיכם לפני ה׳ תטהרו.

אין דער זעלבער צייט וואָס יום כפור איז דער פאַרכסטיגער טאָג פון יאָהר, דער טאָג פון גמר הדין, אין דער אייגענער צייט ברענגט דער טאָג אויך די גרעסטע בשורה און שמחה וואָס קומען צום אויסדרוק טאָקע אין דעם נאָמען גופא מיט וועלכען דער טאָג איז באַטיטעלט געוואָרען — י ו ם כ פ ו ר, אַ טאָג פון פאַרגעבונג. אַ טאָג פון סליחה ומחילה; „כי ביום הזה יכפר עליכם לטהר אתכם מכל חטאתיכם״.

דער שטרענגסטער טאָג פון יאָהר און אויך דער מילדסטער טאָג פון יאָהר.

קלינגט עס אָבער מאָדנע. עס קוקט אויס עפּעס ווי שני הפכים בנושא אחד. דען אויב די תורה פאַרזיכערט אונז אַז דער טאָג וועט אונז פאַרגעבען אויף אַלע עבירות, איז דאָך שוין ניטאָ וואָס זיך צו שרעקען, דאָס יום כפור׳דיגע נעהמט דאָך שוין פון איהם אַוועק דאָס ימים נוראים׳דיגע ?...

דעם ענטפער דערצו האָט אָבער די תורה אַליין געגעבען און טאָקע אין דעם זעלבען פסוק. דאָרט וואו זי זאָגט אונז „יכפר עליכם לטהר אתכם״ דאָרט זאָגט זי אויך „מכל חטאתיכם לפני ה׳ תטהרו״. איז די צווייטע העלפט אַ פירוש צו די ערשטע. עס איז אַ מין תנאי קודם למעשה אַז אַנדערש קען ניט זיין דער „יכפר עליכם״ סיידען ס׳איז שוין פאַראַן דער „מכל חטאתיכם לפני ה׳ תטהרו״.

אין ליכט פון די מפרשי התורה איז אין דעם דאָזיגען פסוק מרומז דער דין פון דער גמרא אַז: „עבירות שבין אדם למקום יוה״כ מכפר, עבירות שבין אדם לחבירו אין יוה״כ מכפר עד שירצה את חבירו״ (יומא פ״ה).

יום כפור איז געוויס די שעהנסטע מתנה, וואָס גב״ה האָט אונז געגעבען! עס איז אַ מין „אַמנעסטיע״ וואָס איז פאַר אונז פראָקלאַמירט געוואָרען פון

ליום כפור

דער מלכותא דרקיעא פאַר דיזען טאָג. דען אָקוראַט ווי אין מלכותא דארעא זיינען פאַראַן געוויסע טעג וואָס טראָגען אויף זיך אַ שטיקעל יחוס ווי למשל דער „יום הכתר", דער קעניגליכער קראָנאַציע טאָג, אָדער דער יום הולדת המלך, דער טאָג פונ'ם קעניגנ'ס אימעניגעס און אויף'ן חשבון פון דאָזיגען יחוס ווערט פראָקלאַמירט אַמנעסטיע צו פאַרשיעדענע פאַר־ברעכער, אַזוי האָט מלכותא דרקיעא וואָס איז דאָך כעין מלכותא דארעא (ברכות נ"ח) אויך אַרויסגעגעבען אין דיזען „יום כפור המיוחס" אַן אַמ־נעסטיע פראָקלאַמאַציע פאַר'ן גאַנצען כלל ישראל. איז דאָך יום כפור אויך דער „יום הכתר" דער טאָג פון „ה מ ל ך".

יום כפור איז געשטעמפּעלט געוואָרען אַלס אַן עת רצון נאָך דעמאָלט ווען משה האָט אַראָפּגעבראַכט די צווייטע לוחות און געהערט דעם געט־ליכען אויסרוף „סלחתי כדבריך", און זינט דעמאָלט איז דער טאָג פאַרבליבען אַלס אַזעלכער לדור דורות.

און קוים איז עס אַן עת רצון קענען שוין אין דעם טאָג אויפגעריכט ווערען אפילו אַזעלכע חטאים וואָס וואָלטען זאָנסט ניט פאַרדינט קיין פאַר־געבונג, אָבער מיט די בעסערע ווערען שוין מיטגעשלעפּט די ערגערע. „בעת רצון עניתך וביום ישועה עזרתיך" (ישעי' מט). קוים איז אַן ע ת רצון און אַ י ו ם ישועה ווירקט שוין די צ י י ט און דער ט אָ ג גופא און ס'קען שוין זיין „הטוב ומטיב לרעים ולטובים".

דאַגעגען פאַרקעהרט חלילה געפינען מיר דאָך אויך אַז „כיון שניתן רשות למשחית אינו מבחין בין צדיק לרשע (ב"ק ס')".

„בשעה שנפקדה אמנו שרה הרבה עקרות נפקדו עמה, הרבה חרשים נתפקחו, הרבה סומים נתפתחו והרבה שוטים נשתפו" (ב"ר נ"ג, י"ב).

ברענגען דאָך די ספרי מוסר אַז ס'איז פאַראַן אַ קבלה אַז יעדער צדיק ווי גרויס ער זאָל ניט האָבען געווען, זוכט מען אויף איהם אויף עפּעס אַ נדנוד קל פון אַן עבירה כדי ער זאָל דאַרפען דורכגעהן דעם גיהנם און אַזוי אַרום ווערט אגב אַ תקון פאַר געוויסע נשמות פון רשעים וואָס „שלעפּען" זיך נאָך דעם צדיק און ווערען ניצל פון גיהנם.

ווערט דערצעהלט אַ לעגענדע אויף'ן גרויסען גאון דער ב"ח אַז ווען ער איז אַרויפגעקומען בעלמא דקשוט, האָט מען דאָך געוואָלט אַז אויך ער זאָל דורכגעהן דעם גיהנם, איז אָבער שווער געווען צו געפינען אויף איהם

וואָרט און צייט

אַן עבירה, ביז ענדליך איז גע קומען אַ „מקטרג" און אויפגעוויזען אַז אַמאָל אין אַ געוויסען שבת ווען דער ב"ח איז געגאַנגען אין שוהל אַריין האָט דער ווינט אַ שטאַרקען בלאָז געטאָן דעם ברייטען אַרבעל פון זיין קאַפּאָטע. אַן אייזעל מיט משא וואָס איז דערביי געשטאַנען האָט זיך דערפון דער־שראָקען און אַנגעהויבען צו געהן. האָט דאָך דער ב"ח גורם געווען דעם „לאו דמחמר", איז שוין דער דאָזיגער „קטרוג" גענוג געווען אויף מאַכען אויך דעם ב"ח דורכגעהן דעם גיהנם און דאַדורך קענען מתקן זיין געוויסע נשמות וואָס האָבען געוואַרט אויף דער דאָזיגער געלעגענהייט.

איז יום כפור אַלזאָ דער דאָזיגער יום ישועה ועת רצון וועלכען גב"ה האָט עס געגעבען אַ מתנה דעם אידישען פאָלק.

ביי אַ מתנה איז דאָך אָבער ניט דער עיקר דער דעת הנותן, מען דאַרף דאָך אויך האָבען דעם דעת המקבל; ס'איז ניט בלויז דאָס ג ע ב ע ן די מתנה, מ'דאַרף איהר אויך קענען נ ע ה מ ע ן, און אויב ס'איז פאַראַן אַ „הכשרה לקבלת טומאה" דאַרף אודאי און אודאי זיין אַ „הכשרה לקבלת טהרה" ווייל קבלת טהרה איז אַ פיעל שווערערער טעסק ווי קבלת טומאה...

איז דעריבער ניט גענוג וואָס דער רבונו של עולם האָט אונז געגעבען די גוטע מתנה פון יום־כפור, עס דאַרף דאָך פון אונזער זייט אויך זיין די געהעריגע הכשרת הנפש אויף צו קענען איהר נעהמען. איז אויף אָט די דאָזיגע הכשרה שטעלט זיך אָפּ די צווייטע העלפט פון פסוק: „מכל חטאתיכם לפני ה' תטהרו". איהר דאַרפט אויך א י י ע ר חלק צוטראָגען צום יום־כפור, און אייער חלק באַשטעהט אין דעם וואָס „מכל ח ט א ת י כ ם", פון אייערע אייגענע עבירות, די עבירות שבין אדם לחבירו, „ל פ נ י ה'", נאָך איידער איהר טרעט צו צו גאָט, נאָך בעפאָר איהר קומט אַריין אין דעם יום־כפור, זאָל שוין זיין — „ת ט ה ר ו". זאָלט איהר אַליין זיך שוין האָבען דערין מטהר געווען.

דערמיט וועט איהר האָבען געמאַכט די נויטיגע הכשרת הנפש אויף צו קענען מקבל זיין די געטליכע מתנה. אַנדערש וועט יום־כפור ניט קענען מכפר זיין: „אין יום הכפורים מכפר עד שירצה את חבירו".

ליום כפור

איז ממילא שוין הא בהא תליא. די עבירות שבין אדם למקום, זיינען שוין מיט זייער כפרה אויך טיילווייז אָבהענגיג אין דעם בין אדם לחבירו. דען אויב עס פעלט דער רצוי און די כפרה אויף דעם ב"א לחבירו, קען דאָך שוין דאָס אַליין דינען אַלס קטרוג אויף'ן ב"א למקום.

אַזאַ קטרוג קען זיך אויסשפרייטען אויף'ן גאַנצען שטח פון אונזערע תפלות און בקשות.

דען ווי קען מען למשל מתפלל זיין: „סלח לנו מחל לנו" און פאַרלאַנגען אַז דער רבשו"ע זאָל אונז מוחל זיין אויף אונזערע ג ר ו י ס ע עבירות וועז מיר אַליין ווילען אונזערע מיט־מענשען ניט מוחל זיין אפילו אויף זייערע ק ל י י נ ע עבירות...

זאָגט דאָך טאַקע די גמרא: „כל המעביר על מדותיו מעבירין לו פשעיו שנאמר נושא עון ועובר על פשע, למי נושא עון, למי שעובר על פשע" (ר"ה י"ז).

מיר זיינען מתפלל: „אבינו מלכנו נא אל תשיבנו ר י ק ם מלפניך". אויב אָבער אַז מיר זאָלען די אָרעמעלייט וואָס קלאַפען אויף אונזערע טירען און פאַרלאַנגען הילף פון אונז, יאָ אַוועקשיקען ל י י ד י ג און בלייבען טויב צו זייער הילפס רוף, טאָ ווי קענען מיר פאַרלאַנגען אַז דער רבוש"ע זאָל מיט אונז ניט אַזוי האַנדלען?

„כתבנו בספר פרנסה וכלכלה" — אויב אָבער אַז מיר באַמיהען זיך דורך אַלערליי מעטאָדען אַוועקנעהמען די פרנסות פון אונזערע פריינד, מיר פיהרען אָן העסליכע קאָנקורענציע, זיינען „מהפך בחררתו של חבירו" און שטעהען ניט אַוועק פון וועלכען עס איז מיטעל וואָס מיר קענען נור אויס־נוצען אויף צו שעדיגען יענעמס פרנסה, טאָ ווי אַזוי פאַרלאַנגען מיר אַז אונזער פרנסה וכלכלה זאָל דער רבוש"ע יאָ צוגרייטען פאַר אונז אויף'ן גרינגסטען און בעסטען אופן?

דאָס זעלבע אויך ווען מיר בעטען „הרם קרן ישראל עמך" אין דער צייט וואָס ביי אונז אַליין איז „חלול השם" גראָדע פון די קליינע עבירה'לאַך וואָס זיינען כמעט אַ טאָג טעגליכע ערשיינונג?

און אַזוי אויך אין באַצוג צו אַלע אַנדערע תפלות און בקשות פון דעם דאָזיגען הייליגען טאָג.

אַט שרייען מיר אַלע מיט אַזעלכע הויכע קולות: „אל תשליכנו לעת זקנה" און די זעלבע הויכע טענער הערען זיך אפילו פון גאָר יונגע מענשען. משמעות אַז די עלטער טראַגעדיע איז אַזאַ וואָס וואַרפט אַן אַ שרעק נאָך אַזש אין דער יוגענט. אויב אַזוי, פרעגט זיך אָבער: ווי ווייט קומען מיר נאָך דעם דאָזיגען אל תשליכנו אין באַצוג צו אונזערע אייגענע אַלטע טאַטע מאַמע. דוכט זיך וואָך איין וואָך אויס לייענען מיר אין די אידישע צייטונגען די באַריכטען פון די אידישע געריכט הייזער פון וועלכע כמעט די גרעסטע צאָהל משפטים דרעהען זיך אַרום די דאָזיגע אל תשליכנו פראָבלעמען. זעקס, אַכט און זאָגאר צעהן קינדער וויסען ניט וואָס צו טאָן מיט זייערע אַלטע טאַטע־מאַמע. מען יאָגט זיי אַרום פון איין קינד צום אַנדערען. אויף יעדערען פון זיי זיינען זיי אַ לאַסט, אַן אונערטרעגליכע משא אפילו אויך דאַן ווען זיי, די קינדער, געפינען זיך גראַדע אין גוטע עקאָנאָמישע אומשטענדען. און אַז מ'האָט זיך שוין ווי עס איז אויסגעגליכען און אַלע צוזאַמען האָבען שוין געזעהן דעם אַלטען טאַטען אָדער אַלטע מאַמען אַריינצוגעבען אין אַ מושב זקנים, אויך אין אַזאַ פאַל רייסען זיך די קינדער אַרום צווישען זיך וועגען די איינצאָהלונגען וואָס פאַלט אויס אויף יעדער קינדס חלק און, ווי געזאָגט, זיינען די געריכטסהייזער איבער־פאַקט מיט אַזעלכע פראָצעסען וואָס ברענגען ניט ווייניג שאַנדע אויף די „געטרייע" קינדער פאַר וועמען טאַטע־מאַמע האָבען אָבגעהאָרעוועט אַ גאַנצען לעבען כדי די קינדער צו לייטען מאַכען, און איצט מאַכען זיי זיך צו לייטישע געלעכטער מיט זייער אַרומוואַרפען זיך מיט די אַלטע טאַטע־מאַמע און מיט וואַשען זייער שמוציגע וועש פאַר דער ברייטער עפענט־ליכקייט.

און ווי אַלזאָ זאָל זייער אל תשליכנו תפלה דערהערט ווערען אפילו ווען זי ווערט אויסגעשריהען אויף די העכסטע טענער ווען זיי אַליין זיי־נען דעם זעלבען אל תשליכנו ניט מקיים אין באַצוג צו זייערע אייגענע עלטערען?

הוא אשר אמרנו: דער „כי ביום הזה יכפר עליכם" איז אין גאַנצען אָבהענגיג אין די צווייטע העלפט פון פסוק, אין דעם „לפני ה' ת ט ה ר ו".

ליום כפור

די עבירות שבין אדם לחבירו זיינען אין דעם פאַל אַ פאָרבאַדינג צו די עבירות שבין אדם למקום און דער עד שירצה את חבירו איז אַ תנאי קודם למעשה צום רצוי המקום.

עס איז דעריבער כלל קיין סתירה ניט צווישען די צוויי געגענגעזעצטע באַדייטונגען פון דיזען גרויסען טאָג און זיי זיינען ניט קיין שני הפכים בנושא אחד.

יאָ, מילד און שטרענג, גוטמוטיג און פירכטליך, בשורה'דיג און מורא'דיג איז דער דאָזיגער יום כפור. דען נור דעמאָלט קען קומען דער „יכפר" פון „א ו י ב ע ן" אויב ס'איז פאַראַן דער „תטהרו" פון „א ו נ ט ע ן".

כי ביום הזה יכפר עליכם — אָבער — לפני ה' תטהרו!

יום כפור

(להזכרת נשמות)

א״ר חייא בר אבא באחד בניסן מתו בניו של אהרן ולמה מזכיר מיתתן ביוה״כ? אלא מלמד שכשם שיום הכפורים מכפר כך מיתתן של צדיקים מכפרת.
(ויקרא רבה פרשה כ׳)

דער צד השוה צווישען יום כפור און מיתת צדיקים איז אַ גאַנץ פאַרשטענדליכע זאַך.ביידע באַזיצען איין אייגענשאַפט און זיינען עהנליך איינס צום צווייטען אין זייער כאַראַקטער. יום כפור איז דער איינציגער טאָג אין יאָהר אין וועלכען דער איד האָט מעהר ווי אין אירגענד אַנדער טאָג די געלעגענהייט צו מאַכען זיין חשבון הנפש. דער נפש איז דער דאָמי־נירענדער פאַקטאָר אין דיזען טאָג. אין יום כפור פאַרנעהמט די נשמה די ממשלה. זי איז אין דעם טאָג די הערשערין איבער׳ן גוף. דאָס קער־פערליכע ווערט פאַרשטופט אין אַ זייט און פאַרנעהמט לחלוטין קיין פּלאַץ ניט.

די ספרי מוסר כאַראַקטעריזירען ר א ש השנה אַלס די ק אָ פּ פון יאָהר און יום כפור אַלס די ה אַ ר ץ פון יאָהר.

ליגט אין דעם אַ טיפער געדאַנק. די קאָפּ און האַרץ וועלכע זיינען די צוויי הויפּט אברים אין מענשליכען קערפער זיינען זיי אָבער פאַרשיעדען אין זייערע פונקציעס. דער קאָפּ רעפּרעזענטירט דעם ש כ ל ווערענד דאָס האַרץ רעפּרעזענטירט דעם ר ג ש. דער ק אָ פּ ד ע נ ק ט און דאָס ה אַ ר ץ פ י ה ל ט. דער אונטערשיעד איז אַ גרויסער. אויב מען טהוט אַ זאַך לויט די דיקטאַציאָן פון ש כ ל מיינט עס נאָך ניט אַז דער מענש טהוט עס ווייל ער ו ו י ל עס טהאָן. עס קען גע־מאָלט זיין אַז אַ מענש זאָל האָבען למשל א נטיה צו גנב׳נען און דאָך

ליום כפור

זאָל ער עס ניט טהאָן ווייל דער שכל לאָזט איהם ניט, אויפקלערענדיג איהם די געפאַר פון געזעץ וואָס איז דאָמיט פאַרבונדען.

ווען אָבער אַ מענש טהוט אָדער מיידט אויס עפּעס צו טהאָן לויט די דיקטאַציע פון ה אַ ר ץ מיינט עס טאַקע אַז עס ווירקט דאָביי דער ר צ ו ן. דאָס י אָ טהאָן און נ י ט טהאָן זיינען אַ פּראָדוקט פון זיין אייגענעם ווילען, פון זיין רגש און געפיהל.

אין ערשטען פאַל איז עס אַ מ ו ז זאַך, דער שכל צווינגט עס יאָ צו טהאָן, אין צווייטען פאַל איז עס אַ זאַך פון אייגענעם ווילען. אין די מוסר טער־מינען דאַרף דאָס ערשטע באַצייכענט ווערען אַלס תשובה מ י ר א ה און דאָס צווייטע, תשובה מ א ה ב ה.

אין דעם איז דער אונטערשיעד צווישען ראש השנה און יום־כפור. ר א ש השנה איז די קאָפּ פון יאָהר, פּראָדוצירט ק אָ פּ־תשובה, תשובה עפ"י ש כ ל, תשובה מ י ר א ה: „היתקע שופר בעיר ועם לא י ח ר ד ו". דען כל זמן דער קערפּערליכער טייל פאַרנעהמט נאָך אויך אַ פּלאַץ, דער חומר ווערט נאָך ניט אין גאַנצען באַזייטיגט, קען נאָך דער נ פ ש ניט זיין דער גאַנצער בעל הבית. דער ח ו מ ר שטעהט נאָך אין וועג און קען נאָך געווינען דעם ו ו י ל ע ן אויף זיין זייט. עס איז אָבער דער ק אָ פּ, דער ש כ ל וואָס שאַרפט אָן זיינע כלי זיין און באַזיעגט דעם חומר. איז עס אין מעהרערע פאַלען דעריבער נור אַ תשובה מיראה, אַ תשובה פון „מאימת הדין נפשי תבחל".

יום כפור אָבער איז שוין די ה אַ ר ץ פון יאָהר און די תשובה פון יו"כ איז אַ ה אַ ר ץ תשובה, אַ תשובה מ א ה ב ה דיקטירט דורך געפיהל וואָס רעפּרעזענטירט דעם אייגענעם ווילען און ניט דעם אַנדערענס דרוק. יום כפור איז דער טאָג ווען בלויז דער נפש דאָמינירט, דער טאָג פון נשמה'ס ממשלה, דער חומר האָט נאָך אַ טאָג פריהער, גלייך נאָך די סעודה המפסקת, זיין רעזיגנאַציע אַריינגעגעבען. קוים שטעהט דער גוף ניט אין וועג איז דאָך די נשמה פריי אין איהר האַנדלונג און דאַרף ניט ערוואַרטען איהרע פּאָזיציעס דורך צוואַנג און דרוק, איז דערפאַר די יו"כ תשובה אַ תשובה מ א ה ב ה.

אָט דאָס איז דאָך אייגענטליך דער געדאַנק פון די בעלי המוסר וואָס באַהויפּטען, אז „השטן" איז בגימטריה „שס"ד" און דאָס מיינט, אז פון די „שס"ה" ט ע ג פון יאָהר האָט דער ש ט ן די ממשלה בלויז

וואָרט און צייט

אויף „שס״ד״ טעג, אויף א י י ן טאָג אָבער האָט ער קיין ממשלה ניט — דער יום כפור טאָג.

אין דעם זין איז מיתת צ ד י ק י ם גלייך צו יום־כפור. דען אין אמת׳ן ווירקט דאָך אויף א מענשען אויך אפילו דער טויט פון אן איינפאַכען מענשען, ניט גראַדע א צדיק. דער „יזכור לו יום המיתה״ איז דאָך פון אייביג אָן געווען דער מיטעל צום „ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע״. דער אונטערשיד איז אָבער אין דעם, די ווירקונג פון סתם טויט איז אַזאַ וואָס ברייינגט צו תשובה מ י ר א ה. עס איז א מיטעל וואָס דאַרף אָנגעווענדעט ווערען אין א צייט פון „ירגיז״, ווען ס׳איז נאָך דאָ אַ ק אַ מ ף פון יצר הרע מיט יצר טוב און דער טויט דאַרף דינען אלס ש כ ל אינסטרומענט צו קענען באזיגען דעם יצר הרע.

מיתת צ ד י ק י ם אָבער ווירקט דורכ׳ן ה אַ ר ץ און ניט דורכ׳ן ק אָ פּ, דורכ׳ן ר ג ש און ניט דורכ׳ן ש כ ל; עס ברענגט תשובה מ א ה ב ה און ניט מ י ר א ה. די פטירה פון צדיק און דער גרויסער כבוד וואָס ווערט איהם געגעבען, די ריהרענדע שבחים און הספדים און זיינע טויזענטער באגלייטער לבית עולמו, דאָס אלץ איז א גרויסע מאניפעסטאציע אויף דעם ערך הנשמה כלפי הגוף. דער מענש ווערט דורכדעם נשמה׳דיג געשטימט. דאָס ערדישע ווערט ביי איהם מינדערווירדיג און די נשמה קריגט די אויבערהאַנט.

„ כ ש ם שיום הכפורים מכפר כ ך מיתתן של צ ד י ק י ם מכפרת״. דער זעלבער כאַראַקטער פון די כפרת יום־כפור, דער זעלבער כאַראַקטער איז אויך די כפרה פון מיתת צדיקים. איןביידע פאַלען איז עס א תשובה מאהבה, אין ביידע פאַלען קומט עס פון ה אַ ר ץ. יו״כ איז די האַרץ פון יאָהר און ביי מיתת צדיקים איז אויך „והחי יתן אל ל ב ו ״...

***

דער פאַקט אָבער וואָס די תורה האָט אויסגעקליבען גראַדע מיתת בני אהרן אריינצושטעלען אין דער יום־כפור סדרה, א פאַל וואָס איז ניט פון אַזאַ געוועהנליכער ערשיינונג און דריקט מיט זיך אויס א מעהר קאַטאַסטראָפאַלען צושטאַנד ווי דער דורכשניטליכער טויט פון א צדיק.

ליום כפור

דיזער פאַקט באַווייזט, אז די תורה האָט דאָ אויך אין זינען געהאַט די סימבאָלישע זייט וואָס די מיתת בני אהרן ברייגנט מיט זיך ארויס, וואָס מיינט מעהר דעם הזכרת נשמות פון ל ע ב ע ד י ג ע קינדער ווי דער פון ט ו י ט ע עלטערען...

מיתת בני אהרן ווערט באצייכענט ביי אונזערע חז״ל אלס „ש ר י פ ת נשמה וגוף ק י י ם" און פון דעם שטאַנדפונקט פאַסט זיך ד ע ר יזכור מעהר אריין אין יום־כפור ווי די געוועהנליכע יזכור׳ס וואָס באצייכענען דעם ע ל י ת נשמה פון דעם גוף מ ת.

יום־כפור, ווי אויבענגעזאָגט, באצייכענט דאָך אויך די עלית נשמה פון דעם ל ע ב ע ד י ג ע ן גוף, די איבערוועלטיגונג פון דער נשמה אפילו דעמאָלט ווען דער גוף לעבט נאָך און דאָס קומט פון דער סימבאָלישער זייט אמבעסטען צום אויסדרוק אין די מיתת בני אהרן.

„שריפת נשמה וגוף קיים" איז דער אָנגעוועהטאָגסטער פונקט אין אונזער אידישען לעבען. דאָס איז דער טראַגישסטער שטריך אין אונזער חנוך פראָבלעם. בשעת עלטערען זייען זיך ממש מוסר נפש פאַר די אינטערעסען פון זייערע קינדער׳ס קערפערליכען וואוילזיין, פאַרנאַכלע־סיגען זיי אין דער זעלבער צייט די אינטערעסען פון די קינדער׳ס נשמה. מען אָפפערט זיך פאר די קינדער זיי צו ערציהען און זיי מאכען פאַר מ ע נ ש ע ן, אָבער וועניג אָפּפער ווערט געגעבען אויף זיי מאכען פאַר א י ד ע ן. אַלע כחות ווערען קאָנצענטרירט ארום זייער גוף, ארום זייער מאַטעריעלער קאַריערע, אָבער ווינציג כחות ווערען געווידמעט צו זייער נשמה קאַריערע. דער רעזולטאַט איז דעריבער אין מעהרערע פעלע דער „שריפת נשמה וגוף קיים".

בעת עלטערען ווידמען זייערע כחות צו דער ערציהונג פון קינדס ג י י ס ט זיינען דאן די עלטערען די מ ש פ י ע י ם און די קינדער די מ ו ש פ ע י ם. ווען אָבער די ערציהונגס געוויכט ווערט געלייגט אויף דער מאַטעריעלער און קערפערליכער זייט דאַן איז פאַר־קעהרט, די קינדער ווערען די מ ש פ י ע י ם און די עלטערען די מ ו ש פ ע י ם...

און דאָס איז א טראַגישע און אומנאָרמאַלע ערשיינונג.

וואָרט און צייט

גפן ממצרים תסיע תגרש גוים ותטעה (תהלים פ) למה נמשלו ישראל לגפן, מה הגפן הזו סמוכה על גבי קנים והיא חיה כך הם ישראל אינם חיים אלא בזכות התורה שהיא כתובה בקנה. ומה הגפן הזו סומכין אותה על גבי עצים יבשים והיא חיה כך הם ישראל אינם חיים אלא בזכות אבותיהם אעפ״י שמתו, וזכרתי את בריתי יעקב.

(ילקוט תהלים ס״י תתכ״ט).

דער וויינשטאָק פּראָדוצירט די בעסטע און געשמאַקסטע פּירות, די פּרוכט וואָס איז „משמח אלקים ואנשים", אָבער ער, דער גפן אליין איז דער שוואַכסטער צווישען די בוימער און דאַרף אונטערגעשפּאַרט ווערען מיט שטעקעלאך. אזוי איז אויך דאָס אידישע פאָלק, דער שוואַכסטער צווישען די פעלקער און זיין גאַנצער כח הקיום איז נור דורך אָנשפּאַרען זיך אויף דער תורה „שהיא כתובה בקנה" און דעמאָלט פּראָדוצירט ער אויך די בעסטע פּרוכט פאר די גאָטהייט און די מענשהייט, בין אדם למקום ובין אדם לחבירו.

און ווי דער גפן וואָס שפּאַרט זיך אָן אויף „עצים יבשים והיא חיה" אזוי אויך די אידען שפּאַרען זיך אָן אויף דעם זכות פון די אבות אפילו דאַן ווען זיי, די אבות, לעבען שוין מעהר ניט.

אָט דאָס איז דער נאָרמאַלער וועג אין לעבען. קינדער דאַרפען זיך אָנשפּאַרען אויף עלטערען. די אבות דאַרפען זיין זייער כח הקיום. די אבות, די משפיעים און די קינדער די מושפעים. אָנפאַנגען דאַרף עס זיך ביים לעבען פון די עלטערען דורך זייער חנוך און ממילא ווערט שוין די דאָזיגע השפעה פאָרטגעזעצט אויך נאָך זייער טויט.

אַזוי איז עס טאַקע אַלעמאַל געוועזן אין די פאַרגאַנגענע דורות.

היינט אָבער איז א עולם הפוך. דער ערציהונגס פּראָצעס האָט גענומען אַן אַנדער ווענדונג. מען ערציהט דעם ג ו ף און ניט די נ ש מ ה און אזוי שנעל ווי דאָס קינד איז שוין אַן ערצויגענער, ער איז שוין באַפעסטיגט אין לעבען מיט א גוטע קאַריערע, אזוי ווערט ער, דער קינד, שוין דער ערציהער פון טאַטען. די עלטער רוקט זיך אָן, די

ליום כפור

יוגענטליכע כחות זיינען שוין לאַנג פאַרטהאָן און אויסגעשעפּט געוואָרען פאַר דעם וואוילזיין פון די קינדער און איצט דאַרף שוין דער טאַטע אָנקומען צום זוהן און דער זוהן פיהלט זיך אז ער האָט די אויבער־האַנט. דען אויב די מאַטעריעלע זייט שפּיעלט די הויפּט ראָלע איז ער דאָך גרעסער פאַר׳ן טאַטען, דער טאַטע דאַרף דאָך צו איהם אָנקומען און ניט ער צום טאַטען. ווערט ע ר דעריבער דער מ ש פ י ע און דער טאַטע דער מ ו ש פ ע...

האָט דער טאַטע די גאַנצע יאָהרען זיך געמעגט זיין גאָר אַ פיינער איד, א שומר תורה ומצוה און נזהר אויף יעדען דקדוק קל מדברי סופרים. איצט אָבער צו דער עלטער הויבען איהם די קינדער אָן צו ערציהען. ער ליגט אונטער זייער איינפלוס, מוז פאַרבויגען זיין פרומקייט כדי די קינדער זאָלען פון איהם ניט לאַכען און אזוי ווערט ער ביסלעכווייז אָבגעקיהלט, תחלתו באונס וסופו ברצון און אין געוויסע פעלע ענדיגט זיך עס מיט דער היסטאָרישער טראַגעדיע פון „שמונים שנה שמש בכהונה גדולה ולבסוף נעשה צדוקי״...

און אויף אַזאַ אומנאָרמאַלע און טראַגישע ערשיינונג ווערט בדרך דרש אויסגעטייטשט די פאָלגענדע פסוקים:

„וירא ה׳ וינאץ, מכעס בניו ובנותיו״, דער געטליכער צאָרען קומט דערפון וואָס די „בניו ובנותיו״ זיינען די טאָן געבער, זיי זיינען די מחנכים ומשפיעים פון זייערע עלטערען. „דור תהפוכות המה דור עקש ופתלתל״. דאָס איז אַ פ אַ ר ק ע ה ר ט ע ר דור, א צוקרימטער און פאַרדרעהטער. עס איז אומנאָרמאַל אז: „בנים לא אמון — ב ם ״, אז די צולאָזענקייט פון די אמונה־לאָזע קינדער זאָל דערגרייכען צו ז י י אליין, צו די עלטערען...

אין אזעלכע פעלע קומט עס צום: „כי יסיתך אחיך בן אמך או ב נ ך או ב ת ך לאמר נלכה ונעבדה אלהים אחרים.״ דער ב נ ך ו ב ת ך ווערען די מסיתים פון טאַטען...

אָבער שולדיג אין דעם זיינען ניט די קינדער נור די טאַטעס. אויב מען וויל אַז די קינדער זאָלען זיך אָנשפּאַרען אין די טאַטעס און ניט

וואָרט און צייט

פאַרקערט, אויב מען וויל אַז קינדער זאָלן זיך נאָך האַלטן פעסט אין טאַטענס טראַדיציעס און מאַניפעסטירן דעם טאַטענס גייסט און נשמה אפילו דעמאָלט ווען דער טאַטע איז שוין טויט, ווי עס איז דער פאַל מיט׳ן מדרש׳ס גפן, דאַרפן די טאַטעס צום אַלעם ערשטן מאַניפעסטירן די קינדערס גייסט דעמאָלט ווען די קינדער לעבן נאָך. עס איז דער יזכור מאבות לבנים וואָס פּראָדוצירט דעם יזכור מבנים לאבות. דער יזכור פון טאַטענס נשמה ווען דער גוף איז שוין ניטאָ איז די עכאָ פון דעם יזכור פון קינדס נשמה ווען ס׳איז נאָך גוף קיים...

איז דערפאַר יום־כפור וואָס איז אַ טאָג פון ע ל י ת נשמה בשעה שהגוף קיים דער ריכטיגער זמן פאַר אַזאַ יזכור ווי דער פון די בני אהרן, וואָס איז אַ וואָרנונג געגען ש ר י פ ת נשמה וגוף קיים...

איז דער יום־כפור אויסער אַלעמען אויך אַ גרויסער בייטראַג צו דער לעזונג פון איינע פון די גרעסטע און הייליגסטע פּראָבלעמען אין אונזער אידישען לעבען — די פּראָבלעמע פון חנוך הבנים.

לסוכות

א.

ויהדר ליפות את הסוכה ולהנאותה בכלים
נאים ומצעות נאות כפי כחו.
(שו״ע ה׳ סוכה).

די סוכה איז די דירת ארעי, די צייטווייליגע היים אין פאַרגלייך מיט די הויז וועלכע איז די דירת קבע, די באַשטענדיגע היים. דאָך, אָדער אפשר טאַקע ד ע ר פ א ר , איז די סוכה הייליגער פאַר די הויז. ס׳איז פיל גרינגער אָנצוהאַלטען הייליגקייט אויף אַ צייטווייליגען אופן ווי אויף אַ פּערמאַנענטען. שווער צו פאַרלאַנגען פון אַ מענשען וועלכער איז אַריינגעטאָן אין מ״ט שערי חולין זיך צו האַלטען שטענדיג אין די ראַמען פון קדושה. די אידישע טראַדיציע לערענט אונז צו זיין אַ מבדיל בין קדש לחול און די בחינה פון „חולין שנעשו על טהרת הקדש״, איז אַ זאַך וואָס געהער צו יחידי סגולה, צום טיף פון דעם תלמוד׳ישען „חבר״. פונ׳ם דורכשניטליכען איד וואָלט עס געווען צופיעל פאַרלאַנגט. פאַר איהם איז גענוג אַז דער קדש זאָל ניט ווערען קיין חול, אָבער אַז דער חול זאָל ווערען קדש איז אַ צו הויכע מדרגה פאַר דעם איד פון אַ גאַנץ יאָהר.

הייליגע טעג זיינען ווינציגער אין צאָהל ווי די וואָכעדיגע. צווישען גאַנצע זיבען טעג איז בלויז איינער אַ הייליגער; און דאָס וואָס איז מיט צ י י ט , דאָס איז אויך מיט אָ ר ט . מען קען ניט ער־ וואַרטען אַז די דירת קבע, די הויז אין וועלכע מען לעבט אַ גאַנץ יאָהר, זאָל זיין געהייליגט אַזוי ווי די סוכה וואָס איז בלויז אַ צייטווייליגע היים פאַר בלויז זיבען טעג.

אין דער סוכה איז גרינגער אַריינצוברענגען אַ הונדערט פראָצענ־ טיגע קדושה ווי אין דער אַלטעגליכער הויז.

און דאָס וואָס די סוכה איז אין פאַרגלייך מיט דער הויז, דאָס קען און דאַרף אויך זיין די אידישע שוהל. אויך זי, די שוהל איז די

דירת ארעי אַנטקעגען די הויז. די שוהל איז מיוחד פאַר דברים שבקדושה און די דברים שבקדושה פאַרנעהמען בלויז אַ קליין באַדייטענדען טייל פון דעם מענשענס טאָג טעגליכע רוטינע טעטיגקייטען. צוויי אָדער העכסטענס דריי שטונדען פון די גאַנצע פיער און צוואַנציג ווערען אָוועקגעגעבען פאַר דער שוהל, און אויב ס'איז שווער צו האַלטען הייליג די גאַנצע פיער און צוואַנציג שטונדען פון מעת לעת, דאַרף אָבער ניט זיין שווער צו האַלטען הייליג בלויז צוויי דריי שטונדען.

און אויב די שוהל איז אין דעם זין אַן אָבשפּיגלונג פון דער סוכה, איז טאַקע זעהר ווינשענסווערט און כדאי זיך נעהענטער באַקענען מיט דער סוכה און מיט די אַנדערע מצוות וואָס זיינען מיט איהר פאַרבונדען, אום דאַדורך צו קענען דאָס זעלבע טראַנספּערירען צו דער שוהל און בויען אונזערע שוהלען לויט דעם פּלאַן פון אונזערע סוכות.

צווישען די פאַרשיעדענע דינים פון דער סוכה איז אויך פאַראַן דער דין פון „נוי סוכה” וועלכען מיר האָבען ציטירט אין אונזער טעקסט. מען דאַרף זעהן צו באַשעהנען די סוכה מיט אַ שעהנע אויסשטאַטונג, „בכלים נאים ומצעות נאות כפי כחו”.

די דאָזיגע נוי סוכה באַציהט זיך פאַלגליך אויף א י נ ע ו ו י י נ י ג און ניט אויף'ן ד ר ו י ס ע ן. אַזוי זיינען טאַקע געווען כמעט אַלע סוכות וואָס אונזערע עלטערען און אורעלטערען פלעגען בויען. פון דרויסען זיינען זיי ניט געווען שעהן און האָבען ניט גערייצט די מענשליכע אויג. אַ מיש מאַש פון געהילץ פון וועלכעס איין טייל מיט'ן אַנדערען האָבען ניט האַרמאָנירט, ניט אין קוואַליטעט, ניט אין פאַסאָן, ניט אין קאָליר און ניט אין מאָס; איין ברעט קורצער איינע לענגער איינע שמעלער, איינע ברייטער; איינע אַ גרינע, די צווייטע אַ רויטע, איינע מיט אַ לאַטע, די צווייטע אָהן אַ לאַטע. עס האָט געפעלט לחלוטין דער עסטעטישער געשמאַק און איז ווייט ניט געווען אין אַנקלאַנג מיט דער אַרכיטעקטורע פון אַ מייסטערשען בנין..

דערפאַר אָבער אז מ'איז אַריין אינעוויינינג, איז פשוט די אויג פאַר־כאַפּט געוואָרען פון רייץ און צויבער. פון שעהנעם גרינעם סכך האָבען אַראָפּגעהאַנגען די „שבעת המינים” וועלכע האָבען מיט זייער שלל צבעים און קאָלירפּוליגקייט צוגעגעבען אַ באַזונדער חן צו דער סוכה. די ווענט

לסוכות

זיינען געווען דעקאָרירט מיט די שענסטע טעפּיכער פון פּלוש און זייד און אַנדערע שטאָפן. אויף זיי נאָך אַ דעקאָראַציע באַשטעהענד פון די קינסטלערישע האַנט אַרבייט פון דאָס קליינוואַרג וואָס האָט וואָכענלאַנג שווער געהאָרעוועט אויף די געשניצטע „מזרחים", רויזען, בלומען, מגן דוד'ס און שאר ירקות. דער דאָזיגער פאַבריצירטער „סטאַק" באַצירט עס איצט אַזוי שעהן די ווענט פון דער סוכה. אין צוגאָב אויך די אויף גאָלד־פּאַפּיר געדרוקטע „אושפּיזין" מיט דעם „ברוך אתה בבואך" אויף דער מזרח וואַנט און ברוך אתה בצאתך אויף דער מערב וואַנט. הייגט די זילבער מאַניפאַקטורטע פויגלען ווענמס פליגלען האָבען זיך אויפגעהויבען איינע אַנטקעגען די אַנדערע אום דאָמיט צו קאָפּירען יענע כפּורת כרובים וואו ס'איז געווען „סוככים בכנפיהם ופניהם איש אל אחיו". און דאָס אַלעס איז אַרומגענומען געוואָרען פון אַ לאַנגע פּאַפּירענע קייט אויסגע־פלאָכטען פון אַלערליי קאָלירטע פּאַפּירען, וואָס האָט זיך געצויגען האַרט ביים סכך אַרום אַלע פיער ווענט פון דער סוכה.

דער טיש מיט זיין אויסשטאַטונג איז געווען אַ מאָנאַרכישער. די שענסטע זילבערוואַרג איז געווען אויף'ן טיש און אויסגעשטעלט מיט געפיהל און געשמאַק אַזוי אַז עס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט אַן אָבשפּיג־לונג פון דעם אַלטען „שולחן הפּנים".

און אַז מען איז אַריינגעקומען אין יענע סוכות האָט מען זיך געפונען ווי אין אַ מעגל הקסמים. אַלעס איז געווען אַזוי שעהן, אַזוי רייצענד און אויף אַלעס איז געווען אויסגעגאָסען אַזאַ זיסער חן און צויבער. שוין ניט רעדענדיג פון דער אַטמאָספערע פון יענער סוכה וואָס איז געווען גאַלע קדושה. ס'איז געווען אַ קאָמבינאַציע פון „ה נ ו י ו ה נ צ ח" און „הקריאה ו ה ק ד ו ש ה", האָבען די ביידע זאַכען ממילא אַרויס־גערופען דעם „השיר והשבח לחי עולמים" און ס'איז געווען כולו אומר כבוד.

און דאָס וואָס איז אַמאָל געווען די סוכה, דאָס איז אויך געווען די שוהל. אויך די שוהל, האָט אַדאַפּטירט די סוכה אַרכיטעקטורע. פון דרויסען, אָדער די דרויסענדיגקייט, די חצוניות, איז גראַדע ניט געווען איבעריג שעהן, ניט אויגען־פאַרכאַפּענד. אַן אַלטער בנין, אַן אָרעמע אויס־שטאַטונג און דער דלות האָט אַרויסגעשריען פון יעדער ווינקעלע און

וואָרט און צייט

אויף יעדען קעהר און ווענד. די פ נ י מ י ו ת אָבער האָט דער־גרייכט דעם העכסטען שטאַפּעל פון שוהל קדושה, מנינים איינער נאָכ׳ן אַנדערען ביי אַלע דריי דאַווענענס; טעגליכע שעורים פאַר גמרא, עין יעקב, חיי אדם און קצור שו״ע. חברות פון אַלע מינים: חברה ש״ס, חברה משניות, חברה קדישא און חברה תהלים ומעמדות. עס האָט געאָטעמט מיט תורה, תפלה און עבודה און ס׳האָט זיך דורכגעטראָגען אין שוהל אַ קדושה אַטמאָספערע וואָס האָט איהר באַרעכטיגט צו איהר נאָ־מען „מקדש מעט״.

ביי אונז דאָ אין דער נייער מדינה האָט זיך אַלעס איבערגעדרעהט. אַנשטאָט די „נוי סוכה מבפנים״, די אינערליכע שעהנקייט פון אונזערע שוהלען האָבען מיר גאָר אַן אויסערליכע. די חצוניות פון שוהל, דער בנין, די אויסשטאַטונג, די ווירטשאַפטליכקייט און די דעקאָראַציע, דאָס אַלעס איז ווירקליך שעהן און רייצענד, די פנימיות אָבער איז ליידער גאַנץ ווייט פון אָבשפּיגלען דעם אמת׳ען גייסט פון דער אידישער שוהל. אַ גוואַלדיגע פּוסטקייט און ליידיגקייט הערשט אינעווייניג אין אונזערע שוהלען. ניטאָ אין זיי די געהעריגע קדושה אַטמאָספערע און דער נאָמען „מקדש מעט״ ווערט ביסלעכווייז אַ שם שנתרוקן מתוכו.

די סוכה רופט זיך „סוכת שלום״. אַמאָל איז די שוהל ווירקליך דאָס געווען. מ׳האָט זיך געקענט קריגען אין הויז, אין גאַס, אין געשעפט, אין שוהל אָבער איז געווען שלום. צו הייליג איז די שוהל געווען אַז מ׳זאָל זיך קענען ערלויבען אַריינברענגען אין איהר מחלוקת און ריי־סערייען און דאַדורך מחלל זיין איהר קדושה.

היינט צום באַדויערען איז ניט קיין נייעס צו זעהן מחלוקת׳ן אין אונזערע שוהלען. עס מאַכט זאָגאַר מאַנכעס מאָל דעם איינדרוק ווי די שוהל וואָלט גאָר לכתחילה באַשאַפען געוואָרען פאַר דעם דאָזיגען צוועק צו זיין אַ נעסט פאַר מחלוקת און אַרומרייסענישען. מען רייסט זיך אַרום צוליעב נשיאות, צוליעב גבאות אָדער אַנדערע עמטער און צוליעב אַ „פראָסטערע״ עליה, אַ „רביעי״, אַ „הוספה״ אָדער אַ „איינס פאַר אחרון״...

דער שלום און אחדות פון דער סוכה קריגען זייער אויסדרוק אין דער פאַראייניגונג פון די „ארבעה מינים״ וואָס מען ברענגט אַריין אין

לסוכות

סוכה און פון זיי, פון די ד׳ מינים איז אויך צו לערנען דעם סוד און די רעגלען פון דער דאָזיגער אחדות.

די מינים פון לולב זיינען צוזאַמענגעשטעלט פון אַלערליי קוואַליטעטן. זיי נעהמען אַריין אין זיך דעם בעסטען מין אין געשטאַלט פון אתרוג. דעם ערגסטען מין אין געשטאַלט פון דער ערבה און אויך די מיטעלמעסיגע מינים אין געשטאַלט פון הדס און לולב.

די שוהל מאַנשאַפט איז אויך צוזאַמענגעשטעלט פון אַ קאַלירפולען קוואַליטעט. דער אתרוג אין געשטאַלט פון גייסטיגען פיהרער, דער רב און מנהיג, און די אַנדערע מינים אין געשטאַלט פון די בעלי בתים צווישען וועלכע עס געפינען זיך בעסערע און ערגערע עלעמענטען.

דאַרפען אַט די אַלע עלעמענטען זיין פאַראייניגט. דאַרף אפילו דער אתרוג זיין נאָהענט צו דער ערבה, און זיך ניט מתרחק זיין פון איהר. ווערט אָבער די דאָזיגע פאַראייניגונג דיקטירט פון באַשטימטע געזעצען. עס דאַרף זיין אַן אחוד אין די ראַמען פון אידישען דין, און פונקט ווי דער רב דאַרף וויסען זיינע באַציהונגען צו די בעלי בתים אַזוי דאַרפען די בעלי בתים אויך וויסען זייערע באַציהונגען צום רב. זיי די בעלי בתים, דאַרפען וויסען אַז אָבוואָהל דער אתרוג דאַרף זיין נאָהענט צו די אַנדערע מינים דאַרף ער אָבער גלייכצייטיג אויך האָבען זיין באַשטימטען אייגענעם אָרט. ער קען זיין נ אָ ה ע נ ט צו די אַנדערע מינים אָבער ניט אין איין ב ו נ ד מיט זיי. ער איז דאָך גרעסער פאַר זיי אין חשיבות, דאַרף מען דערפאַר פאַר איהם געפינען די שעהנע אתרוג פושקע אין וועמעס מחיצות ער ווערט גאַנץ אַליין איינגעשלאָסען. בעלי בתים דאַרפען פיהלען און אַנערקענען די אויטאָריטעט פון זייער גייסטיגען פיהרער, זיי דאַרפען פאַרשטעהן און וויסען אַז „איזהו ח כ ם המכיר את מ ק ו מ ו ״. אויב אַ ח כ ם דאַרף ער האָבען אַ באַזונדער אָרט. נ אָ ה ע נ ט צו די בעלי בתים, יאָ, אָבער זיין ג ע ב ו נ ד ע ן מיט זיי אין איין שפאַן — דאָס ניט. דער פּרינציפּ פון „איש על מחנהו ואיש על דגלו״ מוז פאַרזיכטיג אָבגעהיט ווערען אפילו דאָרט וואו עס דאַרף זיין אַ האַרמאָנישע פאַראייניגונג. דער רב דאַרף פאַרנעהמען זיין אָרט און די בעלי בתים זייערע ערטער. עס טאָ־

וואָרט און צייט

ניט זיין קיין ערובי תחומים און קיין טשטוש גבולים. די ערבה לויט איהר פאַרנעהם אין דער געזעלשאַפט דאַרף זיך געפינען לינקס פון לולב, טאָר זי זיך ניט שטופען רעכטס, און די בעלי בתים וועלכע געהערן צו דער מערב וואַנט דאַרפען זיך ניט שטופען אין דער הויך צום מזרח...

ווען יעדערער וואָלט אין דעם זין געווען א „מכיר את מקומו" וואָלט געהערשט דער אמת'ער שלום. איינער וואָלט דעם צווייטען ניט ענג גע־מאַכט, ניט פאַרכאַפּט זיין אָרט און ניט געקראַכען אין זיין טעריטאָריע.

ווען אָבער מען קומט ניט נאָך די רעגלען פון יענעם אחוד פון די ארבעה מינים, ווען מען דענקט אַז אויב אחוד מיינט עס שוין אַז די גרעניצען פון די מינים זיינען אין גאַנצען אָבגעווישט, שטופט זיך שוין ממילא איינער אין דעם אַנדערענס רשות און עס ווערט שוין פאַר יע־דערען ענג זיין פּלאַץ, דערפון די צאַנקערייהען, די אַרומרייסענישען און די מחלוקת'ן.

„האי דוחקא דכלה מינייהו הוא" (ברכות).

דאָרט וואו ס'פיהלט זיך אין שוהל אַן ענגשאַפט, מען שטופט זיך איינער אין אַנדערענס רשות, דאָרט איז עס אַ סימן פון מזיקין... די „דוחקא דכלה" פּראָדוצירט אויף אַן אומפאַרמיידליכען אופן די שוהל מזיקין...

אַט דאָס איז די הויפּט צרה מיט אונזערע שוהלען. עס פעלט די גרונטלאַגע פאַר'ן אמת'ען אחוד. דער רב איז געוואָרען צו וואָכעדי־ ביי אונזערע בעלי בתים. מ'האָט באַזייטיגט די אתרוג פושקע. מען באַטראַכט דעם רב אַלס אַ טייל פון דעם שפּאַן. ער איז געוואָרען צופיעל קהל'שער אתרוג וואָס געהט דורך צופיעל הענט און פאַרלירט דעריבער היבש פון זיין הדר'דיגקייט.

אַמאָל איז דער רב באַנוצט געוואָרען בלויז פאַר דברים שבקדושה און מעהרסטענס אויך נור אין ימים של קדושה. אין די הייליגסטע טעג פון יאָהר אין די ימים נוראים, ימים טובים און געצעהלטע מיוחס'דיגע שבתים, נור דעמאָלט איז דער רב ערשינען עפענטליך פון דער בימה פאַר די פאָלקס מאַסען, ווערהענד אַ גאַנץ יאָהר האָט מען דעם רב געלאָזט אין זיין אתרוג פושקע, איינגעשלאָסען אין זיינע ד' אמות של

לסוכות

הלכה און זיין רבנות האט זיך אויסגעדריקט בלויז אין פסק'נען שאלות און זיצען אין דין תורה'ס. א רב וואס איז נור געניצט געווארען פאר היילגע זאכען, אזא רב איז טאקע געווען א הייליגער רב, זיין כהונה איז ניט נתחלל געווארען.

היינט צום באדויערען איז דער רב געווארען א וואכעדיגע זאך. זיין רבנות איז פארוואנדעלט געווארען אין מגידות. עס איז רעכט אז מ'האלט דעם רב אויף דער בימה ניט נור שבת און יום טוב נור אויך אין אלע וואכעדיגע טעג פון א גאנץ יאהר. אין א סך שוהלען דארף דער רב אויך אויספילען די פונקציע פון א מלמד דרדקי, דארף האלטען א קלאס און לערנען מיט אלף־בית קינדער. אין מאנכע שוהלען דארף דער רב אויך זיין א „סאשעל וואָרקער", פארקערען מיט פרויען סאסייע־טיס, ליידיעס אקזילעריס און יוגענט קלאבס.

און ווען מען מאכט דעם רב וואכעדיג, ווערט ער ממילא א וואכע־דיגער רב..

אבער וואס איז נאך טרויעריגער דערפון איז דער פאקט וואס וועהרענד פון איין זייט האט מען, ווי געזאגט, די אתרוג פושקע באַ־זייטיגט, מ'האט דעם רב אריינגענומען אין „שפאן" ניטא דער יראת הכבוד, דער רעספעקט, די אבשאצונג און פארעהרונג, מ'האט איהם געמאכט דורכאויס וואכעדיג, פארלאנגט מען פונדעסטוועגען פון איהם ער זאל זיין אן אמת'ר „הדר". מען קוקט אויף איהם ווי מען קוקט אויף אן אתרוג; מיט א פארגרעסערונגס גלאז זוכט מען אויף איהם די פגימות, ס'טאר ניט זיין אויף איהם קיין בלעטעלע, קיין שפעלטעלע, קיין שפרינקעלע און אפילו ניט דאס מינדעסטע פינטעלע. מען פארגעסט אבער אז ס'איז א תרתי דסתרי. א קהל'שער אתרוג וואס ווערט צופיעל באנוצט קען קיין אמת'ער הדר ניט זיין...

דאן דארף מען דאך ניט פארגעסען אז פאר אן אמת'ן „הדר" דארף מען באצאהלען דעם פולען הדר־פרייז. אונזערע בעלי בתים פיהרען זיך אבער ניט אזוי. זיי ווילען טאקע א רב א הדר אבער דעם פרייז ווילען זיי צאהלען ווי פאר אן ערבה..

און דאס וואס דער אתרוג רעפרעזענטירט די מינים, דאס רעפרע־זענטירט אויך דער סכך אין דער סוכה. דער סכך איז דאס העכסטע

וואָרט און צייט

אין דער סוכה און דער גאַנצער נאָמען סוכה רופט זיך דאָך על שם הסכך, פונדעסטוועגען דאַרף דער סכך אויך האָבען וועגט אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרען. סכך אָהן וועגט קען ניט מאַכען קיין כשר'ע סוכה. דער רב וואָס שטעהט אין שפּיצע פון שוהל דאַרף אויך האָבען אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרען. ער דאַרף האָבען פּרנסה בכבוד ובשפע און דאַן קען ער זיין אַ „כשר'ער" רב...

אַ סכך וואָס איז צו געדיכט, ער ליגט ניט אויסגעגלייכט אין רחבות נור אין דחקות איז ניט כשר ווייל די שטערען דאַרפען קענען אַריינ־ שיינען אין סוכה און אין אַ געדיכטען סכך קען דאָס ניט זיין.

דער רב דאַרף אויך קענען לעבען אין רחבות, וועט ער דאַן קענען זיין אַ לייכטענדער שטערען פאַר זיין געמיינדע. ווען ער לעבט אָבער אין דחקות, קען ער ניט לייכטען...

די שוהל איז די קאָפּיע פון דער סוכה, די שוהל מאַנשאַפט די קאָפּיע פון לולב מיט זיינע מינים, און וואָלט מען אויך קאָפּירט די דינים פון סוכה און די ארבעה מינים און זיי טראַנספּערירט אין דער אידישער שוהל, דאַן וואָלט די שוהל אַ גאַנץ אַנדער פּנים געהאַט.

לסוכות

ב.

כל עצמותי תאמרנה ה׳ מי כמוך.
(תהלים ל״ה).

לא נאמר פסוק זה אלא בשביל לולב. השדרה של לולב דומה לשדרה של אדם, ההדס דומה לעין, הערבה דומה לפה והאתרוג דומה ללב. אמר דוד אין בכל האברים גדול מאלו שהן שקולין כנגד כל הגוף, הוי כל עצמותי תאמרנה ה׳ מי כמוך.
(ויקרא רבה ל׳, ילקוט ס׳ תרנ״ב).

נויטיגט זיך דער דאָזיגער מדרש ניט אין קיינע באַזונדערע פירושים. פאַרקעהרט: זאָל מען וועלען עפּעס צולייגען צו איהם וועט עס זיין בבחינת „יתר כנטול דמי״. אַט אַזוי ווי ער שטעהט און געהט, בלי כחל ובלי שרק לייכט ער אַרויס ווי אַן אבן תפארה. קיין שעהנערע עטהישע לעהרע ווי די וואָס דער מדרש ברענגט מיט זיך אַרויס קען גאָר ניט זיין.

אויף אַן אַנדער פּלאַץ האָט דער מדרש געזוכט און געפונען אין די ארבעה מינים פון סוכות דעם סימבאָל פון אידישען פ אָ ל ק אַלס ק אָ ל ע ק ט י װ. דאָ, אָבער געפינט אין זיי דער מדרש דעם סימבאָל פון אידישען מ ע נ ש אַלס א י נ ד י װ י ד ו ע ל. דאָרט האָט דער מדרש געזעהן אין די מינים די אָבשפּיגלונג פונ׳ם צבור און דאָ זעהט ער די אָבשפּיגלונג פון יחיד. דאָרט, דעם כלל און דאָ דעם פּרט.

און באמת איז עס ניט קיין צוויי זאַכען נור איין זאַך, דען אין בכלל אלא מה שבפרט. דער כלל איז דאָך נור דער סך הכל פונ׳ם פרט און מען קען קיינמאָל ניט אונטערציהען אַ סך הכל אָהן די יחידישע ציפערען. פון אַ סך פרטים ווערט אַ כלל, זיי, די פרטים, זיינען מהוה דעם כלל. ממילא איז דער כלל שטענדיג אַ רעפלעקציע פון דעם פרט. איז דער פרט ווי עס דאַרף צו זיין, גאַנץ, שעהן און געזונט, רעפלעקטירט עס

אויך אויף'ן כלל. איז אָבער דער פרט ניט כדבעי'דיג, אָביסעל פגום'דיג, קרענקליך און ניט פאָלקאָם, מוז זיך עס אָפּשפּיגלען אויך אין כלל.

איז דערפער אַז מען רעדט וועגען אחדות און שלום אין אַ קאָלעקטיווען זין, אחדות הכלל און אחדות האומה, מוז צום אַלעם ערשטען אַרויפשווימען די פראַגע וועגען דעם פרט. עס דאַרף זיין פריהער פון אַלץ אַ שלום בית ביים פרט אַליין, אַן אחדות ביי יעדען איינציגען מענש באַזונדער, דאַן קען עס קומען צו אַ קאָלעקטיווען אחדות, צום אחדות הכלל.

און אחדות הפרט מיינט די אחדות צווישען גוף און נשמה. די אַלע חלקי הגוף זאָלען אַנערקענען די אויטאָריטעט פון דער נשמה און וועלען פון איהר געלייטעט ווערען. די פאַרשיעדענע אברי הגוף, יעדערער מיט זיין באַשטימטע פונקציע, זאָלען זיך פיהלען אונטערוואָרפען די דיסציפּלין פון דער נשמה און אויספאָלגען איהרע דירעקטיווען און אינסטרוקציעס.

ריכטיג טייטשען חז"ל דעם פסוק „בקש שלום ורדפהו — בקשהו ממקומך ורדפהו ממקום אחר". פריהער דאַרף עס זיין אַ שלום מ מ ק ו מ ך, ביי דיר אַליין. עס דאַרף זיין דער שלום אין דיין אייגענעם רשות היחיד, אַ שלום פון זיך מיט זיך און ערשט דאַן קען עס זיין „רדפהו מ מ ק ו ם א ח ר", אַ שלום פון זיך מיט יענעם.

„שלום", פונקט ווי אַלע אַנדערע מדות דאַרף דורכמאַכען אַ געוויסען שטודיום. מ'דאַרף עס פּראַקטיצירען, עס דאַרף האָבען איבונג און טריינונג. דאַרף דער „בקשהו ממקומך" דעריבער זיין דער עקספּערימענטאַלער סטאַנציאָן וואו די דאָזיגע איבונגען זאָלען געמאַכט ווערען.

איז דערפאַר איוב מען וויל זעהן אין די ארבעה מינים דעם סימבאָל פון אחדות פאַר דער גאַנצער אומה, דאַרף מען קודם כל געפינען אין זיי דעם סימבאָל פונ'ם אחדות הפרט און ערשט נאָכדעם וועט מען קענען קומען צום אחדות הכלל.

און דאָס צו וואָס עס ציעלט דער מדרש פון אונזער טעקסט. ער קוקט אויף די מינים מיט אינדיווידועלע אויגען גלעזער און געפינט אין זיי די אָבשפּיגלונג פון דעם יחידישען גוף מיט זיינע פאַרשיעדענע אָבטיילונגען און רופט דעריבער צום אַלעם ערשטען זיי אַליין צו אחדות און דיסציפּלין, וועט זיך ממילא דערנאָך קענען פאָרמירען די גרויסע אחדות פון דער גאַנצער אומה.

לסוכות

דער רוף צו דער דאָזיגער אחדות איז אַרויסגעלאָזען געוואָרען אונטער דער לאָזונג פון דעם שעהנעם פסוק פון דעם נעים זמירות ישראל:

כל עצמותי תאמרנה ה׳ מי כמוך!

אַלע עצמות און אברים פון מענשען דאַרפען זיך פאַראייניגען און אַלע ווי איינער אַנערקענען די געטליכע אויטאָריטעט. אַלע זאָלען ז אָ ג ע ן: „ה׳ — מי כמוך״!

דער מדרש געהט דאַן איבער צו די פרטים פון דער דאָזיגער אחדות אויסטיילענדיג די אָרדערס און דירעקטיוועץ צו די אַלע הויפּט אברים וואָס זיינען שקולים כנגד כל הגוף, אַז זיי אַלע זאָלען זיין כפוף צום לייטענדען נשמה גייסט וואָס דאַרף זיין דער דאָמינירענדער קראַפט אין דאָס מענשליכע וועזען.

דער שטאָלצער לולב, די מענשליכע „שדרה״, זאָל ניט בלייבען שטעהן בקומה זקופה נור זאָל דורך זיינע „נענועים״ צו די ארבע רוחות העולם אַרויסווייזען זיין בויגזאַמקייט און אונטערטעניגקייט צום „אלקי ה ר ו ח ו ת״.

און וויפיעל מאָראַל און עטהיק ענטהאַלט אין זיך אָט־אָ־די מדה פון „כפיפה״, אָדער ע נ ו ה וועלכע איז די אם כל המדות. אויב עס האַלט ביים „תאמרנה ה׳ מי כמוך״, דאַרף מען אימער געדענקען אַז: „וה׳ שוכן את דכא״ און „תועבת ה׳ כל גבה לב״. ע נ ו ה איז דער לייט־מאָטיוו וואָס דעמאָנסטרירט דעם ה׳ מי כמוך״.

און עונה מיינט ניט בלויז אַנטקעגען דעם וואָס איז גרעסער פון מיר נור טאַקע אויך אַנטקעגן אַ קלענערען. און דאָס לערענט טאַקע דער „ה׳ מי כמוך״. דען אויב דער „רם על כל רמים״ איז אַ „שוכן את דכא״ איז דאָך דערפון געדרונגען וואָס די ריכטיגע אויסטייטשונג פון ענוה מיינט.

אַ פיינע אילוסטראַציע דערפון געפינען מיר אויף אַן אַנדער פּלאַץ אין חז״ל וואו עס ווערען גע׳דרש׳ט די אותיות פון אלף בית אין דער זעלבער ריכט ליניע פון די נענועים פון לולב וואָס ברענגט אַרויס די מאָראַל פון באַשיידענהייט און בויגזאַמקייט, אָדער, כפיפה און ענוה.

וואָרט און צייט

אתו דרדקי האידנא לבי מדרשא ואמרו מילי דאפילו בימי יהושע בן נון לא איתמר כוותייהו: אלף בית אלף בינה (למוד תורה); גימל דלת, גמול דלים; מ"ט פשוטה כרעיה דגימל לגבי דלת, שכן דרכו של גומל חסדים לרוץ אחרי דלים; ומ"ט פשוטה כרעיה דדלת לגבי גימל, דלימצה ליה נפשיה (העני לבעה"ב); ומ"ט מהדר אפיה דדלת מגימל, דליתן ליה בצנעא כי היכי דלא לכסוף מיניה — — — נון כפופה, נון פשוטה, נאמן כפוף, נאמן פשוט, (אדם כשר צריך להיות כפוף ועניו וסופו להיות פשוט וזקוף לעוה"ב — רש"י).

און דאָס וואָס די אותיות פון אלף בית דריקען אויס דורך זייער קאָנסטרוקציאָנעלען פאָרם, דאָס דריקען די סוכות־מינים אויס דורך זייער באַוועגליכען פאָרם.

עס בויגט זיך דער שטאָלצער לולב און דעמאָנסטרירט אונטערטע־ניגקייט און ענוה; עס בויגען זיך דער אתרוג הדומה ל ל ב און דער הדס הדומה ל ע י ן, די צוויי הויפט פאַקטאָרען וואָס אָפערירען אין מענשליכע זינד (עינא וליבא תרי סרסורי דעבירה) און דעמאָנסטרירען דערמיט דעם ולא תתורו אחרי ל ב ב כ ם ואחרי ע י נ י כ ם וואָס קומט אויך דורך שפלות און הכנעה אָדער ווי עס רופט זיך אין דער מוסר טערמינאָלאָגיע: „שבירת היצר"; און די „ערבה הדומה ל פ ה" בינדט זיך מיט זיי צוזאַמען און מאַניפעסטירט דערמיט די געבונדענקייט פון צונג, ניט פריי צו לאָזען דעם מויל נור איהם האַלטען אין צוים.

ס'איז דאָך באַקאַנט די גמרא וועגען די צוויי „מויערען" וואָס זיינען באַשאַפען געוואָרען אַלס שוץ פעסטונגען פאַר דער צונג, די צ י י ה ן מיט די ל י פ ע ן. די „ערבה" לויט איהר פאָרם און „שייפ" רעפרע־זענטירט די ליפען וואָס מיינט פאָלגליך די רעפרעזענטאַציע פון דער „שוץ פעסטונג" פאַר'ן מויל...

„הוי, כל עצמותי תאמרנה ה' מי כמוך"!

און ערשט נאָכדעם ווי עס ווערט געשאַפען האַרמאָניע און פאַראיי־ניגונג צווישען די „כל עצמותי" פון דעם איינצעלנעם מענש, ערשט דאַן

וואָרט און צייט

קען קומען דער וויטערער שריט אין אחדות, אחדות האומה, וועלכעס ווערט אויך סימבאָליש רעפּרעזענטירט אין דעם לולב מיט די מינים.

***

כל עצמותי תאמרנה — ה׳ מי כמוך.

און ווען מען גרייכט שוין צו דיזען פּונקט פון הכנעה והתבטלות בפני השכינה, פאַרגעהמט שוין דעמאָלט דער מענשליכער „איך" קיין פּלאַץ ניט, די ענינים חמריים ווערען שוין דעמאָלט באַטראַכט אַלס מינדערווירדיג אַנטקעגען די ענינים רוחניים. דער צענטראַלער פּונקט פון די מענשליכע תפלות איז שוין דאַן דער „ה׳ מי כמוך". עס איז אַ „ויעשו כולם אגודה אחת" וועמעס הויפּט צוועק איז דער „לעשות רצונך בלבב שלם". די תפלות פון די „נעגועים" ברענגען מיט זיך ארויס דעם השתפכות הנפש און די גייסטיגע געגועים פאַר גאולת השכינה. עס איז אַ תפלה פון „אנא ה׳ „הושיעה נא". ניט „הושיענו" נור „הושיעה", אַ „הושיעה" פאַר׳ן ה׳... ווי עס ווערט טאַקע גלייך אויף׳ן אָרט קאָמענטירט מיט׳ן „ברוך הבא בשם ה׳".

אין דעם טאָן און אויף דיזען שטח געהען נאָכהער אוועק די אַנדערע „הושענות":

„הושענא למענך אלקינו הושענא", אַ תפלה פאַר׳ן „למענך אלקינו" עס זאָל ניט קומען צום „למה יאמרו הגוים איה נא אלהיהם".

„הושענא למענך בוראינו", און די גאנצע בריאה איז דאָך נור געווען צוליעב׳ן כבוד ה׳ וכבוד תורתו: „אם לא בריתי יומם ולילה חקות שמים וארץ לא שמתי".

„הושענא למענך גואלנו", דען „בכל מקום שגלו ישראל, שכינה עמהם".

„הושענא למענך דורשנו", אַ תפלה פאַר׳ן „ארץ אשר ה׳ אלקיך דורש אותה מראשית השנה ועד אחרית שנה".

און אַזוי די פאָרטזעצונג פון „למען אמיתך — למען גדלך ותפארתך — למען דתך" — — — —

אַלץ, ווי געזאָגט, תפלות פאַר׳ן כבוד ה׳, כבוד התורה וכבוד השכינה ווי עס ווערט דייטליך געבראַכט צום אויסדרוק אין לעצטען זאַץ פון די הושענות: „למען דעת כל עמי הארץ כי ה׳ הוא האלקים אין עוד".

לסוכות

ג.

תקרב אחד אל אחד והיו לאחדים בידי.

ולקחתם לכם ביום הראשון פרי עץ הדר כפת תמרים וענף עץ עבות וערבי נחל.

פרי עץ הדר אלו ישראל מה אתרוג זה יש בו טעם ויש בו ריח כך ישראל יש בהם בני אדם שיש בהם תורה ויש בהם מעשים טובים. כפות תמרים אלו ישראל, מה התמרה הזו יש בה טעם ואין בה ריח כך הם ישראל יש בהם ב"א שיש בהם תורה ואין בהם מע"ט; וענף עץ עבות אלו ישראל, מה הדס יש בו ריח ואין בו טעם כך ישראל יש בהם בני אדם שיש בהם מע"ט ואין בהם תורה; וערבי נחל אלו ישראל, מה ערבה זו אין בה טעם ואין בה ריח, כך ישראל יש בהם ב"א שאין בהם לא תורה ולא מע"ט. ומה הקב"ה עושה להם, לאבדן אי אפשר, אלא אמר הקב"ה יוקשרו כולם באגודה אחת והן מכפרין אלו על אלו.

(ויקרא רבה ל').

זיינען די ד' מינים פון סוכות אין ליכט פון ציטירטען מדרש דער סימבאָל פון אידישען פאָלק. אַ פאָלק קען ניט זיין אין גאַנצען מעור אחד. דען קוים איז יעדער איינציגער מענש אונטערוואָרפען אַ בחירה, ער אַליין דאַרף זיך אויסקלייבען זיין וועג אין לעבען, און „הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים". די השגחה האָט אין דיזען פאַל די גאַנצע בחירה איבערגעלאָזט צום מענשען אליין, און אין דער צייט ווען דער מענשליכער שיקזאַל אין אַלע אַנדערע פרטים ווי חכמה, גבורה, עשירות אד"ג ווערט באַשטימט נאָך פאַר זיין געבורט, אין דער זעלבער צייט איז אָבער „צדיק ורשע לא קאמר". איז אויב אַזוי, איז דאָך ניט צו ערוואַרטען אַז אַלע מענשען זאָלען זיך אויסקלייבען איינעם און דעם זעלבען וועג.

לסוכות

ס'איז דאָך „בני אָדם כשם שאין פרצופיהם דומים זה לזה כך אין דעותיהם שוות".

איז עס דעריבער אַ נאַטירליכע אונפאַרמיידליכקייט צו געפינען צווישען פאָלק מענשען מיט פאַרשיעדענע אייגענשאַפטען און פון פאַר־שיעדענע קוואַליטעטען.

פאַראַן די בעסטע פון די בעסטע, עדי עידית, פאַראַן די ערגסטע פון די ערגסטע, זבורי זיבורית און פאַראַן די מיטעלמעסיגע, בינונית. צו די ערשטע באַלאַנגען די וואָס באַזיצעןביידע זאַכען, תורה מיט מעשים טובים; צו די צווייטע געהערן די וואָס באַזיצען ביידע זאַכען ניט, און אין דער דריטער קלאַס געהען אַריין די וואָס באַזיצען בלויז איין טייל פון די צוויי, ענטוועדער תורה און ניט קיין מעשים טובים אָדער פאַרקעהרט, מעשים טובים און ניט קיין תורה.

שפּיגלען זיך די דאָזיגע פאַרשיעדענע קלאַסען אָפּ אין די ד' מינים אין וועלכע עס זיינען פאַרטראָטען די דאָזיגע פאַרשיעדענע עלעמענטען, פון די צוויי עקסטרעמע, אין געשטאַלט פון אתרוג מיט די ערבה ביז די צוויי מיטעלמעסיגע, דער לולב מיט'ן הדס.

דער „הדר" וואָס באַציהט זיך אויף'ן אתרוג, ווערט אין דער גמרא פאַרטייטשט „הדר באילנו משנה לשנה". איז די דאָזיגע דרשה אויך פון סימבאָלישער זייט אַזוי וואונדערבאַר צוגעפּאַסט פאַר דעם צדיק גמור וואָס ווערט רעפּרעזענטירט דורכ'ן אתרוג.

הדר באילנו משנה לשנה!

פאַראַן אידען וועמעס פרומקייט איז אָבהענגיג אין געוויסע תנאים אָדער אין געוויסע צייטען. מאַנכע למשל ווערען פרום יזין אַן עת צרה ר"ל. מען זעהט זיי אין שוהל ענטוועדער פאַר „מי שברך'ס" אָדער פאַר „אל מלא רחמים'ס"... אין נאָרמאַלע צייטען ווען אַלעס איז כשורה דעמאָלט זעהט מען זיי ניט. דיזע זיינען „שטימונגס אידען" אָדער „תנאי־אידען", אידען פון „על מנת" — „סלע זו לצדקה ע ל מ נ ת שיחיה בני"...

אַנדערע ווידער זיינען פרום נור אין באַשטימטע צייטען אַ שטייגער ווי אין ימים נוראים וועהרענד אַ גאַנץ יאָהר זיינען זיי גלייכגילטיג צו אידישקייט אין אלע איהרע פאָרמען. דיזע זיינען „סעזאָן אידען", אידען פון באַשטימטע צ י י ט ע ן.

וואָרט און צייט

דער אמת'ער איד אָבער איז דער וואָס זיין אידישקייט איז ניט אָבהענגיג אין קיין תנאי און ניט אין קיין צייט, אַ יהדות שאינה תלויה בדבר, אַ גאַנץ יאָהריגע אידישקייט און ניט קיין סעזאָנדיגע.

אַזאַ איד איז אַ צדיק גמור און ווערט זעהר ריכטיג רעפּרעזענטירט דורכ'ן אתרוג וואָס איז „הדר באילנו משנה לשנה". אויך דער צדיק גמור „וואוינט אין זיין בוים", אין דעם עץ החיים, פון „יאָהר צו יאָהר". ער איז אַ גאַנץ יאָהריגער איד און ניט קיין פּעריאָדישער. דערצו איז די קוואַליטעט פון זיין אידישקייט אויך פון אַן אתרוג כאַראַקטער וואָס יש בו טעם ויש בו ריח, אַ גאַנצע אידישקייט אָהן פּגימות און אָהן חסרונות, אַ געזונטע אידישקייט און אַ שעהנע אידישקייט, געזונט פון אינעוויינינג און שעהן פון דרויסען, יפה אף נעים, אַן אמת'ער פּרי עץ הדר.

אין צוגאָב צו די דערמאָנטע דרשות חז"ל אַרום דעם אתרוג, קומען די ספרי מוסר און גיבען צו נאָך אַ רמז אינ'ם אתרוג. זיי זאָגען אַז די ראשי תבות פון א ת ר ו ג באַדייט „אל תבואני רגל גאוה". אין פּשטות זאָל עס הייסען אַז דער אתרוג איז דער סימבאָל פון עניוות, דען ער איז דאָך דער קלענסטער צווישען די אַנדערע מינים, דער „סיני" צווישען די בערג און דער מ ש ה צווישען די אידען.

אין אמת'ען אָבער דריקט דער אתרוג אויס זיין ענוה טאַקע דערמיט וואָס עס שטעהט איהם אָן צו חבר'ען זיך מיט די אַנדערע מינים, די קלענערע פון איהם און הויפּטזעכליך מיט דער ערבה, די ערגסטע פון אַלע...

איז דאָך טאַקע דער אתרוג נעהענטער צו די ערבה ווי צו די אַנדערע מינים און דאָס איז סימבאָליש דער שעהנסטער מאָראַל וואָס די מינים ברענגען מיט זיך אַרויס, דער מאָראַל פון „והיו לאחדים בידי".

„לאבדן אי אפשר אלא אמר הקב"ה יוקשרו כולם באגודה אחת והן מכפרין אלו על אלו".

מען טאָר ניט מרחק זיין אפילו דעם ערגסטען. „תקרב אחד אל אחד". מ'דאַרף אפילו די ערבה אויך מקרב זיין, און דער צדיק גמור דאַרף צו ערשט ווייזען דעם דאָזיגען ביישפּיעל. זאָל זיך דער אתרוג שטעלען נעהענטער צו דער ערבה און דאָמיט דעמאָנסטרירען די מדה פון אחדות.

לסוכות

איבערלאָזען די ערבה צו איהר אייגענעם שיקזאַל וועט זי בלייבען דאָס וואָס זי איז, לא טעם ולא ריח, און דאָס וועט רעפלעקטירען ניט בלויז אויף איהר אַליין נור אויך אויף דאָס גאַנצע אידענטום דען סוף איז דאָך די ערבה אויך אַ חלק פון פאָלק, ווייל, ווי געזאָגט, קען דאָך אַ פאָלק ניט זיין אין גאַנצען מעור אחד. דאָס וואָרט „צבור", לויטעט אַ צווייטער רמז, איז די ראשי תבות פון צדיקים בינונים ורשעים. פון אַט די אַלע עלעמענטען ווערט צבור צוזאַמענגעשטעלט.

מוז מען דעריבער זעהן ווי ווייט מעגליך צו פאַרקלענערען די סכנה און פאַרהיטען דעם כבוד פון פאָלק אַז ער זאָל ניט נפגם ווערען דורך דעם רשע עלעמענט וואָס איז אין איהם פאַרטראָטען. דאָס קען געטאָן ווערען דורכ'ן אחדות, דען לא ימלט אז אפילו די ערבה קוים וועט זי זיך געפינען אין נאָהענטע שכנות פונ'ם אתרוג, זאָל זי ניט קולט זיין עפּעס אַ שטיקעל ריח פונ'ם אתרוג.

אמת טאָקע אַז אַמאָל שטעקט אין אַזאַ התקרבות אויך אַ שטיקעל געפאַר און אַנשטאָט אויסצולערנען דעם רשע גוט צו ווערען קען מען זיך גאָר פון איהם אויסלערנען שלעכט צו ווערען, און דערפאַר זאָגט דאָך דוד המלך „חבר אני לכל אשר יראוך". פאַר דעם אמת'ען צדיק איז אָבער אַזאַ געפאַהר ניטאָ.

איז דאָך אין פיזישען לעבען אויך אַזוי. דער שוואַכער מענש וואָס איז אַביסעל אָן אַנגעגריפענער, ער ליידט פון אַ געוויסען מיחוש, אַזאַ איינער איז שטענדיג עלול אַנגעשטעקט צו ווערען פון פאַרשיעדענע קראַנקהייטען און מוז דעריבער שטענדיג זעהן אויסצומיידען אַ ניט ריינע געזעלשאַפט, ניט געפינען זיך נאָהענט צו ליידענדע קראַנקע מענשען. דער אָבער וואָס איז פאָלקאָם געזונט אויף אַלע אברים, ער איז ניט אונטערוואָרפען אַזעלכע געפאַהרען.

פאַר'ן אתרוג איז דעריבער ניט קיין סכנה צו שטעהן נאָהענט צו דער ערבה. ער וועט פון דער ערבה ניט אַנגעגריפען ווערען, פאַרקעהרט, ער וועט משפיע זיין פון זיין טעם און ריח אויף איהר, אויף דער ערבה.

אַט דערפאַר אפשר איז דאָס אויך סימבאָליש וואָס די מצות סוכה קומט נאָך פריהער פאַר די מצוה פון די ד' מינים. מען זאָגט נאָך פון

וואָרט און צייט

דעם הייליגען באַרדיטשעווער אַז די מצוה פון סוכה איז אַנדערש פון אַלע אַנדערע מצוות דאַמיט וואָס אין דער דאָזיגער מצוה קריכט דער איד אַריין אפילו מיט זיינע שטיוועל... דער איד הייליגט אַלזאָ דורך דער סוכה זיינע אַלע רמ״ח אברים ושס״ה גידים, און קוים איז ער מכף רגל ועד ראש כולו קדוש, קען ער שוין נאָכהער זיך פאַראייניגען מיט אַלע מינים אפילו מיט דער ערבה אויך און דאַרף ניט מורא האָבען אָנגע־גריפען צו ווערען.

תקרב אחד אל אחד והיו לאחדים בידי!

אָט דאָס איז די לאָזונג און שלאָגוואָרט פון די ארבעה מינים. אחדות האומה מיט אַלע איהרע אָבצווייגונגען, אַ פאַראייניגונג מיט אַלע טיילען פון פאָלק ניט אויסצושליסען אפילו די פחותים שבפחותים אויב די לעצטע לאָזען זיך נור פאַראייניגען. אויב זיי ווילען נור אַריין אין דער מחנה ישראל, דאַן וועט פון זיי אויך ווערען עפּעס, זיי וועלען אויך קריגען זייער תקון.

שלעכט איז נור ווען ז י, די ערבה לאָזט זיך ניט בינדען מיט די אַנדערע מינים, ווען ז י וויל ניט די אחדות, ווען ז י וויל בלייבען אָבגעזונדערט. אין אַזאַ פאַל עסק'ט מען זיך טאַקע ניט מיט איהר און זי ווערט איבערגעלאָזען צו איהר אייגענעם שיקזאַל.

מאַנכע פרעגען טאַקע אַ מין מה־נשתנה קשיא פון סוכות אויף פסח. אויב אין סוכות האָבען מיר ארבעה מינים, האָבען מיר דאָך אין פסח ארבעה בנים, און זיינען דאָך די ארבעה בנים אויך דער סימבאָל פון די פאַרשידענע קלאַסען און עלעמענטען אין אידישען לעבען. אַנטקעגען דעם אתרוג פון סוכות האָבען מיר דעם חכם פון פסח און אַנטקעגען די ערבה, דעם רשע, פונקט ווי אנטקעגען דעם לולב מיט'ן הדס האָבען מיר דעם תם מיט'ן שאינו יודע לשאול וועלכע זיינען אויך ניט פאָלקאָם, זיינען ניט אַזוי גוט ווי דער חכם און ניט אַזוי שלעכט ווי דער רשע.

טאָ אויב אַזוי לאָזט זיך דאָך פרעגען: מה נשתנה דער רשע פון סוכות פון דעם רשע פון פסח? פאַרוואָס איז מען דעם רשע פון סוכות אין געשטאַלט פון די ערבה יאָ מקרב און דעם רשע פון פסח איז מען מכבד מיט אַ „הקהה את שניו״?

לסוכות

דער תירוץ איז אָבער אַז דער רשע פון סוכות לאָזט זיך בינדען, ער וויל אַריין אין שפּאַן, ער וויל זיך חבר'ען מיט די אַנדערע עלעמענטען וועהרענד דער פּסח רשע וויל עס ניט. ער שרייט „לכם ולא לו", און קוים איז ער אַליין אַ „הוציא את עצמו מן הכלל", איז טאַקע „הקהה את שניו" כדי ניט צו קענען זיין אַ שן המזיק ברשות אחרים..

יאָ, די ערבה ווערט נור דעמאָלט רעספּעקטירט ווען זי וויל זיך האַלטען צוזאַמען אין דעם אחדות שפּאַן. ווען ניט דאַן ווערט זי אפילו סוכות אויך אויס יחסן. אַ באַווייז דערצו איז דער שיקזאַל פון דער ערבה אין דעם טאָג פון הושענא רבה, דעמאָלט ווען זי ווערט אַ פּרשה בפני עצמה, דעמאָלט איז איהר שיקזאַל ניט בעסער פון דעם רשע פון פּסח. ביי יענעם איז „הקהה את שניו" און עהנליכעס ווערט אויך געטאָן מיט דער ערבה: פינף קלעפּ אין דר'ערד און אויס מיט איהר...

וויל אָבער די ערבה יאָ זיין אין כלל, דאַן טאָר מען זיך ניט מתרחק זיין פון איהר און דוקא דער אתרוג, דער צדיק גמור וועלכער האָט וועניגער פאַר אַנדערע מורא פאַר אַן אָנגריף, דוקא ער זאָל צייגען דעםביישפּיל פון התקרבות צו דער ערבה און קוים וועט זיך די ערבה געפינען אין דער געזעלשאַפט פונ'ם אתרוג, וועלען זיך שוין די אַנדערע מינים, די שוואַכערע, אויך קענען מתקרב זיין צו איהר. דורכ'ן שוץ פון אתרוג וועט זי שוין זיין אונשעדליך אויך פאַר די וועניגער געזונטע אידען.

תקרב אחד אל אחד —

והיו לאחדים בידי!

לשבת חוה"מ סוכות

הבל הבלים אמר קהלת הבל הבלים
הכל הבל.
(קהלת א—ב).

דאָס לייענען קהלת שבת חוהמ"ס איז זעהר אַ צייטליכע זאַך, אַ דבר בעתו. עס פּאַסט זיך זעהר גוט אַריין אין דער דאָזיגער צייט לויט'ן אינהאַלט און כאַראַקטער פון דיזען גרויסען פילאָזאָפישען ווערק. דער מאָנאַט תשרי מיט זיין קאָלירפולקייט און פאַרבענרייכקייט, סיי אין זיינע נאַטור ענדערונגען וואָס בייטען זיך מיט אַזאַ שנעלקייט און סיי אין די ענדערונגען און שנעלע איבערגאַנגען פון דעם אידיש־מענשליכען מצב הנפש, דריקט מיט זיך אויס די פולע הסכמה און באַשטעטיגונג אויף קהלת'ס סך הכל פון „הכל הבל".

די נאַטור בייט זיך אַזוי שנעל אין דעם דאָזיגען מאָנאַט. אַט שטעהט מען נאָך אין סאַמען היצען ברען פון דעם „שלהי דקייטי", און אַט קומען שוין אָן די קיהלע הערבסט ווינטען; אַט זיינען נאָך די בוימער שווער באַלאָדען מיט זייערע גרינע בלעטער און אַט בייט זיך שוין דער קאָליר פון גרין צו געל; אַט זיינען זיי אַזוי געדיכט און אַט ווערען זיי מיטאַמאָל אַזוי שיטער און ביסלעכווייז ווערען זיי אין גאַנצען נאַקעט און ענטבלויזט. און דאָס אַלץ בלויז אין פאַרלויף פון אַזאַ קורצער צייט, פון סוף אלול ביז סוף תשרי.

אַזוי אויך אין באַצוג צו דער אידיש־מענשליכער נשמה וואָס מאַכט אויך דורך חליפות ותמורות אין אַזאַ קורצע צייט. מען פאַנגט אָן מיט אַביסעל התעוררות אין די ערשטע אלול טעג. די דאָזיגע התעוררות שטייגט העכער אין די טעג פון סליחות, הויבט זיך אויף גאָר הויך אין די ראש השנה טעג און דערגרייכט צו דער העכסטער הויכקייט אין טאָג פון יום כפור. די נשמה מאַכט דורך אַ גייסטיגען עוואָלוציאָנס פּראָצעס אין די דאָזיגע טעג.

אַבער ניט לאַנג בלייבט דער איד שטעהן אויף'ן זעלבען אָרט. ווען ער האָט שוין ווירקליך דערגרייכט די העכסטע מדרגה, שוין געוואָרען אַזש בבחינת

מלאך, געדויערט ניט מעהר ווי פיער און צוואַנציג שטונדען און די שטימונג איז שוין אין גאַנצען אַ געביטענע. דער פרעהליכער „הלל״ פאַרנעהמט שוין דעם פּלאַץ פון דעם מעלאַנכאַלישען „ונתנה תוקף״, די מורא׳דיגע מאוים־דיגקייט פון דעם יום הדין איז אויסגעביטען געוואָרען אויף דער מילדער אויפריכטיגקייט פון דעם זמן שמחתנו; די ערנסטע אַנגעצויגענקייט פון די אָוועטען פון כל נדרי און נעילה זיינען שוין לאַנג פאַרשוואונדען און אויף זייער פּלאַץ הערשען איצט די לוסטיגע אָוועטען פון שמחת בית השואבה.

אָבער פּלוצלונג גנב׳עט זיך אַריין צווישען אַט די פרעהליכע זמן שמחתנו טעג אַ „הושענא רבה״ וואָס טראָגט ווידער אַריין ערנסטע שטימונג און טראָגט ווידער אונטער דעם יום־כפור קיטעל ווי דיר צו דערמאָנען אַז אויך דער זמן שמחתנו קען ניט בלייבען לאַנג אויף איין אָרט...

דער שמיני עצרת מיט׳ן שמחת תורה וואָס זיינען דאָךביידע בלויז איין יו״ט, אָן ערשטער טאָג מיט אַ צווייטען און דאָך ווי פאַרשיעדען אין כאַראַק־טער. שמיני עצרת מיט זיין מעלאַנכאַלישען „יזכור״ און שמחת־תורה מיט זיינע פרעהליכע „הקפות״.

אַט די אַלע שנעלע ענדערונגען סיי אין מצב הטבע און סיי אין מצב הרוח זיינען אַ באַוויז אויף דער קורצקייט פון צייט, און באַשטעטיגען, ווי געזאָגט, דעם אורטייל פון קהלת אַז „הכל הבל״. ניטאָ קיין אויסדויער אין קיין זאַך, קיין שטאַנדהאַפטיגקייט און קיין פערמאַנענטקייט. אַלעס פאַרשווינדט מיט דער גרעסטער שנעלקייט, עס לויפט מיט׳ן שנעל צוג, מיט׳ן אויטאָמאָביל, מיט׳ן מאָטאָרסייקעל און מיט׳ן עראָפּלאַן.

און קומט מען גור דערצו, דאַן לויפט שוין דורך אין מענשליכען געדאַנק דער חשבון און סך הכל פון אַ גאַנצע רייהע טעטיגקייטען אין משך פון אַ סך יאָהרען פון האָוועניש און יאָגעניש. ער האָט געמיינט אַז ער בויעט גאַנצע וועלטען, היסטאָרישע אייביגקייטען, אַז ער מיט זיין ווערק וועלען האָבען אַ קיום הנצחי, אַן אַייביגען אויסדויער. דער קאָלירפולער יו״ט מאָנאָט מיט׳ן קהלת פיהרען איהם אָבער אַרויף אויף׳ן וועג. ער שליסט זיך אָן אין קהלת׳עס טהעאָריע און גלייך מיט איהם קומט ער צו דער פּעסימיסטישער מסקנה אַז:

> הגדלתי מעשי, בניתי לי בתים, נטעתי לי כרמים, עשיתי לי גנות ופרדסים ונטעתי בהם עץ כל פרי. עשיתי לי ברכות מים, קניתי

וואָרט און צייט

לי עבדים ושפחות, ובני בית היו לי, כנסתי לי גם כסף וזהב, עשיתי לי שרים ושרות ותענוגות בני אדם וכל אשר שאלו עיני לא אצלתי מהם, לא מנעתי את לבי מכל שמחה — והנה הכל הבל ורעות רוח. (קהלת ב׳).

דען אויב שלמה המלך וואָס איז געווען דער גליקליכסטער פון אַלע מענשען אין חכמה, גדולה און עשירות און אויב אויך ער האָט געקענט קומען צו אַזעלכע פּעסימיסטישע מסקנות פון „הבל הבלים הכל הבל", טאָ וואָס זאָלען מיר שוין זאָגען ?...

כל עמל האדם לפיהו
וגם הנפש לא תמלא. (קהלת ו׳).

אויב די גאַנצע מאַטערניש פון מענשען און זיין גאַנצע אַנשטרענגונג וועט נור זיין „ל פ י ה ו", פאַר׳ן מ ו י ל. בלויז דאָס עסען מיט אַלע אַנדערע קערפּערליכע פאַרגעניגענס וועלען שטעהן אין צענטער פון זיינע געדאַנקען און שטרעבונגען. עס וועט געהן אַזוי ווייט אַז „וגם ה נ פ ש" אויך דער נ פ ש. די נשמה, וועט איינגעשפּאַנט ווערען אין דיענסט פון גוף, ס׳וועט זיין „ב נ פ ש ו יביא לחמו"... דאַן איז „לא תמלא", וועלען זיינע שטרעבונגען און תאוות קיינמאָל ניט אַנגעפילט ווערען. ער וועט קיינמאָל ניט דערגרייכען צו דאָס וואָס ער שטרעבט: „אין אדם מת וחצי תאותיו בידו". דער אַלטער פעסטגעשטעלטער כלל פון „מי שיש לו מנה רוצה מאתים"...

עס וועט זיך ענדיגען דערמיט אַז:

כאשר יצא מבטן אמו, ערום ישוב ללכת כשבא, ומאומה לא ישא בעמלו שיוליך בידו.

פאַראַן אַ לעגענדע וואָס דערצעהלט וועגען אַ גרויסען מיליאָנערסקען שר וואָס האָט אָנגעבאָטען זיינעם אַן אָרעמן פריינד די פּריווילעגיע צו קענען אַריינקומען אין זיינע אוצרות מאַגאַזינען און אין פאַרלויף פון אַ שטונדע צייט אָנזאַמלען וואָס זיין האַרץ גלוסט, כסף וזהב ואבנים טובות ומרגליות. ער האָט אָבער דייטליך אויסגערעדט מיט איהם אַז די דאָזיגע פּריווילעגיע ווערט איהם געגעבען בלויז פאַר דער דאָזיגער באַשטימטער שטונדע, ניט איין מינוט לענגער.

לשבת חוהמ״ס

דער אָרעמאַן האָט זיינע אויערען ניט געגלויבט. ער איז געווען איבער־גליקליך פון גדולה. ער וועט זיין אַ „קונה עולמו בשעה אחת״ און בלייבען אַ גליקליכער אויף זיין גאַנצען לעבען. ער האָט נאַטירליך מיט טיעפע דאַנק־באַרקייט אַקצעפּטירט דעם דאָזיגען אָנבאָט און האָט זיך זאָפאָרט אָנגעהויבען צוגרייטען פאַר דער באַשטימטער שטונדע. ער האָט זיך באַזאָרגט מיט אַ גרוי־סען זאַפּאַס פון ליידיגע זעק. ס׳איז געווען ככתיב: „וכלים רקים אל תמעיטי״, און האָט מיט דער גרעסטער געשפּאַנטקייט און אונגעדולדיגקייט געוואַרט פאַר דער באַטרעפענדער שטונדע.

די שעה האָט ענדליך עררייכט. באַלאָדען מיט דעם גרויסען כלים זאַפּאַס באַוויזט זיך אונזער העלד אויף׳ן שוועל פון דעם בית האוצר וואו ער ווערט אויפגענומען מיט גרויס כבוד. דעם שר׳ס גאַנצע דינערשאַפט איז געשטעלט געוואָרען צו זיין פאַרפיגונג. אַ גרויסער בענד מוזיק האָט אויפגעשפּילט אַ גרויסאַרטיגען ברוך־הבא און אַ קעניגליכער קבלת פּנים איז איהם געגעבען געוואָרען. זייענדיג פון דער נאַטור אַ שטאַרק ליבהאָבער פון מוזיק און דערצו נאָך איבערוועלטיגט פון אַזאַ איבעררעשענדער פרייד, האָט ער אויגענבליקליך פאַרגעסען אין דעם הויפּט צוועק פון זיין קומען אהער. ער איז ווי צוגעשמידט געוואָרען צום פּלאַץ און זיך ניט געקענט אָפּרייסען פון דעם וואונדער־שעהנעם געזאַנג און די נשמה רייצענדע טענער וואָס זיינען געווען אָטעם פאַרכאַפּענד פאַר אַזאַ מוזיקאַלישען אויער ווי זיינעם.

איין מעלאָדיע נאָך דער אַנדערער ביז ס׳איז אַוועק די גאַנצע שטונדע און צום אוצר האָט ער זיך נאָך ניט צוגעריהרט.

דער אויפזעהער האָט צוגעצויגען זיין אויפמערקזאַמקייט דערצו, איהם געלאָזט וויסען אַז די צייט איז אַריבער און אַז ער דאַרף שוין דעם פּלאַץ פאַרלאָזען. עס האָבען ניט געהאָלפען זיינע טענות און אַרגומענטען, אויך ניט זיינע בקשות ותחנונים איהם צו לאָזען פאַרבלייבען כאָטש פאַר בלויז איניגע מינוטען כדי כאָטש קענען וואָס עס איז מיטנעהמען מיט זיך. די שטונדע איז אַריבער און ער מוז אויגענבליקליך דעם פּלאַץ פאַרלאָזען.

און אַזוי איז דער גליקליך־אומגליקליכער מענש אַוועק מיט וואָס ער איז געקומען. די איינציגע שטונדע אין וועלכע ער האָט געקענט האָבען די געלע־גענהייט צו זיין אַ קונה עולמו האָט ער דורך זיין נאַכלעסיגקייט איהר פאַר־וואַנדעלט אין אַ מאבד עולמו...

וואָרט און צייט

די דאָזיגע לעגענדע איז זעהר צוגעפּאַסט צו דיענען אַלס אילוסטראַציע צום מענשענס לעבען אויף דער וועלט.

דער תנא זאָגט: „יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים בעולם הזה מכל חיי עולם הבא". האָט דער רבונו של עולם אַראָפּגעשיקט די נשמה אויף דער וועלט און איהר געגעבען די גליקליכע געלעגענהייט זיך צו ערווערבען דעם גרויסען פאַרמעגען מאוצרו של הקדוש ברוך הוא. די צייט איז באַגרע־ניצט, כחלום יעוף, אָבער געגוג אויף אָנצוקלייבען דעם גרעסטען רכוש.

איז דאָך אָבער „האי עלמא לבי הלולא דמיא", אַ חתונה מיט שעהנע מוזיק. ווערט דער מענש ווי מיט אַ מאַגנעטישען כשוף צוגעצויגען צו דער דאָזיגער עולם הזה מוזיק. ער פאַרגעסט דעם הויפּט צוועק פאַר וועלכען ער איז געקומען, אָדער ער טראַכט זיך אַז ער האָט נאָך צייט, „לכשאפנה אשנה" און קלעהרט ניט איבער וועגען דעם „שמא לא תפנה". אַזוי געהט עס אַוועק אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר ביז עס רוקט זיך אונטער די לעצטע שטונדע. מען רופט שוין צוריק. ס'איז שוין „ואתה עתיד ליטלה ממני"... ערשט כאַפּט ער זיך ווי נאַריש ער איז געווען און ווי פאַרפיהרעריש ס'איז פאַר איהם געווען די עוה"ז מוזיק. ער וויל נאָך פאַרבלייבען אַ ווײַלע, אָבער דאָס קען ניט זיין. ס'העלפט קיין טענות ניט ווייל „בעל כרחך אתה מת" און ער מוז זאָפאָרט דעם פּלאַץ פאַרלאָזען... און —

ערום ישוב ללכת כשבא, ומאומה לא ישא בעמלו שיוליך בידו.

***

סוף דבר הכל נשמע, את האלקים ירא ואת מצוותיו שמור כי זה כל האדם!

אָט דער „סוף דבר" איז אָבער גוט ווען ער בלייבט ניט אויף'ן ס ו ף, ווען עס ווערט שוין צו שפּעט. אין דעם פאַל איז „טוב א ח ר י ת דבר מ ר א ש י ת ו", דער „אחרית" זאָל דערהערט ווערען גלייך „מראשיתו" און ניט לאָזען די צייט אַנטלויפען אָהן איהר אויסנוצען פאַר'ן ריכטיגען צוועק.

יאָ, קהלת און די ימים טובים פון דיזען מאָנאַט פּאַסען זיך האַרמאָ־ניש אַריין איינס אין דאָס אַנדערע.ביידע ווייזען אונז די חלופים ותמורות פון וועלכעס עס זעהט זיך אַרויס די נישטיגקייט פון צייט, און פון ביידען שרייט אַרויס דער סוף דבר הכל נשמע — את האלקים ירא ואת מצוותיו שמור!

לשמיני עצרת

ביום השמיני עצרת תהיה לכם.
התעכבו לי מעט עוד, כבנים הנפטרים
מאביהם, והוא אומר להם קשה עלי פרידתכם,
עכבו עוד יום אחד.
(רש״י פנחס).

ס׳איז נאָך ניט געבוירען געוואָרען דער קינסטלער וועלכער זאָל קענען מיט זיין קינסטלערישער פען געבען די ריכטיגע שילדערונג פון פאָטער ליעבע. אהבת אב לבנים געהער צו יענע זאַכען פאַר וועלכע די פּראָזאאישע מענשען שפּראַך איז צו אָרעם זיי צו שילדערען. פאָטער ליעבע געהער צו דער מענשליכער פּאָעזי צו וועלכעס עס דאַרף באַנוצט ווערען אַ מיסטעריעזע נשמה שפּראַך ווייל די דאָזיגע ליעבע אַליין איי דורכאויס פון אַ מיסטישען כאַראַקטער.

פאָטערליכע ליבע קומט צום אויסדרוק אין פאָטערליכער שמחה, אָבער ווי די ליעבע אַזוי אויך די שמחה לאָזט זיך ניט שילדערען אין קיין ווערטער. דער אוצר המלים איז צו אָרעם אויף קענען צושטעלען דעם נויטיגען ווערטער זאַפּאַס פאַר דעם דאָזיגען צוועק.

אַ כאַראַקטער שטריך וואָס קען ווייניגער אָדער מעהר אונז געבען אַ שטיקעל באַגריף וועגען פאָטער־פרייד, ווערט געגעבען אין אונזער תורה ביי דער באַגעגעניש פון יעקב׳ן מיט יוסף׳ן נאָך אַ צייט פון איבער צווייי צעהנדליג יאָהר וואָס טאַטע און זוהן זיינען געווען צושיידט און האָבען ניט געזעהן איינער דעם אַנדערען.

די תורה דערצעהלט:

ויאסר יוסף מרכבתו ויעל לקראת ישראל אביו גשנה וירא אליו ויפל על צואריו ויבך על צואריו עוד. (בראשית מו—כט).

וואָרט און צייט

יוסף האָט געוויינט, און וואָס האָט יעקב געטאָן? דאַרויף זאָגען חז״ל אַז יעקב האָט אין יענעם מאָמענט געלייענט קריאת שמע.

לאָזט זיך דאָס אָבער שווערליך פאַרשטעהן. דען ממה נפשך: איז עס געווען זמן קריאת שמע האָט דאָך יוסף אויך געדאַרפט עס טאָן און אויב יוסף האָט שוין פריהער געהאַט ק״ש געלייענט אָדער עס אָבגעלייגט אויף שפעטער האָבענדיג נאָך צייט דאַפיר, טאָ פאַרוואָס האָט יעקב דאָס זעלבע ניט געטאָן, נור האָט גראַדע אַזאַ געשפאַנטען מאָמענט פון אינערליכע נשמה אויפרעגונג, און היסטערישער אויפ־טרייסלונג אויסגעקליבען פאַר ק״ש לייענען?

דער צווייטער פסוק אין דער זעלבער פרשה וואַרפט אַ ליכט אויף דעם דאָזיגען ענין:

ויאמר ישראל אל יוסף אמותה הפעם אחרי ראותי את פניך כי עודך חי. (מו—ל).

איז דאָס עפּעס אויך ניט אַזוי אין גאַנצען פאַרשטענדליך. אין צייט פון אַזאַ אויסערגעוועהנליכע שמחה און פרייד זאָל גאָר יעקב רעדען וועגען ט ו י ט?

אָבער גראַדע אין דיביידע זאַכען, אין יעקב׳ס „אָמותה הפעם״ און אין יעקב׳ס קריאת שמע לייענען האָט די תורה געבראַכט צום אויסדרוק די ריכטיגע אָבשאַצונג פון פאָטער ליעבע און פאָטער פרייד.

מיר ווייסען דעם פאַקט אַז שמחה פונקט אַזוי ווי צער ווען זי קומט אויף אַ פּלוצליכען און איבעררעשענדען אופן קען זי ברענגען פאַטאַלע רעזולטאַטען. אַזוינס האָט שוין פאַסירט מעהרערע מאָל און פאַסירט זעהר אָפט. די מענשליכע נערווען זיינען צו שוואַך צו קענען איבער־טראָגען אַן איבערנאַטירליכע פרייד וואָס קומט אויף אַן אונערוואַרטעטען אופן, ווירקט עס דעריבער זעהר שלעכט, דער מענש ברעכט צוזאַמען און עס ענדיגט זיך מאַנעכס מאָל אויך מיט דאָס ערגסטע — מיט טויט.

פאַר יעקב׳ן איז די בשורה וועגען יוסף׳ס לעבען געווען פון אַזאַ אונערוואַרטעטען און אונגלויבליכען כאַראַקטער. צוויי און צוואַנציג יאָהר ניט געזעהן און ניט געהערט, שוין לאַנג אָנגענומען געוואָרען פאַר טויט,

לשמיני עצרת

געטרויערט נאָך איהם שוין אַזוי לאַנג און אַלע האָפנונגען איהם נאָך צו זעהן אַ לעבעדיגען שוין לאַנג אויפגעגעבען.

און מיטאַמאָל אַזאַ איבערראַשענדע נייעס: „עוד יוסף חי וכי הוא מושל בכל ארץ מצרים״...

יעקב האָט מורא געהאַט אַז ער וועט די דאָזיגע פגישה מיט יוסף׳ן ניט קענען איבערטראָגען, עס וועט זיין צופיעל פאַר איהם, עס וועט זיין אין דער בחינה פון „השפעת עלי רוב טובה ואיני יכול לקבלה״ און האָט איבערגעטראַכט וועגען דער מעגליכקייט פון אַ פאַטאַלען ענד, ער קען נאָך מעגליך שטאַרבען פון גרויס איבערראַשונג. האָט זיך דעריבער יעקב צוגעגרייט דערצו. אַ איד ווי יעקב וועט ניט שטאַרבען אָהן „שמע ישראל״ אויף די ליפען, האָט ער דערפאַר פאַרכאַפּט קריאת־שמע לייענען, ק״ש מיט איהר שמע ישראל.

יוסף אָבער האָט דערפאַר קיין מורא ניט געהאַט. ראשית האָט ער דאָך ניט געהאַט קיין אורזאַך צו פאַרדעכטיגען אַז יעקב לעבט שוין ניט מעהר. צו איהם האָט מען דאָך ניט געבראַכט קיין „כתונת טבולה בדם״ מיט אַן ערקלעהרונג פון „טרף טרף״, איז דעריבער פאַר איהם די אי־בערראַשונג פון דער פגישה ניט געווען פון אַזאַ אויסערגעוועהנליכען כאַראַקטער ווי זי האָט געדאַרפט זיין צו יעקב׳ן.

און שנית, און דאָס איז דער עיקר. עס איז נאָך אַ הימעל ווייטער מהלך צווישען דעם „לב אבות על בנים״ און דעם „לב בנים על אבותם״ פאָטער ליעבע צו קינדער און קינדער ליעבע צו עלטערען זיינען ניט פון איין געגענזייטיגען כאַראַקטער, ס׳איז ניט פון זעלבען שניט. וועגען דעם איז ניט נויטיג צו פילאָזאָפירען. עס איז ניט קיין זאַך פון דער טהעאָריע נור פון פאַקט ווי טרויעריג דער דאָזיגער פאַקט זאָל ניט זיין, איז עס דאָך אַ פאַקט. דאָס פאָלקס ווערטעל אַז ווערענד איין טאַטע קען זאָרגען פאַר צעהן קינדער, קענען צעהן קינדער ניט זאָרגען פאַר איין טאַטען, האָט עס געגעבען די ריכטיגע אָבשאַצונג.

יעקב אַלס ט אַ ט ע האָט דעריבער גיכער זיך געדאַרפט שרעקען פאַר אַן אונערוואַרטעטען ענד אַלס רעזולטאַט פון דיזער איבערראַשונג ווי יוסף אַלס זוהן...

וואָרט און צייט

און כדי יוסף׳ן זאָל ניט וואונדערען יעקב׳ס ק״ש לייענען אין אַזאַ פּאַטעטישען מאָמענט, האָט עס איהם יעקב קלאָר געמאַכט מיט זיינע ווערטער „אָמותה הפעם אחרי ראותי את פניך כי עודך חי״. איך האָב מורא געהאַט, זאָגט יעקב, אַז איך וועל איצט שטאַרבען אַזוי שנעל ווי איך וועל איבערראַשט ווערען דיך זעהענדיג אַ לעבעדיגען, דערפאַר מיין ק״ש לייענען. עס ווילט זיך ניט שטאַרבען אָהן שמע ישראל...

און ווי עס איז דער פאַל מיט׳ן מענשליכען פאָטער אַזוי איז אויך דער פאַל מיט׳ן הימלישען פאָטער. די ליעבע פון גאָט צו זיינע קינדער איז געוויס ניט קלענער פון דער מענשליכער פאָטער ליעבע. און ווייסען מיר דאָך ווי גרויס עס איז די שמחה פון טאַטען ווען זיין קינד קומט צו פאָהרען זיך זעהן מיט איהם פון אַ ווייטער לאַנד נאָך אַן אָפּוועזענהייט פון אַ לאַנגער צייט. און ווען עס טרעפט אַז דעם קינד׳ס וויזיט איז בלויז אַ קורצער, באַלד באַלד וועט זיך דאָס קינד ווידער דאַרפען שיידען מיט׳ן טאַטען, פאַרשטעהען מיר אַליין ווי די דאָזיגע שיידונג וועט זיין שמערצליך פאַר׳ן טאַטען. דער באַשטימטער טאָג פון שיידונג דערנעהענטערט זיך און דער טאַטע בעט זיך ביים קינד כאָטש נאָך איין טאָג צו פאַרבלייבען ווייל „קשה עלי פרידתך״...

אָט אַזאַ כאַראַקטער בילד דריקט מיט זיך אויס דער „שמיני עצרת״.

די טרויעריגע מאַטעריעלע אומשטענדען פון לעבען ברענגען דערצו אַז אַ גאַנץ יאָהר ווערען מיר דערווייטערט פון אונזער הימלישען טאַטען. מיר זיינען פאַרטאָן מיט אונזער וואָכעדיגען מאַטעריעלען לעבען, שקועים אין אונזערע ערדישע אינטערעסען און וויט, זעהר וויט, פון הימלישקייט.

קומט אָבער דער חודש אלול און מיר קומען צו פאָהרען צוריק אַהיים. מיר דערנעהענטערען זיך צוריק צום טאַטען. נאַטירליך קומען נאָך ניט אַלע קינדער אויף אַמאָל. די נעהענטערע וועלכע זיינען ניט אַזוי וויט קומען אָן פריהער, די ווייטערע, שפּעטער, די גאָר ווייטערע נאָך שפּעטער.

די בעסערע צווישען אונז וועלכע זיינען אפילו אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר ניט אַזוי דערווייטערט פון הימעל, ביי זיי איז די רייזע

לשמיני עצרת

ניט אזא ווייטע, זיינען זיי שוין גלייך אין אנפאנג אלול אלע אויף'ן פלאץ... די ווייטערע אבער קענען נאך אויף אלול ניט אניאגען... זיי קומען ערשט שפעטער אין די סליחות טעג... פאראן אבער גאר ווייטע וואס קענען נאך אפילו אין די סליחות טעג ניט אניאגען, זיי קומען ערשט קוים אויף ראש השנה.

אין די ימים נוראים זיינען שוין אבער אלע דא. דער רבונו של עולם פרעהט זיך דאן מיט אונז אין פארלויף פון אונזערע וויזיט טעג בחצרות בית ה'. עס זיינען ביי גאט די גרעסטע יום־טוב טעג. דער „טאטע" איז צוזאמען מיט די קינדער. אזוי ראש השנה, אזוי עשרת ימי תשובה, אזוי יום־כפור און אזוי דער גאנצער יו"ט סוכות.

אבער אט אט איז שוין אויס יו"ט. דער וויזיט איז שוין צו ענד און באלד צופאהרען מיר זיך ווידער אויף אונזערע לאנגע רייזעס. ווידער וועט אוועק א גאנץ יאהר וואס מיר וועלען זיין אין די מרחקים, ווייט אוועק פון טאטען...

איז ווען מען האלט שוין ביים סאמען לעצטען טאג, זאגט דער טאטע צו די קינדער:

התעכבו לי מעט עוד. כבנים הנפטרים מאביהם והוא אומר להם קשה עלי פרידתכם, עכבו עוד יום אחד.

כאטש נאך איין טאג פארבלייבט מיט מיר. „עצרת תהיה לכם". האלט זיך אויף נאך א ווילע. קשה עלי פרידתכם, זיך שווער פאנאנדער־שיידען מיט אייך...

***

און אין דער צייט וואס דער שמיני עצרת דערמאנט אין דעם קשה עלי פרידתכם פון דעם הימלישען פאטער צו זיינע ערדישע קינדער, אין דער זעלבער צייט דערמאנט עס אונז אויך אין א צווייטען קשה עלי פרידתכם. ד ע ר אבער באציהט זיך צום הימליש־מ ע נ ש ל י כ ע ן טאטען אין געשטאלט פון אונזערע פארשטארבענע עלטערן.

דערפון דער שמיני עצרת'דיגער „יזכור". עס איז אזוי צו זאגען אן אויסגעצטע געלעגענהייט אין פארבינדונג מיט'ן „קשה עלי פרידתכם".

וואָרט און צייט

מיר בעטען ביים רבונו של עולם „יזכור אלקים את נשמות אבותינו", אויך אונז איז זיך שווער צו שיידען פון די הייליגע נשמות פון אונזערע עלטערען וועמעס השפעה איז אויף אונז פיעל שטאַרקער אין די טעג פון יום־טוב ווי אין די טעג פון אַ גאַנץ יאָהר און אַז מיר דאַרפען זיך איצט מיט זיי פאַנאַנדערשיידען איז אויך קשה עלינו פרידתם און נאָך מעהר „קשה עליהם פרידתנו". דען כל זמן זייער השפעה איז אויף אונז געניסען זיי דאָך דערפון אויך לויט'ן כלל פון „ברא מזכי אבא". ווען אָבער מיר שיידען זיך פון זיי, וועט זיי דאָך פעלען אונזער זכות צו זייער עלית נשמה און דערפאַר —

יזכור א ל ק י ם את נשמתם!

***

קשה עלי פרידתכם!

דערהערט זיך אָבער אין דעם דאָזיגען רוף אויך דער אָבקלאַנג פון אַ געטליכען מעסעדזש פון טאַטען צו די קינדער אין וועלכען עס דריקט זיך אויס דער פאָטערליכער וואונש צו זעהן אחדות און פרידען צווישען זיינע קינדער.

קשה עלי פ ר י ד ת כ ם! א י י ע ר פרוד, דער פרוד צווישען אייך אליין איז פאַר מיר זעהר שווער.

אין די ימים נוראים פיהלט זיך נאָך ווי עס איז אַ שטיקעל אחדות. די שוהל מיט זיינע געטליכע אינטערעסען איז דאָך מעהר מסוגל פאַר אחדות ווי די גאַס מיט זיינע ערדישע אינטערעסען. עס מאַכט ניט אויס וואָס די קלאַסען זיינען פאַרשיעדענע, די שוהל מיט זיין קדושה פאַר־אייניגט זיי אַקוראַט ווי די מצוה פון אתרוג קאָנצענטרירט אַרום זיך אַלע באַזונדערע מינים און פאַראייניגט זיי.

אַט געהט אָבער אַוועק דער יום־טוב. דער לולב מיט זיינע מינים האָבען זיך שוין פאַנאַנדערגעטיילט, נתפרדה החבילה; און די מורא טראָגט זיך סימבאָליש אויך איבער צום נמשל וואָס מיינט דער כלל ישראל מיט ז י י נ ע פאַרשיעדענע מענשען, אַז אויך ביי זיי זאָל חלילה

לשמיני עצרת

ניט זיין נתפרדה החבילה אַזוי שנעל ווי דער יו"ט געהט אַוועק און זיי וועלען ווידער אַריין אין שוק החיים. און אָט דער פירוד איז זעהר ניט לרצון פאַר די השגחה עליונה.

קשה עלי פ ר י ד ת כ ם !

אייער פרוד איז זעהר שווער פאַר מיר. „עצרת תהיה לכם", האַלט זיך נאָך אויף צוזאַמען. „אסרו חג בעבותים", בינדט צונויף דעם יום־טוב מיט זיין השפעה וואָס ער האָט אויסגעאיבט אויף אייך, בינדט עס צונויף מיט שטריק אַז עס זאָל ניט צופאַלען אפילו ממחרת החג. אויך אויף מאָרגען נאָך יום־טוב זאָל ביי אייך נאָך זיין אסרו חג...

אָט דאָס איז דעם רבונו של עולם'ס ברכת הפרידה צו אונז וואָס דיזער ערהאַבענער שמיני עצרת דריקט מיט זיך אויס.

עצרת תהיה לכם!

לחנוכה*)

ופנו את היכלך וטהרו את מקדשך והדליקו
נרות בחצרות קדשך.

פעלקער און נאציאנען זיינען פארשידענארטיג איינער פון אנדערען אין זייערע באגריפען און שטרעבונגען. יעדער פאלק מיט זיינע באזונדערע אידעען און אמביציעס און יעדער נאציאן מיט זיינע כאראקטעריסטישע אייגענשאפטען און ציעלען.

דאס דייטשישע פאלק האט פארמירט די לאזונג פון „דייטשלאנד איבער אלץ". צו זיין גלייך מיט אלע פעלקער איז ביי איהר ניט צופרידענ־שטעלענד. זי מוז אנערקענט ווערען אלס העכער פון אלעמען, שטארקער און מעכטיגער פון זיי.

דאס ענגלישע שלאגווארט איז: „די זון געהט קיינמאל ניט אונטער אויף דער בריטישער אימפעריע". איהרע קאלאניעס און דאמיניאנס זיינען אזוי גרויס אין שטח אז ס'איז ניטא פאקטיש קיין איינציגע שטונדע אין מעת לעת וועו די זון זאל ניט שיינען אויף א טייל פון זיי. זיינען די ענגלענדער כאראקטעריסטיש מיט זייערע אימפעריאליסטישע אמביציעס.

די איטאליענישע אמביציע ווידער איז: „צוריק צו שטעלן די גלארי און מאכט פון דאס אמאליגע רוים".

אזוי אויך מיט די אנדערע פעלקער, קלענערע און גרעסערע, יעדערער מיט זיינע אידעאלען, שטרעבונגען און אמביצעס.

איין זאך איז אבער קלאר אז אבוואהל יעדעס פאלק און יעדער נאציאן האט זיך זיינע אייגענארטיגע ספעציפישע אידעען און באגריפען און לא הרי זה כהרי זה, איז אבער אויך פאראן א „צד השוה שבהן" און דער דאזיגער צד השוה איז וואס אלעמענס שטרעבונגען און ציעלען זיינען צו ווערען גרויס, מעכטיג און באריהמט אין פיזישען און מאטעריעלען

*) מבן המחבר הרב חיים דוב מאנטעל רב בהנטיגטון, לונג איילנד.

לחנוכה

זין. ביי אַנדערע זאָל די דאָזיגע גרויסקייט קומען צום אויסדרוק דורך פאַרשפּרייטע טעריטאָריעס, ביי אַנדערע דורך מעכטיגע אַרמעען און פלאָטען; אַנדערע שטרעבען צו באַהערשען דעם ים און אַנדערע ווילען זיין מעכטיג אויף דער יבשה. אָבער ביי אַלעמען, ווי געזאָגט, זיינען עס ערדישע אַמביציעס און פיזישע שטרעבונגען.

אַנדערש, גאַנץ אַנדערש אָבער איז דאָס אידישע פאָלק. ביי איהם זיינען קיינמאָל ניט געשטאַנען אין צענטער פון זיינע שטרעבונגען דאָס פיזישע און דאָס מאַטעריאַליסטישע. זיינע באַגריפען פון גרויסקייט זיינען דורכאויס גייסטיגע, הימלישע.

דאָס אידישע פאָלק איז קיינמאָל ניט געווען „עינו צרה בשל אחרים״, האָט זיך קיינמאָל ניט געיאָגט צו עראָבערען פרעמדע טערי־טאָריעס און דערפאַר איז דאָס וואָרט „מלחמה״ אין זין פון „מלחמת תנופה״ כמעט ווי ניטאָ אין זיין ווערטער־בוך. אדרבה אונזער לאָזונג איז אימער געווען — שלום! „שלום על ישראל״. ש ל ו ם און י ש ר א ל זיינען ווי שמות נרדפים, און „לא מצא הקב״ה כלי מחזיק ברכה לישראל אלא השלום״. שלום איז ביי אונז דער אורשפּרינגליכער קוואַל פון ברכה.

און שלום איז ניט בלויז אונזער ענד־ציעל נור אויך דער מיטעל צום ציעל, די מעטאָדע, דער אמצעי וואָס פיהרט צום תכלית.

די לעצטע גרויסע וועלט מלחמה האָט געהאָט די לאָזונג אַז ס'איז אַ „מלחמה לשם שלום״, קריעג אַלס מיטעל צו פרידען. עס מאַכט ניט אויס ווי ווייט דאָס דאָזיגע איז געווען אין איינקלאַנג מיט'ן אמת. די לאָזונג אן און פאַר זיך שטאַמט פון דער ניט־אידישער פילאָזאָפיע אַז „המטרה מקדשת את האמצעים״, „דער צוועק הייליגט דעם מיטעל״ און קוים איז דער צוועק ש ל ו ם מעג שוין דער מיטעל זיין אפילו מ ל ח מ ה . . .

די אידישע פילאָזאָפיע איז אָבער לחלוטין אַנדערש. דער מיטעל טאָר ניט זיין קיין סתירה צום צוועק. ביי אונז איז „צדק צדק תרדוף״, דער צדק דאַרף דערגרייכט ווערען דורך צדק,ביידע דאַרפען זיין צדק, דער צוועק און דער מיטעל, ווען ניט איז עס אין דער בחינה פון „טובל ושרץ בידו״...

וואָרט און צייט

און דאָס וואָס איז מיט צ ד ק, דאָס זעלבע איז אויך מיט ש ל ו ם. דאָ אויך דאַרף דער צוועק פון שלום ערריכט ווערען דורך די מעטאָדען פון שלום, און דאַרויף זאָגט דער פסוק: „דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום“, אפילו די ו ו ע ג ע ן און ש ט ע ג ע ן וואָס פיהרען צום ציעל, אויך זיי דאַרפען פון אידישען תורה שטאַנדפונקט זיין ש ל ו ם.

און ניט נור דער שלום הפנימי צווישען אונז אַליין נור אויך דער שלום החצוני צווישען אונז מיט דער ניט־אידישער וועלט. דאָס איז געווען דער אידעאַל פון אונזערע נביאים און פון אונזערע גייסטיגע פיהרער אין אַלע צייטען.

פאַראַן אַ שעהנע לעגענדע וואָס איז זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר די דאָזיגע אידישע אייגענשאַפט.

עס ווערט דערצעהלט וועגען ר׳ חסדאי אבן שפרוט און דער קאַליף פון באַרדאָבא. דער קאַליף און זיין מיניסטער ר׳ חסדאי האָבען שפּאַצירט אין אַ געוויסען פריהמאָרגען. זיי זיינען פאַרביי געגאַנגען אַ מאַן וועלכער האָט אַזוי שנעל ווי ער האָט זיי באַמערקט אָנגעהויבען שעלטען מיט קללות נמרצות דעם באַליבטען מיניסטער. דער קאַליף איז אַריין אין כעס, האָט געלאָזט דעם מאַן אַרעסטירען און איהם אַריינגעזעצט אין גע־פענגעניש. ער האָט גלייכצייטיג באַפוילען ר׳ חסדאי׳ן צו לאָזען דעם מאַנ׳ס צונג אויסשניידען.

שפּעטער האָט ר׳ חסדאי געלאָזט ברענגען דעם שעלטער צו זיך. ער האָט אויסגעהערט זיינע קריוודעס, האָט פאַרזיכערט זיי גוט צו מאַכען און האָט דעם מענשען באַפרייט.

אויף׳ן אַנדערען טאָג ווען דער קאַליף האָט ווידער שפּאַצירט מיט ר׳ חסדאי׳ן זיינען זיי ווידער פאַרביי געגאַנגען דעם מאַן. איצט אָבער האָבען זיי איהם שוין געהערט לויבען און בענטשען דעם מיניסטער. דער קאַליף איז ברוגז געוואָרען און האָט ווענדענדיג זיך צו ר׳ חסדאי׳ן גע־פרעגט: „האָב איך דיר ניט געהייסען אויסשניידען דעם מאַנ׳ס צונג?“ דאַרויף האָט ר׳ חסדאי, דער איד, געענטפערט: „כ׳האָב דיין באַפויל, גנעדיגער קעניג, אויסגעפיהרט. דו זעהסט דאָך אַליין אַז איך האָב עוקר געווען זיין שלעכטע צונג און אויף איהר אָרט אַריינגעשטעלט אַ גוטע“...

לחנוכה

אַט אַזוי איז דער אידישער בליק און זיין כאַראַקטעריסטישער צוגאַנג צום לעבען. דער אַלטער כלל פון „יתמו חטאים — ולא חוטאים״!

וואָלט אפשר פון דעם שטאַנדפּונקט דער חנוכה יו״ט וואָס ווערט געפייערט אויף דעם נצחון פון אונזערע גבורים, די חשמונאים, געווען אַ שטיקעל סתירה צום אידישען גייסט. דען ווי שיקט זיך צו פייערען מיט אַזוי פיעל פּראַכט און גלאַנץ אַ זיעג אויף׳ן שלאַכטפעלד אין צייט ווען מלחמה איז אין ווידערשפּרוך מיט אונזערע פּרינציפּען?

אמת דאָס איז טאַקע ניט געווען קיין „מלחמת תנופה״ נור אַ „מלחמת מגן״ און קיין אַנדערע מעטאָדען האָבען זיך אונטער יענע אומשטענדען ניט געלאָזען אַנווענדען. דאָס קען אָבער נור זיין אַ פאַרטיידיגונג פאַר דער עצם מלחמה אָבער ניט פאַר׳ן יום־טוב און טריאומף אויף איהר נצחון. אויף אַ זאַך וואָס ווערט געטאָן געגען דעם ווילען נור מתוך אונס וכפיה, פּאַסט דאָך ניט צו שאַלען און טריאומפירען?...

באַקענען מיר זיך אָבער אַביסעל מעהר מיט דער געשיכטע פון חנוכה ווערט עס דאַן קלאָר פאַר אונז אַז דער דאָזיגער יו״ט ווערט טאַקע באמת ניט געפייערט אויף דעם פיזישען זיעג, אויף דעם נצחון האגרוף. דען וואָלט דער דאָזיגער נצחון געווען דער כאַראַקטער פון דעם יו״ט, וואָלט ניט כ״ה כסלו געדאַרפט זיין דער טאָג פון פייערונג.

דער פאַקט איז אַז מיט׳ן אַרויסטרייבען אנטיוכס׳עס אַרמעע פון ביהמ״ק האָט נאָך די מלחמה ניט אויפגעהערט. ס׳האָט זיך נאָך געצויגען צעהנדליגער יאָהרען ביז דער זיעג איז געקומען צו זיין קלימאַקס און אידען האָבען באַקומען זייער נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. און גראַדע יענעם טאָג פון דעם סוף הנצחון פייערען מיר נ י ט.

איז עס טאַקע דערפאַר וואָס דער פויסט זיעג פאַרנעהמט ניט ביי אונז אַזאַ וויכטיגען פּלאַץ. עס איז ניט אין איינקלאַנג מיט׳ן אידישען גייסט און כאַראַקטער.

דער חנוכה יו״ט איז אַ יו״ט פון ג י י ס ט י ג ע ן נצחון. עס איז דער יו״ט פון יענער גייסטיגער געשעהעניש פון „ופנו את היכלך וטהרו את מקדשך והדליקו נרות בחצרות קדשך״, אַ יו״ט פון רעליגיעזער דערהויבונג, פון רעליגיעזער פרייהייט.

וואָרט און צייט

דער פּזישער נצחון איז אויך נור ערמעגליכט געוואָרען אַ דאַנק דעם אידישען גייסט, דער גייסט פון אמונה און בטחון בצור ישראל וגואלו. אויב ס'איז געווען „מסרת גבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים", איז דאָך דערפון גופא אַ באַווייז אַז ניט די פּיזישע קראַפט האָט דאָ געשפּיעלט די הויפּט ראָלע. זיי זיינען דאָך געבליבען די ח ל ש י ם אויך נאָכ'ן „ מ ס ר ת "... דעם פּירוש דערצו גיט אָבער די צווייטע העלפט פון זאָץ: „וטמאים ביד טהורים ורשעים ביד צדיקים וזדים ביד עוסקי תורתך". אמת טאַקע ביד חלשים, די דאָזיגע ח ל ש י ם זיינען אָבער געווען ט ה ו ר י ם און די דאָזיגע מ ע ט י ם זיינען געווען צ ד י ק י ם, האָט דער מאָמענט פון ט ה ר ה און צ ד ק ו ת דאָ געשפּיעלט די הויפּט ראָלע. אָט די באַוואוסטזיניגקייט אַז דאָ איז אַ קאַמף געגען ט מ א י ם, געגען ר ש ע י ם און געגען ז ד י ם האָט עס געקענט מעגליך מאַכען דעם איבערנאַטירליכען נצחון.

און אַז מען וויל לאָזט זיך דער דאָזיגער נצחון טיילווייז אויך ערקלעהרען אפילו אויף אַ נאַטירליכען וועג.

עס איז דאָך באַוואוסט דעם רא"ש'ס סברא וועגען דעם דין פון „כל דאלים גבר" וואָס איז דאָך אייגענטליך נגד השכל אַז פּיזישע קראַפט זאָל האָבען אַזאַ וואָגיגקייט אין דער שליכטונג פון אַ דין תורה?

דער רא"ש ערקלעהרט עס דאָמיט וואָס מיר זיינען איבערצייגט אַז דער וואָס די זאַך באַלאַנגט באמת צו איהם וועט אָנווענדען מעהר ענערגיע אויף אַריינברענגען עס אין זיין באַזיץ ווי דער צווייטער וואָס קומט מיט פאַלשע פּרעטענזיעס און ווייסט אַז עס באַלאַנגט ניט צו איהם. אויף צו קריגען עס אָהן איבעריגע שוועריגקייטען, מהיכי תיתי, אָבער זיך מוסר נפש זיין אויף א זאַך וואָס איז ניט זיינס, דאָס ניט.

ס'איז דעריבער גאַנץ נאַטירליך אַז דער טהור וואָס קעמפּפט געגען טמא, דער צדיק געגען דעם רשע ווי־סענדיג אַז די גערעכטיגקייט איז אויף זייער זייט, זאָלען אָנווענדען מעהר ענערגיע און מסירות נפש ווי זייערע געגנער די טמאים און די רשעים אויף וועמעס זייט עס שטעהט ניט דער אמת נור די טומאה מיט די רשעות.

דער גייסטיגער מאָמענט, דער מאָמענט פון טהרה און צדקות האָט דעריבער געקענט אויף אַ נאַטירליכען אופן אפילו, מאַכען פון די חלשים

לחנוכה

גבורים און פון די גבורים חלשים. עס האָט דאָ אָפּעריִרט די לאָגישע זייט פון דעם „כל דאלים גבר״...

און קוים איז פון דיזען שטאַנדפּונקט דער מלחמה זיעג געקומען טיילוויִז אויך אויף אַ נ אַ ט י ר ל י כ ע ן אופן, איז דאָך שוין סיי ווי ניט שייך צו פאַרבינדען דעם נ ס חנוכה מיט דיזען נצחון. דען ניט די ס י ב ה איז דאָך דאָ דער עיקר נור דער מ ס ו ב ב , דער ג ו ר ם צו דער סיבה, און דער גורם איז דאָך דורכאויס, ווי געזאָגט, געווען אַ ג י י ס ט י ג ע ר. איז טאַקע דערפאַר דער נס חנוכה פאַרבונדען נור מיט דער גייסטיגער זייט, מיט׳ן נצחון התורה און נצחון הקדושה.

***

יאָ, ניט אויף דעם פיזישען נצחון פייערען מיר אָט דעם היסטאָרישען יום־טוב. פון אידישען שטאַנדפּונקט איז בכלל ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר מלחמות צווישען אונז מיט אַנדערע פעלקער. מיר וואָלטען אין דיזער הינזיכט זיך געקענט אויסלעבען אין שלום און האַרמאָניע. מלחמה שיקט זיך נור דאָרט וואוביידע באַטרעפענדע צדדים רייסען זיך אַרום איבער איין געוויסען געגענשטאַנד וואו יעדערער פון די צדדים וויל עס האָבען פאַר זיך.

דאָס איז אָבער ניט דער פאַל אין אונזער געשיכטליכען לעבען. ניטאָ קיין געמיינשאַפטליכעס צווישען אונז און די פעלקער איבער וועלכעס עס זאָל אָנגעהן אַ קאַמף. ס׳איז לא הרי זה כהרי זה. ביי זיי, ביי די גריכען, האָט פאַרנומען דעם אויבענאַן די אויסערליכע זייט פון לעבען, דאָס וואָס מען קען זעהן מיט׳ן אויג און הערען מיט׳ן אויער. דערפאַר האָבען זיי געהאַט גרויסע סקולפּטורען און זיינען געווען די שאַפער אויף׳ן געביט פון פיזישער וויסענשאַפט.

די אידען אָבער האָבען דער עיקר זיך אָבגעגעבען מיט דער אינער־ליכער וועלט פון דעם מענשען. אונזערע נביאים און חכמים האָבען זיך הויפּטזעכליך פאַראינטערעסירט מיט׳ן געוויסען פונ׳ם פרט און פונ׳ם כלל, מיט׳ן מאָראַל און עטהיק פון דער מענשהייט.

עס איז כאַראַקטעריסטיש פון גריכישער קונסט אַז די סטאַטוען זייערע האָבען ניט געהאַט קיין אויגען נור ליידיגע לעכער אויף׳ן פּלאַץ

וואָרט און צייט

וואו די אויגען דאַרפען זיין. דאָס איז געווען נאַטירליך פאַר זיי. די אויגען רעפלעקטירען דאָס אינערליכע, עמאָציאָנעלע לעבען פון מענשען. אין דעם אָבער האָבען זיי אַ קנאַפּען אינטערעס געהאַט. זיי האָבען געקענט אָפּמאָהלען דעם גוף אָבער די נשמה האָבען זיי ניט פאַרשטאַנען.

ביי די אידען איז עס געווען פונקט פאַרקעהרט. זיי האָבען פאַר־נאַכלעסיגט דעם שטודיום און אַרט פון גוף און זיך אָבגעגעבען נור מיט'ן גייסט.

איז באמת קיין סתירה ניטאָ צווישען די צוויי קולטורען. יעדע פון זיי גיט זיך אָפּ מיט אַן אַנדער פעלד פון מענשליכען פראָגרעס און אַז מ'זאָל באַגרענעצען יעדערען צו זיין ספּעציפישע אייגענשאַפט וועט ממילא קיין קאָנפליקט ניט זיין.

רבינו הקדוש האָט דערפאַר געזאָגט אַז דער אידעאַלער צושטאַנד איז דער ווען עס איז קיין קריג ניטאָ צווישען די צוויי נור מ'זאָל אַריינ־ברענגען „יפיפותו של יפת באהלי שם".

אין אַלע צייטען האָבען אידען געהאַלטען אַז „איזהו חכם הלומד מכל אדם". די תורה האָט געגעבען פּלאַץ פאַר יתרו'ס עצות, פאַר בלעם'ס פּאָעמען; דער רמב"ם, רבי יהודה הלוי אד"ג האָבען באַהערשט גריכישע און אַראַבישע פילאָזאָפיע.

יוסף הצדיק וועגען וועמען מיר לייענען אין דער סדרה פון היינטיגער וואָך, האָט פאַראייניגט אין זיך וועלטליכע ידיעות, אַדמיניסטראַטיווע און שטאַטסמאַנשאַפטישע פעהיגקייטען צוזאַמען מיט די דינים און הלכות פון עגלה ערופה...

ניטאָ קיין מלחמה צווישען אידישקייט מיט אַנדערע קולטורען און אידעען. אידען זיינען קיינמאָל ניט געווען געגען וועלטליכע חכמות. זיי האָבען נור געוואָלט פאַרהיטען אַז דאָס ניט־אידישע זאָל ניט דוחק הרגל זיין צו דאָס אידישע און פאַר דעם צוועק האָבען זיי געקעמפפט ווי־לייבען מיט די גרעסטע מסירות נפש.

אָבער דער אידעאַל פון אונזער פאָלק איז אימער געווען און וועט אימער בלייבען — שלום! שלום מיט אַנדערע פעלקער און שלום מיט אַנדערע קולטורען און געדאַנקען.

לשבת חנוכה

והנה מנורת זהב כלה וגלה על ראשה
ושנים זתים עליה אחד מימין הגלה ואחד
על שמאלה — —
זה דבר ה׳ אל זרובבל לאמר, לא בחיל
ולא בכח כי אם ברוחי אמר ה׳ צבאות.
(הפטרה לשבת חנוכה, זכריה ב׳).

אונזער אידישע היסטאָריע איז איין גרויסע קייט פון נסים. יעדע עפּאָכע אין אידישען לעבען איז אַ צויבער רינגעלע אין דער דאָזיגער מיסטעריעזער קייט. עפּעס אַזוי ווי אויף אַ נאַטירליכען אופן קענען מיר כלל ניט עקזיסטירען און די השגחה מוז אונז אויפהאַלטען מיט איבער־נאַטירליכע כחות, מיט נסים ונפלאות למעלה מדרך הטבע.

נאָך גלייך ביים וויגעלע פון אונזער געבורט, ביים ערשטען אידען אברהם אבינו טרעפען מיר זיך שוין אָן מיט נסים: „אשר בחרת באברם והוצאתו מאור כשדים" און דאַן די ערפאַהרונגען מיט שרה׳ן ביי פרעה׳ן און ביי אבימלך׳ן וואָס בלויז מיט נסים האָט זיי אברהם באַזיעגט.

יצחק מאַכט דורך דעם היסטאָרישען עקדה פּראָצעס וואָס סיי דער „והעלהו שם לעולה" און סיי דער „אל תשלח ידך אל הנער" זיינען פון אַן אויסטערלישען כאַראַקטער און ניט פון קיין נאַטירליכקייט. ער ווערט פאַרפאָלגט פון אבימלך׳ן סיי עקאָנאָמיש און סיי אין זיין פּריוואַטען פאַ־מיליע לעבען און באַזיעגט איהם איןביידע פאַלען און אַלץ בדרך נס שלא כדרך הטבע.

יעקב׳ס ערפאַהרונגען פון זיין אַנטלויפען פון עשו׳ס שווערד ביז זיין קומען צו יוסף׳ן אין מצרים מיט דער לבן עפּאָכע אין צווישענס, זיינען איין גרויס געוועב פון נסים און נסים און ווידער נסים.

און אַזוי ממצרים ועד הנה, ועד בכלל, פּראַקטיצירען מיר אַלץ די דאָזיגע תורה פון נסים.

וואָרט און צייט

און כאָטש די היינטיגע דורות זיינען ניט ראוי צו קיין נסים, איז עס אָבער משמעות אַ פאָרטזעצונג פון פריהער. זיי, די אבות הראשונים, האָבען אויסגעטראָטען דעם נסים־וועג און מכשיר את הקרקע געווען פאַר די דורות הבאים אַז אויך זיי זאָל ערלויבט זיין צו געהן אויף'ן זעלבען וועג שטיצענדיג זיך אויף דעם ירושה פאָספאָרט פון זייערע שטאַמפאַטערס. עס איז אַזוי צו זאָגען אַ רעפּראָדוקציע פון אַמאָל. די נסים הראשונים זיינען געווען „קדשו לשעתם וקדשו לעתיד לבוא".

אַזוי זעהען מיר למשל יום־כפור, ווייל אורשפּרינגליך איז דער דאָזיגער טאָג געווען אַ טאָג פון סליחה אויף'ן חטא העגל, איז ער שוין אַזוי פאַר־בליבען אויף אייביג אַ יום סליחה ומחילה.

די געשיכטע פון מצרים, פרעה'ס מכות מיט די אידענס רכוש גדול, איז דער גרונדשטיין דאָפיר שוין אויך געלייגט געוואָרען פריהער. שוין ביי אברהם'ען איז געווען „וינגע ה' את פרעה נגעים גדולים" און „ואברם כבד מאד במקנה בכסף ובזהב"... און דאָס וואָס ביי אברהם'ען איז געווען אין מיניאַטור און אינדיווידועל איז דערנאָך רעפּראָדוצירט געוואָרען אין אַ פאַרגרעסערטען פאָרם און קאָלעקטיוו.

אפילו דער גרויסער נס פון אונזער היינטיגען יו"ט, דער נס חנוכה, האָט שוין אויך געהאַט אַ היסטאָרישע פאַרברייטונג וואָס האָט געלייגט דעם יסוד פאַר דעם דאָזיגען נס.

> ויותר יעקב לבדו, שכח פכים קטנים (ומשל הקדש היו) ומסר נפשו עליהם, והקב"ה הבטיחו שיעשה לבניו נס ע"י פך קטן של שמן. (חולין צ"א).

דורשי רשומות צייגען אָן בדרך רמז אויף דעם „ויזרח ל ו השמש" אַז דאָס איז אַן אָנדייטונג אויף די ל"ו נרות פון חנוכה וואָס ווערען צו־געשריבען ל ו, צו אים, צו יעקב'ן, צו זיין קרעדיט און זיין זכות.

אָט דערפאַר זאָגען מיר: „על הנסים ועל הפורקן — — שעשית לאבותינו בימים ההם בזמן הזה". די נסים פון „בימים ההם" האָבען געהאַט זייער ווירקונג אויך אויף'ן „בזמן הזה". דער נעכטען האָט פאַרברייטערט דעם באָדען פאַר'ן היינט און פאַר'ן מאָרגען.

יאָ, פאַר'ן מאָרגען!

לחנוכה

דער נס חנוכה איז ניט בלויז אַ געשעהעניש פון יענעם היינט וואָס איז דער היינטיגער נעכטען נור אויך פון יענעם מאָרגען וואָס איז דער היינטיגער היינט.

דאָס קליינע אויל קריגעלע וואָס מ׳האָט געפונען פאַר׳חתמ׳עט בחותמו של כהן גדול וועלכעס האָט אויף אַ נאַטירליכען אופן געקענט געבען ליכט מאַטעריאַל בלויז אויף איין טאָג, האָט אָבער בדרך נס געגעבען ליכט פאַר גאַנצע אַכט טעג. אָט דער נס געשעהט מיט אונז ביז היינטיגען טאָג.

מיר וואָס זיינען באַשטימט געוואָרען פון דער השגחה עליונה צו זיין „לאור גוים״, צו פאַרשפּרייטען די ליכט פון דער ריינער געטליכער אמונה, די ליכט פון דער תורה, די ליכט פון אמת׳ע ציוויליזאַציע, זיינען מיר אַלעמאָל געווען דער ציעל ברעט פאַר די רשעי ישראל מכל המינים וואָס האָבען געזוכט אונז אומברענגען. ניטאָ כמעט קיין איינציגער דור וואו אידען זאָלען ניט האָבען געליטען גזירות און רדיפות וואָס האָבען אַלע געהאַט בלויז דעם איינעם ציעל אונז צו פאַרניכטען. אָט אָט, האָט זיך אויסגעדוכט, און דאָס קליינע ליכטעלע, דער אור ישראל, ווערט שוין פאַרלאָשען און ח״ו אויס מיט אידען.

אָבער „הנה לא ינום ולא יישן שומר ישראל״, און ווי דעמאָלט אויך היינט, דער נס געשעהט. דער איד לעבט און זעצט פאָרט צו צינדען זיין גרויסע תורה ליכט על אפם ועל חמתם פון זיינע שונאים.

אמת מיר צינדען די דאָזיגע ליכט דורך נסים און מיט זעלטענע מסירות נפש. ניט אין איין דור און ניט אין איין לאַנד האָט מען אונז געוואָלט אָנווייזען אַז „ואין לנו רשות להשתמש בהם״. איז טאַקע דער שמוש אָנגעקומען, ווי געזאָגט, מיט גוואַלדיגען מסירות נפש און פּיאָנערישע אָפּפערוויליגקייט, אָבער אויך יענע היסטאָרישע חנוכה ליכט זיינען דאָך געצונדען געוואָרען אונטער ניט קיין בעסערע אומשטענדען און אויך יענע ליכט האָבען דאָך געלויכטען מיט על הנסים...

בימי מתתיהו בן יוחנן כהן גדול כשעמדה מלכות יון הרשעה על עמך ישראל להשכיחם תורתך ולהעבירם מעל חקי רצונך.

אָט דאָס איז געווען דער הויפּט ציעל פון יענעם אנטיוכס און פון זיינע פאָרגענגער און נאָכפאָלגער. זיי האָבען געוואוסט אַז אונזער גאַנצער

וואָרט און צייט

עקזיסטענץ איז נור באַזירט אויף דער תורה. „כי היא חייך וארך ימיך", האָבען זיי דערפאַר געזוכט אונז אָפּשניידען פון מקור, אָפּברעכען פון עץ החיים, אָבער דאָס איז זיי קיינמאָל ניט געלונגען. ס'איז געווען „המה כרעו ונפלו ואנחנו קמנו ונתעודד".

**
*

פאַר די דרויסענדיגע אנטיוכס'ן האָבען מיר קיינמאָל קיין מורא ניט געהאַט. איז געקומען אַ סכנה פון דרויסען, האָבען מיר פּראַקטיצירט דעם „לך עמי בא בחדריך", און דאָרט אינעווייניג איז געווען „חבי כמעט רגע עד יעבור זעם".

אַזוי האָט אונז געלערענט דער דין חנוכה וואָס זאָגט:

„ובשעת הסכנה מניחו על שלחנו".

איז אַ סכנה פון דרויסען, בייזע ווינטען דראָהען צו פאַרלעשען אונזער נר חנוכה, אונזער נר מצוה ותורה אור, דאַן נעהם דעם חנוכה לאָמפּ אַריין אינעווייניג אויף דיין טיש, אין דיין רשות היחיד און וואַרט איבער ביז די סכנה וועט פאַרשווינדען.

און אַזוי האָבען מיר טאַקע געטאָן. מעהרערע מאָל האָט עס פּאַסירט אין פאַרלויף פון אונזער געשיכטע אַז מען האָט זיך באַהאַלטען אין מערות און אין קעלערס און דאָרטען אַנגעהאַלטען חדרים און ישיבות און פון יענע פינסטערע קעלערס האָט אַרויסגעלויכטען דער אור התורה.

די אמת'ע סכנה פאַר אונזער תורה איז דעריבער ניט די וואָס קומט פון דרויסען נור די וואָס קומט פון אינעווייניג, פון אונז אַליין...

צו אונזער גרויס באַדויערען שטעהען מיר איצט פנים אל פנים מיט אַזאַ טראַגישע סיטואַציע. איבערהויפּט דאָ אין דער פרייער לאַנד וואו אידען ווערען ניט געשטערט אין זייער תורה לעבען, געניסען אַלע פרייהייטען אין זייער נאַציאָנאַל רעליגיעזער אידישקייט און האָבען אַלע מעגליכקייטען צו פּראַקטיצירען אַ ריין אידיש טראַדיציאָנעל לעבען באַזירט אויף דער אידישער תורה.

אָבער גראַדע דאָ צייגען די פאַקטען, ליידעט אונזער תורה מעהר ווי אין די רעאַקציאָנערע פינסטערע לענדער וואו די תורה איז ביטער פאַרפאָלגט געוואָרען.

לחנוכה

באַשטעטיגט עס, ווי געזאָגט, אַט די הנחה יסודית אַז ניט פון דרויסען קומט די סכנה נור פון אינעווייניג. די סכנה פון מ ב ח ו ץ האָט דעם תקון פון מ ב פ נ י ם. די סכנה פון מבפנים אָבער שטעלט ווירקליך דעם קיום התורה אין גרעסטען געפאַהר.

והמכשלה הזאת תחת ידינו!

אויך דאָ אין אַמעריקא געפינט זיך נאָך אַ באַדייטענדער תורה געשטימ־טער עלעמענט וועמען מען וואָלט געקענט אָנפאַרטרויען צו זיין דער נושא דגל התורה און דער טראַדיציאָנעלער פאָקעל טרעגער פון אונזער פאָלק. נאָך פאַראַן געגנוג תורה פעהיגע כחות צווישען אונזער טראַדיציאָנעלער יוגענט וועלכע וואָלטען מיט דער גרעסטער צופרידענהייט איינגעגאַנגען דאַרויף צו פאַרבינדען זייער צוקונפט מיט דער אידישער תורה.

זיי דאַרפען אָבער דערצו דערמוטיגט ווערען. זיי דאַרפען זעהן אַן אויפ־ריכטיגע ערנסטע באַציהונג און געהעריגען רעספעקט צו דער תורה מצד די ברייטע אידישע מאַסען. די פון וועלכע מיר ווילען ערוואַרטען זיי זאָלען זיין אונזערע צוקונפטיגע ישׂשכרס, דאַרפען פאר זיך זעהן אַן ארמיי פון זבולנס וואָס זאָלען מיט זיי קאָאָפערירען און זיי געבען די מעגליכקייט פאַר אַזאַ געווינשטע תורה קאַריערע. ווען אָבער אַנשטאָט ערמוטיגט צו ווערען, ווערען זיי גאָר ענטמוטיגט; ווען זיי זעהען אַזאַ גרינגשעצונג, גלייכגילטיגקייט און פאַסיוויטעט צו אונזער תורה; ווען זיי זעהען אַז די מוסדות התורה האָבען אַזאַ שווערען פאַרצווייפעלטען קאַמפף מיט זייער עקזיסטענץ, מען דאַרף זיי שטענ־דיג האַלטען אין איין אָפּראַטעווען, מען דאַרף שטענדיג קלאַפּען מיט דער פושקע און געהן מיט דער טאָרבע קלייבען פרוטות פאַר זייער קלעגליכען קיום — ווען זיי זעהען דאָס אַלעס, טאָ ווי קען מען ערוואַרטען אַז ס'זאָל זיי אָננעהמען אַ חשק צו פאַרבינדען זייער גורל מיט דער אידישער תורה?

אָט די אינעווייניגסטע סכנה שטעלט אונז פאַר אַ מצב פון פאַרצווייפלונג און דראָהט חס ושלום מיט יאוש.

והנה מנורות זהב כולה זה כנסת ישראל ושנים זתים עליה אחד מימין הגולה ואחד משמאלה אלו יששכר וזבולן, מימינו ארך ימים ומשמאלו עושר וכבוד.

וואָרט און צייט

דער י מ י ן דאַרף אויך האָבען דעם ש מ א ל, דער ארך ימים מוז אויך האָבען דעם עושר וכבוד און יששכר מוז אויך האָבען זבולן. אַנדערש איז דער קיום התורה ניט געזיכערט.

אָט דאָס איז דער חנוכה מעסעדזש וואָס טראָגט זיך אַרויס פון דער היינ־טיגער הפטרה.

און דער זעלבער מעסעדזש טראָגט זיך אויך אַרויס פון די פרשת הנשיאים וואָס ווערט געלייענט אין די חנוכה טעג.

דער פאָלגענדער ציטירטער מדרש רעדט פאַר זיך און דאַרף קיין פירושים ניט:

> ביום הראשון הקריב קרבנו נחשון בן עמינדב למטה יהודה שהיה מלך. ביום השני נתנאל בן צוער נשיא יששכר שהיה מלכה של תורה. ביום השלישי נשיא לבני זבולן אליאב בן חלון.
> למה זכה זבולן להקריב שלישי לפי שחיבב את התורה והרחיב ידו לפזר ממונו ליששכר כדי שלא יצטרך שבט יששכר לפרנסה ולא יתבטל מלעסוק בתורה לפיכך זכה זבולן להיות שותף לתורה והיה חבירו של יששכר ולכך הקריב אחריו ואחרי יהודה (אחר שני המלכים) לקיים מה שנאמר מתן אדם ירחיב לו ולפני גדולים ינחנו. (במדבר רבה י"ג, ט"ז).

יששכר און זבולן זיינען די צוויי זתים מימין המנורה ומשמאלה. זבולן דאַרף געבען שמן און יששכר די ליכט און דאַן וועלען מיר האָבען אַ ברע־נענדיגע מנורה.

פאַר'ן דרויסען האָבען מיר קיינמאָל קיין מורא ניט. מיר קענען בייקומען אַלע סאָרטען אנטיוכס'ן, ווען אפילו מיט דער הילף פון נסים ונפלאות. די דאָזיגע נסים האָבען אימער געשעהן און וועלען קיינמאָל ניט אויפהערען. דער באָדען פאַר זיי איז שוין לאַנג פאַרברייטעט געוואָרען. דער עיקר איז דער פנים און אויף'ן פנים קענען קיין נסים ניט געשעהן. עס ליגט אין גאַנצען ביי אונז אין די הענט...

לשבת שקלים

באחד באדר משמיעין על השקלים ועל הכלאים.
(שקלים פ"א)

פרשת שקלים ברייגגט אונז דעם מעסעדזש פון שלום און אחדות. שבת שקלים איז דער פאָר־שפּיעל צו דעם היסטאָרישען חודש אדר און דיענט דערפאַר אלס הקדמה צו יענע געטעהעניש׳ען, אלס רפואה וואָס איז באַשאַפען געוואָרען נאָך איידער די מכה איז געקומען.

אמר ר"ל גלוי וידוע לפני מי שאמר והיה העולם שעתיד המן לשקול שקלים על ישראל, לפיכך הקדים שקליהן לשקליו. (מגילה י"ג).

פון אייביג אָן זיינען שלום און אחדות געווען די שטארקסטע שוץ פעסטונגען געגען אלע צרות און אומגליקען. זיי זיינען געווען דער סוד פון הצלחה און אין זיי איז געלעגען דער ענטפער צום רעטעניש אין באַצוג צום אידישען קיום. דען אויב אפילו מיר ווייסען אז אונזער קיום האָבען מיר צו פאַרדאַנקען אונזער תורה, ווייסען מיר דאָך אָבער אויך אז די תורה גופא האָט צו פאַרדאַנקען א י ה ר קיום, דעם ש ל ו ם. דער „ו י ח ן" איז פון אייביג אָן געווען א תנאי מוקדם צום קיום התורה, און כל זמן עס האָט געהאַלטען ביים „ויחנו", ס׳האָט געפעלט דער שלום און אחדות, האָט קיין תורה ניט געקענט געגעבען ווערען.

דער כח פון שלום און אחדות איז אזוי גרויס אז ווען צעהן יחידים למשל פאַראייניגען זיך הייסט עס ניט אַז זייער כח איז געוואָרען צעהן מאָל אזוי שטאַרק ווי פריהער בעת זיי זיינען געווען צוטיילט אין צעהן טהיילען. נייך, דער כח איז פּראָפּאָרציאָנעל פיעל שטארקער. עס איז א „חבור" מיט א „כפל" צוזאמען, ח ב ו ר אין כ מ ו ת און כ פ ל אין א י כ ו ת.

וואָרט און צייט

עס איז פונקט א שטייגער ווי אז מען נעהמט צעהן קליינע דימענטלאך וואס יעדערער באַזונדער איז ווערט למשל הונדערט דאלאר, מיינט עס אַז אלע צוזאמען זיינען ווערט טויזענט דאָלאר. זאָל מען אָבער נעהמען א י י ן גרויסען דימענט וואָס האָט די געוויכט פון אלע צעהן צוזאַמען, אַזאַ דימענט קען האָבען די ווערט פון דריי טויזענט דאָלאר און מעהר כאָטש זיין געוויכט איז דאָך ניט מעהר ווי יענע צעהן. דאָס וואָס ער איז א י י ן דימענט, ד אָ ס מאַכט זיין ווערט גרעסער.

און אזוי איז עס אויך אין דער מענשליכער אחדות. צעהן וואָס ווערען איינס זיינען פיעל שטארקער ווי צעהן מאָל איינס... דורך דער פאראייניגונג ווערט יעדער כח באזונדער געשטאַרקט און פאַרדאָפּעלט דורך זיינע שותפים און צ ע ה ן מיינט דעריבער צעהן מאָל צעהן, ווייל אין יעדען איינעם איז פאַרטראָטען דער כח פון אלע צעהן צוזאַמען.

און ניט נור אין פיזישען זין שפּיעלט אחדות אזא באדייטענדע ראָלע נור אויך אין גייסטיגען זין. די בעסטע אילוסטראַציע דערצו איז די תלמודישע אויסטייטשונג פון „חבור עצבים אפרים — הנח לו״, אַז כאָטש אפרים איז אראָפּ פון דרך הישר און דינט די ע״ז, קוים איז אבער „חבור״, ס׳איז דאָ אחדות צווישען איהם, „הנח לו״, לאָז איהם צורוה. די אחדות גופא וועט איהם ענדליך ארויספיהרען אויפ׳ן דרך הישר. דען זאָל נור ביי א טהייל פון דער גרופּע ארייגדרינגען א הרהור תשובה וועט שוין די גאַנצע גרופּע גערעטעט ווערען. דער כח פון אחדות. וועט שטאַר־קען די השפעה אפילו פון דער מינאָריטעט און מ׳וועט זיך צוהערען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צו איהרע רייד.

ווען עס איז אָבער ניטאָ קיין אחדות און יעדער איינציגער מענש איז א פרשה פאר זיך, ס׳פעלט די געגענזייטיגע השפעה, יעדערער האַלט זיך פאַר דאָס „אויבערשטע פון שטויסעל״ און באַטראַכט עס אלס אונטער זיין ווירדע זיך צו הערען צו יענעמס וואָרט, דאַן איז דער פּראַנט א געבראָכענער סיי פיזיש און סיי גייסטיג.

יוסף האָט אין זיין חלום מיט די „אלומות״ געגעבען אַן אַנדייטונג זיינע ברידער וועגען די באַדייטונג פון אחדות. די א ל ו מ ה וואָס

לשבת שקלים

איז צוזאַמענגעשטעלט פון איינציגע זאַגנגען האָט צו פאַרדאַנקען איהר קיום נור אָט דעם כח פון א ל ו מ ה דאָס פאַראייניגען די שבלים בודדות אין איין בונד. יוסף האָט נאַטירליך דערמיט געגעבען אן אָנצוה ערעניש וועגען דעם ספליט צווישען זיינע ברידער און זייער דערוויי־טערען זיך פון די בני השפחות.

איז אין אחדות דער שטאַרקסטער כח מיט וועלכען מען קען זיך אנטקעגענשטעלען דעם שטאַרקסטען שונא.

די שונאים אונזערע ווייסען עס גאַנץ גוט, און אזוי שנעל ווי זיי דער־פיהלען די דאָזיגע שוואכקייט אין אונזער לאַגער, זיי דערשפירען אונזער צוריסענקייט און פרוד הלבבות, נוצען זיי דאָס אויס געגען אונז.

אזוי איז עס אויך געווען מיט המנ׳ען וועלכער האָט געשטעלט דעם טראָפּ אויף דעם „מפוזר ומפורד בין העמים". ער האָט געוואוסט אז „כל זמן שהשלום ביניהם אין כל אומה ולשון שולטת בהם" (ב"ר ל"ח). אַזוי שנעל אָבער ווי „מפוזר ומפורד" און דערצו נאָך „בין העמים", ווען זיי געפינען זיך צווישען פרעמדע פעלקער אין גלות. אויב דעמאָלט זיינען זיי נאָך אין צוגאָב צו זייער גלות פרוד אויך מפוזר ומפורד צווישען זיך, איז איצט די בעסטע צייט און די בעסטע געלעגענהייט אויף זיי בייצוקומען און דערפיהרען צום להשמיד ולהרוג.

חז"ל זאָגען אז בעת המן האָט געוואָרפען דעם גורל און איז דורכ־געגאַנגען „מיום ליום ומחדש לחדש שנים עשר הוא חדש אדר", האָט ער זיך אויף אדר אָבגעשטעלט דערפאַר וואָס אין דעם חודש איז משה געשטאָרבען. עס קען אָבער אויך צוגעגעבען ווערען, אז אין אדר זאָל המן האָבען געזעהן א סימבאָל אויף דער אידישער שוואַכקייט וואָס קומט פון דעם פרוד הלבבות. אדר איז דאָך מזל דגים און פיש איז דער סימבאָל פון פרוד אויף פיש איז דאָך געזאָגט געוואָרען „כל הגדול מחבירו בולע את הקטן ממנו" . . .

„לפיכך הקדים הקב"ה את שקליהן לשקליו".

אין פרשת שקלים איז אלזא געווען דער ענטפער צו המנ׳ס אנגריף. אויב המן וויל זיך אויסנוצען מיט׳ן „מפוזר ומפורד", דארף מען איהם

וואָרט און צייט

ווייזען אז ער האָט ניט געטראָפען, אז זיין חשבון איז א פאַלשער און אז דער אחדות פראָנט אין דער מחנה ישראל איז נאָך ניט געבראָכען.

ווי אזוי אָבער זאָל דאָס באווייזען ווערען?

„א״ל משה להקב״ה במה תרום קרן ישראל? אמר לו בכי תשא את ראש ב״י ונתנו איש כופר נפשו (קח כופר לצדקה — רש״י — (ב״ב י״א).

דער בעסטער באווייז אויף שלום און אחדות איז די מ ט ב ע. שלום מיט׳ן מ ו י ל איז א שלום קטיעא. דער שלום דאַרף קומען צום אויסדרוק דורך א מ ע ש ה און ניט מיט ר י י ד אליין; און די בעסטע מעשה איז די אויף וועלכע דער פסוק ווייזט אָן: „והיה מ ע ש ה ה צ ד ק ה שלום״... דורך צדקה וואָס איינער טהוט מיט׳ן צווייטען צייגט ער ארויס אז ער לעבט ניט פאר זיך אליין, אז ער איז ניט קיין עגאָאיסט, נור לעבט פאר׳ן צווייטען אויך.

דאַרויף באווייזט, אין ליכט פון די מפרשים, דער מ ח צ י ת השקל. עס איז א רמז אז יעדער איד זאָל פיהלען ביי זיך אז ער איז נור א ה אַ ל ב ע ר און בלויז מיט זיין באַהעפטען זיך מיט׳ן צווייטען וועט ער גרייכען צו די אמת׳ע שלמות.

האָט טאקע דערפאר די תורה פאַרזאָגט: „העשיר לא ירבה והדל לא ימעיט״. דאָרט וואו עס האַנדעלט זיך וועגען אחדות וואָס דאַרף ברייגנען צום אויסדרוק די גלייכהייט פון מענשען, וואו די גרענעצען פון קלאַסען און מעמדות זאָלען אָבגעשאפען ווערען, עס זאָל ניט זיין קיין גרויס און קליין, נידעריג און הויך, דאָרט דאַרף די שלום מטבע אויך זיין א אוניפאָרמירטע. דער עושר זאָל זיך ניט האָבען מיט וואָס צו גרויסען איבער דעם אָרעמען און דער אָרעמאן זאָל זיך ניט פיהלען געפאַלענער פאר׳ן רייכען.

דאָס ברייגגט אויך ארויס די ערנסטקייט און אויפריכטיגקייט פון די מעשה הצדקה. עס איז ניט נור ש ל ו ם נור אויך ש ל ם, גאַנצ־קייט אָהן פניות און אָהן זייטיגע כונות. וואָלט דער עושר געדאַרפט געבען מעהר פאר׳ן אָרעמאן, וואָלט דעמאָלט געווען פּלאַץ פאר גאוה און

לשבת שקלים

התנשאות. עס וואָלט נישט געווען קיין הונדערט פּראָצענטיגע ריינע נתינה, נור א נתינה מיט מחשבות זרות, מיט א תערובת פון פסולת און ממילא וואָלט די מטבע ניט געקענט ברענגען דעם אמת'ן ציעל, דעם ציעל פון אמת'ע אויפריכטיגע אחדות.

ווי שעהן קלינגט דעריבער דער זאַץ פון אונזער טעקסט־משנה:

„באחד באדר משמיעין על השקלים ועל ה כ ל א י ם"!

די חשיבות פון שקלים וואָס דאַרפען רעפּרעזענטירען דעם געדאַנק פון אחדות איז נור דאַן ווען אין דער נתינה איז ניטאָ קיין כ ל א י ם, ניטאָ קיין תערובות פון פרעמדע אומריינע מחשבות וואָס זיינען פוגם דעם אחדות.

דער מחצית השקל ברייגנט צו אחדות און דורכ'ן אחדות ווערט דער שקל פאַרוואַנדעלט אין א מטבע של אש וואָס דיענט אלס וואָפען אין אונ־זערע הענט געגען אונזערע שונאים פון אלע דורות, געגען די המנ'ס פון אַמאָל און געגען די המנ'ס פון היינט.

הקדים הקב"ה שקליהם לשקליו!...

לפרשת החודש

החדש הזה לכם ראש חדשים — הה״ד אשרי הגוי אשר ה׳ אלקיו העם בחר לנחלה לו, משבחר הקב״ה בעולמו קבע בו ר״ח של גאולה שבו נגאלו ישראל ממצרים ובו עתידין להגאל שנאמר (מיכה ז׳) כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות.
(ש״ר ט״ו — י״ב)

ובו עתידין להגאל!

וויפיל טרייסט און האָפנונג ליגען אין די דאָזיגע דריי ווערטער! די גרינגסטע יסורים ווערען אונערטרעגליך אויב ס׳איז ניטאָ קיין האָפנונג פון זיי באפרייט צו ווערען; מען קען אָבער אריבערטראָגען די שווערסטע און שרעקליכסטע יסורים ווען מען ווייסט נור אז זיי וועלען ניט אייביג אָנהאַלטען און פריהער־שפּעטער וועט מען פון זיי באפרייט ווערען.

און אָט דעם ליכטיגען שטראַהל פון תקוה ובטחון ברייננגט אונז דער היינטיגער שבת, פרשת החדש, וועלכער איז לויט׳ן ציטירען מדרש באַשטימט געוואָרען אלס חודש הגאולה ניט נור פאר די גאולת מצרים נור אויך פאר די גאולה העתידה: „ובו עתידין להגאל!״

די פאַרזיכערונג אויפ׳ן ע ת י ד ווירקט שוין אויך אין דעם ה ו ה, דען אויב „עתידין להגאל״ מיינט דאך עס אז ס׳וועט זיין ווען אויסצולייזען, איז דאָך דאָס די בעסטע פאַרזיכערונג אז מיר וועלען אין גלות ניט פארלאָרען געהן, אז מיר וועלען ניט איבערגעלאָזען ווערען אויף הפקר און די געטליכע השגחה וועט פון אונז דאָרט אויך ניט אבגעטהאָן ווערען.

אָט די הבטחה האָט גאָט געגעבען יעקב׳ן ווען ער האָט איהם געזאָגט: „אנכי ארד עמך מצרימה ואנכי אעלך גם עלה״. ביי דער י ר י ד ה איז פריהער „אנכי ארד״ און נאָכהער „ע מ ך״ וואָס מיינט אז כביכול די שכינה וועט פריהער אריינקומען אין מצרים און יעקב וועט די שכינה

נאכפאָלגען. ביי דער עליה אָבער איז פריהער „א ע ל ד ״, דיר אויפברייגגען און דערנאָך ערשט „גם עלה״, וועט אויך די שכינה אויפ־געהן. איז עס דערפאַר כדי יעקב זאָל ניט בלייבען אין גלות קיין איין איינציגע רגע אָהן די שכינה און אָהן די געטליכע השגחה. דערפאַר ביים אריינגעהן אין מצרים איז די שכינה געגאַנגען אין פאָראויס און ביים ארויסגעהן יעקב אין פאָראויס איז ער ממילא ניט געבליבען קיין איין סעקונדע אָהן דער שכינה. אָט די השגחת השכינה איז געווען אונזער פראַטעקציע און שוץ געגען דעם „ויתערבו בגוים״.

און דאָ איז שטארק בולט דער אונטערשיד בין ישראל לעמים. ביי זיי אין א שעת נפילה זיינען זיי אין גאנצען פארלאָרענע און האָבען שוין מעהר קיין תקומה ניט. מיר אָבער אפילו בשעת נפילה איז אויך פאראן תקומה.

> כל זמן שהקב״ה מסתכל ומתהפך במעשיהם של רשעים, אין בהם תקומה שנאמר הפוך רשעים ואינם; דור המבול, וימח את כל היקום; אנשי סדום, ויהפוך את הערים האל; מצרים לא נשאר בהם עד אחד; בבל, והכרתי לבבל שם ושאר, ועל כולם אמר דוד: שם נפלו פועל און, אבל ישראל אם נופלים, עומדים שנאמר אל תשמחי אויבתי לי כי נפלתי קמתי, כי אשב בחשך, ה׳ אור לי. (ילקוט ס״י תקנ״ז).

כי נפלתי קמתי!

בשעת נפילה איז אויך דאָ א תקומה. עס וועט ניט זיין קיין צו־שטאַרקע נפילה נור ווי די מערבא טייטשען אויס דעם פסוק: „נפלה ולא תוסיף — ל נ פ ו ל — קום בתולת ישראל״ (ברכות ע״ב). אפילו בעת׳ן פאַלען וועט אונז די השגחה צוהאַלטען ניט שטאַרק צו פאַלען... און — „א״ר נחמן בר יצחק אפילו הכי (שלא נאמר נון באשרי) חזר דוד וסמכן ברוה״ק שנ׳ ס ו מ ך ה׳ לכל הנופלים״ (ברכות שם). ס׳וועט זיין ס מ י כ ה בשעת נפילה.

דערביי איז אגב כדאי ציטירען דעם זוהר הקדוש וואָס האָט, ווי עס זעהט אויס, גענומען אן אנדער ווענדונג אין דער אויסטייטשונג פון דעם דאָזיגען פסוק.

וואָרט און צייט

אָט וואָס דער זוהר זאָגט (ויקרא דף ו'):

„כל זמנין דכנסת ישראל בגלותא, כד הוה מטי זמנא היא אתיאת והדרת קמי מלכא, והשתא בגלותא דא לאו הכי אלא קוב"ה יוחיד כידהא ויוקים לה ויתפיס בהדא ויתיב לה להיכליה. ותא חזי דהכי הוא דהא כתיב נפלה לא תוסיף קום, ועל דא כתיב (עמוס ט') ביום ההוא א ק י ם את סוכת דוד הנופלת, אני אקים את סוכת דוד, מאן סוכת דוד, דא בתולת ישראל, הנופלת כמה דכתיב נ פ ל ה, ודא היא יקרא דבתולת ישראל ותושבחתא דילה".

לויט דיזען זוהר קומט אויס אז מען דאַרף ניט טייטשען „ולא תוסיף לנפול" נור כפשוטו „ולא תוסיף קום" און דאָך זעהט מען אין דעם אויך „יקרא דבתולת ישראל ותושבחתא דילה", ווייל דער פשט איז, אַז אויב אין אנדערע גלות'ן איז די גאולה ערשט געקומען נאָכדעם ווי עס איז געווען אַ תקומה מצד כנסת ישראל אליין: „היא אתיאת והדרת קמי מלכא", וועט מען ביים גלות האחרון ניט דאַרפען וואַרטען דאַרויף. עס וועט זיין „ולא תוסיף קום", ס'וועט מעהר ניט דאַרפען זיין קיין „קום" מצד בתולת ישראל אליין, נור „והשתא בגלותא דא לאו הכי אלא קוב"ה יוחיד בידהא ויוקים לה ויתפיס בהדא ויתיב לה להיכליה".

איז דאָס געוויס די גרעסטע טרייסטונג און ערמוטיגונג אין אונזער גלות לעבען.

ווען מען רעדט אָבער פון טרייסטונג דאַרף מען נאָך, לויט דעם אויבען ציטירטען מדרש געהן אַ שריט נאָך ווייטער. דען ניט נור דאַרף מען זיך ניט פאַרלירען בשעת נפילה צוליב די פאַרזיכערונג אויף דער תקומה וואָס וועט קומען נ אָ ך איהר, נור נאָך מעהר דערפון: אין דער נפילה גופא איז שוין דאָ אַ תקומה:

„אבל ישראל אם נ ו פ ל י ם ע ו מ ד י ם שנ'
אל תשמחי אויבתי לי כי נ פ ל ת י ק מ ת י".

ביידע בלשון הוה: „נופלים־עומדים"; „כי נפלתי קמתי". בעת'ן נ ו פ ל י ם גופא איז שוין ע ו מ ד י ם, בעת'ן נ פ ל ת י איז

לפרשת החודש

שוין ק מ ת י... די נפילה גופא איז א סבה צו דער תקומה. די געפאַלענקייט וואָס קומט דורך די יסורי הגלות ברענגען אונז נעהנטער צו דער גאָטהייט. עס איז דער אַלטער כלל פון „בצר לך — ושבת עד ה' אלקיך"...

און דערפאר זיינען מיר אן אייביגער רעטעניש פאר די שונאי ישראל אין אלע דורות און אין אלע צייטען. זיי קענען ניט פארשטעהן די געהיימניס דערפון; ס'איז פאר זיי רעטזעלהאפטיג אונזער סוד הקיום. סטייטש: אזוי פיעל רדיפות, אזוי פיעל פייניגונגען, פאַרפאָלגונגען און יסורים און דאָך האַלטען מיר נאָך אן אונזער עקזיסטענץ, די מעכטיגסטע שטורעם ווינטען האָבען נאָך ניט באַוויזען אונז עוקר צו זיין פון אָרט.

זיי, די אומות קענען דאָס ניט פאַרשטעהן אַז גראַדע אָט די פאַר־פאָלגונגען זיינען פאַר אונז אַ סם מרפא וואָס היילט אונזער גייסט, עס איז אַ באַלזאַם צו אונזער נשמה און וואָס מעהר יסורים אַלץ אַ בעסערע און שנעלערע גייסטיגע ערהאָלונג.

ניט קענען אַזעלכעס פאַרשטעהן שאַפט זיך ביי זיי דער איינדרוק אַז אונזער קיום נעהמט זיך דערפון וואָס זייערע פאַרפאָלגונגען האָבען נאָך ניט דערגרייכט די מאָס, זיי האָבען אונז נאָך ניט געגעבען די ריכ־טיגע פאָרציע גיפט וואָס זאָל דערנעהנטערען אונזער סוף, פּרובּירען זיי דעריבער פאַרשטאַרקען אונזערע גלות יסורים, פאַרדאָפּלען און פאַר־פיעלפאַכען און ס'קען זיי גאָר אויף'ן געדאַנק ניט קומען אַז מיט די דאָ־זיגע פאַרשטאַרקונגען מאַכען זיי אונז ערשט שטאַרקער און אויסדויע־ריגער.

מיר זאָגען דעריבער צו זיי: איהר האָט אַ טעות וואָס איהר פּרעהט זיך מיט אייערע רדיפות אויף אונז. „אל תשמחי אויבתי לי", ניטאָ זיך מיט וואָס צו פרעהען. ס'איז גאָר פאַרקעהרט: „כי נפלתי קמתי". אָט די נ פ י ל ה איז גאָר אונזער ת ק ו מ ה...

פאַרקעהרט גאָר: אַ „גרעאָטענער" גלות, אַ מילדערער און לי־בעראַלערער איז ערשט פאַר אונז מעהר געפעהרליכער ווי אַ גרויזאַמער. אויב „בצר לך" ברענגט צום „ושבת", ברענגט דאָגעגען „וישמן" צו „ויבעט"...

וואָרט און צייט

און אויך דערין איז די פּרשת החדש זעהר סימבאָליש און כאַראַק־טעריסטיש פאַר אונז.

„עם ישראל מונה ללבנה".

אין דער לבנה שפּיגעלט זיך אָפּ אונזערע . אייגענשאַפטען און תכונות הנפש.

אָט ווי דער מדרש כאַראַקטעריזירט די לבנה מיט'ן עם ישראל המונה ללבנה:

> החודש הזה לכם ראש חדשים. הלבנה בראשון של ניסן מתחלת להאיר וכל שהיא הולכת ומאירה עד ט"ו ימים, ודיסקים שלה מתמלא, ומט"ו ואילך אור שלה חסר ובל' אינה נראית, כך ישראל, ט"ו דורות מאברהם ועד שלמה התחיל להאיר כו' כיון שבא שלמה נתמלא דיסקים של לבנה ושלט שלמה מסוף העולם ועד סופו שנ' וכל מלכי הארץ מבקשים את פני שלמה כו' הרי נתמלא דיסקים של לבנה ומשם התחילו פוחתין והולכין. (ש"ר ט"ו, כ"ז).

יאָ, אונזער ירידה איז אַן עליה, אונזער נפילה, אַ תקומה. כל זמן עס זיינען דאָ פּגימות אין אונזער לעבען, עס פעלט אונז צו אונזער שלמות ה ג ו ף , דעמאָלט שטייגען מיר העכער און העכער אין אונזער שלמות ה נ פ ש . פאַרקעהרט, ווען אונזער לבנה דערגרייכט צו דער העכסטער שטופע, זי איז ב מ ל ו אָ ה , ערשט דאַן פאַנגט זיך אָן א י ר י ד ה ...

פּרשת החדש איז פאַלגליך ניט נור אַ גלאַרייכער קאַפּיטעל אין אונזער פאַרגאַנגענהייט נור אויך אַ פּרשה פאַר דער געגענוואַרט און פאַר דער צוקונפט. עס איז דער חודש הגאולה ניט בלויז „שבו נגאלו ישראל ממצרים" נור אויך פון „ובו עתידין להגאל שנאמר כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות".

החדש הזה לכם!

לשבת הגדול

שבת שלפני פסח קורין אותו שבת הגדול מפני הנס שנעשה בו, שבשנה שיצאו ממצרים היה יוד בניסן ביום שבת, ולקחו כל אחד מישראל שה לפסח וקשרו בכרעי המטה והמצריים ראו זה שרצו לשחוט אלהיהם והוצרכו לשתוק, וע״י האמונה הגדולה בה׳ עשו כאשר נצטוו אלא שהיו בסכנה גדולה שהמצריים יקפידו על זה ואולי אף גם יהרגו אותם — ע״כ נקרא שבת הגדול.

(תוס׳ שבת פ״ז — או״ח סי׳ ת״ל)

„יכול מראש חדש, תלמוד לומר ביום ההוא, אי ביום ההוא יכול מבעוד יום ת״ל בעבור זה, בעבור זה לא אמרתי אלא בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך״.

צוויי הויפט מאָמענטען אָפערירען אין דיעזען היסטאָרישען פסח יום־טוב, ביידע פון וועלכע זיינען פון גרויס באַדייטונג און קאָלאָסאַלער חשיבות. זיי זיינען: „חרות הגוף״ און „חרות הנפש״.

הוציאנו מעבדות לחרות ומאפלה לאור גדול!

דען ניט נור האָט פסח געגעבען די פיזישע פרייהייט, דעם מעבדות לחרות, נור אויך די גייסטיגע פרייהייט, דעם מאפלה לאור גדול. די „מצוה ראשונה שנצטוו בה ישראל״ איז דאָך נאָך פאַקטיש געקומען פריי־הער אין צייט ווי די יציאה מעבדות לחרות און האָט אַזוי אַרום געגעבען דעם טאָן צו דער גאולה. עס איז געווען די געטליכע אינסטרוקציע צו די יוצאי מצרים אז זיי זאָלען פאַרשטעהן די אמתע באַדייטונג פון דער גאולה. זיי זאָלען ניט מאַכען דעם טפל פאַר אַן עיקר און דעם עיקר פאַר אַ טפל.

איז דאָך נאָך דער דאָזיגער טאָן אָנגעשלאָגען געוואָרען גלייך ביים סאַמען אָנפאַנג, ווען משה האָט נאָך ביי דער מראה הסנה דערהערט

דעם „בהוציאך את העם ממצרים תעבדו את האלקים על ההר הזה". דער „מאפלה לאור גדול" וואָס מיינט דעם קיום התורה והמצוות, דעם נר מצוה ותורה אור, דאָס איז געווען דער תכלית און עיקר פון דער גאַנצער גאולה.

און אָט דערפאַר איז געקומען די מצוה פון ספירת העומר וואָס לייגט דעם בריק פון פסח צו שבועות וואָס צייגט אָן אויף דעם חבור פון די ביידע, אַז חרות הגוף אָהן חרות הנפש מיינט גאָר ניט.

איז דאָך דער דאָזיגער געדאַנק אויך געבראַכט געוואָרען צום אויס־דרוק אין דער דרשת חז"ל: „חרות על הלוחות אל תקרי חרות אלא חירות", אַז בלויז דורכן חרות, דורך דער תורה, האָט דער חירות אַ באַדייטונג.

דערפיהרט אונז דער דאָזיגער געדאַנק צו דער ריכטיגער כונה פון דער אויבענציטירטער גמרא וואָס קומט אויך אַריין אין אונזער הגדה:

„יכול מראש חדש"! דען אויב דער עיקר גאולה מאָמענט איז דער פון גאולת ה נ פ ש אָס איז פאַרבונדען מיט דער מ צ ו ה, וואָלט מען דאָך געדאַרפט פייערען דעם פסח יו"ט גלייך ראש חודש ניסן, וואָס דעמאָלט איז געגעבען געוואָרען די דאָזיגע „מצוה ראשונה שנצטוו בה ישראל"?

„תלמוד לומר ביום ההוא". איז אָבער די תורה מקפיד און וויל דורכאויס אַז ס'זאָל זיין „ביום ההוא" און ניט ראש חדש.

וואָלט זיך דאָס נאָך געלאָזט ווי עס איז ערקלעהרען. מיר וואָל־טען געקענט פאַרשטעהן אַז דער „ביום ההוא" איז פון אַ גרעסערע חשיבות פון ראש חדש דערפאַר וואָס ר"ח איז געווען דער טאָג פון „נ צ ט ו ו בה ישראל". דעמאָלט איז די מצוה פ אָ ר ז אָ ג ט געוואָרען. מ ק י י ם געווען די מצוה פון שחיטת הפסח האָט מען דאָך אָבער דעמאָלט נאָך ניט. דער ק י ו ם המצוה איז דאָך ערשט געווען „ביום ההוא", דעם פערצעהנטען טאָג אין ניסן, איז דערפאַר דער ק י ו ם המצוה פון מעהר חשיבות ווי די צ ו ו י המצוה.

אויב אַזוי, קומט אָבער די צווייטע פראַגע:

„אי ביום ההוא יכול מבעוד יום"!

לשבת הגדול

דער שחיטת הפסח איז דאָך געווען מבעוד יום, דעם פערצעהנ־טען בייטאָג און ניט ביינאַכט, האָט מען דאָך געדאַרפט פייערען דעם צע־רעמאָניאַלען פסח טעקסט אין דער דאָזיגער צייט פון שחיטת הפסח, טאָ פאַרוואָס פייערט מען דעם יום טוב ערשט ביינאכט? די נאַכט באַ־צייכענט דאָך שוין דעם זמן היציאה, וואָס מיינט דעם צווייטען מאָמענט אין דער גאולה, דעם „מעבדות לחרות" און דאָס איז דאָך, ווי אויבענ־געזאָגט, דער טפל אַנטקעגען דעם „מאפלה לאור גדול", האָט מען דאָך ניט געדאַרפט מאַכען דעם טפל פאַר'ן עיקר?

דאַרויף קומט דער ענטפער:

„תלמוד לומר בעבור זה — בעבור זה לא אמרתי אלא בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך"!

דער אָנהויב פון דיזען פסוק איז דאָך דער „והגדת לבנך", אַ פסוק וואָס גיט דעם פסח יו"ט אַ גאַנץ באַזונדער ספעציפישען כאַראַקטער אין פאַרגלייך מיט אַנדערע ימים טובים.

ביי אַלע אַנדערע ימים טובים ווערט די גאַנצע געוויכט געלייגט אויף די ע ש י ת המצוה וואָס איז פאַרבונדען מיט'ן יו"ט. סוכות למשל איז די הויפט מצוה, דער „לישב בסוכה" און „נטילת לולב"; ר"ה, „תקיעת שופר"; יו"כ, דער „תענו את נפשותיכם"; שבועות — הבאת הבכורים. פסח אָבער איז אויסער די מצוות פון אכילת הפסח, מצה ומרור אויך פאַראַן אַ באַזונדערע מצוה וואָס באַשטעהט ניט אין ע ש י ה נור אין ה ג ד ה: ניט נור דאַרף מען ט ה א ן די מצוות נור מען דאַרף ווערען זיי אויך ר ע ד ע ן; און עס געהט אַזוי ווייט אַז ניט בלויז „כל שלא אָכל שלשה דברים אלו בפסח לא יצא ידי חובתו" נור אויך „כל שלא א מ ר "... דען די תורה האָט דאָך דאָס דאָזיגע מעהר ווי איין מאָל אונטערשטראָכען: „והגדת לבנך"; „למען תספר באָזני בנך"; „והיה כי ישאלך בנך" — — ו א מ ר ת אליו" אד"ג.

פון דעם אַלעמען איז צו זעהן אַז די תורה האָט דורכאויס געוואָלט אַז פסח, טאַקע דערפאַר וואָס איז דער ערשטער יום טוב און די „מצוה ראשונה שנצטוו בה ישראל" זאָל דער דאָזיגער יום טוב דיענען אַלס

וואָרט און צייט

יסוד פאַר'ן חנוך הבנים, און דערפאַר שפּיעלט דאָ די ה ג ד ה אַזאַ הויפּט ראָלע.

האָט אָבער די תורה גלייכצייטיג אויך געוויזען דעם ריכטיגען וועג אין תורת החינוך. זי האָט אַזוי צו זאָגען אונז געגעבען אַ פּעדאַגאָגישען לעסאָן וואָס דאַרף פאַר אונז דיענען אַלס דער אל״ף בי״ת פון חנוך.

די תורה האָט פאַרשטאַנען אַז די ריכטיגע וועג ווי צו ערציהען אַ קינד איז ניט בלויז דורך ז אָ ג ע ן איהם וואָס צו טהאָן נור אויך ו ו י י ז ע ן איהם. ס'איז ניט גענוג דאָס קינד זאָל ה ע ר ע ן וואָס ער דאַרף טהאָן, ער דאַרף עס אויך ז ע ה ן ווייל „אינו דומה שמיעה לראיה". דער חוש ה ר א י ה איז שטאַרקער פאַר'ן חוש ה ש מ י ע ה. דורך ז ע ה ן ווערט די זאַך מעהר נקלט אין קינד'ס מוח ווי בלויז דורך ה ע ר ע ן.

די נבואות פון אַלע אַנדערע נביאים וואָס זיינען געקומען צום אויסדרוק אין דעם „ כ ה אמר ה' " זיינען ביי אונזערע חז״ל כאַראַק־טעריזירט געוואָרען אַלס „אַספּקלריה שאינה מאירה" וועהרענד משה'ס נבואות וואָס זיינען געקומען צום אויסדרוק אין „ ז ה הדבר" ווערט כאַראַקטעריזירט אַלס „אַספּקלריה המאירה".

אום די אָנווייזונגען צום קינד זאָלען זיין פון דעם סאָרט וואָס ער זאָל זיי קענען דערזעהן באַספּקלריה המאירה, דאַרפען זיי אויך קומען אין פאָרם פון ז ה און ניט אין פאָרם פון כ ה ... עס דאַרף זיין: „והגדת לבנך — — בעבור ז ה " .

און ווייל דער „והגדת" איז דאָך אַ מצוה לדורות, אפילו אין אַזעל־כע צייטען וואָס די פּראַקטישע מצוה פון קרבן פסח וועט ניט נוהג זיין, האָט דערפאַר די תורה געוואָלט אַז דער „והגדת" זאָל זיין אין אַזאַ צייט וואָס דאָס קינד זאָל בעת'ן ו ה ג ד ת אויך ז ע ה ן פאַר זיך די פּראַקטישע זייט פונ'ם קיום המצוה, און דערפאַר איז: „בעבור ז ה לא אמרתי אלא בשעה שיש מצה ומרור מונחים לפניך". מצה און מרור איז שוין אַזאַ מצוה וואָס איהר קיום איז שייך אין אַלע דורות און אין אַלע צייטען אפילו בזמן שאין בית המקדש קיים. און ד י מצוה איז דאָך שוין ניט „מבעוד יום" נור ביינאַכט.

לשבת הגדול

יא. „בשעה שיש מצה ומרוד מ ו נ ח י ם ל פ נ י ך ״ !

ווען דו וועסט אויסנוצען דעם „והגדת״ אין אזא מאמענט וואס „מצה ומרור מונחים לפניך״ און דיין קינד וועט ניט נור ה ע ר ע ן וואס דו זאגסט איהם נור וועט אויך ז ע ה ן ווי דו אליין ביסט עס מקיים, דאן וועט דער ו ה ג ד ת דערגרייכען דעם אמת׳ן ציעל און דיין ערציהונג וועט געקרוינט ווערען מיט ערפאלג.

ווי ווייט די תורה האט מקפיד געווען אויף א פראקטישען חנוך וואס ווערט אילוסטרירט דורך מ ע ש י ם איז אויך צו זעהן פון אן אנדער פלאץ אין דער תורה וואס ציהט אויפמערקזאמקייט און מאהנט אן ערקלעהרונג.

איןביידע פרשיות פון קריאת־שמע איז פאראן א ספעציעלער פסוק וואס רעדט וועגען חנוך הבנים. אין דער ערשטער פרשה: „ושננתם לבניך״, אין דער צווייטער „ולמדתם אותם את בניכם״. אין די ביידע פרשיות איז אויך פאראן דער פסוק פון „וקשרתם לאות״. וועהרענד אבער אין דער ערשטער פרשה שטעהט פריהער דער ו ש נ נ ת ם און נאכהער דער ו ק ש ר ת ם , שטעהט אין דער צווייטער פרשה פריהער דער ו ק ש ר ת ם און דערנאך דער ו ל מ ד ת ם , און מיט וואס ערקלעהרט זיך די דאזיגע ענדערונג?

דער אונטערשיעד באשטעהט אבער אין דעם. אין דער ערשטער פרשה רעדט זיך ניט וועגען „וסרתם ועבדתם״, האנדעלט זיך עס פאלג־ליך פון א טאטען אן עהרליכען אידען וועמעס אייגענע אויפפיהרונג אין באצוג צו אידישקייט שטימט מיט די לעהרע און דירעקטיווען וואס ער גיט צו זיין קינד, אין אזא פאל קען דער ו ש נ נ ת ם האבען א ווירקזאמען עפעקט אפילו בעפאר דעם ו ק ש ר ת ם . דאס קינד זעהט דאך פאר זיך קיין ווידערשפרוך ניט צווישען דעם טאטענס ו ו ע ר ט ע ר און דעם טאטענס מ ע ש י ם .

אנדערש איז שוין אבער אין דער צווייטער פרשה וואו עס רעדט זיך וועגען „וסרתם ועבדתם אלהים אחרים״, דער טאטע איז אראפ פון דרך הישר, זיינע מעשים זיינען ווייט ניט אין אנקלאנג מיט זיינע ווערטער.

וואָרט און צייט

אין אַזאַ פאַל, ווען דאָס קינד זעהט פאַר זיך אַ טאַטען וואָס איז אַ נאה דורש אָבער ניט אַ נאה מקיים, קען דעם טאַטענס ווערטער אויף איהם קיין ווירקונג ניט מאַכען.

דעריבער אין אַזאַ פאַל וואו ס'איז שוין געווען אַ „וסרתם ועבדתם" זאָגט די תורה, קען דער „ולמדתם אותם את בניכם" ניט זיין פון קיין פראַקטישען ווערט סיידען פריהער זאָל זיין דער „וקשרתם אותם לאות על ידכם". צום אַלעם ערשטען דאַרף דאָס קינד זעהן דעם טאַטען אַליין פראַקטיצירען דאָס וואָס ער פאַרלאַנגט פון קינד צו טהאָן, ערשט דאַן וועלען זיינע ווערטער קענען שלאָגען טיעפע וואָרצלען און דערגרייכען דעם ציעל.

עס מוז זיין דער ב ע ב ו ר ז ה כדי דער ו ה ג ד ת זאָל קענען טהאָן די געהעריגע פעולה.

**
*

און אויב שבת הגדול איז פאַראייביגט געוואָרען אין דער געשיכטע „מפני הנס הגדול שנעשה בו", איז עס אויך דערפאַר וואָס אין יענעם טאָג, דער יו"ד בניסן איז געווען דער טאָג ווען אידען האָבען צום ערשטען מאָהל געבראַכט צום אויסדרוק זייער אמונה דורך פראַקטישע מעשים. צווישען ר"ח ניסן דער טאָג פון ציווי און י"ד ניסן דער טאָג פון שחיטת הפסח, איז געווען דער יו"ד ניסן, דער טאָג פון ל ק י ח ת הפסח וואָס איז פאַקטיש געווען די ערשטע פראַקטישע מ ע ש ה מיט וועלכע די אידען האָבען דעמאָנסטרירט זייער אמונה; און ווייל עס איז געווען ב מ ע ש ה האָט עס דערפאַר געמאַכט אַזאַ שטאַרקען עפעקט אויף די מצריים, איז שוין ממילא דער דאָזיגער אַקט געווען פאַרבונדען מיט אמת'ע מסירות נפש און פאַרדינט דעריבער פאַראייביגט צו ווערען.

און אויב דער מנהג ישראל דיקטירט אונז אויך שבת הגדול צו זאָגען די „הגדה" איז עס דרך אגב אַ סימבאָלישע אָנדייטונג צו פאַרבינדען די ה ג ד ה, דעם „והגדת לבנך" מיט'ן „נס גדול שנעשה בו".

לשבת הגדול

די ריכט־ליניע פון חנוך דאַרף זיין די וואָס פיהרט צו פּיאָנערישע אָפּ־פּערקייט. דאָס קינד דאַרף זיך באַקענען מיט אידישער געשיכטע, מיט אידישער העלדענטהאַט און מיט אידישע מסירות נפש. ער וועט פון דעם אַלעמען באַאיינפלוסט ווערען, אינספּירירט ווערען; ער וועט ווערען דורכ־געדרונגען מיט אַ ברענענדיגען נאַציאָנאַליזם און אַ פלאַמענדען פּאַטריאָ־טיזם וואָס וועט אויך איהם פיהרען צו ענדלאָזיגען לאָיאַליטעט וואָס קיין שום מסירות נפש קען ניט שטעהן אין וועג אַלס אַ שטערונג און הינדע־רונג צו דער רעאַליזירונג פון אונזערע נאַציאָנאַלע אַמביציעס און אַס־פּיראַציעס.

אונזער פסח הגדה איז אין פאַרלויף פון דורות באַציערט געוואָרען מיט הונדערטער פירושים. די בעסטע פון זיי זיינען אָבער די צוויי אויבענדערמאָנטע: דער „בעבור ז ה" און דער „שבת הגדול". „בעבור זה" זאָגט אַז „והגדת" דאַרף זיין פאַרבונדען מיט מ ע ש י ם און „שבת הגדול" זאָגט מיט ו ו אָ ס פ אַ ר אַ מעשים. מעשים וואָס קריגען זייער אויסדרוק אין שבת הגדול, אין דעם „נס הגדול שנעשה בו".

לפסח

א.

מצוה עלינו לספר ביציאת מצרים וכל
המרבה לספר ביצ״מ ה״ז משובח.

דערצעהלען די געשיכטע פון יציאת מצרים איז אַ מצוה, איינע פון די תרי״ג מצוות. מען דאַרף אָבער אויך וויסען ו ו י צו דערצעהלען. ס'איז ניט גענוג צו דערצעהלען בדרך כלל, מ'דאַרף דערצעהלען בדרך פּרט. „כל ה מ ר ב ה לספר״! מ'דאַרף דערצעהלען אַ ס ך, אַלע פּרטים, אלע איינצעלהייטען און אלע דעטאַלען. איבערהויפּט ווען דער ענין יציאת מצרים איז אַן ענין לדורות, אן ענין פון „כל ימי חייך״ וואָס דאַרף איבערגעהן פון טאַטעס צו קינדער און אין פאַרלויף פון דורות קענען דאָך די פּרטים פאַרגעסען ווערען, זאָגט מען דעריבער אַן „למען ת ז כ ו ר ״, צו גדענקען און ניט לאָזען פאַרגעסען ווערען.

פאַראַן אַנדערע מצוות וואָס דער עיקר ביי זיי איז דער קיום פון דער פּראַקטישער זייט פון דער באַטרעפענדער מצוה. למשל: ציצית, מזוזה, שופר, הפרשת תרומות ומעשרות אָדער „ועשית מעקה לגגך״. ביי די אַלע זאַכען איז גענוג אַז מען איז מקיים די מצוה ווי אַזוי זי איז אפילו ווען מען ווייסט ניט ווי זי איז געקומען צו איהר ענטשטעהונג.

אַנדערש איז אָבער דער פאַל מיט ספור יציאת מצרים. דאָ איז ניט גענוג צו וויסען דעם פאַקט אַליין אַז מיר זיינען אַמאָל באַפרייט געוואָרען פון מצרים. דאָ איז אויך נויטיג צו וויסען ווי אַזוי דער דאָזיגער יצי״מ איז צו שטאַנד געקומען.

ניט אומזיסט האָט די תורה אַזוי פיעל מאָל ווידערהאָלט דעם דאָזיגען ענין און יעדעס מאָל מיט אַ באַזונדער באַטאָנונג אונטערשטראָכען דעם „ביד חזקה״: „והגדת לבנך ביום ההוא וגו׳ כי ב י ד ח ז ק ה הוציאך ה׳ ממצרים״; „והיה כי ישאלך בנך מחר לאמר מה זאת ואמרת אליו

לפסח

ב ח ו ז ק י ד הוציאנו ה׳ ממצרים״; „והיה כי ישאלך בנך לאמר מה העדות וגו׳ ואמרת לבנך וגו׳ ויוציאנו ה׳ ממצרים ב י ד ח ז ק ה ״.

דען דער עיקר און יסוד פון יצי״מ איז די השרשת האמונה אין דעם כל יכול, די אמונה, ניט נור אין מ צ י א ת ה׳ נור אויך אין ה ש ג ח ת ה׳. שפיעלט דאָך דאָ פאַלגליך ניט די הויפט ראָלע דאָס אַ ר ו י ס ג ע ה ן פון מצרים נור דאָס אַ ר ו י ס נ ע ה מ ע ן פון מצרים. דער „וידעתם כי אני ה׳ ״ דאַרף זיין דער תכלית און קאָנסעקווענץ פון דעם „למען תספר באזני בנך ובן בנך״. דערפאַר די הדגשה פון „אני ה׳ — אני ולא מלאך, אני ולא שרף, אני ולא השליח״.

און אַז בלק האָט זיך אויסגעדריקט סתם: „הנה עם י צ א ממצרים״, האָט איהם בלעם גלייך קאָרעגירט און געזאָגט: „ א ל מוציאם ממצרים״, ניט קיין י צ א וואָס מיינט יצא מעצמו.

אָט די ידיעה און הכרה פון „בחוזק יד הוציאנו ה׳ ממצרים״, אויסער וואָס זי איז אַן און פאַר זיך אַזוי שטאַרק נויטיג דען, ווי געזאָגט, איז זי דאָך דער פונדאַמענט פון אונזער אמונה און ביי דעם וואָס פעלט די אמונה אין ה ש ג ח ת ה׳, פעלט דאָך ביי איהם אַ גרויסער חלק פון אמונה און קען שוין דעריבער ניט פאַררעכענט ווערען פאַר אַ רונדיגען מאמין. אויסער דעם אָבער איז די דאָזיגע ידיעה אויך נויטיג צו דיענען אַלס ליכט טורעם אין אונזער פינסטערען גלות וועג. די דאָזיגע אמונה דאַרף פאַר אונז זיין דער עמוד אש וואָס זאָל אונז באַלייכטען אונזער וועג און פאַרטרייבען די פינסטערניש פון אונזער האַרץ, אַרויסיאָגען דעם יאוש און אָוועקשטויסען דעם פעסימיזם. אין דער דאָזיגער אמונה ליגט דער סוד פון דעם „אהיה אשר אהיה״. וואָס איז די פאַרזיכערונג אַז אויך די אַנדערע שפּעטערע גלות׳ען פון נאָך מצרים ביז׳ן גלות האחרונה וועלען זיך ענדיגען מיט גאולה פונקט ווי דער ערשטער גלות. דער „בחוזק יד״ איז דער גרונדשטיין פאַר דעם „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות״.

וועט מען אָבער פרעגען: מה כל הרעש הזה, וואָצו דער גאַנצער טומעל אַרום דעם יציאת מצרים, דער גרויסער יום־טוב מיט׳ן גרויסען „הלל״. וואָלט דען ניט בעסער געווען אַז דער זעלבער גאָט וואָס האָט אונז אַ ר ו י ס ג ע נ ו מ ע ן פון מצרים זאָל אונז גאָר ניט האָבען אַ ר י י ב־ג ע נ ו מ ע ן? אויב אמונה, איז דאָך „ידוע תדע כי גר יהיה זרעך

וואָרט און צייט

בארץ לא להם״ אויך אַזאַ חשוב׳ער טייל פון דער אמונה פּונקט ווי דער בחוזק יד הוציאנו, איז אויב השי״ת האָט אונז אַריינגעבראַכט אין מצרים, האָט ער דאָך אונז אויך געדאַרפט אַרויסברענגען פון דאָרט, איז דאָך לכאורה ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר א הלל הגדול? און טאַקע ווידער די זעלבע פראַגע: נאָך וואָס האָט עס דער רבונו של עולם אין גאַנצען געדאַרפט האָבען, „מאַך מיר ניט קראַנק וועסטו מיר פאַרשפּאָרען היילען״?...

דאַרויף קומט דער ענטפער אין דער הגדה גופא. נאָכדעם ווי עס קומט די ערקלעהרונג צו דער דערמאָנטער פראַגע אין אַ ווייטערדיגען זאַץ וואָס זאָגט:

ברוך המקום ברוך הוא, ברוך שנתן תורה לעמו ישראל ברוך הוא.

דאָ איז אַ דירעקטער ענטפער צו דער פראַגע אויף׳ן גרויסען ב ר ו ך, אויף׳ן „הלל הגדול״. דער ערשטער „ברוך״ אויף יציאת מצרים ווערט פאַרענטפערט מיט׳ן צווייטען „ברוך״, מיט׳ן „ברוך שנתן ת ו ר ה ״.

עבדות מצרים איז געווען נויטיג אַלס אַ מיטעל צום קבלת התורה. לויט די אייגענשאַפטען פון דעם אידישען פאָלק אַלס די יורשים פון אברהם יצחק יעקב, איז טאַקע נור ער און ניט קיין אַנדער פאָלק ראוי געווען צו נעהמען אַ תורה, דאָך אָבער האָט געמוזט לכתחילה גענוצט ווערען אַ צוואַנג מיטעל, זאָנסט וואָלט אויך ער, דער אידישער פאָלק, צוריק געוויזען די תורה ווי עס האָבען עס געטאָן די אַנדערע אומות. זיי וואָלטען זיך דער־שראָקען פאַר דער תורה און איהר געווען אָנגענומען פאַר אַ „הר כגיגית״ אונטער׳ן איינדרוק אַז תורה מיט לעבען קענען ניט געהן האַנט און האַנט.

האָט דער רבוש״ע דערפאַר געדאַרפט אָנגעהמען צוואַנגס מיטלען. עס האָט געדאַרפט אויסגעאיבט ווערען אויף זיי אַן אויסערליכער דרוק וואָס זאָל זיי צווינגען צו נעהמען די תורה. דער דאָזיגער דרוק איז געווען דער עבדות מצרים. עס איז זיי געשטעלט געוואָרען קבלת התורה אַלס תנאי צו זייער באַפרייאונג. „בהוציאך את העם ממצרים, תעבדון את האלקים על ההר הזה״. זיי האָבען שוין דאַן קיין אַנדער ברירה ניט געהאַט ווי מסכים צו זיין צו קבלת התורה. עס איז שוין כדאי געווען זיך אונטערוואַרפען צו אַלץ אין דער וועלט אַבי צו געווינען די פרייהייט. קיין פּרייז איז ניט געווען צו טייער צו צאָהלען דערפאַר.

לפסח

דער רבונו של עולם האָט געוואוסט אַז דער „כפית הר כגיגית״ אין געשטאַלט פון עבדות מצרים וועט ענדליך ברענגען צום „הדר קבלוה ברצון״, עס וועט זיין „תחילתו באונס וסופו ברצון״. אַזוי שנעל ווי זיי וועלען זיך באַקענען מיט'ן אינהאַלט און כאַראַקטער פון דער תורה וועלן זיי שוין זיכער זיין צופרידען מיט איהר. אַנפאַנגס אָבער אידער זיי וועלען שפּירען דעם טעם פון דער תורה וועט עס ניט צוגעהן אַזוי לייכט און עס וועט זיין נויטיג אַננעהמען דעם דאָזיגען צוואַנג מיטעל פון עבדות מצרים.

איז עס געווען ווי מיט יענעם קראַנק קינד וואָס האָט ניט געוואָלט נעהמען דעם דאָקטאָר'ס מעדיצין מורא האָבענדיג אַז ס'איז ביטער. מ'האָט איהם געמוזט מיט גוואַלד אַריינגיסען. אַז ס'איז אָבער אַריבער בלויז אַ האַלבע שטונדע, האָט זיך דאָס קינד שוין נאָכגעפרעגט ביי דער מוטער צו עס זיינען שוין פאַרביי געגאַנגען די צוויי שטונדען לויט'ן דאָקטאָר'ס פאַראָרדנונגען כדי ער זאָל שוין ווידער קענען נעהמען די מעדיצין. ער האָט פאַרזוכט דעם טעם און אויסגעפונען אַז ס'איז גאָר זיס, האָט זיך איהם שוין געגלוסט וואָס אָפטער צו נעהמען...

אויף אַזאַ אופן ווערט ערקלעהרט אין ספר „בית אהרן״ פון רבי אהרן קאַרלינער דער פערז אין די שבת זמירות „המאחרים לצאת מן השבת וממהרים לבא״. אייגענטליך האָט דאָך געדאַרפט שטעהן פאַרקעהרט, ממהרים לבא ומאחרים לצאת, דען דאָס אַריינקומען אין שבת איז דאָך פריהער אין צייט ווי דער אַרויסגעהן? דאָס באַציהט זיך אָבער, זאָגט רבי אהר'לע קאַרלינער, אויף דעם ערשטען שבת וואָס אידען האָבען באַקומען אין מרה. ניט האָבענדיג נאָך געוואוסט וואָס דער שבת איז און ניט האָבענדיג נאָך געפיהלט דעם טעם פון שבת, האָבען זיי זיך נאַטירליך ניט געאיילט אַזוי שטאַרק צום קבלת שבת און האָבען איהם אָנגענומען פונקט אין צייט. אַז זיי האָבען שוין אָבער פאַרזוכט וואָס דער שבת איז, האָט זיך זיי שוין ניט געגלוסט אַזוי שנעל אַוועק פון איהם, איז דעריבער געווען „מאחרים לצאת״. אויף'ן צווייטען שבת אָבער איז שוין געווען „ממהרים לבא״, ודפח״ח.

אַזוי, ווי געזאָגט, איז עס אויך געווען מיט קבלת התורה וואָס אָנפאַנגס האָבען נאָך אידען ניט געהאַט אַזאַ שטאַרקען חשק צו איהר, האָט געמוזט

קומען עבדות מצרים אַלס צוואַנג־מיטעל, אָבער נאָכהער איז שוין געווען קבלה ברצון.

אָט דאָס איז טאַקע געווען די געטליכע כונה אין דעם „ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה — ואחרי כן יצאו ברכוש גדול". מיינט טאַקע באמת דער דאָזיגער „רכוש גדול" דעם קבלת התורה וועלכעס האָט אַנדערש ניט געקענט קומען סיידען דורכ'ן „ועבדום, וענו אותם". ו א ח ר י ־ כ ן — ערשט נאָכדעם, נאָכ'ן ו ע ב ד ו ם, וועט ערשט קענען זיין יצאו ברכוש גדול.

אויב אָבער עס איז אויך געווען דער מאַטעריעלער רכוש אין געשטאַלט פון ביזת מצרים, איז דאָס דאָזיגע געווען אַלס צווייטער מיטעל צום קבלת התורה. עס איז געווען אין דער בחינה פון די זיסע קאָנפעקטען און אַנ־דערע שפּיעלצייג וואָס ווערט געגעבען דעם קינד כדי צו וועלען נעהמען די מעדיצין. איידער די אידען האָבען פאַרזוכט דעם טעם התורה האָבען זיי ניט געקענט באַגרייפען ווי אַזוי די תורה זאָל באַטראַכט ווערען אַלס רכוש גדול, האָט מען זיי דערפאַר געדאַרפט צייגען אַ רכוש גדול לויט זייער אייגענעם באַגריף...

דערמיט קען אויך אויפגעקלעהרט ווערען די באַקאַנטע גמרא אין ברכות:

„דבר נא באזני העם, אין נא אלא לשון בקשה, אמר לו הקב"ה למשה בבקשה ממך אמור להם לישראל בבקשה מכם שתשאלו ממצרים כלי כסף וכלי זהב כדי שלא יאמר אותו צדיק ועבדום וענו אותם ארבע מאות שנה קים בהם, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קים בהם".

איז דאָך באַקאַנט די קשיא: וואָס עפּעס האָט דער רבוש"ע אַנגעהאַנגען דעם „דבר נא באזני העם וישאלו" אין דעם „שלא יאמר אותו צדיק", משמעות אַז ווען ניט צוליב'ן „שלא יאמר" וואָלט רעכט געווען אַז זיי זאָלען אַרויס אָהן דעם „רכוש גדול", ווי אָבער וואָלט דאַן דאָך מקוים געוואָרען די דאָזיגע געטליכע הבטחה? דער קיום פון דיזער הבטחה דאַרף דאָך ניט זיין אָבהענגיג אין דעם וואָס אברהם ו ו ע ט זאָגען נור אין דעם וואָס גאָט האָט ש ו י ן געזאָגט?

אין ליכט פון דאָס פריהער געזאָגטע ווערט שוין דער ענין גאַנץ פאַרשטענדליך. דען וואָס אַנבאַלאַנגט די עצם הבטחה פון „רכוש גדול" האָט עס גאָר באמת געמיינט דעם קבלת התורה, וואָלט שוין דערפאַר

לפסח

צו דער ערפילונג פון דער הבטחה, אן און פאַר זיך, גראַדע ניט נויטיג געווען דער „ביזת מצרים", אָהן דעם וואָלט די הבטחה אויך דערפילט געווארען דורך מתן תורה. אָבער כדי „שלא יאמר אותו צדיק", אברהם זאָל ניט טענה'ן: „ועבדום וענו אותם קים בהם, ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קים ב ה ם". דער טראָפּ דאַרף דאָ געשטעלט ווערען אויף'ן „בהם", ביי ז י י, וואָלט אברהם גע'טענה'ט איז נאָך דער רכוש גדול ניט מקוים געוואָרען. פאַר זייער באַגריף דאַרף מען האָבען אַ רכוש גדול כ פ ש ו ט ו און ניט כ מ ד ר ש ו, אַ רכוש וואָס זיי אַליין זאָלען עס קענען משיג זיין, זיי זאָלען עס קענען אָנטאַפּען מיט די הענט און ניט נור מיט'ן מוח...

אגב איז אין דעם „שלא יאמר אותו צדיק" פאַראַן נאָך אַ טיעפערע כונה. דער „רכוש גדול" האָט געדאַרפט ברענגען צום אויסדרוק די פינאַלע פאַר־שפרעכונג צו אברהם אבינו אין ענטפער צו זיין פראַגע: „במה אדע כי אירשנה".

ווי מיר ווייסען איז דאָך דער נסיון העושר אַ גרעסערער נסיון ווי דער נסיון העוני. אברהם אַליין איז דעם דאָזיגען נסיון זעהר גוט בייגעשטאַנען. ער האָט דעם עקזאַמען אויף אַ זעהר ערפאָלגרייכען אופן אויסגעהאַלטען. ביי איהם איז געווען ווי די מפרשים טייטשען אויס: „ואברם כבד מאד בכסף בזהב ובמקנה" אַז ביי איהם, ביי אברהם'ען, איז די כסף וזהב ומקנה געווען בבחינת מ ש א, ס'איז געווען „כ ב ד מאד", זעהר ש ו ו ע ר. ער איז ניט געווען געלט גייציג און ממילא האָט איהם די עשירות ניט געשאַדעט צו זיין אידישקייט. מיט זיין „במה אדע כי אירשנה", האָט ער געוואָלט קריגען די הבטחה אַז זיינע קינדער זאָלען אויך אין דעם הינזיכט קענען זיין זיינע ריכטיגע יורשים, אז אויך זיי זאָלען קענען ביישטעהן דעם נסיון העושר.

דאַרויף איז געקומען די הבטחה פון „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול" אַלס פאַרשפרעכונג אַז טראָץ דעם רכוש גדול וועלען זיי דאָך קענען מקבל זיין די תורה.

אָט דאָס איז דער זין פונ'ם „שלא יאמר אותו צדיק", אברהם זאָל ניט זאָגען אַז „ועבדום וענו אותם ק י ם בהם, אז ביי ז י י, ביי די קינדער

וואָרט און צייט

קען זייער אידישער ק י ו ם אָנהאַלטען בלויז דורכ'ן „ועבדום וענו אותם", דורך עניות און דחקות אָבער „אחרי כן יצאו ברכוש גדול לא ק י ם בהם" דורך רכוש גדול, דורך עשירות וועלען זיי זייער אידישען ק י ו ם ניט קענען אָנהאַלטען... האָט דערפאַר דער רבוש"ע געוואָלט דורכפיהרען די רעאַליזירונג פון אברהם'ס וואונש צו זיין פינאַל און איבערצייגען אברהם'ען אז זיין „במה אדע כי אירשנה" איז נתמלא געוואָרען במלואו.

פון דיזען שטאַנדפונקט איז דער רכוש גדול אין זיינעביידע באַדייטונגען, סיי כפשוטו און סיי כמדרשו, ניט געווען קיין צוויי באַזונדערע זאַכען נור שתים שהן אחת, אַ גייסטיגער רכוש א י ן אַ מאַטעריעלען, קיום התורה ניט נור מתוך עוני ולחץ נור אויך מתוך עושר וכבוד.

און אַט דאָס אַלעס דאַרף אַריינגענומען ווערען אין דעם ספור יציאת מצרים. דער „ברוך שנתן תורה לעמו ישראל" איז ווי געזאָגט, אַ פירוש צום „ברוך המקום" אויף'ן יציאת מצרים, און דער אויספיהר פון „שהקב"ה חשב את הקץ לעשות כמה שאמר לא"א בברית בין הבתרים שנאמר — — „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול", דאָס איז דער פירוש צום „ברוך שנתן תורה", אַזאַ תורה „כמה שאמר לאברהם אבינו", אַ תורה דורכ'ן רכוש גדול...

אַט די אַלע פּרטים פון יצי"מ וועלען העלפען איינצוואָרצלען די אמונה אין די הערצער פון אונזערע קינדער. יציאת מצרים וועט ביי זיי ניט זיין בלויז אַ שעהנער היסטאָרישער קוריאָז נור אַן אורשפּרינגליכער קוואַל פון וואַנען זיי וועלען שעפּען זייער ריינע אמונה אין מציאות ה' און השגחת ה'.

יציאת מצרים וועט אַזוי אַרום אויך זיין פאַר זיי דער עמוד אש וואָס וועט זיי באַלייכטען זייער וועג אין פינסטערען גלות און פאַרטרייבען דעם יאוש פון האַרצען, און יציאת מצרים וועט זיי אויך ווייזען דעם וועג אין דער ליכטיג אַז די זון זאָל זיי ניט פאַרבלענדען די אויגען און זאָלען פון צו פיעל ליכט ניט פאַרלירען דעם גראַדען וועג.

ימי חייך הימים, כל ימי חייך הלילות!

לפסח

די מצוה פון למען תספר דאַרף זיין אין אַזאַ וועג אַז עס זאָל ברענגען צום „למען תזכור כל ימי חייך — הימים והלילות״. עס דאַרף דיענען אלס וועגווייזער אין אמונה סיי אין דער תקופה פון נ אַ כ ט און סיי אין דער תקופה פון ט אָ ג, מען זאָל קענען אויסהאַלטען די פּראָבע פון ביידע נסיונות, נסיון העוני און נסיון העושר.

דערפאַר איז ניט גענוג אַן אויבערפלעכער יציאת מצרים, אַ לספר ביצ״מ בדרך כלל נור דאַרף זיין אַן אויספיהרליכער, יצי״מ בכל פרטיה ודקדוקיה, ס׳דאַרף זיין אַ מ ר ב ה לספר ביציאת מצרים.

וכל המרבה — הרי זה משובח.

לפסח

ב.

למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך.

ויאמר לו פרעה לך מעלי השמר לך ראות פני כי ביום ראותך פני תמות — —

ויאמר משה כן דברת לא אוסיף עוד ראות פניך.

ויקם פרעה לילה — — — ויקרא למשה ולאהרן לילה ויאמר קומו צאו מתוך עמי גם אתם גם בני ישראל (מגיד שהיה מחזר על פתחי העיר וצועק היכן משה שרוי, היכן אהרן שרוי — רש״י). גם צאנכם גם בקרכם קחו כאשר דברתם ולכו וברכתם גם אותי.

(התפללו עלי שלא אמות שאני בכור — רש״י).

שמות י״ב, ל—ל״ב).

און ווען די תורה רעדט ניט וועגן צ א ת ך מארמ״צ, נור וועגען י ו ם צאתך איז עס דערפאַר וואָס ניט אַזוי די עצם יציאה ווי דער י ו ם היציאה וואָס האָט איבערגעלאָזען אַזאַ גרויסען רושם לדור דורות און מעגליך געמאַכט עד היום הזה צו קענען מקיים זיין דעם „למען תזכור את יום צאתך מארמ״צ כל ימי חייך״, וואָס איז איינע פון די תרי״ג מצוות.

און מערקווירדיג: גראַדע אַט די מצוה האָט מעהר מזל ווי פיעל אַנדערע, דען אפילו די ווענינער טראַדיציאָנעלע אידען וואָס זיינען ניט אַזוי שטאַרק נזהר אין שמירת המצוות, אָבער די דאָזיגע מצוה פון „למען תזכר״ זיינען אויך ז י י אויפריכטיג מקיים. ניטאָ קיין איין איינציג איי־דישע הויז (אויסער נאַטירליך פון די להכעיס חלב־פרעסערס...) וואו די פסח׳דיגע „סדר״ נאַכט זאָל ניט געפייערט ווערען אויף אַ זעהר עהרליכען אופן מיט פולער פראַכט און גלאַנץ. צעהנדליגער מיילען ווייט פאָהרען

זיך צונויף קינדער צו עלטערען כדי צו פּראַווען דעם סדר אין פאַמיליען קרייז און עס זאָל טראָגען דעם כאַראַקטער פון אַ זבח משפחה.

עהרליך שעהן און גראַציעז זיינען זיי די אידישע פסח סדרים ווי זיי ווערען געפּייערט בכל תפוצות ישראל. אַ קוואַל פון אינספּיראַציע און הימ־לישע באַגייסטערונג זיינען זיי פאַר די טאַטעס מיט די קינדער צוזאַמען, פאַר קליין און גרויס, און פאַר יונג און אַלט.

און פאַראַנטוואָרטליך פאַר דעם אַלעמען איז דער י ו ם צאתך...

די פאַסירונגען פון יענעם טאָג אפילו בלויז ווי זיי ווערען איבערגעגעבען אין קורצען טעקסט פון חומש, האָבען געמוזט אַרויסרופען אַלעמענס ער־שטוינונג.

ערשט נור וואָס איז פּרעה געווען אַזוי שטאָלץ ביי זיך אַז ער האָט פּשוט משה׳ן אַרויסגעטריבען און אולטימאַטיוו געסטראַשעט מיט׳ן טויט אין פאַל ער וועט זיך נאָכאַמאָל באַווייזען צו איהם. און בלויז מיט עטליכע שטונדען שפּעטער באַגעגענען מיר שוין דעם דאָזיגען דעספּאָט „זיין מאַיעס־טעט״ פּרעה אַליין, ווי ער קלאַפּט אויף די טירען פון די נור וואָס אַרויס־געטריבענע פון איהם, קלאַפּט זיך „חטאתי״, זאָגט זיי שוין אַלעס צו, „גם צאנכם גם בקרכם קחו״ און בעט נור פאַר זיין אייגענער הויט: „וברכתם גם אותי — התפללו עלי שלא אמות שאני בכור״...

איז דען אין דיזען אינצידענט אַליין ניטאָ גענוג שטאָף צו ציהען דערפון מאָראַלישע קאָנסעקווענצען אין באַצוג צו תקוה ובטחון? קען דען אין דער דאָזיגער פּאַסירונג אפילו דער גרעסטער פּעסימיסט ניט זעהן אַז „ישועת ה׳ כהרף עין״ און ממילא האָט פּעסימיזם כלל קיין פּלאַץ ניט אין אידישען לעבען? די אַלע שמות נרדפים ווי: סקעפּטיציזם, פּעסי־מיזם, יאוש, פאַרצווייפלונג וכיוצא בהם, געפינען זיך כלל ניט אין דעם ווערטער־בוך פון אַן אמת׳ען מאמין. דער „ואפילו חרב חדה מונחת על צוארו אל יתיאש מן הרחמים״ איז ביי אונז ניט קיין פּוסטע פראַזע. אונזער געשיכטע איז גענוג רייך מיט צעהנדליגער און הונדערטער אַזעלכע פאַלען וואו די רחמים איז געקומען שוין נאָכדעם ווי דער שווערד איז אויף׳ן האַלז געלעגען. אויף אַ קאָלעקטיווען אופן אָבער, דער רחמים פאַר אַ גאַנצעס פאָלק אונטער אַזעלכע „חרב חדה״ אומשטענדען, דאָס האָט דאָס ערשטע מאָל פּאַסירט אין דעם „יום צאתך מארץ מצרים״. דערפון

וואָרט און צייט

די חשיבות פון דעם דאָזיגען טאָג און דערפון זיך פאַראייביגקייט אין דער אידישער געשיכטע.

למען תזכור את יום צאתך מארמ"צ כל ימי חייך!

און ווי שעהן פאַסט זיך דאָ אַריין בן זומא'ס דרשה: „ימי חייך הימים, כל ימי חייך הלילות". דיזער געשיכטליכער קאַפּיטעל פון דעם „יום צאתך" האָט אונז געלערענט און איבערצייגט אַז ניט נור אין די „ימי חייך הימים", ווען מיר געפינען זיך אין אַ לאַגע פון „יום", ווען ס'איז ליכטיג און פרעהליך אין אונזער ווינקעל, ניט נור דעמאָלט איז דאָ פּלאַץ אויף צו פּראַווען פרעהליכע פסח סדרים, נור אויך אפילו דאַן ווען „כל ימי חייך הלילות", ווען אונזער לעבען איז בבחינת לילה, ווען אַ דיקע נאַכט פינסטערניש האָט אַריינגעדרונגען אין אונזער לאַגער, ווען אַלעס וואָס אַרום אונז איז אַזוי שוואַרץ, אַזוי חרב חדה'דיג, אויך דעמאָלט קענען מיר זיך פאַרגינען צו פּראַווען אונזערע יו"ט סדרים, דען קוים געדענקסטו נור יענעם „יום צאתך מארץ מצרים", האָסטו שוין ממילא פון וואַנען צו שעפּען דיין אָפּטימיזם אפילו פאַר דעם „כל ימי חייך הלילות"...

כי בחפזון יצאת ממצרים!

דער „בחפזון" איז דער שלאָגוואָרט אין דער געשיכטע פון יציאת־מצרים. ביים רבונו של עולם איז ניט נויטיג קיין הכנות. ביי איהם קען אַלעס ווערען בחפזון, כהרף עין, און אויב „כהרף עין" קען שוין קיין חרב חדה אויך ניט ברענגען קיין פאַרצווייפלונג.

***

מיר האָבען געזאָגט אַז די דאָזיגע מצוה פון „למען תזכור" איז מעהר מזל'דיג, דען זי ברענגט צוזאַמען טאַטעס מיט קינדער ביי איין טיש און מען פייערט בצבור אויף אַ זעהר אויפריכטיגען און עהרליכען אופן די מצוה פון „לספר ביציאת מצרים".

דער כלל אָבער פון „מצוה גוררת מצוה" אַפּערירט אויך אין דיזען פאַל. אַט די געלעגענהייט פון דעם חג משפחתי ברענגט שוין אויך דערצו אַז דער אָוועגט זאָל אויסגענוצט ווערען אויך צו גונסטען די אַנדערע מצוות התורה. די אויפריכטיגע טאַטעס באַנוצען זיך מיט דער דאָזיגער

געלעגענהייט צו פֿאַרפֿיהרען אַ שמועס מיט זייערע קינדער אויך וועגען אַלע אַנדערע מצוות וואָס זיינען קלאַסיפֿיצירט אין „עדות, חוקים ומשפטים״. עס ווערט ביים סדר־טיש געעפֿענט אַן אינטערעסאַנטע דעבאַטע צווישען טאַטעס און קינדער.

„וכאן״ — דאָ ביים סדר טיש — „הבן שואל״. דאָ קומט דאָס קינד צום וואָרט צו פֿרעגען זיינע קשיות און גיט דערמיט די געלעגענהייט צום טאַטען צו געבען זיינע ענטפֿערס. עס איז אַ „כי ישאלך בנך״ וואָס פֿיהרט צום „ואמרת אליו״, און עס ווערט אַזוי אַרום ווידער געלייגט דער גרונדשטיין אויף אָבפֿרישען די אמונה ביי די קינדער און זיי ווידער ברענגען נאָהענט צום שמירת התורה והמצוות.

דער טאַטע איז גליקליך ווען ער קען מקיים זיין דעם „ואף אתה אמר לו כהלכות הפסח״ און קען געבען די געהעריגע אויפֿקלעהרונג צו זיין געליבטעס קינד דעם „חכם״ אויף זיינע קלוגע פֿראַגעס אין באַצוג צו די פֿאַרשיעדענע מצוות התורה, די ע ד ו ת, די ח ו ק י ם און די מ ש פ ט י ם. ער שטראַהלט אויך אויף מיט שמחה ווען ער געפֿינט דעם וועג צו קענען געפֿינען אַ פּאַסענדען ענטפֿער אויך פֿאַר זיין וועניגער אַנטוויקעלטען זוהן, דעם „תם״. ער לאָזט זיך אויך אַרונטער מיט פֿאָטער ליעבע צו זיין גאָר הינטערשטעלינג געבליבענעם זוהן, דעם „שאינו יודע לשאול״, און איז מקיים דעם „את פתח לו״.

גאָר אַמוייניגסטען פֿאַרגעניגען האָט ער אָבער פֿון זיין פֿאַרשייטען זוהן דעם רשע, און מיר קענען זיך פֿאָרשטעלען ווי דער טאַטע פֿיהלט אין דעם איבערגאַנג פֿון דעם ערשטען „ואף אתה״ וואָס איז געריכטעט צום ח כ ם ביז׳ן צווייטען „ואף אתה״ וואָס איז געריכטעט צום רשע, פֿונ׳ם „ואף אתה אמור לו״ ביז דעם „ואף אתה הקהה את שניו״...

נור סיי ווי מאָנט דער דאָזיגער „הקהה את שניו״ אַן ערקלעהרונג. ניט נור דער רשע אָ ה ן די ציינער נור אפילו מיר מ י ט די ציינער קענען עס אויך ניט אַזוי גוט צוקייען...

עס מאַכט ניט אויס ווי פֿרעך, נידעריג און פֿאַרשייט דער דאָזיגער זינדעלע זאָל ניט זיין, אָבער דער „הקהה את שניו״ אַלס ענטפֿער אָפּע־לירט עפּעס ניט אַזוי שטאַרק. האָבען דאָך אונזערע חכמים אונז גע־לערענט: „ודע מה שתשיב״, פֿון וועלכעס מיר וויסען אַז אפילו פֿאַר׳ן

וואָרט און צייט

ערגסטען דאַרפען מיר געפינען אַ פּאַסענדען ענטפער. עס גלויבט זיך אָבער קוים אַז דער „הקהה את שניו" זאָל זיין דער פּאַסענדער ענטפער... לויטעט דאָך אַ פאָלקס אויסדרוק אַז „אַ קלאַפּ פאַרגעהט און אַ וואָרט באַשטעהט". דאַרף דאָך דאָס ו ו אָ ר ט פאָלגליך זיין דער דאָמיני־רענדער פאַקטאָר אין דער דאָזיגער אַרגומענטאַציע און ניט דער קלאַפּ?

אין אמת'ען אָבער איז אין דעם „הקהה את שניו" אויך פאַראַן אַ תשובה נצחת צום רשע'ס פראַגע, ווען אפילו די דאָזיגע תשובה איז בלויז אויף אַ סימבאָלישען אופן, אַ תשובה בדרך רמז.

עס ווערט פאַרשטאַנען אַז דער רשע מיט זיין עמפאַטישער באַטאָ־נונג אויף'ן „לכם", מיינט דערמיט אויסצודריקען שאַרפען קריטיק געגען די פיעלע גדרים און סייגים וואָס אונזער תורה שבעל פה האָט געמאַכט אַלס שמירה צום קיום פון די עקרי המצוות. פאַר איהם אָבער, פאַר'ן רשע איז עס שוין צו־פיעל, דאָס איז שוין ביי איהם אַ שווערע „עבודה". ער שטעלט זיך דעריבער באַזונדערס אָפּ אויף'ן ל כ ם, אויף יענע מצוות וואָס זיינען אַ פּראָדוקט פון ל כ ם, איהר מענשענקינדער האָבען זיי געשאַפען, אין דער תורה שבכתב גופא געפינען זיי זיך ניט און אויך אָט די „ ל כ ם מצוות" אין געשטאַלט פון די גדרים וסייגים, אויף זיי פרעגט ער „מה העבודה הזאת" צו וואָס טויג אייך די דאָזיגע איבעריגע אַרבייט.

עס הייסט כלומר'שט אַז מיט'ן עצם תרי"ג מצוות וואָלט ער שוין אפשר ווי עס איז שלום געמאַכט. ער קען אָבער ניט שלום מאַכען מיט די מצוות פון ל כ ם...

און ניט וועניג פון דעם סאָרט לכם־מצוות זעהט ער זיך אָן טאַקע אין פסח גופא. אָט זעהט ער אַז חמץ בפסח איז „במשהו" און דאָס איז דאָך אַלס אַ גדר ווייל „חמץ לא בדילי אינשי מיניה כולא שתא". „חמץ שעבר עליו הפסח" האָט מען גע'אסר'ט אפילו בהנאה און אויך אַלס קנס און גדר ער זאָל מעהר ניט נכשל ווערען אין „בל יראה ובל ימצא". „ערבי פסחים סמוך למנחה לא יאכל אדם עד שתחשך" כדי צו קענען עסען דעם כזית מצה לתיאבון. ווידער אַ גדר. איז אָט דער „צו לצו". אייך מצוה אַלס גדר צו אַ צווייטע, אָט דאָס געפעהלט איהם ניט און דאַרויף קריצט ער מיט די צייהן — מה העבודה הזאת ל כ ם...

לפסח

ואף אתה הקהה את שניו!

און אין דעם, ווי געזאָגט, געפינט זיך אַ תשובה נצחת צום רשע אין באַצוג צו גדרים וסייגים:

> א"ר יוחנן משום רבי יוסי בן זימרא מאי דכתיב מה יתן לך ומה יוסיף לך לשון רמיה. אמר לו הקב"ה ללשון כל אבריו של אדם זקופים ואתה מוטל, כל אבריו של אדם מבחוץ ואתה מבפנים, ולא עוד אלא שהקפתי לך שתי חומות אחת של עצם ואחת של בשר מה יתן לך ומה יוסיף לך לשון רמיה.
> (ערכין ט"ו ע"ב).

זיינען, לויט דיזער גמרא, די צייהן באַשאַפען געוואָרען מיט דער פונקציע צו דיענען אַלס גדר פאַר'ן צונג. דערצו האָבען זיי נאָך צו הילף נאָך א גדר אין געשטאַלט פון די ליפען, און אַלץ כדי ניט נכשל ווערען אין אַן איסור תורה פון לשון הרע.

לויט דעם רשע'ס אויפפאַסונג אָבער, אַז גדרים און סייגים זיינען בכלל ניט נויטיג, זיינען דאָך ממילא די צייהן אויך ניט נויטיג, איז אויב אַזוי — הקהה את שניו..

איז שוין פאַלגליך אין דעם הקהה את שניו יאָ פאַראַן אַ שלאָג־גענדער אַרגומענט און אַ תשובה נצחת צום רשע'ס טענה פון „מה העבודה הזאת ל כ ם". עס איז ווי דאָס ווערטעל געהט: „געענטפערט מיט באַק צייהנער"...

און זעהר ריכטיג באַטאָנט דער בעל ההגדה: „ולפי שהוציא את עצמו מן הכלל כפר בעיקר". דערמיט וואָס ער וויל זיך אויסשליסען פון דעם כלל אין באַצוג צו די גדרים וסייגים, מיינענדיג אַז פאַר איהם זיינען די גדרים איבעריג, אַז ער דאַרף קיין שמירה ניט, אָט אין דעם ליגט זיין טעות. אָהן די גדרים וועט עס אויך קומען צום ע י ק ר, ער וועט סוף סוף זיין אַ כופר ב ע י ק ר...

יאָ, דער גאַנצער כח פון די רשעים באַשטעהט אין דעם וואָס זיי טשעפען זיך צו די גדרים. אין דעם באַשטעהט זייער מסית מעטאָדע מיט וועלכען עס געלינגט זיי אַראָפּצופיהרען מענשען פון דרך הישר.

וואָרט און צייט

אַ כאַראַקטעריסטישע אילוסטראַציע אין פאַרבינדונג דערמיט איז דער פאָלגענדער מאמר אין מדרש רבה:

„א״ר שמואל בן נחמן שאלו לנחש וא״ל למה אתה מצוי בין הגדרות, אמר להון שפרצתי גדרו של עולם״.

ווי באַוואוסט האָט דער נחש באַזיעגט חוה׳ן ניט דורך מאַכען איהר דירעקט עסען פון עץ הדעת נור דורכ׳ן „לא תגעי בו״ וואָס חוה האָט זיך אַליין געמאַכט אַלס גדר צום „לא תאכל״. איז דעריבער אויף דער פראַגע „למה אתה מצוי בין הגדרות״ ענטפערט דער נחש ריכטיג „שפרצתי גדרו של עולם״, זיין כח פון פרצה באַשטעהט הויפטזעכליך אין די ג ד ר י ם. דאָרט ליגט דער כח הנחש. דאָרט האָט דער שטן אַ שליטה מסית צו זיין און איינרעדען אַז דער גדר איז אַן איבער־ריגע זאַך; און קוים ברעכט ער נור איין דעם גדר איז שוין זיין וועג פריי צום כ ר ם אַליין...

דער „ואף אתה״ צום רשע איז פאָלגליך אויך אַ וואַגיגער ענט־פער, אַן ענטפער וואָס טראָגט געוויכט און איז איבערצייגענד.

איז די מצוה פון „למען תזכור״, ווי געזאָגט, אַ מצוה גוררת מצוה. עס איז אַ למען תזכור וואָס שלעפט מיט זיך מיט דעם „כל ימי חייך״. דורך דער דאָזיגער סדר נאַכט איז דאָ די געלעגענהייט איינצופלאַנצען אין די קינדער די זריעה פון תורה און מצוות אויך אויף אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָהר.

דורכ׳ן זבח משפחה וואָס ברענגט די קינדער צום טאַטענס טיש און דערנעהענטערט דעם „לב בנים על אבותם״ איז אויך דאָ די געלעגענהייט צו דער רעאַליזירונג פון דעם ערשטען האַלבען פסוק — והשיב לב אבות על בנים.

למען תזכור!

לפסח

ג.

רבן גמליאל אומר כל שלא אמר שלשה דברים אלו בפסח לא יצא ידי חובתו ואלו הן: פסח מצה ומרור.

וועגען ע ס ע ן די דאָזיגע דריי זאַכען רעדט זיך דאָ ניט, דען אין באַצוג צו עסען איז דאָך ממה נפשך: בזמן שבית המקדש קים איז עס דאָך אַ מצות עשה אין דער תורה „על מצות ומרורים יאכלוהו", טאָ מאי קא משמע לן רבן גמליאל? אויב ווידער בזמן הזה, קען דאָך ניט זיין קיין שלשה דברים ווייל קיין פסח איז דאָך ניטאָ.

זאָגט אָבער ניט ר"ג כל שלא א כ ל נור כל שלא א מ ר. עס רעדט זיך וועגען ז אָ ג ע ן און ניט וועגען עסען און ז אָ ג ע ן קען מען שוין אין אַלע צייטען אפילו בזמן הזה.

און דאָס ז אָ ג ע ן שפּיעלט אויך אַ באַדייטענדע ראָלע אין דעם פסח יו"ט. דער גאַנצער פסח איז באַזירט אויף'ן ז אָ ג ע ן און דער „והגדת לבנך" איז פונקט אַזאַ מצות עשה ווי דער „בערב תאכלו מצות" אָדער דער „על מצות ומרורים יאכלוהו".

מען זאָגט נאָך פון גרויסע צדיקים אַז זיי פלעגען זאָגען אַז דער „סדר" פון פסח איז א סדר (פּראָגראַם) פאַר אַ גאַנץ יאָהר. איז וואָס פאַר אַ כונה עס זאָל אין דעם ניט ליגען, איין זאַך איז זיכער אַז דער „והגדת לבנך" כאָטש עס איז אַ ספּעציפישע מצוה פאַר פסח, פאַר'ן „ביום ההוא", אָט ד י מצוה איז זיכער פאַר אַ גאַנץ יאָהר אויך. חנוך הבנים איז זיכער ניט קיין מצות עשה שהזמן גרמא.

רבן גמליאל זעהט דעריבער אין די דריי זאַכען, פסח מצה ומרור, דריי הויפּט יסודות אויף וועלכע דער קיום היהדות דאַרף באַזירט ווערען און דעריבער זיינען זיי אויך די הויפּט דריי זאַכען פאַר'ן „והגדת לבנך" אַזוי אַז „כל שלא א מ ר שלשה דברים אלו" אויב ער האָט די דריי זאַכען ניט ג ע ז אָ ג ט בשעת'ן „והגדת" איז „לא יצא ידי חובתו",

וואָרט און צייט

האָט ער ניט יוצא געווען זיין חובת חנוך און ניט מקיים געווען דעם „והגדת״.

פסח מצה ומרור!

כראָנאָלאָגיש האָט אייגענטליך דער סדר געדאַרפט זיין „מרור פסח ומצה״ ווייל דער „וימררו״ איז דאָך געווען פריהער אין צייט ווי דער הקרבת הפסח און פסח איז געווען פריהער ווי מצה וואָס איז צוליעב׳ן „שלא הספיק בצקת אבותינו להחמיץ״.

ר״ג שטעלט אָבער פסח צו ערשט, דערפאַר וואָס ווען עס האַנדעלט זיך אין דעם „והגדת לבנך״ דאַן איז פסח דער אלף אין דעם שולחן ערוך פון חנוך הבנים.

פסח איז דער סימבאָל פון מסירות נפש, דער צייכען פון דעם „בדמיך חיי״ וואָס זאָגט אַן דעם אידען אַז אידישקייט איז פאַרבונדען מיט מסירות נפש, מיט קרבנות.

פסח איז דער ערשטער עלעמענטארישער סעיף פון אידישקייט, און אויב אידישקייט איז אַזאַ ווערטפולע זאַך וואָס באַצירט דעם קאָפּ פון זיין טרעגער מיט אַן „אתה בחרתנו״ קרוין, מאַכט ניט אויס וואָס מ׳דאַרף פאַר דעם באַצאָהלען אַזאַ טייערען פרייז. פאַר ווערטפולע זאַכען צאָהלט מען הויכע און טייערע פרייזען. טאַ געדענק זשע קינד, דאַרף דער טאַטע צו איהם זאָגען, אַז „פסח״ איז דער ערשטער בוכשטאַב פון דיין אידישקייט. מוזט זיין גרייט און געפאַסט צו קעמפּפען פאַר דיין אידישקייט אפילו ווען דו וועסט דערביי אויך קרבנות דאַרפען ברענגען.

מצה ומרור!

און דער דאָזיגער פסח, דער קרבן היהדות, אָפּעריערט איןביידע זאַכען, אין מ צ ה און אין מ ר ו ר. „על מצות ומרורים יאכלוהו״. די אכילת פסח איז פאַרבונדען מיט ביידע אכילות סיי מיט מצה און סיי מיט מרור.

מצה איז דער סימבאָל פון גאולה און מרור דער סימבאָל פון גלות, און אין ביידע פאַלען קען די פונקציע פון אידישקייט ניט געהעריג דורכגעפיהרט ווערען אָהן פ ס ח, אָהן קרבנות.

„מצה״ שטעהט אָבער צווישען פסח און מרור ווייל אין אמת׳ען איז מצה אַליין דער סימבאָל פון ביידע זאַכען, אי פון עבדות אי פון חרות.

לפסח

דער „לחם ע ו נ י" באַצייכענט די ע נ י ו ת אין דער עבדות פעריאָדע ווערהענד דער „על שלא הספיק בצקת אבותנו להחמיץ" באַצייכענט די פעריאָדע פון חרות. איז דערפאַר מצה אַריינגעשטעלט געוואָרען אין צענטער צווישען פסח (גאולה) און מרור (עבדות) ווייל זי האָט, ווי געזאָגט, צו ביידען אַ שייכות.

און ווען מען זאָגט „הא לחמא עניא" פיהרט מען אויס „השתא הכא לשנה הבאה בארעא דישראל", ווידער אַ רמז אַז דער „לחמא עניא", די מצה, איז דער סימבאָל פוןביידע זאַכען צוזאַמען, פון דעם „השתא" און פון דעם „לשנה הבאָה".

יאָ, סיי אין גלות און סיי אין גאולה, סיי אין מצה און סיי אין מרור, מוז מען געדענקען דעם קרבן פסח. דען ניט נור איז אידישקייט אַ פראָבלעמע אין גלות נור אויך אין גאולה; ניט נור ווען מען געפינט זיך אין דער פ ר ע מ ד איז דער קיום היהדות פאַרבונדען מיט מסירות נפש נור אויך ווען מען געפינט זיך ביי ז י ך. דער אונטערשיעד איז נור אין דעם וואָס אין דער פרעמד ליידעט אידישקייט ווייל זי דאַרף שקלאַפען ביי י ע נ ע ם און ביי זיך קען אידישקייט ליידען פון שקלאַפען ביי זיך אַליין. אין דער פרעמד איז עס על פי רוב אַ נסיון ה ע ו נ י און ביי זיך איז עס אַ נסיון ה ע ו ש ר; אין דער פרעמד איז עס אין מעהרערע פאַלען עבדות ה ג ו ף ווערהענד ביי זיך איז עס הויפט־זעכליך עבדות ה נ פ ש און דאָס לעצטע איז זיכער פיעל ערגער און פיעל דראָהענדער פאַר דאָס ערשטע.

ס'איז באַוואוסט וואָס דער באַריהמטער ספר מעשי ה' ערקלערט וועגען דעם שנוי הלשון אין דער פסקא פון „עבדים היינו" וואו עס פאַנגט זיך אָן מיט „ע ב ד י ם" און ענדיגט זיך מיט „מ ש ו ע ב ד י ם" (ואלו לא הוציא הקב"ה — — הרי אנו — — מ ש ו ע ב ד י ם היינו).

דאָס ווערט אין דעם דערמאָנען ספר ערקלעהרט מיט דער באַקאַנטער גמרא וואָס זאָגט אַז דערפאַר זאָגט מען ניט קיין ה ל ל אין פורים און אין פסח יאָ, ווייל „אכתי עבדי אחשורוש אנן". דער הסבר דערפון איז אַזוי: ווען איינער גיט דעם צווייטען אַ מתנה דאַן פאַדערט די

עטהיק אַז דער מקבל זאָל אויסדריקען דעם נותן אַ דאַנק פאַר די דאָזיגע מתנה. אויב אָבער מען נעהמט ביי איינעם אַרויס אַ זאַך מיט גוואַלד, דאַרט פּאַסט זיך נאַטירליך קיין דאַנק ניט.

אין דעם באַשטעהט דער אונטערשיעד פון נסי גאולת מצרים ביז די נסי פורים. אין מצרים האָט אונז פרעה קיין גאולה ניט געגעבען, מ'האָט עס ביי איהם גענומען ביד חזקה, זיינען מיר איהם דעריבער קיין דאַנק ניט שולדיג געבליבען. אחשורוש אָבער האָט דאָך אונז געגעבען אַ גאולה מיט זיין אייגענעם ווילען, זיינען מיר איהם יאָ שולדיג געבליבען אַ דאַנק.

א קאָלעקטיווער דאַנק פון אַ גאַנצעס פאָלק קריגט זיין אויסדרוק אין אינספּירירענדע לאָיאַליטעט און עקסטאַזנעם פּאַטריאָטיזם,ביידע אַזעלכע זאַכען וואָס גרעניצען זיך מיט אסימילאַציע. מיט אַסימילאַציע וויל מען געבען דעם העכסטען אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט און פאַרעהרונג צו יענעם פאָלק וואָס האָט אונז אַזאַ טייערע מתנה געגעבען. קוים קומט עס צו אַסימילאַציע פאַרליערט שוין די גאולה איהר ווערט און באַדייטונג. עס איז שוין מעהר קיין גאולה ניט. ס'איז בלויז אַ טראַנספּערירונג פון עבדות פון איין גלגול אין דעם אַנדערען, פון עבדות הגוף אין עבדות הנפש, אָבער „אכתי עבדי אחשורוש אנן", נאָך דער גאולה בלייבט מען נאָך אַלץ עבדי אחשורוש. קען מען דעריבער אויף אַזאַ „גאולה" קיין הלל ניט זאָגען. ביי גאולת מצרים אָבער איז די גאולה געווען אַ גאַנצע סיי בגוף און סיי בנפש. דאַרט איז ניט געווען „אכתי עבדי פרעה אנן" ווייל מיר זיינען פרעה'ן קיין דאַנק ניט שולדיג געבליבען און אַזאַ גאולה פאַרדינט טאַקע מ'זאָל אויף איהר הלל זאָגען.

אין ליכט דערפון איז שוין דער עבדים היינו גאַנץ פאַרשטענדליך: „עבדים היינו לפרעה במצרים, ויוצאנו ה"א משם ביד חזקה ובזרוע נטויה". וואָלט אָבער דער פאַל ניט געווען אַזאַ: „ואלו לא הוציא הקב"ה את אבותנו ממצרים" ווען יציאת מצרים וואָלט ניט געווען דורכ'ן „הוציא הקב"ה ביד חזקה" נור ס'וואָלט געווען ווי אין אחשורוש פאַל, פרעה אַליין וואָלט אונז געגעבען די גאולה, דאַן — „הרי אנו ובנינו ובני בנינו משועבדים היינו לפרעה במצרים", אפילו נאָך אונזער באַפרייאונג, ווען קיין עבדים וואָלטען מיר שוין ניט געווען,

לפסח

מ ש ו ע ב ד י ם וואָלטען מיר נאָך אָבער אַלץ געווען. מיר וואָלטען אויס דאַנקבאַרקייט געבליבען ג י י ס ט י ג משועבד אפילו אין אונזער פרייהייטס פעריאָדע.

און ווען מען רעדט וועגען גייסטיגע עבדות קען שוין אַזאַ זאַך, ווי געזאָגט, אויך געשעהן ביי זיך אַליין און דער מענש וואָס איז אַ צוזאַמענ־שמעלצונג פון גוף מיט נפש, קען מאַכען דעם גוף פאַר'ן הערשער און דעם נפש פאַר'ן שקלאַף.

וואָרפט דעריבער דער „והגדת לבנך" אַרויף די פליכט אויף'ן אידישען טאַטען צו ציהען די אויפמערקזאַמקייט פון זיין קינד צו דער דאָזיגער מעגליכקייט פון עבדות הנפש און איהם אַנוויזען אַז ס'איז נויטיג מסירות נפש, דער סימבאָל פון פסח, אויך אין דער תקופה פון מצה, דער סימבאָל פון חרות.

ווי אַזוי צו באַפרייען זיך פון דער דאָזיגער מעגליכער עבדות אין דער תקופה פון מ צ ה, דאַרויף איז טאַקע אין מצה אַליין פאַראַן דער ענטפער.

מצה, לחם עוני, איז דער סימבאָל פון „הסתפקות". די הויפט סיבה פון עבדות הנפש ליגט אין דעם לוקסעריעזען לעבען. ווען מען באַגנוגענט זיך ניט מיט דעם וואָס מען האָט נור מען יאָגט זיך נאָך רייכטום, מוז מען האַלטען דעם גוף אימער פאַרשקלאַפט. מען דאַרף אויסאַרבייטען גענוג אויף קענען נאָכקומען די אַלע לוקסעריעזע פאָדערונגען. דאָס פיהרט דערצו אַז מ'זאָל פאַרבויגען דעם דאַוונען, דעם שבת און דעם יום־טוב. די ששת ימי המעשה זיינען ניט גענוג אויף צו קענען ענטפערען דעם געברויך פון די דאָזיגע אַלע פאָדערונגען. מען מוז פאַרקויפען די נשמה כדי צו קענען זעטיגען דעם אַפעטיט פון גוף. עס איז „ ב נ פ ש ו יביא לחמו", מ'דאַרף איינשפאַנען דעם נ פ ש אין דיענסט פון דעם ל ח ם . . .

דער סימבאָל פון חרות איז דוקא דער „לחמא עניא" און ניט די „מצה עשירה"... אויב ס'איז „כהא לחמא עניא די אכלו אבהתנא בארעא דמצרים", אויב מיר ווילען קאָפּירען אונזערע עלטערען און זיך צופרי־דענשטעלען מיט „לחם עוני" און דערמיט יוצא זיין צו ענטפערען דעם „כל דכפין ייתי ויכול", דאַן איז זעהר גרינג איבערצוגעהן פון דעם „השתא

עבדי״ צום „לשנה הבאה בני חורין״. דאַן וועט אויך זיין גרינג איבערצו־ געהן פונ׳ם „השתא הכא״ צום „לשנה הבאה בארעא דישראל״, דען מיט אַ לעבען פון הסתפקות, פון שפּאָרזאַמקייט, וועט דער שבת בלייבען אין זיין קדושה און דאָרט וואו ס׳איז דאָ שבת איז אויך דאָ גאולה, ווייל — „אלמלי שמרו ישראל שתי שבתות מיד היו נגאלין״.

און וואו ס׳איז פאַראַן חרות הנפש דאָרט איז באמת אויך דאָ חרות הגוף. ראשית, דאַרף דער גוף ניט אַזוי שקלאַפען. פאַר אַ שפּאָרזאַמען לעבען איז גענוג שפּאָרזאַמע אַרבייט, און שנית האָט אונז שוין די ערפאַהרונג געוויזען מיט וואָס עס ענדיגט זיך דעם מענשענס גורל איןביידע פאַלען. די וואָס יאָגען זיך נאָך אַ רחבות׳דיגען לעבען קומען אין פיעלע פעלע סוף סוף צו באַנקראָט ווען אַלץ ווערט פון זיי דעמאָלט אָוועקגענומען, פאַרלירען דאָס געלט, דעם נאָמען, דעם כבוד און רעספּעקט און פון זייער „תחלתן שלוה״ ווערט אַ „וסופן יסורים״. די בחינה פון „מרור״, „תחלתו רך וסופו קשה״. די אָבער וואָס זיינען פון די „מסתפקים במועט״, די לעבען זיך אימער גליקליך. זיי באַזיצען אַ פרייע נשמה מיט אַ פרייעם גוף. ביי זיי איז „אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא״.

כל שלא א מ ר שלשה דברים אלו בפסח לא יצא ידי חובתו!

אין באַצוג צום „והגדת לבנך״ איז דער פסח סדר, ווי געזאָגט, געוויס אַ סדר פאַר אַ גאַנץ יאָהר. עס איז די פרשה פון חנוך וואָס טרעט אויס פאַר׳ן אידישען קינד דעם ריכטיגען וועג אין לעבען סיי אין דער תקופת הגלות און סיי אין דער תקופת הגאולה, סיי אין מ צ ה און סיי אין מ ר ו ר און אין ביידע פאַלען איז פ ס ח דער ערשטער אלף פון דער דאָזיגער פרשה. עס קען ניט זיין קיין אידישקייט, אָהן פסח, אָהן מסירות נפש. עס וואָלט דאַן זיין אַ בנין אָהן אַ יסוד.

אחרון של פסח

(יזכור)

ויקח משה את עצמות יוסף עמו.
להודיע חכמתו וחסידתו של משה שכל **ישראל עוסקין בבזה ומשה עוסק במצות עצמות יוסף, עליו הכתוב אומר: חכם לב יקח מצוות.**
(מכילתא פ׳ בשלח).

בא וראה כמה חביבות מצוות על משה **רבנו שכל ישראל כולן נתעסקו בביזה** והוא נתעסק במצוות שנאמר חכם לב יקח **מצוות.**
(סוטה י״ג).

ווערט משה שטאַרק געלויבט פאַר דעם דאָזיגען טהאַט וואָס וועהרענד אַלע אידען האָבען זיך צוגעכאַפּט צו דער ביזת מצרים, איז ער אָבער אָב־געשטאַנען דערפון און האָט זיך עוסק געווען אין די עצמות יוסף.

פון דעם לויב פאַר משה׳ן קומט אָבער אויך אַרויס אַ טאַדעל פאַר די אַנדערע אידען און דאָס לאָזט זיך שוין אַביסעל נאָכדענקען. דען נאָך אַלעמען איז דאָך ביזת מצרים אויך געווען אַ מצוה, און נאָך אַזאַ מצוה וואָס איז געקומען מיט אַ באַזונדער באַטאָנונג פון „דבר נ א באזני העם — אין נא אלא לשון בקשה״. טאָ אויב אַזוי פאַרוואָס קומט זיי געטאַדעלט צו ווערען דערפאַר. אויב אַלע אידען וואָלטען זיך גענומען צו די עצמות יוסף, וואָלט דאָך די מצוה פון ביזת מצרים ניט מקוים געוואָרען ?

מען דערצעהלט צווישען חסידים וועגען אַ געוויסען סקווירער חסיד וואָס האָט נאָכגעטאָן דעם רבי׳ן און פלעגט פרייטאָג צו נאַכט מהדר זיין צו עסען צוועלף לעפעל יויך ווייל אַזוי האָט זיך דער רבי אויך נוהג געווען. אַנדערע מעהר געהויבענע חסידים האָבען אַזעלכע נאָכהאַמונגען ניט גורס

ווארט און צייט

געוועזן. ווען זיי האבען דעם נאכמאכער פארגעהאלטען למאי ער טוט עס, האט ער זיי ערקלעהרט אז אויב דער רבי טוט אזוי איז דאך א סימן אז אין דעם מספר צוועלף שטעקט עפעס א געוויסער סוד, טא פארוואס ניט מקיים זיין א מצוה אויך על פי סוד. דערויף האט איהם א קלוגער חסיד ערווידערט: יא, ביסט אפשר גערעכט. דער רבי אבער עסט דאך צוועלף קליינע לעפעלאך, דו עסט דאך אבער צוועלף קאך־לעפעל...

ביזות מצרים איז טאקע געווען א מצוה, מ׳האט געדארפט נאכקומען דעם „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול״. מ׳האט דאך אבער געקענט יוצא זיין דעם רכוש גדול מיט א קלענערע פארציע. דער טערמין „גדול״ קען דאך ניט מיינען אין כמות ווייל דאן איז דאך בכלל דערצו קיין שיעור ניטא „ומי שיש לו מנה רוצה מאתים״. אין איכות אבער קען אפילו א קלענערע סומע אויך באטראכט ווערען פאר א רכוש גדול, דען „איזהו עשיר השמח בחלקו״, און אויב אזוי איז דאך קליינע לעפעלאך אויך גענוג און ניט גראדע ק א כ ל ע פ ע ל... מיט „קליינע לעפעלאך״ וואלט שוין געבליבען אויך צייט פאר די „עצמות יוסף״. דערפון דער קריטיק און דער טאדעל צו כל ישראל און די לויב געזאנגען צו משה׳ן.

אין אמת׳ען ליגט אבער דא נאך א כונה לויט וועלכע דער דאזיגער ענין קריגט שוין אויך א פערמאמענטע באדייטונג. עס דיענט אגב אורחא אלס הוראה לדורות אין דעם צוגאנג צו א מצוה, איבערהויפט דארט וואו עס האנדעלט זיך אין אן אויסוואהל צווישען איין מצוה און דער אנדערער.

דען אויב ס׳איז טאקע אמת אז „הוי זהיר במצוה קלה כבחמורה״ מיינט דאס אבער אלץ ניט אז אלע מצוות זיינען פון איין שטייגער און פון איין גלייכע אבשאצונג. שוין דער פאקט אליין וואס דער תנא רופט עס אן „קלה״ און „חמורה״ איז שוין א קלארער באוויז אז ס׳איז יא פאראן א געוויסע קלאסיפיקאציע אין מצוות. זיינען דאך אויך פאראן געוויסע אויסגעקליבענע מצוות אויף וועלכע עס ווערט געזאגט „שקולה מצוה זו כנגד כל המצוות שבתורה״. דער תנא מיינט נור צו זאגען אז אויך צו א מצוה קלה דארף מען זיך באציהען מיט דער פולער ערנסטקייט. מ׳טאר ניט מזלזל זיין אין איהר און מ׳טאר איהר ניט גרינגשעצען.

לאחרון של פסח

דאָרט אָבער וואו עס טרעפען זיך צוזאַמען אַ קלה מיט אַ חמורה, קומט געוויס דער פאַרצוג דער לעצטער.

און קומען מיר נור דערצו אַז אויך ביי מצוות איז פאַראַן אַן אויסוואַהל, איז שוין ממילא פאַראַן פלאַץ פאַר אַ גענויע באַטראַכטונג, שטודירונג און פאָרשונג וועגען דעם כאַראַקטער פון יעדער מצוה באַזונדער כדי צו וויסען ווי צו האַנדלען אין אַ פאַל ווען צוויי מצוות צוםביישפיעל טרעפען זיך צוזאַמען און ביידע מיטאַמאָל קען מען ניט מקיים זיין, וועלכע פון זיי זאָל אַלזאָ קריגען דעם פאַרצוג.

פאַראַן למשל מצוות וועלכע זיינען פון אַ דויערהאַפטיגען כאַראַקטער ווי צוב"ש: „והגית בו יומם ולילה"; „שויתי ה' לנגדי תמיד", אָדער טאַקע די מצוה פון היינטיגען יו"ט גופא, „לספר ביציאת מצרים" אויף וועלכער דער בעל ההגדה זאָגט: „כל המרבה לספר ביצ"מ הרי זה משובח". אייגענטליך איז דער דאָזיגער „כל המרבה" אָביסעל אין ווידער־שפרוך צו אַ צווייטען מאמר וואָס זאָגט „אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכון לבו לשמים"?

ס'איז אָבער העכסט וואַרשיינליך אַז די הגדה איז דאָ אויסען צו כאַראַקטעריזירען די דאָזיגע מצוה אַלס אַזאַ פון אַ פערמאַנענטען כאַראַק־טער. מען זאָל ניט דענקען אַז מיט דערצעהלען יצי"מ איינמאָל אין יאָהר, פסח צום סדר, איז מען שוין יוצא. ניין, עס דאַרף זיין „מרבה לספר", אַלע טאָג, ערב ובקר.

פאַראַן אָבער מצוות וואָס זיינען ניט אַזוי פערמאַנענט. פאַראַן אַזעלכע וואָס זיינען בלויז איינמאָל אַ וואָך (שבת), איינמאָל אַ חודש (ראש חודש), איינמאָל אַ יאָהר (שופר, יו"כ, סוכה, לולב אד"ג) און פאַראַן אויך אַזעלכע וואָס קענען טרעפען בלויז איינמאָל אין אַ לעבען ווי למשל מצות מילה פון אַ בן יחיד אָדער פדיון הבן און עהנליכעס.

פאַראַן למשל אויך אַזעלכע מצוות וואָס אָבוואָהל דער טהאַט פון דער מצוה איז ניט פון אַזאַ פערמאַנענטען כאַראַקטער, די פאָרברייטונגען צו דער מצוה אָבער נעהמען אַ לענגערע צייט און אַט די צייט ווערט אויך פאַררעכענט פאַר אַ טייל פון דער מצוה איז שוין ממילא די מצוה מעהר דויערהאַפטיג. צו דעם סאָרט געהערט דער שכר הליכה און שכר פסיעות פון דעם „הולך לעשות מצוה" וואָס ניט נור די מצוה

אַליין נור אויך די ה ל י כ ה, דער וועג צו דער מצוה, ווערט פאַר־רעכענט אַלס אַ חלק פון דער מצוה.

דאָס איז דאָך אייגענטליך דער טעם פאַרוואָס „שליחי מצוה אינם ניזוקים״ ווייל דער גאַנג גופא איז אויך אַ מצוה, איז ממילא די דאָזיגע מצוה אויף איהם מגין.

ווען עס קומען דעריבער צום האַנט צוויי מצוות איינע פון וועלכע דער זמן עשית המצוה איז אַ באַשרענקטער און די צווייטע וואָס איז מעהר דויערהאַפטיג אין צייט, פאַרשטעהט זיך אַז מען דאַרף בעסער אויסקלייבען די לעצטע וועלכע איז אין דער בחינה פון „תדיר ושאינו תדיר, תדיר קודם״. אין אַזאַ פאַל איז די צווייטע אַנטקעגען די ערשטע אין דער בחינה פון אַ סך מצוות אַנטקעגען איין מצוה, דען יעדער רגע אין צייט און יעדער טריט אין גאַנג איז דאָך אַן און פאַר זיך אַ באַזונדער מצוה.

דער זעלבער אונטערשיעד איז אויך צווישען די מצוה פון „ביזת מצרים״ און די מצוה פון „עצמות יוסף״ וואָס מיינט דער „מצוה לקיים דברי המת״. ביזת מצרים איז דאָך אַ מצוה עוברת און ניט פון קיין דויערהאַפטיגען כאַראַקטער. וועהרענד די מצוה פון „והעליתם את עצמותי מזה אתכם״ ציהט זיך דאָך פון מצרים ביז שכם״. מיט יעדער רגע און מיט יעדער טריט איז מען דאָך מקיים אַ באַזונדער מצוה, איז דאָך די א י י נ ע מצוה כולל אין זיך אַ סך מצוות.

משה האָט דעריבער באַנוצט דערביי אי „חכמתו״ און אי „חסידתו״ ווען ער האָט געגעבען דעם פאַרצוגג צו די עצמות יוסף איבער ביזת־מצרים.

זעהר ריכטיג האָבען דעריבער אונזערע חז״ל אין דער גמרא און מכילתא פון אונזער טעקסט, צוגעבראַכט דערצו דעם פסוק פון „חכם לב יקח מצוות״. מיט'ן אויסוואַהל פון עצמות יוסף האָט דער „חכם לב״, משה, גענומען פאַר זיך ניט א י י ן מצוה נור אַ סך, „יקח מ צ ו ו ת״...

***

הזכרת נשמות געהער אויך צו דעם סאָרט מצוות וואָס מיט'ן טאָן די איינע מצוה איז מען גלייכצייטיג מקיים מעהרערע מצוות מיטאַמאָל.

לאחרון של פסח

צום אַלעם ערשטען די מצוה פון כבוד אָב ואם וואָס לויט'ן דין איז דאָך „מצוה לכבדם בחייהם ולכבדם במותם" (קדושין ל"א, יו"ד ס"י ר"מ).

דאָן די מצות צדקה וואָס קומט אין פאַרבינדונג מיט הזכרת נשמות: „ליתן צדקה בעד המתים כשמזכירין נשמותיהם" (או"ח ס"י תרכ"א). „שאף המתים צריכים כפרה ויש להם זכות בנתינת צדקה עבורם, שהשי"ת בוחן לבות ויודע שאילו היו בחיים היו נותנים צדקה" (ט"ז שם).

„ע"י הצדקה בעד המתים מטיבין להמתים ובכח הצדקה שנודרים המתים מתפללים על הבנים ובכן הצדקה מועילה גם לחיים וגם למתים" (ספר חסידים ס"י תתשע"א).

„מעשה בחסיד אחד שהיה נודר בשביל הנשמות, בשביל קרוביו, אמרו לו למה אתה עושה כן, א"ל מפני שאני נהנה בזכותם ולא אהיה כפוי טובה ואף הן לא יהיו כפויי טובה ויתפללו בעדי שייטיב לי הקב"ה. (ספר חסידים ס"י קע"ו).

דאָן די מצוה פון „חסד של אמת" וואָס איז שייך אפילו ביי פרעמדע מתים וואו ס'איז ניטאָ די מצוה פון כבוד אב ואם און על אחת כמה וכמה ביי עלטערען וואו ס'איז נאָך פאַרבונדען מיט מצוות כבוד.

זאָל דעריבער דער „יזכור" ניט גרינג געשעצט ווערען ווייל אויב דער מקור פון יזכור שטאַמט טאַקע נור פון מנהג, איז אָבער „תחלתו במנהג וסופו במצוה" און, ווי געזאָגט, ניט אין איין מצוה נור אין מעהרערע מצוות.

די גרינגשעצונג נעהמט זיך נאַטירליך דערפון וואָס מען זעהט אַז יזכור איז אַזוי פאַרהייליגט געוואָרען ביי די ברייטע שיכטען פון די פאָלקס מאַסען אַז אפילו די אידען וועלכע זיינען ניט אַזעלכע שטאַרקע מהדרים במצוות און ס'איז רעכט אַז אין די סאַמע עקרים אונזערע זיינען זיי היבש מזלזל, ווען עס קומט אָבער צו יזכור זיינען אפילו די דאָזיגע מזלזלים אויך שטאַרקע מהדרים כאָטש אין אמת'ען איז דער גאַנצער יזכור ניט מעהר ווי אַ מנהג.

איז טאַקע דער דאָזיגער קריטיק באַרעכטיגט, אָבער נור אויף אַזוי ווייט וואָס אַנבאַלאַנגט דער זלזול אין אַנדערע מצוות, אָבער ניט אין וואָס

וואָרט און צייט

אָנבאַלאַנגט די זהירות אין יזכור. קריטיקרען דאַרף מען פאַר י ע נ ע ם חלק וואָס די דאָזיגע אידען טהוען נ י ט אָבער ניט פאַר ד ע ם חלק וואָס זיי טהוען י אָ...

ווער שמועסט נאָך ווען די דאָזיגע יזכור אידען טוהען ווי געהעריג זייער פליכט צו דעם צדקה טייל וואָס איז פאַרבונדען מיט'ן יזכור, זיי רופען זיך וואַרעם אָפּ אויף די רבנישע אַפּיעלס פאַר די תלמוד תורה'ס, ישיבות און אַנדערע מוסדות הצדקה והחסד, דאַן ווערט דאָך דער יזכור אויך פון אַ דויערהאַפטיגען כאַראַקטער. עס ווערט אַ מצוה וואָס ציהט זיך נאָך לאַנג לאַנג נאָכ'ן יזכור. די קאָלעקטיווע נדבות וואָס מאַכען מעגליך דעם אָנהאַלטענדען עקזיסטענץ פון די דערמאָנטע אָנשטאַלטען פאַר לאַנגע לאַנגע מאָנאַטען, מאַכען דאָך די יזכור מצוה פאַר אַ מצוה אריכתא וואָס יעדער טאָג שטעלט אַרויף אַ באַזונדער קרעדיט אויף איהרע טוער. זיי ווערען דאָך דאַדורך אויך קלאַסיפיצירט צווישען יענע חכמים אויף וועלכע דער פסוק זאָגט „חכם לב יקח מ צ ו ו ת".

איז יזכור פון יענע אידישע מנהגים וואָס פאַרדינט היבש געלויבט צו ווערען. עס איז אַ וויכטיגער פאַקטאָר און חשוב'ער אינסטרומענט אין דער אויפהאַלטונג פון אונזערע מוסדות התורה והחסד.

הבו גדל!

שבועות

א.

מתן תורה וקבלת התורה

ויוצא משה את העם לקראת אלקים מן המחנה ויתיצבו בתחתית ההר.
(שמות יט—יז).

א״ר אבדימי בר חמא בר חסא מלמד שכפה הקב״ה עליהם את ההר כגיגית ואמר להם אם אתם מקבלים התורה מוטב, ואם לאו, שם תהא קבורתכם.
(שבת פח).

דער דאָזיגער ציטירטער מאמר חז״ל געהערט צו יענע פּאָפּולערע מאמרים אויף וועלכע ס׳איז שוין „אַ סך טינט אויסגעגאָסען געוואָרען און פיעל פעדערס צובראָכען געוואָרען״. כמעט אַלע שבועות דרשות אָנפאַנגענדיג פון די גדולי הדרשנים פון די פריהעריגע דורות ביז די מאָדערנע מטיפים פון היינטיגען דור, זיינען אַלע באַזירט אויף אָט די דערמאָנטע גמרא. אַלע מיט די זעלבע קשיות און מיט די זעלבע דיוקים ווען אפילו די אויפקלעהרונגען און באַלייכטונגען צוגעהען זיך אין באַזונדערע פאַרשידענע וועגען, יעדערער אויף זיין שטייגער וכיד הדרשנות הטובה עליו.

וועלען מיר ניט איבעראַקערען דאָס געאַקערטע און איבערדרעשען דאָס געדראָשענע. מיר וועלען זיך אָבער אָפּשטעלען בלויז אויף איין דיוק וואָס פאַרדינט נאָך אונזער מייגונג געגומען צו ווערען אין באַטראַכטונג.

ווי עס זעהט אויס פון דיזען מאמר חז״ל, האָט זיך דאָ געהאַנדעלט בלויז אין קבלת התורה. ווייסען מיר דאָך אָבער אַז פון מ ק ב ל זיין אַ תורה ביז מ ק י י ם זיין אַ תורה איז נאָך פאַראַן אַ היבשער מהלך. דאָס מקבל זיין די תורה איז נאָך ווייט ניט קיין גאַראַנטי אַז מ׳וועט די דאָזיגע תורה אויך מקיים זיין, און דער ק י ו ם איז דאָך אייגענטליך די הויפּט זאַך, דאָס איז דאָך דער תכלית און ענד ציעל. און אויב אַזוי, האָט דאָך דאָס דינ־

וואָרט און צייט

געניש ביי מתן תורה געדאַרפט הויפּטזעכליך זיין אויף'ן קיום התורה און ניט אויף'ן קבלת התורה וואָס איז בלויז אַן אמצעי צום תכלית?

משמעות אַז אין קבלת התורה איז שוין טאַקע געווען אַ פאַרזיכערונג אויף'ן קיום אויך, אָבער ווי לאָזט זיך עס ערקלעהרען?

דערצו איז אָבער אויך נויטיג זיך אָפּצושטעלען אויף די אַנדערע צוויי טערמינען פון מ ת ן תורה און ק ב ל ת התורה.

אין אונזערע תפלות און ברכות ווערט דער שבועות יו"ט באַצייכענט אַלס „זמן מ ת ן תורתנו" וועהרענד דער „הר סיני דיעל" איז לויט'ן ציטירטען ר' אבדימי באַשטאַנען ניט אין מ ת ן תורה נור אין ק ב ל ת התורה, און ד אָ ס אָהן צוויפעל זאָגט דאָך אונז אויך עפּעס.

ווייזט טאַקע דעריבער אויס אַז דער קבלת התורה וואָס שטעהט אין סאַמע צענטער צווישען מ ת ן תורה און ק י ו ם התורה, איז טאַקע אויך געווען דער צענטראַלער פונקט אַרום וועלכען די פאַרהאַנדלונגען זיינען אָנגעגאַנגען און אַרום וועלכען די פאַרהאַנדלונגען האָבען ג ע ד אַ ר פ ט אָנגעהן.

עס זעהט אויס אַז אויף מ ת ן תורה האָט מען זיי גאָר ניט ג ע־ ו ו אָ ל ט פרעגען און אויף ק י ו ם התורה האָט מען זיי שוין ניט ג ע ד אַ ר פ ט פרעגען, און דאָס לאָזט זיך זעהר לייכט ערקלעהרען.

אַז אַ פאָלק, אירגענד וועלכער פאָלק, נויטיגט זיך אין אַ קאָנסטיטוציע, וועגען דעם קענען קיין צוויי מיינונגען ניט זיין. אַ קאָנסטיטוציע פאַר אַ פאָלק איז אַ נויטיגע עלעמענטאַרישע באַדערפעניש אָהן וועלכע דאָס באַטרעפענדע פאָלק קען קיין איין טאָג ניט אויסקומען. דען ווי איז עס מעגליך איינצואָרדנען אַ פאָלקס לעבען אָהן וועלכע עס איז פאַרשריפטען און גרונט רעגולאַציעס וואָס זאָלען דיענען אַלס באזיס פאַר זיין לעבענס שטייגער?

ווייסען מיר דאָך אַז אַ ציוויליזירטער לעבען מאַכט עס נויטיג זאָגאַר פאַר דעם קלענסטען פאַראיין און חברה'לע צו האָבען אַן אייגענע קאָנסטיטו־ציע לויט וועמעס געזעצען און פאַרשריפטען דער פאַראיין אָדער חברה פיהרען זייער ווירטשאַפטליכקייט.

נעמען מיר אַלס ביישפּיל לאָמיר זאָגען אַזאַ לאַנד ווי אַמעריקא ווייסען מיר דאָך אַז זי איז אַ קאָנסטיטוציע לאַנד פון אויבען ביז אַראָפּ. איז פאַראַן אַ פעדעראַלע קאָנסטיטוציע, סטייט קאָנסטיטוציעס, שטאָדטישע קאָנסטי־

לשבועות

טוציעס און יעדער אָרדען, לאדזש, פאַראיין און סאָסייעטי האָבען זיך ווידער זייערע אייגענע קאָנסטיטוציעס.

ווייל, ווי געזאָגט, קיין שום געזעלשאַפטליכער בנין צו פון אַ גרויסען פאַרנעהם צו פון א קליינעם, קען ניט געבויט ווערען אָהן א יסוד און די קאָנסטיטוציע איז דער יסוד.

און טרעפט עס אַמאָל אַז אַ געוויסע געזעלשאַפטליכע גרופּע קומט פּנים אל פּנים מיט אַזאַ פּרבאָלעמע וואָס איהר אייגענע קאָנסטיטוציע ענטהאַלט ניט אין זיך קיין ספּעציפישען פאָרשריפט לויט וועלכען די דאָזיגע פּראָבלעמע זאָל קענען געלעזט ווערען, באַנוצט זי זיך דאַן מיט דער אַלגעמיינער שטאַדטישער אָדער סטייט קאָנסטיטוציע, אָבער אַ באַזיס מוז זיין פאַר יעדער מעגליכער לעבענס פראַגע און איהר אַנטשיידונג.

אַלס כאַראַקטעריסטישער שטריך קען דיענען אַ פאַקט וואָס איז ניט לאַנג פאָרגעקומען אין אַן אמעריקאנער געריכטס הויז. ס'האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַ ירושה פּראָצעס. אַ מאַן האָט אין זיין צוואה איבערגעלאָזען אַ גרויסען פאַרמעגענס וואָס זאָל געהערען צו זיינע אייניקלאַך סיי די וואָס זיינען שוין געבאָרען און סיי די וואָס דאַרפען ערשט געבאָרען ווערען. צווישען די קינדער איז געווען איין טאָכטער אין די פופציגער יאָהרען וואָס איז געווען קינדערלאָז. די איבעריגע קינדער האָבען דערפאַר איהר געוואָלט אויסשליסען פון דעם ירושה זכות באשר לויט די צוואה געהט דאָך די ירושה בלויז פאַר אייניקלאַך און אַזוי ווי זי איז שוין אין די יאָהרען וואָס וועט שוין קיין קינדער ניט האָבען, האָט זי ממילא צו דער ירושה קיין שייכות ניט.

ווען די קייס איז געקומען פאַר'ן געריכט האָט אָבער דער ריכטער גראַדע ענטשידען צו גונסטען די פופציג יאָהריגע טאָכטער. באַזירט האָט ער זיין פסק אויף דער אידישער תורה וואו עס ווערט דערצעהלט אַז שרה האָט נאָך געבאָרען אַ קינד ווען זי איז שוין געווען פיעל עלטער פון פופציג יאָהר, און קוים האָט אַזוינס געקענט פּאַסירען אין לעבען איז דעריבער ניט אויסגעשלאָסען אַז אַזעלכעס זאָל נאָך אויך היינט קענען פּאַסירען, און האָט דעריבער די עלטערע טאָכטער נאָך געזעצליך באַ־טראַכט פאַר אַ בת בנים.

דאָס איז אַ לעבעדיגער כאַראַקטער שטריך וואָס צייגט אַז יעדע

פאַסירונג אין לעבען מוז זיין באַזירט אויף קאָנסטיטוציע און טאָמער געפינט מען ניט קיין עהנליכען פרעצעדענט אין די פאַרשיעדענע לאַנד קאָנסטיטוציעס איז רעכט צו געהן אַזוי וויט ביז אַ קאָנסטיטוציע פון טויזענטער יאָהרען אַלט, אָבי די ענטשיידונג זאָל זיין אַ קאָנסטיטוציאָנעלע.

איז דערפאַר וועגען ג ע ב ע ן אַ תורה גאַר קיין פראַגע ניט געווען, און ניט אין מ ת ן תורה האָט זיך עס דאָרט ביים הר־סיני געהאַנדעלט. ג ע ב ע ן, מ ו ז מען זיי די תורה ווייל אָהן איהר קענען זיי אַלס פאָלק ניט עקזיסטירען, די תורה איז זייער קאָנסטיטוציע און אַ פאָלק מוז האָבען אַ קאָנסטיטוציע.

עס האָט זיך אָבער געהאַנדעלט וועגען נ ע ה מ ע ן די תורה און ק ב ל ת התורה מיינט שוין עפּעס אַנדערש. ביים ג ע ב ע ן געווענדט זיך עס אין דעם ג ע ב ע ר ווערהענד ביים נ ע ה מ ע ן ווענדט זיך עס שוין אין נ ע ה מ ע ר, דאָס הייסט אַז מ׳זאָל עס ו ו ע ל ע ן נעהמען אויס איבערצייגונג אַז די דאָזיגע נתינה איז פאַר די בעסטע אינטערעסען פון דעם מקבל. ווען אַזאַ איבערצייגונג איז דאָ מצד דעם מקבל דאַן איז מען שוין אויך זיכער אַז ער וועט וויסען ווי די מתנה אָבצושאַצען. דען אויב דאָס נעהמען איז נור צוליעב אַ מ ו ז פעלט דאָך די גאַראַנטי אויף׳ן ק י ו ם, אויב אָבער עס איז ווייל מען ו ו י ל איז שוין דער קיום אויך גאַראַנטירט.

און טאַקע דערפאַר וואָס דער עיקר איז דאָך דער ק י ו ם התורה האָט דערפאַר כביכול געוואָלט אַז ס׳זאָל זיין ביים בארג סיני ניט נור מ ת ן תורה נור אויך ק ב ל ת התורה.

דער רבונו של עולם האָט ניט געוואָלט אָנווענדען קיין דיקטאַ־טאָרישע מאַכט וואו מען פרעגט ביים מקבל קיין דעה ניט. ער כביכול האָט געוואָלט קריגען דעם גוטען ווילען און די פולע הסכמה פון זיין עם הנבחר כדי צו זיין זיכער אַז די תורה וועט מיט דער גרעסטער פינקטליכקייט אָבגעהיט ווערען. מיט מ ת ן תורה וועט עס מעהר ניט זיין ווי אַ קבלה מ י ר א ה ווערהענד מיט ק ב ל ת התורה וועט עס זיין קבלה מ א ה ב ה און וואו עס דאַרף זיין „לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי תלמוד תורתך", דאָרט דאַרף אויך זיין „באהבה", ווען ניט איז די „שמירה", די „עשייה" און דער „קיום" אין גאַנצען באַדענלאַז.

לשבועות

דאָס איז אָבער ניט אַזוי לייכט צוגעגאַנגען. די אידען האָבען זיך היבש געשראָקען פאַר דער תורה. דער ה ר סיני איז פאַר זיי געווען אַ סימבאָלישער צייכען אַז עס איז אַ ב אַ ר ג־תורה. „נדמה להם כהר"... עס האָט זיך זיי אויסגעדוכט אַז אַ שווערער באַרג איז אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרען. אויף יעדען טריט און שריט וועט זיי די תורה שטעהן אין וועג און וועט זיי באַרויבען פון פאַרשיעדענע פריווילעגיעס וואָס זאָנסט וואָלטען זיי ניט געשטערט געוואָרען דערפון. שבת צום ביישפיל וועט זיי זיין אַ שטערונג צום האַנדעל, כשרות, אַ שטערונג צו דער אכילה, מאָראַלישע דינים, אַ שטערונג צו די תאוות גופניות א. אַ. וו. א. אַ. וו.

ויתיצבו בתחתית ההר!

די אידען ביים מעמד הר סיני האָבען זיך געשטעלט אין אַ לאַגע פון ב ת ח ת י ת ה ה ר, ווי דורך דער תורה וואָלטען זיי אוועק געשטעלט געוואָרען א ו נ ט ע ר אַ ב אַ ר ג...

און דאָ איז געקומען די געטליכע אויפקלעהרונג:

„מלמד שכפה עליהם הר כגיגית ואמר להם אם אתם מ ק ב ל י ם את התורה מוטב ואם לאו שם תהא קבורתכם".

יאָ, זאָגט דער רבונו של עולם, עס געווענדט זיך אין דעם ווי אַזוי איהר טרעט צו צו דער תורה. דען די תורה איז ווירקליךביידע זאַכען אי אַ סם חיים אי אַ סם מות. מאַנכע געפינען אין איהר אַ סם חיים, זיי שפירען אין דעם שבת די בעסטע מתנה טובה וואָס האָט זיי נור געקענט געגעבען ווערען; דער שבת ברענגט זיי ניט נור אַ נייע נ ש מ ה (נשמה יתירה) נור אויך אַ נייעם ג ו ף, ס'איז פאַר זיי אַ „יום מנוחה וקדושה", מ נ ו ח ה פאַר'ן ג ו ף און ק ד ו ש ה פאַר די נ ש מ ה; זיי געפינען אין כשרות ניט בלויז אַ מצוה וואָס איז אַ תקון פאַר דער נשמה נור אויך א היגיעניש׳ער תקון פאַר'ן גוף; די מאָראַלישע געזעצען ברענגען זיי ניט נור הימלישע הייליגקייט נור אויך פיזישע רייניגקייט און זייגען אַזוי אַרום ניט בלויז אַ גאַראַנטי פאַר עולם הבא אַליין נור אפילו פאַר עולם הזה אויך...

איז בשעת אַז מען טרעט צו צו דער תורה מיט דער פולער באַוואוסטזיניגקייט אַז „כי היא חייך וארך ימיך", זעהט מען דאָך אין איהר

וואָרט און צייט

נור גוטעס און גוטעס ווילט זיך דאָך נעהמען, איז שוין דאָ ק ב ל ת התורה און זי קוקט שוין מעהר ניט אויס ווי קיין באַרג.

פאַר די קורצזיכטיגע און קורצקעפּיגע אָבער וואָס דרינגען ניט אַריין אין די טיעפע טיעפינשען פון דער תורה, נור זעהען אין איהר בלויז די אויבערפלעכע, פאַר זיי קוקט טאַקע די תורה אויס ווי אַ באַרג און יעדע מצוה פון איהר ווי אַ שווערער שטיין פון דעם דאָזיגען באַרג. איז שבת אַ שטיין, כשרות אַ שטיין, מאָראַלישע געבאָטען אַ שטיין און נאָך און נאָך.

אָט דאָס האָט דער רבונו של עולם זיי געזאָגט: „אם אתם מ ק ב ל י ם את התורה", אויב איהר טרעט צו צו דער תורה אַלס מ ק ב ל י ם, ס'איז ביי אייך ניט בלויז אַ מ ת ן תורה נור אויך אַ ק ב ל ת התורה, איהר ווילט איהר אַ ל י י ן נעהמען, דאַן איז „ מ ו ט ב ", וועט איהר אין איהר זעהן בלויז דאָס ג ו ט ע, איהר וועט אין איהר זעהן דעם סם חיים און ניט דעם סם מות; „ואם לאו", אויב אָבער ניט, איהר וועט קיין מ ק ב ל י ם ניט זיין, נור וועט איהר באַטראַכטען ווי אַ ב אַ ר ג און אייך וועט איהר שטעלען אין אַ פּאָזיציאָן פון „ויתיצבו בתחתית ההר", איז טאַקע „שם תהא קבורתכם" וועט איהר טאַקע „ ד אָ ר ט " אין דער תורה גופא געפינען אייער ק ב ו ר ה, זי וועט זיין פאַר אייך אַ סם מות, איהר וועט זיך דורך איהר באַטראַכטען אַלס ב אַ ג ר אָ ב ע נ ע...

און דער לעבען באַשטעטיגט עס טאַקע.

ניט נור ווייזט אונז דער לעבען די צוויי טיפּ אידען, רעליגיעזע און ניט רעליגיעזע, תורה אידען און תורה־לאָזע אידען, נור ער ווייזט אונז אויך צוויי פאַרשיעדענע טיפּ אידען צווישען די רעליגיעזע אידען גופא. דאָס לעבען ווייזט אונז דעם טיפּ אידען וועמען מען האָט ג ע־ ג ע ב ע ן אַ תורה און דעם טיפּ אידען וועלכער האָט ג ע נ ו מ ע ן אַ תורה. איהר דערקענט זיי אויף יעדען טריט און שריט לויט זייערע באַציהונגען און די אַרט און ווייזע פון זייער אָפּהיטען די תורה און איהרע מצוות.

פאַראַן למשל אידען וואָס זיינען טאַקע שומרי שבת אָבער זיי נעהמען צו דעם שבת מיט אַ זיפץ און מיט אַן אומצופרידענע מינע; עס פעלט

לשבועות

ביי זיי דער עונג שבת, ער געהט זיי ניט איין. דעם גאַנצען שבת טאָג געהען זיי אַרום אָנגעכמורעט, ברוגז אויף דער גאַנצער וועלט, פונ׳ם עונג ווערט ביי זיי אַ נגע. סטייטש — טראַכטען זיי ביי זיך — דער שבת איז דאָך זיי מקפח פרנסה, ער נעהמט ביי זיי צו ביזנעס, שבת איז דאָך דער בעסטער טאָג פאַר פדיון...

אָט די סאָרט אידען איילען זיך ניט אַזוי שטאַרק צום קבלת שבת אָבער איילען זיך יאָ שטאַרק ביים הוצאת שבת. די אידען געהערען, ווי געזאָגט, צו יענעם טיפ וועמען מ׳האָט געגעבען אַ תורה. דאַגעגען באַגעגענען מיר אַזעלכע אידען וואָס וואַרטען אויף׳ן שבת מיט דער גרעסטער אומגעדולדיגקייט און לויפען מקבל פנים זיין די שבת מלכתא מיט שטראַלענדער פרייד. פאַרקעהרט, דער יציאת השבת קומט זיי אָן זעהר שווער, פאַרציהען דעם „שלש סעודות" ביז שפּעט אין דער נאַכט און אַ מין מעלאַנכאָליע איז אויסגעצויגען אויף זייערע פּנימ׳ער אין יענע דמדומי חמה שטונדען פון שבת פאַרנאַכט ווען זיי דאַרפען זיך שוין באַלד שיידען פונ׳ם שבת.

דאָס זיינען די אידען פון קבלת התורה איז דערפאַר ביי זיי פאַראַן דער עונג שבת און שמחת שבת. זיי זיינען מקיים תורה ומצוות מתוך אהבה און דאָרט וואו ס׳איז דאָ ליעבע דאָרט איז אויך דאָ פריידֿ. דאָרט וואו ס׳איז „זרע אברהם אוהבו", דאָרט איז אויך „המאחרים לצאת מן השבת וממהרים לבא"...

און דאָס וואָס איז דער פאַל מיט שבת איז אויך דער פאַל מיט אַלע אַנדערע מצוות וואו עס קומען צום אויסדרוק די ביידע דערמאָנטע טיפּען, די מקבלי תורה און די נתוני תורה.

איז צווישען מתן תורה און קבלת התורה אַ היבשער מהלך, אָבער קבלת התורה און קיום התורה זיינען אַ מין שמות נרדפים, האָט דעריבער דער רבוש״ע אויף מתן תורה ניט געוואָלט פרעגען און אויף קיום התורה ניט געדאַרפט פרעגען.

„קימו וקבלו" — וואו קבלו דאָרט איז שוין ממילא אויך קימו...

אם אתם מקבלים את התורה — מוטב!...

לשבועות

ב.

דרש עולא רבה אפיתחא דבי נשיאה, מ״ד (תהלים ל״ח) יודוך ה׳ כל מלכי ארץ כי שמעו אמרי פיך, בשעה שאָמר הקב״ה אנכי ולא יהיה לך, אָמרו אוה״ע לכבוד עצמו הוא דורש, כיון שאָמר כבד את אָביך ואת אמך חזרו והודו למאמרות הראשונות.
(קדושין ל״א)

אין דער צייט אָבער ווען די אומות העולם האָבען געדאַרפט וואַרטען אויף די מאמרות אחרונות כדי דורך זיי זאָלען זיי קאָנען זיין חזרו והודו למאמרות הראשונות, האָבען די אידען נאָך פ אַ ר די מאמרות הראשונות אָנגעווענדעט אַ מיטעל וואָס זאָל זיי פּראָטעקטירען פון קריטיק און אויסזעצונגען געגען דער תורה. ביי זיי, ביי די אומות, איז עס געגאַנגען מן המאוחר אל המוקדם, ביי די אידען אָבער איז עס געגאַנגען מן המוקדם אל המאוחר.

קריטיק איז אַ נאַטירליכע אייגענשאַפט ביי יעדער מענטש. בעת אָבער מען געהט אָנווענדען די קריטיק געגען אַ גרעסערען, איז אַנשטאַט צו זוכען אויסזעצונגען געגען יענעם, דאַרף מען פריהער פּרובירען צו זוכען אויסזעצונגען געגען זיך אַליין. אפשר איז גאַר דער חסרון אין זיך און ניט אין יענעם.

אַ קליין שטעטעלדיגער קרעמער איז אַמאָל אַריינגעקומען אין אַ גרויס שטאָטישען טהע געשעפט און פאַרלאַנגט מען זאָל איהם ווייזען די בעסטע טהע וועלכעס ער האָט געוואָלט איינהאַנדלען פאַר זיין קרעמעל אויף׳ן פאַרלאַנג פון זיינע רייכע אַריסטאָקראַטישע קונדען. דער אָנגעשטעלטער האָט איהם געוויזען מוסטערען פון פאַרשיעדענע סאָרטען טהע, אַזוי גיך ווי ער האָט זיי אָבער צוגעטראָגען צום נאָז האָט ער זיי אַלע צוריקגעוויזען. דער ריח איז איהם ניט געפעהלען. דאָס זעלבע

איז אויך געווען מיט'ן לעצטען מוסטער וואָס איז לויט'ן אָנגעשטעלטענס באַהויפּטונג געווען דער בעסטער סאָרט טהע וואָס מען קען נור קריגען.

דער אייגענטימער פון געשעפט האָט עס פון וויטענס באַמערקט און איז אַליין צוגעקומען צו זיין קליינשטעטלדיגען קונד צו זעהן פאַר וואָס ער האָט אויסצוזעצען געגען די בעסטע טהע וואָס מ'האָט איהם געצייגט.

דער אייגענטימער האָט באַטראַכט דעם דאָזיגען קונד זיינעם און האָט באַמערקט זיין בלאָטיגען פאַרשמוצטען לבוש און זיינע פּעטע פון קעראָסין פאַרשמירטע הענט. ער ווענדט זיך צו איהם און זאָגט: איהר האָט פריהער געדאַרפט זיך גוט איינוואַשען און אָפּזייפען מיט שמע־קעדיגע זייף אייערע פאַרשמוצטע הענט און ערשט נאָכהער נעהמען די טהע צום נאָז, וואָלט איהר דאַן געשפּירט דעם אמת'ן גוטען ריח. איצט אָבער מעגט איהר אפילו נעהמען טהע פון גן־עדן אַליין, וועט איהר אַלץ שפּירען אַ שלעכטען ריח. ס'איז ניט דער חסרון אין די טהע נור אין אייערע הענט...

ווען מען שטעהט נידעריגער פאַר'ן צווייטען און מען זוכט געגען יענעם אויסזעצונגען, נעהמען זיך די דאָזיגע אויסזעצונגען אין מעהרסטע פאַלען פון זיך אליין. דער חסרון איז ניט אין דעם ק ר י ט י ק י ר ־ ט ע ן נור אין דעם ק ר י ט י ק ע ר. די שמאָל קעפּיגקייט און קורצזיכטיגקייט פונ'ם מבקר מאכען עס צו געפינען די פעהלערען אין דעם מבוקר, די השגה איז צו קליין אויף קענען באַגרייפען דעם גרעסערען.

קריטיק אויף דער תורה דיענט דעריבער אַלס באַוויז אַז די קרי־טיקער זיינען צוגעטראָטען צו איהר מיט איינגעשמירטע נשמות, מיט מזוהם'דיגע גופים און מטומטום'דיגע מחות און דעריבער קענען זיי ניט דערזעהן דעם מאור התורה און קענען ניט דערפיהלען דעם ריח שמניך טובים. די שאור שבעיסה איז מעכב.

ראשית חכמה יראת ה' שכל טוב לכל עושיהם. (תהלים קי"א)

דער „ראשית" פון „חכמה" איז „יראת ה'". י ר א ה איז די הקדמה צו דער ח כ מ ה, דורך „יראה" ווערט דער מענש מזוכך ומטוהר, קען ער דאַדורך משיג זיין דעם ש כ ל פון דער תורה — „שכל טוב לכל עושיהם" און דאָרט וואו מען איז משיג דעם שכל

וואָרט און צייט

התורה, דאָרט איז „ת ה ל ת ו עומדת לעד", האָט ער שוין בלויז דברי ת ה ל ה, לויב געזאַנגען פאַר דער תורה און ניט קיין קרי־טיק...

און אַזוי רופט אויס דער נביא:

רחצו הזכו, הסירו רוע מעלליכם מנגד עיני חדלו הרע;
למדו היטב דרשו משפט (ישעי' א').

כדי עס זאָל זיין „למדו היטב" און „דרשו משפט" מוז פריהער זיין „רחצו הזכו", מ'דאַרף זיך פריהער אַרומוואַשען און אַרונטערנעהמען די זוהמא וועט מען דעמאָלט קענען משיג זיין די תורה. ווען מען געהט אָבער צו אַ פאַרשמוצטער איז עס ווי מיט דעם דערמאָנטען קרעמער וואָס האָט אויסגעזעצט חסרונות אויף דער טהע ווען דער חסרון איז גאָר געווען פון איהם אַליין.

האָבען די אידען טאַקע מקיים געווען דעם „רחצו הזכו" אין די „שלשת ימי הגבלה" בעפאָר מתן תורה, האָבען זיי טאַקע קיין קריטיק ניט געהאַט אויסצוזעצען און אַנשטאָט קריטיק האָבען זיי גאָר אויסגע־רופען „נעשה ונשמע".

די אומות העולם אָבער וואָס האָבען קיין שלשת ימי הגבלה ניט געהאַט און זיינען געבליבען פאַרשמירט אין זייער זוהמא און טומאה, ז י י האָבען די תורה ניט געקענט משיג זיין, זיינען זיי דערפאַר אַרויס־געקומען מיט אַ קריטיק, און ערשט די מאמרות האחרונות האָבען זיי געגעבען דעם פשט צו די מאמרות הראשונות. די אידען האָבען אָבער ניט געדאַרפט וואַרטען אויף מאמרות אחרונות ווייל זיי, ווי געזאָגט, האָ־בען געלערענט די ה ק ד מ ה צו מתן תורה...

**
*

ווי אַזוי אָבער האָט דער כבד את אביך מיט זיינע נאָכגעפאָלגטע דברות באַזייטיגט די קריטיק פון „לכבוד עצמו הוא דורש" וואָס איז אויסגעזעצט געוואָרען געגען די דברות הראשונות? מיט וואָס האָט דער „כבד את אביך" אַראָפּגענומען יענעם פאַרדאַכט?

לשבועות

משמעות אַז דאָ איז געווען אַ מין „סופו מוכיח על תחלתו" און ווייל דער „כבד את אָביך" איז דאָך זיכער ניט „לכבוד עצמו" איז שוין דער „אָנכי ולא יהיה לך" אויך ניט לכבוד עצמו, אָבער ווי אַזוי לאָזט זיך דאָס ערקלעהרען, ומה ענין זה לזה?

אין אמת׳ן אָבער איז דער „כבד" מיט די איבעריגע מאמרות האחרונות אויך ניט ריין געבליבען פון קריטיק. אויך אויף זיי לאָזט זיך פרעגען: „לשם מה באו כל המצות האלו ומאי קא משמע לן"? זיינען דאָך די דאָזיגע אַלע מצוות, מצוות שכליות וואָס ווען אפילו די תורה וואָלט ניט אויף זיי אָנגעזאָגט, וואָלט מען זיי אויך געוואוסט אָפּצו־היטען?

אַזעלכע מצוות למשל ווי: לא תרצח, לא תנאף, לא תגנב וכיוצא בהן זיינען דאָך די איינפאַכסטע עלעמענטאַרישע ציווילע געזעצען וואָס יעדער סאָרט רעגירונג גיט געגוג אַכטונג אַז זיי זאָלען ניט פאַרלעצט ווערען און טהיילט אויס שווערע שטראָפען צו די פאַרלעצער, טאָ צו וואָס איז אַזוי נויטיג געווען זיי אַריינצונעהמען אין די עשרת הדברות?

און זיינען דען די דאָזיגע מצות ניט אָפּגעהיט געוואָרען בעפאָר מתן תורה? האָט דען ע ש ו ניט מקיים געווען דעם „כבד את אָביך" מיט אַלע הידורים? האָט מען דען יוסף׳ן ניט אַריינגעזעצט אין תפיסה ווען ער איז פאַרדעכטיגט געוואָרען אין פאַרלעצען די מאָראַלישע גע־זעצען? און האָט מען דען בנימינ׳ען ניט פאַרהאַפטעט אויף׳ן חשד פון לא תגנוב? זיינען דאָך די דאָזיגע אַלע מצוות נאָך פּראַקטיצירט געוואָ־רען בעפאָר מתן תורה, וואָס זשע האָט דאָ די תורה מחדש געווען?

דעם ענטפער דערצו געפינען מיר אָבער אין דער משנה (מכות כ"ג):

ר' חנניא בן עקשיא אומר רצה הקב"ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצות שנאמר (ישעי' מ"ב) ה' חפץ למען צדקו יגדיל תורה ויאדיר.

דאַרויף זאָגט רש"י: „לזכות את ישראל, כדי שיהיו מקבלין שכר, לפיכך הרבה להם שלא היה צריך לצוות כמה מצות וכמה אזהרות אלא כדי שיקבלו שכר עליהן".

וואָרט און צייט

הייסט עס אַלזאָ אַז די דאָזיגע מצות זיינען הויפטזעכלעך אַריינגע־נומען געוואָרען אין דער תורה לטובת ישראל, „כדי שיקבלו עליהן שכר", ווייל „גדול המצווה ועושה ממי שאינו מצווה ועושה". (קדושין ל"א).

און אויב אַזוי פאַלט דאָך שוין אַראָפּ די קריטיק אויך פון דעם „אָנכי ולא יהיה לך". דען אויך דער אָנכי ולא יהיה לך איז דאָך אַ מצות עשה ולא־תעשה אויף וועלכעס ס'איז פאַראַן קבלת שכר ל י ש ר א ל , איז עס דאָך שוין ניט „לכבוד עצמו" נור „לכבוד ישראל".

איז טאַקע ריכטיג אַז „כיון שאָמר כבד את אָביך ואת אמך חזרו והודו למאמרות הראשונות". דער כבד את אָביך ואת אמך האָט אי־בערצייגט אַז דאָ איז אַן ענין פון לזכות את ישראל.

***

אויסערדעם אָבער ווייסען מיר טאַקע אַז אפילו די מצות שכליות איז פאַר זיי אויך נויטיג געווען דער ציווי ה'. אָהן דעם וואָלט מען אויך מיט זיי ניט זיכער געווען אַז זיי וועלען פינקטליך אָבגעהיט ווערען. דען אויב די פאַרזיכערונג אויף זייער שמירה וואָלט נור געווען מצד מוראה של מלכות, דערפאַר וואָס זייער פאַרלעצונג איז אַ ציוויל־ער פאַרברעכען, איז שוין גאַנץ מעגליך אַז ביי יעדער געלעגענהייט וואָס מען וועט זיך נור קענען אויסהיטען אַז די מענשליכע אויג פון די וואָס פאַסען אויף אויף'ן געזעץ זאָל ניט קענען דערגרייכען, זאָל מען די דאָזיגע געזעצען גאַנץ געמיטליך פאַרלעצען.

און דאָס דאָזיגע ווערט דאָך טאַקע באַשטעטיגט פון לעבען גופא. זיינען מיר דען ניט קיין עדי ראיה צו טויזענטער פעלע פון גזילה, גניבה, רציחה, נאוף אד"ג, וואָס זיינען א טאָג־טעגליכע ערשיינונג אין אונזער צי־ווילען לעבען בלויז דערפאַר וואָס די פארברעכער באַמיהען זיך אז די אויג פון געזעץ זאָל זיי ניט דערגרייכען.

אַנדערש אָבער אויב מען דאַרף זיך היטען פאַר דער ה י מ ל י־ ש ע ר אויג פאַר וועלכעס עס איז „אין מנוס ואין מפלט", אין אַזאַ פאַל איז דאָך שוין קיינמאָל קיין אויסוועג ניטאָ ווי זיך צו באַהאַלטען פון גע־זעץ... און אום צו מאַכען עס פאַר אַ ג ע ט ל י כ ע ן געזעץ האָט מען דאָך עס געמוזט אַריינגעהמען אין דער תורה.

לשבועות

ס׳איז דאָך באַוואוסט די אויסטייטשונג פון די מפרשי הש״ס אויף דעם ספור אין דער גמרא (ברכות כ״ח) ווען די תלמידים פון ר׳ יוחנן בן זכאי האָבען פאַרלאַנגט זייער רבי זאָל זיי בענטשען, האָט ער זיי גע־בענטשט: „יהי רצון שתהא מורא שמים עליכם כמורא בשר ודם. אמרו לו תלמידיו עד כאן? אמר להם ולואי, תדעו כשאדם עובר עבירה אומר שלא יראני אדם״.

איז דאָך אייגענטליך דער ענטפער שווערליך, דען די פראַגע פון די תלמידים: „עד כאן״ וואָס מיינט אַז פאַר זיי איז אַזאַ ברכה אַ שטיקעל פחיתת הכבוד, אָט די פראַגע איז דאָך נאָך אַלץ ניט געבליבען פאַר־ענטפערט?

דאַרויף ערקלעהרען די מפרשים אַז מיט דעם „תדעו כשאדם עובר עבירה אומר שלא יראני אדם״ האָט זיי ריב״ז גענעבען צו פאַרשטעהן אַז מיט זיין ברכה „שתהא מורא שמים עליכם כמורא בו״ד״ האָט ער זיי געגעבען די מאַקסימאַלע ברכה, און אַז קיין העכערער סאָרט יראת־שמים ווי דער פון „כמורא בו״ד״ איז גאָר לחלוטין ניטאָ. אויב דער יראת שמים זאָל נור געהן אין דער זעלבער ליניע פון „מורא בו״ד״ אַז אַקוראַט ווי ביים לעצטען זינדיגט דער מענש נור דעמאָלט ווען ער ווייסט אַז „בלבד שלא יראני אדם״, איז אויב ביי מורא שמים זאָל אויך אַזוי זיין אַז דער מענש זאָל זיך ערלויבען צו טהאָן אַן עבירה נור דעמאָלט ווען „ובלבד שלא יראני אלקים״, דאַן איז מען שוין זיכער אַז דער מענש וועט שוין קיינמאָל ניט זינדיגען ווייל אַזאַ תנאי ווי אָט דער „ובלבד״ קען דאָך קיינמאָל ניט מקוים ווערען...

אָט דערפאַר איז אַזוי נויטיג געווען אַז די אַלע מצוות שכליות זאָלען באַקומען אַ געטליכען פאַרב כדי צו געבען אַ גאַראַנטי אויף זייער דורכפיהרבאַרקייט אין לעבען.

און דאָס איז פאַלגליך דער זין פון „חזרו והודו למאמרות הראשונות״. קומענדיג צום „כבד״ מיט די אַנדערע מצוות שכליות, האָבען זיי זיך איבערצייגט אַז די גאַנצע פאַרזיכערונג אויף זייער קיום איז נור אויב זיי וועלען זיין באַזירט אויף׳ן „אנכי ה׳ אלקיך״ און ניט בלויז געשטיצט אויף׳ן מענשליכען שכל מיט דער ציווילער אָרדנונג...

וואָרט און צייט

סופו של דבר: דער „אנכי ה״א״ וואָס איז דער יסוד פון אמונה, איז אויך דער יסוד פון דער גאַנצער תורה און אויב זיי, די אומות העולם זיינען דורך די מאמרות האחרונות געקומען צו די מאמרות הראשונות, איז ביי אונז אומגעקעהרט דער סדר: פון די מאמרות הראשונות קומט מען אויך צו די מאמרות האחרונות. אָהן די מאמרות הראשונות זיינען די מאמרות האחרונות אויך ניט געזיכערט. דער „אנכי ולא יהיה לך״ איז די שמירה אויך אויף דעם „כבד את אביך ואת אמך״.

לשבועות*)

ג.

מתן תורתנו וחג הבכורים!

אָט דיביידע נעמען מיט וועלכע דיזער יום טוב ווערט באַצייכענט שיינען צו זיין עפּעס ניט אַזאַ גערעַטענער שדוך. עפּעס קלינגען זיי אביסעל מאָדנע, כמעט פּאַראַדאָקסאַל און די דאָזיגע הרכבה זעהט אויס ווי אַ הרכבה פון „שני הפכים בנושא אחד".

ת ו ר ה און ב כ ו ר י ם זיינען ניט בדרך מליצה נור טאַקע בוכשטעבליך וייט איינער פון אַנדערען כרחוק השמים מן הארץ. תורה איז אַ פּראָדוקט פון ה י מ ע ל. „תורה מן השמים", איז דאָך איינער פון אונזערע עיקרי האמונה, ווערענד ב כ ו ר י ם איז דאָך אַ פּראָדוקט פון די ערד: „ולקחת מראשית כל פרי ה א ד מ ה", טאָ ווי קומט דאָ די דאָזיגע הימעל־ערד — וויטע קאָמבינאציע?

דאָס אָבער וואָס ביי אַנדערע קוקט עס אויס צו זיין אַ פּאַראַדאָקס, איז ביי אונז אַ נאַטירליכע ערשיינונג. דער גורל פון אונזער תורה איז אין דעם הינזיכט קען מען זאָגען, דער זעלבער ווי דער פון אונזער פאָלק. אויך מיר אידען זיינען ביי דער וועלט א פּאַראַדאָקס. אונזער קיום איז שלא כדרך הטבע, פּשוט רעטזעלהאַפט, אַ קיום וואָס איז אין דער בחינה פון „שבור את החבית ושמור יינה" און דאָך זיינען מיר אַ לעבעדיגער פאַקט. אויף אונז איז אָנגעווענדעט געוואָרען דער פּסוק פון „לא בחיל ולא בכח כי אם ברוחי", און אויב עס פעלט אונז די נויטיגע מאָס ח י ל און כ ח מיט וואָס צו שפּייזען אונזער קיום קומט דער ר ו ח, דאָס גייסטיגע, און איז משלים. איז אויב דאָס פיזישע און גייסטיגע, ווירקען ביידע צוזאַמען צו דער אויפהאַלטונג פון דעם אידישען פאָלקס עקזיסטענץ, קען שוין אויך געמאָלט זיין אַז אָט די ביידע זאַכען זאָלען אויך ווירקען אין דער אויפהאַלטונג פון דער אידישער תורה'ס עקזיסטענץ.

---

*) מבן המחבר הרב חיים דוב מאנטעל רב בהנטיגטון, לונג איילנד.

לשבועות

ניט אומזיסט ענטהאַלט אונזער ברכת התורה אָט דיביידע זאַכען צוזאַמען, פאָלק און תורה: „אשר בחר בנו מכל העמים ונתן לנו את תורתו". איין גורל און איין שיקזאַל צו ביידען.

יאָ, הימעל און ערד, דאָס פיזישע און דאָס גייסטיגע האָבען שלום געמאַכט צווישען זיך און ביידע צוזאַמען ליפערען די נאַהרונגס מאַטעריאַל סיי פאַר'ן עם ישראל און סיי פאַר די תורת ישראל.

און דער יום־טוב שבועות איז אין דעם הינזיכט די שעהנסטע דעמאָנסטראַציע פאַר דעם דאָזיגען געדאַנק און פאַר דער דאָזיגער אָנשויאונג אויף'ן לעבען.

און דאָס איזווירקליך אַ גאַנץ באַזונדערע און אייגענאַרטיגע אָנשויאונג, אנדערש ווי די אָנשויאונג פון דער ניט־אידישער וועלט.

ביי זיי, ביי די גוים, הערשען צוויי פאַרשידענע השקפות וועגען די אידעאַלע אָבשאַצונג פון לעבען, צוויי עקסטרעם געגענגעזעצטע אויפפאַסונגען.

איינע פון וועלכע האַלט אַז אום צו לעבען אַן אידעאַלען, ריינעם און נאָבעלען לעבען, מוז מען אין גאַנצען אַוועק פון דאָס ערדישע אָדער ווי מען רופט עס אין דעם העברעאישען טערמין: „שלילת החומר". דאָס הימלישע און בלויז דאָס הימלישע קען הייליגען דעם מענשען. מען קען אָבער ניט הייליג זיין אַזוי לאַנג ווי מ'האָט נאָך אירגענד וועלכען קאָנטאקט מיט'ן ערדישען לעבען. אָט די דאָזיגע פילאָזאָפיע איז טאַקע פראַקטיצירט געוואָרען ביי געוויסע יחידים צווישען די אומות העולם וועלכע זיינען געוואָרען נזירים, האָבען זיך אין גאַנצען אָבגעשיידט פון לעבען און האָבען געלעבט ערגעץ אין די וויסטע מדבריות און דאָרט געפראַוועט סגופים און דביקות און אין גאַנצען זיך אויסגעטהאָן פון דער וועלט.

פון אַנדערען זייט ווידער איז געקומען די צווייטע שיטה וועלכע האָט געפּרעדיגט פּונקט דאָס הפך'דיגע. די אָנהענגער פון דער דאָזיגער שיטה האָבען געזאָגט אַז מיר האָבען כלל קיין שייכות ניט מיט'ן הימעל און האָבען אַוועקגעשטעלט דעם גאַנצען טראָפּ אויף דאָס ערדישע.

אַזוי צום ביישפּיעל זיינען געקומען די מאַרקסיסטען און האָבען געמאַכט דעם עקאָנאָמישען לעבען פאַר זייער קולט. דאָס ערדישע, דאָס מאַטעריעלע, דאָס איז דער צענטראַלער פּונקט אין לעבען. דאָס קולטורעלע,

לשבועות

דאָס גייסטיגע דאַרף זיין אונטערטעניג צו דאָס ערשטע. די חיי החומר איז דער עיקר און זיי באַשטימען די צורה און פאָרם פון די חיי הרוח.

דאָס אידענטום אָבער האָט אָפּגעגוויגט פוןביידע עקסטרעמע שיטות. דאָס אידענטום זאָגט אַז ביידע זיינען פאַלש. ניט דאָס הימלישע אַליין און ניט דאָס ערדישע אַליין קענען באַצייכענט ווערען אַלס דאָס אידעאַלע אין מענשליכען לעבען. אַ מענשענקינד וואָס איז אַ קרוץ מחומר קען ניט און טאָר ניט אין גאַנצען אוועק פון דעם ערדישען לעבען. עס איז געגען די נאַטור. מעגליך אַז איינציגע געצעהלטע מענשען קענען אַלס יוצאים מן הכלל אַזעלכעס דורכפיהרען אָבער ניט אַ פאָלק אַלס אַ גאַנצעס. ביי אונז איז דאָ אַ לאָזונג וואָס זאָגט: „הרבה עשו כרשב״י ולא עלתה בידם״ און אין ליכט פון די מפרשים ווערט דאָ דער טראָפּ גע־שטעלט אויף׳ן וואָרט „ה ר ב ה״. אַן איינציגער מענש קען זיך אפשר פיהרען אַ לעבען ווי אַ רשב״י וואָס האָט געקענט לאַנגע לאַנגע יאָהרען זיין אָבגעזונדערט פון דער וועלט און לעבען ערגעץ אין אַ מערה, אויב אָבער „ה ר ב ה עשו כרשב״י״, ווען א ס ך ווילען פראַק־טיצירען אַזאַ מין לעבען, דאַן איז „ולא עלתה בידם״. פאַר די גאַנצע מענשהייט קען זיך אַזאַ זאַך ניט איינגעבען.

און געוויס קען אידענטום ניט מסכים זיין צו דער צווייטער שיטה וואָס וויל באַזירען דאָס לעבען בלויז אויף דאָס ערדישע, דען דערפאַר זיינען מיר דאָך אַן „עם הספר״ ביי וועמען דאָס גייסטיגע, דאָס קולטורעלע פאַרנעהמט דעם אויבענאָן.

אידענטום פּרעדיגט דעריבער דעם שלום צווישען דאָס ערדישע און דאָס הימלישע, די פולע האַרמאָניע צווישען חומר און רוח און די פאָל־שטענדיגע סינטעזע צווישען דאָס מענשליכע און געטליכע. אונזער לאָ־זונג איז: „שמים וארץ נשקו״.

דען קוים איז נור פאַראַן אַ צונויפשמעלצונג פון ביידע צוזאמען, קען דאָס שוין ווערען אַ נחלת העם כולו, עס קען שוין אויך זיין „ה ר ב ה עשו — ו ע ל ת ה בידם״. אויף אַזאַ אופן קען שוין אַ גאַנצעס פאָלק באַטיטעלט ווערען אַלס „ממלכת כהנים וגוי קדוש״.

וואָרט און צייט

דאָס וואָרפט אַ ליכט אויף דער באַקאַנטער משנה פון אבות: „אם אין קמח אין תורה, אם אין תורה אין קמח".

די צווייטע העלפט פון דיזען מאמר איז דאָך לכאורה אומפאַר־שטענדליך. דען ווי לאָזט זיך מאַכען אַזאַ באַהויפּטונג אַז „אם אין תורה אין קמח"? עס שטימט דוכט זיך ניט, ניט מיט דער נאַטור און ניט מיט די פּראַקטיק פון לעבען. ק מ ח וואַקסט זיך אין ערד, אין זוימען, אין טראַקטאָרס אָבער וואָס פאַר אַ שייכות האָט די ת ו ר ה דערצו? און זיינען דען ניט פאַראַן מיליאָנען מענשען וואָס זיינען זעהר ווייט פון תורה און דאָך באַזיצען זיי קמח גאַנץ בשפע און לעבען א גליקליך רייכען לעבען?

דער תנא האָט אָבער דאָ געמיינט צו ברענגען צום אויסדרוק דעם אויבענדערמאָנטען געדאַנק אַז דער עקזיסטענץ פון דער מענשהייט איז אָבהענגיג אין דער דאָזיגער קאָמבינאַציע פון ת ו ר ה מיט ק מ ח, דאָס ערשטע רעפּרעזענטירענדיג דעם ר ו ח און דאָס צווייטע, דעם ח ו מ ר.

אמת טאַקע די מעהל קומט פון דר'ערד, אָבער דאָס מאַכט נאָך ניט אַז די מענשענקינדער זאָלען געניסען דערפון אין אַזאַ מאָס אַז מ'זאָל ניט זיין קיין רעב ללחם. אָט ווייסען מיר למשל אַזאַ לאַנד ווי אַמעריקא וואָס איז זעהר רייך אין ערד פּראָדוקטען, אין פּיה־צוכט, אין קליידונגס־שטאָף אַזוי אַז ניט נור האָט זי גענוג פון די דאָזיגע מינים אויף צו באַזאָר־גען איהר אייגענע באַפעלקערונג, נור קען אויך באַזאָרגען דערמיט א סך אַנדערע לענדער. דאָך האָט ניט לאַנג פּרעזידענט רוזוועלט געמאַכט אַן עפענטליכען סטייטמענט אַז איין גאַנצער דריטעל פון דאָס אַמערי־קאַנער פאָלק ליידעט פון גרויס מאַנגעל אין שפּייז, קליידונג און וואוי־נונג. טאָ מיט וואָס ערקלעהרט זיך דאָס?

דאַרויף קומט דער ענטפער: „אם אין תורה אין קמח". וואָלט די מענשהייט געלעבט לויט די פּרינציפּען פון דער אידישער תורה, מען וואָלט ניט עקספּלואַטירט איינער דעם צווייטען; איינער וואָלט ניט געוואָלט זיך אויפבויען אויף'ן חשבון פון דעם אַנדערענס חורבן; דער

לשבועות

גראָבער עגאָאיזם וואָלט ניט געשלאָגען אַזעלכע טיפע וואָרצלען אין די מענשליכע נפשות; ס'וואָלט ניט עקזיסטירט אַזאַ פאַרדאָרבענער לעבענס שטייגער פון „חטוף ואכול", נור מענשען וואָלטען איינגעאָרדענט אַ לעבען לויט דעם תורה פרינציפּ פון „וחי אחיך עמך" און צוזאַמען מיט'ן געברויך פון ק מ ח וואָלט מען אויך געמאַכט אַ געברויך פון ת ו ר ה, דאַן וואָלטען די דאָזיגע איבלען אין אונזער לעבען אויס־געמיטען געוואָרען. ס'וואָלט ניט געקענט זיין אַזאַ זאַך אַז מאַנכע זאָ־לען לעבען אין פּאַלאַצען און מאַנכע זאָלען אפילו קיין שטאַל־וואוינונגען אויך ניט האָבען; מאַנכע זאָלען געהן געקליידעט אין פוטערנע פעלצען און זיידענע אַנצוגען און מאַנכע זאָלען אפילו קיין פלאַקסענעם בגד אויך ניט פאַרמאָגען; מאַנכע זאָלען לעבען אַ מאָנאַרכישען לוקסעריעזען לע־בען און מאַנכע זאָלען בוכשטעבליך פון הונגער שטאַרבען. די תורה ערלויבט נישט אַזאַ מין אָרדנונג. אויב אָבער „אם אין ת ו ר ה", די ק מ ח אליין איז דער דאָמינירענדער פאַקטאָר אין מענשליכען לעבען און די תורה פאַרנעהמט דאָרט קיין פּלאַץ ניט, דאַן איז אויך „אין קמח" אפילו דאַן ווען די מוטער ערד האָט געדיענט עהרליך און געטריי איהרע מענשענקינדער און פּראָדוצירט איהרע ערד פּראָדוקטען אין אַזאַ מאָס אַז ס'זאָל זיין גענוג פאַר אַלעמען.

אָט דערפאַר זאָגט די תורה: „אם בחקותי תלכו — — ואכלתם לחמכם לשובע". דאָס וואָרט „לחמכם" קוקט אויס ווי איבעריג, „ואכלתם לשובע" אַליין וואָלט געווען גענוג. משמעות אז אפילו ווען עס איז דאָ דער „לחמכם" קען אויך געמאָלט זיין אַז ס'זאָל נ י ט זיין „ואכלתם לשובע" און דאָס איז, ווי געזאָגט, אין אַזאַ פאַל וואו „אין תורה". אונ־טערשטרייכט דערפאַר דער פסוק אַז אויב אָבער ס'וועט יאָ זיין „ ב ח ק ו ת י ת ל כ ו " דאַן וועט שוין זיכער זיין „ואכלתם לחמכם לשובע", ווייל „אם י ש תורה, יש קמח"...

און אויב עס וועט זיין „ואכלתם לחמכם לשובע" וועט שוין ממילא זיין „ונתתי שלום בארץ", ווייל די אַלע קאָנפליקטען אין אונזער קאָלעק־טיווען לעבען צווישען די קלאַסען און פּאַרטייען זיינען אַלע אַ רעזול־טאַט פון דעם מאַנגעל אין ש ו ב ע, וואו ש ו ב ע אָבער, דאָרט איז אויך ש ל ו ם.

וואָרט און צייט

זיינען „מתן תורה" און „חג הבכורים" שוין ניט קיין צוויי פרעמדע געגענזעצטע נעמען. ס'איז „שתים שהן אחת". זיי ביידע פאָרמירען איין איינהייטליכע פראָגראמע פאַר'ן מענשליך אידישען לעבען, די פראָגראַמע פון ק מ ח מיט ת ו ר ה.

און אויב די ניט אידישע וועלט האָט די תורה ניט געוואָלט אָנ־נעהמען, איז עס דערפאַר וואָס זי איז נאָך ניט רייף געווען צו באַגרייפען די דאָזיגע סינטעזע. פון דעם זמן מתן תורתנו ביז איצט, האָט אָבער די וועלט שוין געמאַכט באַדייטענדען פאָרשריט. עס געהט אמת צו זעהר לאַנגזאַם, אָבער סוף סוף וועט קומען דערצו ווען די גאַנצע וועלט וועט אָנערקענען די אמת'ע און ליכטיגע פרינציפען פון אונזער תורה. ס'וועט זיין „ומלאה הארץ דעה", און „ונהרו גוים לאורך".

לחתונה

על כן יעזב איש את אביו ואת אמו ודבק
באשתו והיו לבשר אחד.
(בראשית ב).

דער „ודבק באשתו" איז געוויס איינע פון די שעהנסטע עטישע לעהרען אין דעם מענשליכען פאַמילען לעבען; עס איז דער ערשטער סעיף אין דעם שלחן־ערוך פון הייראַט און איז דער גרונדשטיין פאַר דעם גאַנצען בנין פון דער מענשליכער משפחה; אָהן דעם דאָזיגען יסוד וואָלטען די חיי המשפחה געוועזן אויסגעזעצט אַלערליי געפאַרען און וואָלטען ביי יעדען מינדעסטען קריזיס געשטעלט אין סכנה דעם שלום־בית.

איז עס ווי געזאָגט, אַן עלעמענטאַרישער געזעץ וואָס איז אומבאַדינגט נויטיג געוועזן פאַר דעם קיום המין און דאַרף דעריבער האַרציג באַגריסט ווערען פון יעדעס מענשליכען וועזען וואָס האָט אַ חוש פאַר די געגענזייטיגע פליכטען וואָס דער פאַמיליען לעבען בריינגט מיט זיך צוביידע געשלעכטען.

אויב אָבער דיזער „ודבק באשתו" ווערט געבויט אויפ׳ן חשבון פון דעם „על כן יעזב את אביו ואת אמו", דאַן איז עס שוין ווידער אַן אַנדער זאַך, זיין קורס פאַלט שוין אַביסעל אַרונטער. און עס פאַרלירט שוין עטוואָס פון יענעם עהרליכען ראָמאַנטישען רייץ וואָס די דאָזיגע עטישע לעהרע רופט זאָנסט מיט זיך אַרויס.

דען ווי קען עס אַנדערש זיין, אויב פון איין זייט קלינגט נאָך אין מענשליכען אויער דער הימליש־לירישער קלאַנג פון דעם „כבד את אביך ואת אמך", יענער עטישער געבאָט פון די עשרת־הדברות וואָס האָט זיך דורכגעשניטען אַ וועג אין דער סאַמע פינסטערניש און האָט דער־גרייכט אפילו יענע אונוויסענדע באַרבאַרישע עלעמענטען אויף וועמען די אַנדערע געבאָטען האָבען ניט געקענט מאַכען קיין איינדרוק און בלויז אַ דאַנק דעם „כבד את אביך ואת אמך" האָבען אויך יענע „דברות" זייער

וואָרט און צייט

תקון געקראָגען: „כיון שהגיע לכבד את אביך ואת אמך חזרו והודו לדברות הראשונות" (קדושין).

ווי שיקט זיך עס אַלזאָ אַז אָט דער שעהנער געבאָט פון אונזער תורה זאָל בלויז טראָגען אַ צייטווייליגען כאַראַקטער, און זאָל פאַרשווינדען אַזוי שנעל ווי עס באַווייזט זיך אַ „קאָנקורענט" אין געשטאַלט פון אַ „ודבק באשתו"?

און ווי האַלט עס בכלל אויס לאָגיש? גענויע אַכטצעהן אָדער צוואַנציג יאָהר זיך אָפּגעמאַטערט מיט'ן קינד, איהם געשפּייזט, געשוכט און גע־קליידעט, זיך פאַרשולדיגט איבער'ן קאָפּ און איהם געגעבען די בעסטע ערציהונג, אויסגעשטאַנען פון איהם געברענטע ליידען, ניט דער־עסען, ניט דער־שלאָפען; איהם אַרויסגעשלעפּט פון אַלערליי געפאַרען וואָס האָבען ניט איינמאָל געשטעלט זיין לעבען אונטער אַ פראַגע צייכען — און אַלץ געהאָפט: אָט וועט ער גרויס ווערען און וועט „אָפּדינען אין פריידען" מיט זיין איבערגעבענהייט און לאָיאַליטעט, מיט זיין אַכטונג און פאַרעהרונג.

און דאָ מיטאַמאָל: על כן יעזב איש את אביו ואת אמו!?...

הייסט עס אַלזאָ אַז אַזוי לאַנג ווי דו מענשענקינד ביסט געווען אַן אומבאַהאָלפענע באַשעפעניש, האָסט ניט געטויגט פון דאַנען ביז אַהין און האָסט זיך גענויטיגט אויף יעדען קעהר און ווענד צו די הילף פון טאַטע־מאַמע, דאַן ביסטו געווען אבליגאַטאָריש פאַרפּליכטעט צום „כבד את אביך ואת אמך", אַזוי גיך אָבער ווי דו ביסט געוואָרען אומאָבהענגיג פון זיי, דו ביסט שוין אַ זעלבסטשטענדיגער מענש און „קענסט שוין דיין שטעטעל אליין באַשטעהן", דאַן קענסטו זיי שוין פאַרלאָזען, דאַרפסט זיי שוין מעהר אין אַכט ניט נעהמען ווייל — על כן יעזב!...

קלאָהר אַז דאָס האָט אונזער עטישע תורה ניט געקענט מיינען, עס וואָלט געווען אין פולען קאָנטראַסט צו יענער מצוה וואָס האָט דאָמינירט די גאַנצע עשרת הדברות און איז געווען, ווי געזאָגט, זייער לייט־מאָטיוו.

בעאָבאַכטען מיר אָבער מיט אַביסעל מעהר אבזערוואַציע דעם קינ־דערשען לעבען פון פאַר און נאָך דער חתונה, דאַן קענען מיר זיך לייכט אָריענטירען און פאַרנאַנדערקלייבען אין דעם געדאַנק פון דעם „על כן יעזב".

לחתונה

מיר האָבען דערמאָנט „קאָנטראַסט״, אָבער וואָס פאַר אַ מערקווירדיגען קאָנטראַסט זעהן מיר אין אונציילבאַרע פעלע צווישען די פארהעלטניסע און געגענזייטיגע באַציהונגען ביי דאָס „יונגוואַרג״ אין דער פעריאָדע פון פאַר דער חתונה און אין די וואָס נ אָ ך דער חתונה.

פיעל מעהר בולט איז אָט דער קאָנטראַסט אין דעם אַמעריקאַנעם לעבען. וויפיל די טאַלאַנטירטע ראָמאַנטיקער זאָלען ניט האָבען געשילדערט מיט די עהרליכסטע פארבען די ראָמאַנטיק פון פאַר דער חתונה, האָבען זיי נאָך אַלץ ניט באַוויזען זיך צו דערגרונטעווען ביז צום סאַמען ענד, ווייל עס איז ווירקליך גאָר קיין ענד ניטאָ. „כי עזה כמות אהבה״! פאַרקניפט און פאַרבונדען מיט די שטאַרקסטע פעדים פון זייערע נשמות זיינען אָט די יונגע „פלוירטערס״ און „הסח הדעת״ האָט אויף זיי בכלל קיין שליטה ניט... ניט נור די זונטאַג׳ס מיט די מיטוואָך׳ס האַלטען זיי אין שויס פון דער פאַנטאַסטישער ראָמאַנטיק, נור אפילו אין די אַבּ־דערע ששת ימי המעשה ווען „ער״ אָדער „זי״ זיינען געצוואונגען צו טאָן די אלטעגליכע רוטינע ארבייט אין שאָפּ אָדער אָפיס, אויך דעמאָלט זיינען זיי דאָך נור פיזיש אָפּגעטיילט וועהרענד גייסטיג זיינען זיי דאָך אויך דאַן פאַרקניפט און פארבונדען, און זאָל אַ מינוט דער טעלעפאָן זיין „ביזי״ און „ער״ אָדער „זי״ זאָלען דאַרפען וואַרטען בלויז געצעהלטע מינוטען אויף דער „לאַיין״, פּלאַצט דאָך ממש זייער געדולד...

פאַר דעם זייטיגען בעאבאכטער שאַפט זיך דער איינדרוק אַז אָט די באַציהונגען זיינען פון אַן אייביג דויערענדען כאַראַקטער און אַז בלויז דער גרויזאַמער טויט וועט אימשטאַנד זיין זיי פאַרנאַנדערשיידען.

ווי אַנטוישט ווערען מיר אָבער צו זעהן די זעלבע „פּאַר׳ל״ אין דער תקופה פון נ אָ ך דער חתונה ווען די סיטואַציע איז אין גאַנצען אַ געביטענע. רייבונגען און קאָנפליקטען ווערען אַ גאַנץ אָפטע ערשיינונג, און אַנשטאָט וואָס פריהער פלעגט מען הערען פון יעדערען פון זיי אַז איינער אָהן דעם אַנדערען איז פשוט „אי אפשר להתקיים ולעמוד אפילו שעה אחת״, טרעפט שוין נאָכהער ניט זעלטען ווען עס מאַכט זיך אַז איינער פון זיי פאָהרט אָפּ פאַר אַ שטיקעל צייט פון דערהיים זאָל דער אַנדערער אויסדריקען דעם וואונש אַז די נסיעה זאָל געבענשט ווערען מיט אריכות ימים...

וואָרט און צייט

פון וואַנען אַלזאָ נעהמט זיך די סבה פון דער דאָזיגער געביטענער לאַגע? וואָס איז די אורזאַכע פון אַזאַ געגענזעצטען קאָנטראַסט?

דערצו נויטיגט זיך אָבער אויך אַ בליק אין אַ צווייטער ריכטונג — אין טאַטע־מאַמעס הויז.

האָט איהר ניט ווען עס איז בייגעוואוינט אַ סצענע אין אַ זונטאָג פריה ווען די מאַמע וועקט די טאָכטער פון איהר פאַרזונקענעם זונטאָג־שלאָף צו העלפען צוגרייטען פאַר׳ן טאַטען פרישטיק און טאָכטער׳ל האָט דערצו אַ גאַנץ קנאַפּען חשק, און ווען זי טהוט עס שוין אַמאָל יאָ אויס רעספּעקט צו די עלטערן, טראַכט זי אָבער ביי זיך און זאָגט עס זאָגאַר עפענטליך ארויס אַז ביי „איהם״, ביי איהר צוקונפטיגען מאַן וועט שוין אַזאַ זאַך קיינמאָל ניט געשעהן, צוליב איהם וועט זי ניט דאַרפען שטערען איהר שלאָף, אין איהר אייגען הויז וועט ז י זיין די הערשערין. ע ר וועט מוזען אויסשטעהן איהרע קאַפּריזען און ניט פאַרקעהרט.

כמעט דאָס זעלבע הערט מען אויך פון דעם יונגען זוהנ׳עלע ווען עס שמעקט איהם למשל ניט דער מאַמעס מאָהלצייט; ער איז וועגע־טעריאַניש געשטימט און איז ניט געהרן די היימישע זופּען־פלייש מיט די קאָקלעטען. ער האָט אָבער קיין ברירה ניט, ער ברייגגט זעהר ווייניג אַריין אין הויז פון זיינע פאַרדינסטען אַז ער זאָל קענען „באַסעווען״ מיט דער מאַמען; דערפאַר אָבער אַז ער וועט שוין אַליין ווערען אַ בעל הבית׳ל וועט „זי״ איהם שוין מוזען סערווירען די מאכלים וואָס ע ר האָט ליעב ווייל ע ר וועט זיין דער „הערשער״...

ווען זיי פאַרלאָזען טאַטע־מאַמעס הויז מיט אַזעלכע געדאַנקען און באַשלוסען, האָבען זיי שוין דערמיט פאַרברייטעט דעם באָדען פאַר רייר־בונגען, צאַנקערייען און קאָנפליקטען פאַר דעם נאָהנטען צוקונפט פון נאָך דער חתונה.

דער רמב״ם קאָמענטירענדיג אויף דעם „כי לי בני ישראל עבדים״ וועלכער איז לכאורה אומפאַרשטענדליך, ווייל אויב דער גאַנצער יציאת מצרים איז באַזירט אויף דעם גליק פון „אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים״, טאָ וואָס זשע איז דאָ דער אויפטהו און ריוח אויב אויך איצט דאַרפען זיי בלייבען עבדים?

דאַרויף ערקלעהרט דער רמב״ם אַז „ההשתעבדות למי שראוי, היא

החרות הגמורה״ (דער שעבוד צו דעם וואָס איז כדאי משועבד צו זיין איז ערשט די אמת׳ע פרייהייט און ניט קיין שעבוד). עס איז דאָך ניט צו פאַרגלייכען דאָס זיין למשל אַ דינער ביי אַן איינפאַכען פויער צו דאָס זיין אַ דינער ביים מלך אַלייך...

און וואָלטען די יונגע קינדער פאַרשטאַנען אַז דער געגענזייטיגער שעבוד צווישען מאַן און ווייב איז ניט קיין שעבוד נור אַ ״השתעבדות למי שראוי״ וואָלטען זיי ביים פאַרלאָזען טאַטע־מאַמעס הויז זיך ניט אַרומגעטראָגען מיט מחשבות פון באַהערשען איינער דעם אַנדערען און ממילא וואָלטען די אַלע רייבונגען אויסגעמיטען געוואָרען.

האַנדעלט זיך דעריבער כלל ניט אין דעם ״על כן יעזב״ וועגען פאַרלאָזען טאַטע־מאַמע און פאַרקלענערן דעם רעספּעקט צו זיי און דער דאָזיגער פּסוק איז כלל קיין סתירה ניט צום ״כבד את אָביך ואת אמך״. דאָ איז בלויז אַן אָנזאָג צו פאַרלאָזען די ג ע ד אַ נ ק ע ן מיט וועלכע מ׳האָט זיך אַרומגעטראָגען א י ן טאַטע־מאַמעס הויז וועגען דער צוקונפט. ״יעזב איש את אביו ואת אמו״ פאַרלאָזען יענע מחשבות בעת מ׳איז געווען ״את אָביו ואת אמו״ און פאַרשטעהן דעם ״ודבק באשתו״ אין דעם זין פון דעם ״והיו לבשר אחד״; פאַרשטעהן אַז די איבערגעבענהייט פון מאַן צו ווייב און פאַרקעהרט איז ניט קיין שעבוד נור פרייהייט, ווייל קוים איז ״והיו לבשר אחד״ הייסט דאָך עס אַז פון צוויי ווערט איינס און דער ״יענער״ ווערט אַ חלק פון דעם ״איך״, לאָזט זיך דאָך שוין ממילא ניט רעדען אין טערמינען פון באַהערשען אָדער באַהערשט צו ווערען.

דאָ איז דעריבער ניט קיין י ר י ד ה אין דעם כבוד־אב־ואם נור אַן ע ל י ה אין דעם כבוד־איש־ואשתו; די תורה איז דאָ ניט אויסען קיין קלקול אין דאָס ערשטע נור אַ תקון אין דאָס צווייטע...

דער ״והיו לבשר אחד״ איז פאַלגליך דער ווירקזאַמסטער שוץ־מיטעל געגען פאַמיליע־קאָנפליקטען, דען אַקוראַט ווי די לינקע האַנט למשל וועט זיך ניט אָפּרעכענען מיט דער רעכטע ווען יענע איז מיט׳ן ברויט מעסער אַריינגעפאַרען אין איהר און דערפאַר איהר אויך וועלען צו׳מזיק׳ן, אַזוי דאַרפען מאַן און ווייב אויך זיין דורכגעדרונגען מיט דעם לבשר־אחד־געפיהל און דאַן איז דער שלום־בית אַ געזיכערטער.

חג מלואים

(להתמנותו של רב העדה)

הקורא את שמע צריך להשמיע לאזניו.
(ברכות)

אַמאָל פלעגט זיין איינגעפיהרט אין די קליינע שטעטלאך, ישובים און דערפער, אַז דער נאַכט-וועכטער וואָס איז אַרומגעגאַנגען די גאַנצע נאַכט און געהאַלטען וואַך איבער דאָס ביסעל ווירטשאַפטליכקייט וואָס האָט זיך געפונען אין שטעטעל, פלעגט יעדער שטונדע אויסרופען אויף׳ן קול און אָנזאָגען וויפיל דער זייגער איז איצט. אַזוי האָט ער געטהאָן ביז׳ן טאָג אַריין.

אַ גרויס שטאָדטישער וועמען ס׳איז אַמאָל אויסגעקומען צו פאַרוויילען אַ נאַכט אין אַזאַ שטעטעל, האָט אָפּגעשטעלט דעם וועכטער און איהם געפרעגט: צוליב וואָס טהוסטו דאָס? די וואָס שלאָפען הערען דאָך סיי ווי ניט דיינע הכרזות, די ווידער וואָס זיינען אויף, ווייסען דאָך די צייט אַליין, ווייל היינטיגע צייטען געפינט זיך דאָך אַ זייגער אין יעדער הויז?

— פאַרשטעהסט איהר מיך, האָט איהם דער וועכטער געענטפערט, איך טהו דאָס ניט צוליב ז י י נור צוליב זיך. זאָל די שטעטעל וויסען אַז א י ך שלאָף ניט, אַז איך דערפיל אויפריכטיג מיינע פליכטען...

מיר דערמאָנען זיך אין דער דאָזיגער אַנעקדאָטע אין פאַרבינדונג מיט דער רבנ׳ישער פּראָפעסיאָן דאָ אין אונזערע מקומות פון דער נייער וועלט.

דער רב נאַטירליך איז דער גייסטיגער שומר פאַר זיין געמיינדע וועלכער פאַסט אויף אויף זיינע צאן קדשים און וואַכט איבער זייער בי־סעל גייסטיגע ווירטשאַפטליכקייט. אין דער אַלטער היים פלעגט מען

לחג מלואים

אָבער זעהר זעלטען הערען דעם רב'ס שטימע פון דער עפענטליכקייט. ס'זיינען געווען בלויז געצעהלטע טעג אין יאָהר ווען דער רב פלעגט זיך באַווייזען פון דער בימה, ווי למשל אין די צוויי שבתים, שבת שובה און שבת הגדול אָדער ראש השנה פאַר תקיעות, יום כפור צו כל נדרי אד"ג.

דאָ אָבער אין דער נייער היים פיהרט זיך אַנדערש. דאָ איז עס מעשה קליין שטעטעל. שבת־איין, שבת־אויס און אין מעהרערע פאַלען אויך אין די מיטוואָכדיגע טעג, שטעהט דער רב אויף דער בימה און וועקט דעם עולם. דער איינציגער אונטערשיד באַשטעהט אין דעם וואָס דאָרט אין יענע קליין שטעטעל פלעגט דער וועכטער דעם „עולם" ווייזען דעם זייגער, דאָ אָבער טרעפט עס מעהרערע מאָהל אַז דער ע ו ל ם ווייזט דעם רב דעם זייגער, אַן אַנצוהערעניש ער זאָל מקצר זיין..

איז עס אביסעל חדוש'דיג. דוכט זיך דאָ אין דער נייער וועלט איז דאָך כלל ניט קליין שטעטלדיג, טאָ פון וואַנען דער דאָזיגער קליין שטעטעלדיגער מנהג אַלע ווילע צו מונטערן דעם עולם?

פאַרגעסען מיר אָבער אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען גייסטיגען לע־בען, גייסטיגעווירטשאַפטליכקייט און גייסטיגע וועכטער, און אין ד ע ם, זאָל אונז צו קיין גנאי ניט זיין, זיינען מיר טאַקע אמת'ע קליין שטעטעלשע.

אויף די פיזישע, עקאָנאָמישע און מאַטעריעלע געביטען זיינען מיר טאַקע גרויס שטעדטישע. מיר פיהרען ריעזיגע געשעפטען, מיר שאַפען, טהוען און ווירקען גאָר אויף אַ גרויסען פאַרנעהם. אונזערע אַפּאַראַטען שטעהען אימער אין באַוועגונג. מיר שלאָפען קיינמאָל ניט. און די דאָ־זיגע ווערטער זיינען ניט געזאָגט בדרך מליצה, נור ביז א געוויסער מאָס אויך בוכשטעבליך.

זאָל למשל אַ מאַן פון דער פראָווינץ אַריינקומען אין ניו יאָרק וועט זיך ביי איהם גלייך שאַפען דער איינדרוק אז אין דער דאָזיגער שטאָדט שלאָפט מען קיינמאָל ניט, נור מען איז אויף טאָג און נאַכט. אויב דער געשעפטליכער לעבען הערט שוין ווי עס איז אויף אין די שפעטיגע נאַכט שטונדען, פאַנגט זיך ערשט דעמאָלט אָן דער געזעלשאַפטליכער לעבען. קומט מען אַרויס אין אַ בראָדוויי למשל נאָך האַלבע נאַכט זעהט מען אַז דאָרט הויבט זיך ערשט דעמאָלט אָן דאָס לעבען. די טראַמוויים, די עלעווייטאָרס און די אונטערערדישע באַהנען זיינען אין באַוועגונג די

וואָרט און צייט

גאַנצע פיער און צוואַנציג שעה פון מעת־לעת און גאַנץ אָפט טרעפט עס אַז ווען איהר פאָהרט מיט דער „סאָבוויי" אַרום פיער אַזייגער פאַרטאָגס, זאָלט איהר דעמאָלט ניט האָבען קיין זיץ פּלאַץ און דאַרפען „הענגען" אויף די לעדערנע רימענס כדי זיך צו באַשיצען געגען די סאָבוויי־„נענועים" פון וועלכע איהר קענט געשליידערט ווערען לאַרבע רוחות און דערביי קריגען אמת׳ע רסוק אברים.

זיינען מיר טאַקע דאָ ווי געזאָגט גרויס שטאָדטישע, נאָך מעהר: גרויס מ ד י נ ה ׳ ש ע, און וואָס אנבאַלאַנגט די פיזישע און מאַטעריעלע זייט פון לעבען דאַרפען מיר לחלוטין קיין וועקערס ניט, ווייל מיר שלאָפען קיינמאָל ניט.

קומט עס אָבער צו דער גייסטיגער זייט, דאָ איז שוין גאָר אַן אַנדער פרשה. דאָ זיינען מיר נאָך קלענער פון קליינשטעטעלדיגע. אויף׳ן שטח פון אונזער גייסטיגע ווירטשאַפטליכקייט איז ניט נור ש ל אָ פ ע ן מיר נור מיר כ ר אָ פ ע ן , און מ׳דאַרף אָנשטעלען די שטאַרקסטע אַלאַמירענדע וועק־זייגערס כדי אונז אויפצוואוועקען...

איז דערפאַר קיין חדוש ניט פאַר וואָס דאָ אין דער נייער היים האָלט מען דעם גייסטיגען וועכטער אין געשטאַלט פון רב אַזוי שטאַרק באַשעפטיגט און יעדען שטונדע דאַרף ער אויסשרייען אויף׳ן קול וויפיל דער זייגער איז...

די פראַגע איז אָבער: ווירקט טאַקע דער דאָזיגער וועקען? מאַכט עס די שלעפערדיגע וואַכעדיג? פאַלט ניט דעם רב׳ס שטימע אויף טויבע אויערען? איז ניט דעם רב׳ס קול א קול קורא במדבר?

דאַרויף איז ניט אַזוי לייכט צו ענטפערען. די מיינונגען זיינען צוטהיילט. פאַראַן מחייבים און מזכים, פעסימיסטען און אָפטימיסטען, און ביז אַ געוויסער מאָס איז אין ביידענס באַהויפטונגען פאַראַן אַ גראַד אמת.

נאָך אַ ריכטיגער אַנאַליזירונג קומען מיר צו דער איבערצייגונג אַז מען דאַרף דאָ פאַנאַנדער טהיילען דעם אינדיווידועלען לעבען פון דעם קאָלעקטיוועןָ, די חיי היחיד פון די חיי הצבור און דאַן וועלען ביידע דערמאָנטע מיינונגען געפינען זייער פּלאַץ.

עס איז אמת אַז אין דעם לעבען פון יחיד איז ניט אַזוי שטאַרק קענטיג די ווירקונג פון דעם רב׳ס מוסר און ניט צו־גרויס איז די צאָהל

לחג מלואים

פון די „חוזרים בתשובה״ אין זייער פריוואַט לעבען. דערפאַר אָבער איז שטאַרק קענטיג די אויסבעסערונג אין דעם קאָלעקטיווען צבור׳ישען לעבען.

די בימה איז דער אינסטרומענט מיט וועלכען עס אָפּערירט דער גייסטיגער פיהרער אין זיין באַמיהונג אויסצובעסערען דעם קהל׳שען לע־בען, אַ באַמיהונג וועלכעס האָט זיך ביז אַ געוויסער מאָס איינגעגעבען אויף אַ באַדייטענדען ערפאָלגרייכען אופן.

עס וועט ניט זיין איבערטריבען אויב מיר וועלען זאָגען, אַז די מעהרסטע צבורישע טעהטיגקייטען אויף די סאָציאַלע, פילאַנטראָפּישע, נאַציאָנאַלע און קולטורעלע געביטען, זיינען אַ פּראָדוקט פון דער אידי־שער שוהל בימה. אויב מיר האָבען היינט צו טאָג אין אַמעריקא אַ נעץ פון קולטורעלע חנוך אַנשטאַלטען, אַ טהייל פון זיי וועלכע קענען זיך זאָגאַר פאַרמעסטען מיט די בעסערע פון דיזען סאָרט אין דער אַלטער היים, איז עס אָהן ספק אַ רעזולטאַט פון דעם רב׳ס בימה דרשות. אויב דער ציוניזם אין אַלע זיינע פאָרמען איז געוואָרען אַזאַ מעכטיגער פאַק־טאָר אין דעם אַמעריקאַנעם אידישען לעבען, האָט דערין די בימה אַ גרוי־סען חלק. דאָס אייגענע אויך מיט די אַלע אַנדערע פאַרשידענע אידי־שע טעהטיגקייטען צו וועלכע די שוהל־בימה האָט גענעבען אַ קאָלאָסאַלען בייטראָג.

און דאָס מיינט שוין אויך זעהר פיעל. דען אין דאָס צבור׳שע אידיש־קייט האָט דאָך דער יחיד אויך אַ חלק. ס׳איז דאָך „אין בכלל אלא מה שבפרט״. דער כלל איז דאָך צוזאַמענגעשטעלט פון דעם פרט, איז דאָך ממילא יעדער יחיד׳ס בייטראָג צום כלל אויך אַ קרעדיט און תעודת זכות פאַר דעם יחיד׳ס אידישקייט און דאָס אַלץ קומט דאָך, ווי געזאָגט, דורך די השפעה פון די בימה און איהר מייסטער — דער רב.

**

מען דאַרף אָבער אויך געדענקען אַז דעם רב׳ס השפעה קען נור דעמאָלט גרייכען צו די מאַסען, אויב ער, דער רב אַליין איז אַן

אויפריכטיגער ערנסטער מענש. אויב זיינע רייד זיינען „דברים היוצאים מן הלב״, קענען זיי אויך זיין „נכנסים אל הלב״; אויב ער איז אַ „נאה מקיים״ האָט אויך אַ ווערט דאָס וואָס ער איז אַ „נאה דורש״.

האָט מען דאָך נאָך אין דער תלמוד׳ישער תקופה געזאָגט: „תמה אני אם יש בדור הזה מי שמקבל תוכחה, אם יאמר לו טול קיסם מבין שניך יאמר לו טול קורה מבין עיניך״ (ערכין ט״ז). איז דאָך דערפון צו זעהן אַז דער גאַנצער חסרון אין קיין ניט צוגעקלעפּטען מוסר נעהמט זיך דערפון וואָס דער מוסר זאָגער אַליין איז ניט אויסגעהאַלטען, און קוים קען מען איהם ענטפערען „טול קורה מבין עיניך״, קען שוין זיין „טול קיסם״ קיין ווירקונג ניט האָבען...

דער אַלטער טייטש פון: „וכל העם רואים את הקולות — ר ו א י ם את ה נ ש מ ע״. דאָס וואָס מען ה ע ר ט פון רב דאָס דאַרף מען ביי איהם אויך ז ע ה ן. דער נ ש מ ע קען נור דאַן זיין ווירקזאַם ווען ער קומט נאָך דעם נ ע ש ה . . .

„הקורא את שמע צריך להשמיע לאזניו״. דער ק ו ר א דאַרף שטענדיג געדענקען אָט דעם עלעמענטאַרישען אל״ף, אַז איידער זיינע רייד קענען דערגרייכען דעם אַנדערענס אויער, דאַרפען זיי פריהער דערגרייכען זיין אייגענעם אויער. ער אליין דאַרף דערהערען וואָס ער רעדט... איידער מען קען זיין אַ „וכפר בעד כל קהל ישראל״ מוז מען פריהער זיין אַ „וכפר בעדו״...

דער אויבענדערמאַהנטער משל מיט דעם קליין שטעדטעלדיגען נאַכט־וועכטער, איז דעריבער דאָ אויך זעהר ריכטיג אָנגעמאָסטען. בעת דער רב שטעהט אויף דער בימה און וועקט זיינע שוהל אידען צו אידישקייט און וויל דאָך נאַטירליך אַז זיינע רייד זאָלען האָבען אַ ווירקונג, דאַרף ער אין זינען האָבען דאָס וואָס יענער נאַכט־וועכטער האָט אין זינען געהאַט: ער דאַרף אויסרופען דעם זייגער כדי צו מאַכען זיכער אַז ער אַליין שלאָפט ניט...

ווען דער רב וואָלט אויך מיט אַזעלכע כוונות געמאַכט זיין צוטריט צו דער בימה, ער וואָלט געפיהלט אַז כאָטש ער אַליין איז דער

לחג מלואים

שופר בלאָזער, אַליין דער תוקע, פונדעסטוועגען דאַרף זיין ברכה ניט זיין ל ת ק ו ע נור ל ש מ ו ע קול שופר, וואָלט ער דאַן געקענט מיט מעהר מוט און מעהר אָפּטימיזם באַשטייגען זיין בימה, ער וואָלט זיכער געווען אַז דאָרטען וואו ער וועט יוצא זיין פאַר זיך, וועט ער קע־נען מוציא זיין אַנדערע, ווען ער וועט באַזייטיגען דעם „טול קורה", וועט ער מאַכען פלאַץ פאַר דעם „טול קיסם"...

אָט דאָס זיינען די אינסטרוקציעס וואָס די נײ־יונגע אינסטולירטע רבנים דאַרפען קריעגען פון זייערע עלטערע חברים ווען זיי ווערען דורך זיי ערנאָנט צו זייער ערשטען אַרויסטריט אין דעם עפענטליכען לעבען אַלס גייסטיגע פיהרער צו זייערע מאַסען. דאָס איז די ריכט־ליניע וואָס פיהרט צו דער אידישער בימה. פון דער דאָזיגער ליניע טאָר מען ניט אָפּנויגען און דאַן איז דער וועג אַ געזיכערטער.

עס דאַרף זיין: הקורא את שמע ו ה ש מ י ע לאזנו!

אספת־אזכרה

(מעמאָריאַל פאַרזאַמלונג)

אַ מעמאָריאַל פאַרזאַמלונג וואָס איז געווידמעט דעם עהרן־אָנדענק פון דעם פאַרשטאָרבענעם און ווערט אין די מעהרסטע פעלע פאַראַנשטאַלט דורך דער אגודה, פאַראיין און סאָסייעטי אין וועלכע דער נפטר איז געוועזן אָנגעשלאָסען אַלס מיטגליד, איז אין גאַנצען אַנדערש אין כאַראַקטער פון דעם הספד וואָס ווערט געמאַכט בעת דעם נפטר'ס לויה. דען דעמאָלט בשעת דער לויה איז דער מספיד אונטערוואָרפען דעם דין וואָס זאָגט: „אל תנחמהו בשעה שמתו מוטל לפניו" און מיט זיין בעסטען ווילען צו לינדערען עטוואָס די שמערצען פון די אבלים, איז איהם אָבער דאָס ניט ערלויבט.

איצט אָבער ווען ס'איז „אין מתו מוטל לפניו" זיינען שוין די ראַמען פון הספד מעהר אויסגעברייטערט און דער ספדן פיהלט זיך שוין פרייער אין וואָרט און געדאַנק. דאָ איז שוין יאָ פאַראַן פּלאַץ פאַר טרייסט ווערטער און די דברי תנחומים דאַרפען טאַקע פאַרנעהמען דעם הויפּט פלאַץ ביי אַזאַ סאָרט אָווענט.

אַ מעמאָריאַל אָווענט דאַרף הויפּטזעכליך געווידמעט ווערען צו דער אָבשאַצונג פון טויט פון אַ ריין אידיש־טראַדיציאָנעלען שטאַנדפּונקט. דען דער גאַנצער ענין פון מעמאָריאַל פאַרזאַמלונגען איז אַן און פאַר זיך אַ ריין אידישער פּראָדוקט. ביי די אומות העולם זיינען מעמאָריאַלס ניט אַזאַ אָפטע ערשיינונג. ביי זיי ווערט געלייגט מעהר געוויכט אויף'ן „יום הלידה" ווי אויף'ן „יום המות" און די געבורטסטאָג פייערונגען פאַרנעהמען אַ מעהר פּראָמינענטען פלאַץ ווי אזכרות.

דאָס אַמעריקאַנער פאָלק צום ביישפּיל האָט צווישען זיינע נאַציאָנאַלע ימים טובים אַזעלכע טעג ווי „וואַשינגטאָנ'ס געבורטסטאָג", „לינקאָלן

געבורטסטאָג״, און ניט וואַשינגטאָנ׳ס יאָהרצייט אָדער לינקאָלנ׳ס יאָהר־צייט. ביי אידען אָבער איז „ויום המות מיום הולדו״, דער יאָהרצייט פאַרנעהמט מעהר פּלאַץ ווי דער געבורטסטאָג. מיר פייערען די יאָהר־צייטען פון אונזערע גדולים און ניט זייערע געבורטסטעג.

דאָס איז נאַטירליך געשטיצט אויף דעם „הן בקדושיו לא יאמין״, קענען מיר דעריבער ניט לייגען קיין גרויס געוויכט אויף׳ן יום הלידה וואָס באַצייכענט די התחלה פון לעבען ווען דער סך הכל קען נאָך ניט אונטערגעשטראָכען ווערען.

האָט דאָך שוין די געשיכטע באַוויזען פאַלען ווען אפילו גאַנץ גרויסע מענשען האָבען ניט אויסגעהאַלטען די פּראָבע און עס האָט געקענט טרעפען אז „שמונים שנה שמש בכהונה גדולה ולסוף נעשה צדוקי״. דער יאָהרצייט אָבער וואָס באַצייכענט שוין דעם סיום פון לעבען ווען מען קען שוין אונטערשטרייכען דעם סך־הכל, די שורה אחרונה, דאָס לאָזט זיך שוין יאָ קובע מקום זיין. מ׳האָט שוין ניט קיין מורא פאַר׳ן ש פּ ע ט ע ר, דער לעבענס בלאַט איז שוין אָן אָנגע־שריבענער און דאָס אָנגעשריבענע דיקטירט שוין די ריכט־ליניע פון דער אָבשאַצונג און מ׳דאַרף ניט מורא האָבען פאַר דער אָפּנויגונג פונ׳ם אמת.

איז דערפאַר, ווי געזאָגט, די אָבשאַצונג פון טויט אורשפּרינגליך דורכ־אויס אידיש. אין דעם זיינען מיר ערשטהאַנטיג, אָריגינעל.

איינע פון די שעהנסטע הערכות וועגען טויט קריגט זיך אַרויס זעהר פּראָמינענט פון דעם פאָלגענדען באַקאַנטען מאמר חז״ל:

> ר׳ מאיר כי הוה מסיים ספרא דאיוב אמר הכי: סוף אדם למות וסוף בהמה לשחיטה והכל למיתה הם עומדים. אשרי מי שגדל בתורה ועמל בתורה ועושה נחת רוח ליוצרו ובוראו וגדל בשם טוב ונפטר בשם טוב מן העולם, ועליו אמר שלמה בחכמתו: טוב שם משמן טוב ויום המות מיום הולדו. (ברכות י״ז ע״א).

עס איז פאַראַן אַן אינטערעסאַנטע חקירה וואָס מאַנכע פון די מפרשים שטעלען זיך אָפּ דערויף און וועלכע פאַרדינט אָהן ספק אַן ערנסטע באַטראַכטונג.

וואָרט און צייט

די חלקי הבריאה ווייסען מיר דאָך זיינען איינגעטיילט אין די באַקאַנטע פיער הויפט יסודות: דומם, צומח, חי און מדבר, יעדערער פון וועלכע שטעהט מיט אַ מדרגה העכער פון דעם צווייטען. און דאָ אַנטפּלעקט זיך פאַר אונז אַ זאָנדערבאַרע ערשיינונג. דען אין דער צייט וואָס די ערשטע דריי פון די דאָזיגע פיער ווערט יעדערער פון זיי נתעלה אין אַ העכערע מדרגה נאָך זיין אויפהערען צו עקזיסטירען. אַזוי למשל דער דומם וואָס איז אַ משרת צום צומח און גיט איהם די נאַהרונג פאַר זיין כח הצמיחה, איז דאָך דער חלק דומם וואָס ווערט איינגעזויגען אין דעם צומח און פאַרלירט דאַדורך זיין אייגענעם עקזיסטענץ, ווערט ער דאָך אָבער גלייכצייטיג אַ טייל פון דעם צומח אַליין וואָס איז אַ העכערע מדרגה ווי די אין וועלכע ער איז געשטאַנען אין צייט פון זיין עקזיסטענץ. דאָס זעלבע איז אויך מיט׳ן „צומח" וואָס דיענט אַלס נאַהרונג פאַר׳ן „חי" און פאַרלירט דאַדורך זיין אייגענעם קיום אָבער ווערט מיט זיין אפסיות א חלק פון דעם חי. אַזוי אויך דער „חי" וואָס ווערט דורך זיין אויפהערען צו עקזיסטירען אַ טייל פון דעם „מדבר" און ווערט אַזוי אַרום מעהר נתעלה ווי אין דער צייט פון זיין יאָ עקזיסטירען.

איז וועהרענד די אַלע דריי, דומם, צומח און חי, שטייגען צו אַ העכערע מדרגה נאָך די ענדע פון זייער קיום, זעהט זיך עס אָבער ניט אַז אַזעלכעס זאָל אויך געשעהן מיט׳ן „מדבר" וואָס שטעהט אין זיין מדרגה העכער פאַר די פריהעריגע אָבער אַזוי גיך ווי ער הערט אויף צו עקזיסטירען זעהט זיך ניט זיין עלוי הנפש. אַזעלכעס לאָזט זיך דאָך אָבער ניט גלויבען. עס קען דאָך ניט זיין אַז דער בחיר היצורים זאָל אין דעם זין שטעהן נידעריגער פאַר די פחותים במעלה?

אין דעם ציטירטען מאמר פון ר׳ מאיר ווערט אָבער געגעבען די געהעריגע אויפקלערונג דערצו. ער פאַנגט אָן פון דער העכסטער מדרגה, פונ׳ם מדבר און זאָגט: „סוף א ד ם למות"; געהט איבער צום צווייטען במעלה און זאָגט: „וסוף בהמה לשחיטה" און דאַן צום „צומח" און „דומם" ווען ער זאָגט „ו ה כ ל למיתה הם עומדים". כדי אָבער עס זאָל ניט זיין קשה, אין וואָס קען מען זעהן דעם עלוי הנפש ביים „מדבר" נאָכ׳ן טויט ווי מען זעהט עס ביי די קלענערע חלקי הבריאה. דאַרויף זאָגט ר״מ: „אשרי מי שגדל בתורה ועמל בתורה ועושה נחת רוח ליוצרו

ובוראו וגדל בשם טוב ונפטר בשם טוב מן העולם". דער „גדל בתורה" און „גדל בשם טוב ונפטר בשם טוב", אין דעם ליגט דער ענטפער צום עלוי הנפש נאָכ'ן שטאַרבען. דען כל זמן דער מענש לעבט ציהט ער דאָך ניט אַזוי פיעל אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון זיינע אַרומיגע. נאָכ'ן טויט אָבער ווען מען פאַרקלייבט זיך אַרום זיין ארון אָדער ביי אַ מעמאָריאַל פאַרזאַמלונג וואָס ווערט פאַראַנשטאַלט אין זיין עהרע; דאָרט ווערט איבער־געלופטערט זיין לעבענס געשיכטע, מען דערצעהלט נאָך זיינע שבחים, זיין טעטיגקייט און גוטע לייסטונג פאַר דער געזעלשאַפט. זיינע מיט־מענשען, פריינד און באַקאַנטע ווערען דורכדעם נתעורר און באַשליסען פאַרטצו־זעצען די זעלבע טעטיגקייטען. זיי ווערען פאַרוואַנדעלט אין זיינע גייס־טיגע יורשים ווי עס לויטעט אַן אַנדער מאמר חז"ל: „חכם שמת הכל קרוביו", אַלע ווערען זיי זיינע קרובים וואָס טיילען זיך איין מיט זיין גייסטיגען רכוש, ווערט דאָך אַזוי אַרום זיין עקזיסטענץ פאַרטגעזעצט אויך נאָך זיין טויט און נעהמט נאָך אָן אַ גרעסערע פאָרמע, ווייל עס געהט דאָך איבער פונ'ם רשות היחיד צום רשות הצבור, איז אָט דאָס פאַלגליך דעם מענשענס עלוי הנפש.

ר' מאיר האָט אָבער אויך געוואָלט מאַכען פלאַץ פאַר יעדען איינפאַכען איד, אפילו ניט דער תלמיד חכם, צו קענען נתעלה ווערען נאָך זיין שטאַרבען, האָט ער דערפאַר צוגעגעבען צום „גדל בתורה ועמל בתורה" אויך דעם „עושה נחת רוח ליוצרו", אַזאַ טערמין וואָס קען געפינען זיין אויס־דרוק אפילו ביי אַ פשוט'ען מענשען וואָס האָט ניט געהאַט דעם זכות ביים לעבען צו זיין אַ „גדל בתורה". אָבער אַ „עושה נחת רוח ליוצרו" האָט אויך דער פשוט'ער מענש געקענט זיין. מיט יעדען גוטען טאָט און מיט יעדער חשוב'ער לייסטונג קען מען דאָך פאַרשאַפען אַ „נחת רוח ליוצרו ובוראו".

דערצעהלט דאָך אַ פאָלקס לעגענדע וועגען אַ פשוט'ען דאָרפס אינגעל וואָס האָט אפילו דעם אלף־בית ניט געקענט און אַז ער איז אויף ראש השנה געקומען אין שוהל מיט'ן פאָטער אין שטאָדט אַריין און האָט געזעהן אין שוהל ווי אַלע דאַוונען און ער קען אפילו קיין סידור ניט עפענען, האָט ער זיך דערפון שטאַרק געפיהלט געטראָפען. ווערלענדיג אָבער דאָך געבען אויסדרוק צו זיינע סענטימענטאַלע געפיהלען, האָט ער אַרויסגע־כאַפט פון בוזים זיין דאָרפישע פייפעל און האָט מיט אַלע כחות געגעבען

וואָרט און צייט

אַ פייף אַז די שוהל האָט אַזש אויפגעשטורעמט. ווען עס איז געוואָרען דורכדעם אַ גערודער צווישען די מתפללים וועלכע האָבען עס באַטראַכט פאַר אַ חלול יום־טוב וחלול הקדש, זאָל דער בעש״ט הקדוש האָבען דאַרויף באַמערקט אַז אָט דער פּראָסטער אינגעל מיט זיין פייף האָט געמאַכט אַ גרעסערען רושם אין די הימלען ווי מיר מיט אונזערע דביקות׳דיגע תפלות...

קען מען פאַלגליך אַמאָל מיט אַ דאָרפישען פייפעל אויך זיין אַ „עושה נחת רוח ליוצרו״, און דאָס זעלבע מיט אירגענד וועלכע גוטע מעשים וואָס ווערען געטאָן אויפריכטיג און גיבען אויסדרוק צו די טיעפסטע מענשליכע נשמה געפיהלען.

עס איז דעריבער פאַראַן פּלאַץ פאַר יעדען איינציגען איד זיך צו ערווערבען אַ „שם טוב״ און דאַדורך גרעסער ווערען נאָך זיין טויט, און אויף אַזעלכע פיהרט ר״מ אויס: „טוב שם משמן טוב ויום המות מיום הולדו״.

און אויב ס׳איז פאַראַן חלוקי דעות אין דער גמרא וועגען הספד צו עס איז „יקרא דחיי״ אָדער „יקרא דשכבי״, לאָזט זיך זאָגען אַז ס׳איז באמת תלוי איינס אין דאָס אַנדערע. אויב דער הספד ברענגט צו „יקרא דחיי״, די לעבדיגע ווערען דורכדעם ט י י ע ר ע ר אין זייער מעלת הנפש דערפאַר וואָס זיי ווערען נתעורר פון די גוטע מעשים פונ׳ם פאַרשטאָר־בענעם, איז דאָך דורכדעם ממילא אויך פאַראַן „יקרא דשכבי״, ווייל דאַדורך ווערט דאָך, ווי געזאָגט, דער מת גרעסער נאָך זיין טויט און געהט אַריין אין דער קאַטעגאָריע פון יענע מתים אויף וועלכע ס׳איז געזאָגט געוואָרען דער „גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם״.

און אָט פון דיזען שטאַנדפּונקט דאַרף עס דעריבער געלעגט ווערען אַזוי פיעל חשיבות אויף די מעמאָריאַל פאַרזאַמלונגען וואָס ווערען פאַר־אַנשטאַלטעט פון די סאָציאַלע געזעלשאַפטען אין געשטאַלט פון די לאַנדס־מאַנשאַפט פאַראיינען, אגודות, לאַדזשען און סאָסייעטיס.

דאָ איז דער פּלאַץ וואו דעם פאַרשטאָרבענעמס מעשים טובים האָבען געקראָגען זייער רעאַל־פּראַקטישען אויסדרוק ביי זיין לעבען און דאָ איז אויך דער פּלאַץ וואו די דאָזיגע מעשים טובים וועלען איבערגענומען ווערען

לאספת אזכרה

פון זיינע חברים לדעה אויך נאָך זיין טויט און דאַמיט שאַפען די אונ־שטערבליכקייט צום נפטר׳ס נשמה. דאָ איז דער פּלאַץ וואו „יקרא דחיי״ און „יקרא דשכבי״ שמעלצען זיך צונויף און ווערען איין איינהייטליכקייט און דאָ איז דער פּלאַץ וואו די טראַדיציאָנעלע נפטר תפלה פון „תהא נשמתו צרורה בצרור החיים״ קריגט אויך איהר פּשוט׳ע באדייטונג. ס׳איז „נשמתו צרורה בצרור החיים״ פשוטו כמשמעו, די נשמה בינדט זיך איין אין דעם בונד פון די לעבעדיגע חברים וואָס זיינען ממשיך זיינע גוטע מעשים און ממילא אויך ממשיך זיין קיום הנצחי.

און אויב דאָס איז דער ציעל און תכלית פון אַזעלכע מעמאָריאַל פאַר־זאַמלונגען, איז דאָך אין דעם גופא שוין פאַראַן גענוג טרייסט פאַר די אבלים, דען אויב דאָ ווערט אויסגעשמידט דעם נפטר׳ס חיים הנצחיים, איז דאָך: אין לך נחמה גדולה מזו!

נשף אזכרה

(מעמאָריאַל פאַרזאַמלונג)

„אחד מבני החבורה שמת ידאגו כל בני החבורה".

מעמאָריאַל פאַרזאַמלונגען וואָס ווערען פאַראַנשטאַלט פון סאָציאַלע פאַראיינען און אגודות צו עהרען דעם אָנדענק פון אַ פאַרשטאָרבענעם מיטגליעד, זיינען ניט בלויז אַן אויסדרוק פון פאַרעהרונג צו דעם באַ־טרעפענדען נפטר, אָבוואָהל דאָס אַליין, אַן און פאַר זיך, איז אויך גענוג אורזאַך צו באַרעכטיגען אַזעלכע פאַרזאַמלונגען. עס איז אָבער מעהר דערפון. עס טראָגט מיט זיך אַרויס אַ טאָפּעלע אויפגאַבע און עס דיענט אַ טאָפּעלעם צוועק.

עס איז ווי די גמרא דריקט זיך אויס: „יקרא דחיי" און „יקרא דשכבי", אַ גרויסקייט פאַר די לעבעדיגע און אַ גרויסקייט פאַר די טויטע.

„אַז מען לעבט אָהן חשבון שטאַרבט מען אָהן וידוי" — לויטעט אַ פאָלקס שפּריכוואָרט. „אדם דואג לאבוד דמיו ואינו דואג לאבוד ימיו" — לויטעט אַ צווייטער אויסדרוק. זעלטען ווען אַ מענש זאָל לעבען אָהן רעכענונג ווען עס האַנדעלט זיך אין זיינע מאַטעריעלע אינטערעסען, ס'איז אָבער ניט זעלטען צו לעבען אָהן חשבון אין באַצוג צו גייסטיגע אינטערעסען. די טרדות החיים זיינען גענוג גרויס אויף צו מאַכען דעם מענשען פאַרגעסען וועגען זיינע עולם הבא ענינים. די טאָג טעגליכע עולם הזה פּראָבלעמען זאָרגען שוין דאַפיר אַז ס'זאָל בלייבען ווינציג צייט אויף צו קענען ווען עס איז אַ טראַכט טאָן וועגען נשמה זאַכען און זיך מאַכען אַ חשבון נפשי אויך וועגען דעם מענשענס גייסטיגען קאַפּיטאַל ווי מען טוט עס מיט'ן מאַטעריעלען רכוש.

לנשף אזכרה

מעמאָריאַל פאַרזאַמלונגען דינען דעריבער דעם דאָזיגען צוועק און ניט אומזיסט האָט דער חכם מכל אדם עס אַזוי פראָמינענט גע־פיטשורט ווען ער האָט געזאָגט: „טוב לכת אל בית אבל מלכת אל בית משתה באשר הוא סוף כל האדם והחי יתן אל לבו" (קהלת ז׳).

דער צוועק פונ׳ם „לכת אל בית אבל" איז דער „והחי יתן אל לבו", דער חשבון הנפש פון דעם לעבעדיגען. דאָ אין דעם פלאַץ און אין דער שטונדע שיילט מען זיך אַ ווייַלע אַרויס פון די ערדישע און מאַטעריעלע ענינים. מען קאָנצענטרירט זיך אַרום דעם „יום המות". באַוואוסטזיניג און אפילו אונבאַוואוסטזיניג מאַכט זיך יעדערער זיין שטיקעל חשבון הנפש. כל זמן דער מענש האָוועט און שמייעט, יאָגט און לויפט, פאַר־געסט ער אַז ס׳איז דאָ אַזאַ זאַך וואָס מ׳רופט עס ט ו י ט. קומט ער אָבער אין דעם דאָזיגען בית־אבל דערמאָנט ער זיך אין דעם און ממילא איז שוין אויך „והחי יתן אל לבו", מען מאַכט שוין אַ שטיקעלע חשבון.

אָט דאָס איז דער זין פון ציטירטען טעקסט מאמר: „אחד מבני החבורה שמת ידאגו כל בני החבורה". בני החבורה וואָס אין היגען לשון מיינט עס די „סאָסייעטי ברידער", קריגען די גינסטיגע געלעגענהייט פאַר׳ן „ידאגו" וואָס מיינט זיך אַריינצוטראַכטען אין דעם ענין ט ו י ט און דאַדורך קומען צו אַ חשבון הנפש, די דאָזיגע געלעגענהייט קריגען זיי דורכ׳ן „אחד מבני החבורה שמת" וואָס ברענגט זיי אַלעמען צונויף צום בית־אבל אין געשטאַלט פון דעם מעמאָריאַל אָווענט און דאָ איז דער ריכטיגער פלאַץ פאַר׳ן „ידאגו", פאַר׳ן חשבון הנפש.

איז דער „מעמאָריאַל" פון דיזען בליק־פונקט אַ זאַך פון גרויס באַ־דייטונג פאַר די לעבעדיגע.

פון ניט וועניגער חשיבות זיינען אָבער די מעמאָריאַל פאַרזאַמלונגען אויך פאַר די טויטע גופא. עס לייסטעט פיעל פאַר׳ן תקון הנפש און איז אַ היבשער בייטראָג צו דאָס וואָס מיר רופען „עלית נשמה".

פאָלגענדער ציטירטער מאמר חז״ל וואַרפט אַ העלע ליכט אויף דעם דאָזיגען ענין:

אמר ליה רב לרב שמואל בר שילת אחים בהספדאי דהתם קאימנא. (שבת קנ״ג).

וואָרט און צייט

רש״י פאַרטייטשט עס: „בשעת מיתתי התאמץ בהספד שלי שיתחממו ויכמרו רחמי העומדים ויבכו, דהתם קאימנא בשעת הספד ואשמע איך תתחממם״.

אויסער די דאָזיגע ווערטערליכע איבערזעצונג לאָזט זיך דאָ אַריינלייגען נאָך אַ כונה וואָס ברענגט אַרויס אַן ערהאָבענעם געדאַנק.

ווי באַוואוסט ווערט דער מענש ביים לעבען באַצייכענט אַלס „הולך״, דען כל זמן דער מענש לעבט דאַרף ער אַלץ ג ע ה ן העכער און העכער, ער דאַרף שטייגען ממדרגה למדרגה. דער דאָזיגער אויפשטייג קומט נאַטירליך דורך זיין גייסטיגען רכוש פון תורה, מצוות און מעשים טובים וואָס ער ערווערבט זיך ביים לעבען. מיט׳ן שטאַרבען אָבער ווערט ער שוין אויס „ה ו ל ך״. ער ווערט שוין אַ „ע ו מ ד״, נאָכ׳ן טויט קען ער שוין ניט שטייגען העכער. „במתים חפשי — כיון שמת נעשה חפשי מן המצוות״.

רב האָט דעריבער פאַרלאַנגט פון רבי שמואל בר שילת אַז ער זאָל איהם נאָך זיין טויט דיענען אין אַזאַ וועג אַז ער זאָל אויך דעמאָלט קענען זיין בבחינת ה ו ל ך. דאָס וועט קענען דערגרייכט ווערען דורכ׳ן „אחים בהספדאי״, דערמיט וואָס ער וועט בעת׳ן הספד דערוואַרעמען די אַנוועזענדע און ביי זיי אַרויסרופען די געהעריגע התעוררות וואָס וועט זיי ברענגען צו חשבון הנפש און צו תשובה און מעשים טובים. די דאָזיגע תשובה ומעשים טובים וואָס וועט קומען אלס רעזולטאַט פונ׳ם נפטר וועט אַזוי אַרום פאַרוואַנדלען דעם פאַרשטאַרבענעם אויך נאָך זיין טויט אין אַ ה ו ל ך.

„אחים בהספדאי — דהתם ק א י מ נ א״, דאָרט אין יענעם אָרט און אין יענער צייט „שטעה״ איך דאָך שוין, איך בין דאָך שוין אַ ע ו מ ד און בלויז דורכ׳ן „אחים בהספדאי״ קען איך אויך דאַן זיין אַ ה ו ל ך.

אין רב׳ס פאַל האָט דער „אחים בהספדאי״ אגב פיעל מעהר געקענט דיענען דעם באַטרעפענדען צוועק. ווי באַוואוסט איז דאָך רב געווען אַ זקן מופלג בעת זיין טויט און גראַדע דער טויט פון אַ זקן קען מעהר בייטראָגען צום חשבון הנפש ווי דער טויט פון אינגערע מענשען. ביי די לעצטע זוכט מען על פי רוב אויס פאַרשיעדענע סבות וואָס זאָלען האָבען

לנשף אזכרה

פאַראורזאַכט זייער טויט. מען הענגט אָן דעם פריהצייטיגען טויט אין אומפאַרזיכטיגקייט. ער האָט זיך ערקעלטערט, ער האָט דעם מאָגען פאַר־דאַרבען, ער האָט זיך צופיעל אָנגעשטרענגט, זיך איבערגעאַרבייט אין נאָך אַזעלכע סאָרטען צופאַלען אין וועלכע מען וויל אָנהענגען דעם יונגען טויט פון דער באַטרעפענדער פערזאָן. איז קוים זוכט מען אויס געוויסע סבות, קען שוין ממילא דער טויט ניט זיין אַזוי ווירקזאַם אויף די לעבעדיגע אויף צו ברענגען דעם געהעריגען חשבון הנפש. מען טראַכט זיך: דער נפטר איז אַליין שולדיג געוועזן אין זיין טויט דורך זיין אונפאַרזיכטיגקייט. מיר אָבער וועלען זיין מעהר פאַרזיכטיג וועט מיט אונז ניט טרעפען דאָס וואָס מיט איהם האָט געטראָפען.

די אַלע חשבונות אָבער ווערען באַזייטיגט אין פאַל פון אַ זקן. דאָ זוכט מען קיין זייטיגע סבות ניט. עס ווערט ביי אַלעמען פאַרשטאַנען אַז די סבה פון זיין טויט איז בלויז די וואָס „באשר הוא סוף כ ל האדם", און קוים קומט מען צו דיזען פונקט פון „סוף כל האדם" קומט מען שוין ממילא אויך צום „והחי יתן אל לבו" און דאָס ברענגט, ווי געזאָגט, די עלית־נשמה פאַר'ן נפטר אַזוי אַז אויך אין אַ צייט פון „דהתם ק א י מ נ א " זאָל ער נאָך אַלץ קענען זיין אַ ה ו ל ך...

דוד המלך זאָגט אָן זיין זוהן שלמה'ן פאַר זיין טויט: „אנכי ה ו ל ך בדרך כל הארץ וחזקת והיית לאיש". טראַכט דעם וואָס איך האַלט איצט „בדרך כל הארץ" און ד אָ ר ט ווערט מען דאָך שוין אַ ע ו מ ד, דאָך „אנכי ה ו ל ך", קען איך נאָך אַלץ זיין אַ ה ו ל ך אויב „וחזקת והיית לאיש, ושמרת את משמרת ה' אלקיך ללכת בדרכיו לשמור חקותיו מצוותיו ומשפטיו ועדותיו". מיט דיין פאָרטזעצען צו געהן אין די וועגען וואָס איך האָב פאַר דיר אויסגעטראָטען זועסטו דעמאָלט מיר מאַכען פאַר אַ ה ו ל ך אפילו דאַן ווען איך פאַרלאָז שוין די וועלט.

אזעלכע מעמאָריאל פאַרזאַמלונגען וואו עס ווערט פראַקטיצירט רב'ס צוואה פון „אחים בהספדאי" דיענען דעריבער אויך דעם צווייטען צוועק פאַר דעם „יקרא דשכבי" און ניט בלויז כ ב ו ד גיט מען דעם נפטר נור אויך תקון הנפש און עלית נשמה.

**
*

וואָרט און צייט

די גמרא דערצעהלט: „רב חנן בר רבא אמר רב אותו היום שנפטר אברהם אבינו מן העולם עמדו כל גדולי אומות העולם בשורה ואמרו אוי לו לעולם שאבד מנהיגו אוי לה לספינה שאבד קברניטה״ (בבא בתרא צ״א).

בנוהג שבעולם אין אַ מיליטערישען שטאַב וואו עס געפינען זיך מיליטאַריסטען פון פאַרשיעדענע ראַנגען: פשוט'ע סאָלדאַטען, קאָרפּאָ־ראַלס, אונטער אָפיצירען, אויבער אָפיצירען, ליוטענאַנטס און גענעראַלען, איז טאָמער שטאַרבט אָפּ איינער פון שטאַב און זיין פּלאַץ איז ליידיג געוואָרען, ווערט דער דאָזיגער פּלאַץ פאַרנומען פון דעם וואָס איז גע־שטאַנען מיט איין ראַנג אונטער איהם און אויף דעם לעצטענס פּלאַץ קומט נאַטירליך אויך דער וואָס איז געווען מיט אַ שטאַפּעל נידעריגער אַזוי אַז די גאַנצע רייהע רוקט זיך איבער, איינער דאַרף פאַרנעהמען דעם צווייטענס פּלאַץ; דער ליידיג געוואָרענער אָרט דאַרף אויסגעפילט ווערען דורך דעם נעקסטען אין דער שורה.

אין אברהם׳ס פאַל אָבער, ווען ע ר איז נפטר געוואָרען איז ניט געווען ווער עס זאָל אויספילען זיין פּלאַץ. „ ע מ ד ו כל גדולי אומות העולם ב ש ו ר ה ״. די שורה איז געבליעבען ש ט ע ה ן; זי האָט זיך ניט געקענט איבערוקען, ווייל עס איז ניט געווען קיינער וועלכער זאָל קענען פאַרנעהמען אברהם אבינו'ס אָרט. דערפאַר האָבען זיי אברהם׳ס טויט באַטראַכט אַלס אַן אבדה שאינה חוזרת: „אוי לו לעולם שאבד מנהיגו ואוי לה לספינה שאבד קברניטה״, אַ פאַרלוסט וואָס האָט קיין ערזאַץ ניט.

אַ געזעלשאַפטליכער פאַראיין שטעלט מיט זיך פאָר אַ מין סאָציאַלען שטאַב וואו יעדער מיטגליעד האָט זיך אַ באַשטימטע פונקציע דורכ־צופיהרען אין זיין לייסטונג פאַר דער דאָזיגער קערפּערשאַפט. שטאַרבט איינער אָפּ, דאַרף נאַטירליך דער אָפּגעליידיגטער פּלאַץ אויסגעפילט ווערען פון די לעבענגעבליבענע.

דער מעמאָריאַל פאַרזאַמלונג דאַרף דעריבער דינען דעם דאָזיגען צוועק. עס דאַרף געמאַכט ווערען די נויטיגע רעוויזיע אין די שורות

לנשף אזכרה

פון די חברים אום צו זעהן ווי און דורך וועמען דעם פאַרשטאָרבענעם חבר'ס פּלאַץ זאָל ניט בלייבען לעהר און פאַר'יתום'ט. עס איז אַן אַקט פון אַ מין „השבת אבדה" אויף וועלכעס עס איז דאָ אַ פאָרזאָג פון „לא תוכל להתעלם". מיט דער דאָזיגער השבת אבדה מאַכט מען דעם פאַר־שטאָרבענעם חבר אומשטערבליך, מען שאַפט דעם נויטיגען תקון צו זיין נשמה און מען טראָגט צו דעם געהעריגען בייטראָג צו זיין השארת הנפש.

אָט פון אַזעלכע הרהורי מחשבה און חשבונות הנפש דאַרף דער דאָזיגער אָוונט צוזאַמענגעשטעלט ווערען און דאַן וועט עס האָבען ער־רייכט דעם טאָפּעלעם צוועק פאַר וועלכען אַזעלכע פאַרזאַמלונגען ווערען איינבאַרופען; דער „יקרא דחיי" און „יקרא דשכבי" וועלען קומען צום געהעריגען אויסדרוק און מען וועט קענען מיט רעכט זאָגען אַז:

„הנאהבים והנעימים בחיים ובמותם לא נפרדו".

יזכור *)

דער אידישער מנהג פון „יזכור" איז געוויס איינע פון די שעהנסטע זאַכען וואָס אונזער טראַדיציע האָט אונז געגעבען. יזכור איז דער גייס־טיגער בריק וואָס איז מחבר דעם עבר מיט'ן עתיד. ער ברענגט צוזאַ־מען די פאַרשטאָרבענע עלטערען מיט די לעבעדיגע קינדער און איז אַזוי אַרום די שעהנסטע מאַניפעסטאַציע אויף השאָרת הנפש, אויף דער אונ־שטערבליכקייט פון דער אידישער נשמה.

און מערקווירדיג: די עראינערונג אין דעם טויט פון די עלטערען דאַרף דאָך נאַטירליך ברענגען מיט זיך פיינליכען טרויער און שמאַרץ, טאָ ווי פאַסט זיך אַריין די דאָזיגע עראינערונג אין יום־טובדיגע טעג? עס האָט זיך גיכער געפּאַסט פאַר אַ תשעה באָב אָבער ניט פאַר אַ זמן שמחתנו?

איז עס אָבער אַ גאַנץ פשוט'ע זאַך: אַן עראינערונג פון שטאַר־בען ברייננגט טאַקע טרויער, אַן עראינערונג אָבער וואָס דריקט אויס אונשטערבליכקייט, דאָס ברייננגט שוין פרייד. יזכור, געהער צו דאָס לעצטע, דען, ווי געזאָגט, איז די פונקציע פון יזכור צו פאַרבינדען פון דאָס ניי די עלטערען מיט די קינדער און ווי־דער אויפלעבען יענע פאַרגאַנגענהייט וועלכע איז געוועזן איינגעהילט אין אַ מאַנטעל פון טויט. איצט שטעהט עס ווידער אויף תחית המתים, יזכור פראָקלאַמירט עס די דאָזיגע תחיה, און וואו תחיה, דאָרט איז שמחה, וואו אונשטערבליכקייט דאָרט איז געגוס און פרייד און אויב יזכור ברייננגט שמחה איז טאַקע דער פאַסענדער זמן דאַפיר גראַדע אין אַ יום טוב טאָג.

און אויב מיר פּראָווען דעם צערעמאָניאַלען יזכור טעקסט אין שוהל, אין די הויז פונ'ם צבור, כאָטש די דאָזיגע תפלה איז דאָך דורכאויס פון אַן אינדיווידועל יחידי'שען כאַראַקטער, איז דערפון אַ באַווייז אַז אפילו

*) מבן המחבר הרב חיים דוב מאנטעל רב בהנטיגטון, לונג איילנד.

יזכור

דער יזכור פונ׳ם יחיד טראָגט אויף זיך אויך אַ צבור׳ישען כאַראַקטער, און דאָס איז ווירקליך אַזוי.

דער יזכור וואָס טראָגט אונז איבער אין די וועלטען פון יענעם עבר, באַהעפט אונז ניט בלויז מיט אונזערע עלטערען נור אויך מיט יענער גאַנצער תקופה אין וועלכע די עלטערען האָבען געלעבט און געווירקט. עס מאָהלט פאַר אונז ניט בלויז די בילד פון דעם יחיד נור אויך די בילד פונ׳ם צבור, די בילד פון יענעם גאַנצען דור. מיר טראָגען זיך איבער אין יענער אוראַלטער פאַרגאַנגענהייט און אונזערע אויגען און זכרון ווערען צוגעשמידט צו יענער עפּאָכע וואָס רייצט אַזוי שטאַרק אונזער פאַנטאזיע און רופט ביי אונז אַרויס אַזאַ טיעפע נשמה בענקעניש.

יזכור!

און אייגענטליך איז דאָך גאָר „חכמים גזרו על המת ש י ש ת כ ח מן הלב אחר י״ב חודש״, איז דאָך פאַלגליך דער יזכור מנהג אין ווי־דערשפּרוך מיט די גזירת חכמים. זיי פאַרלאַנגען ש כ ח ה און דער מנהג פאַרלאַנגט גאָר י ז כ ו ר?

נאָך מעהר: זייער ש י ש ת כ ח איז דאָך אויף „לאחר י״ב חודש״, משמעות אַז אין די י״ב חודש שאַדט נאָך ניט אַז מען ג ע־ד ע נ ק ט און מען פאַרגעסט נאָך ניט. דער י ז כ ו ר אָבער איז לויט אַ געוויסע דעה אין שו״ע דוקא אויף „לאחר י״ב חודש״ וועה־רענד א י ן דעם ערשטען יאָהר זאָל מען קיין יזכור ניט זאָגען. קוקט די גאַנצע זאַך עפּעס אויס מאָדנע. חכמים זאָגען: פ אַ ר ג ע ס ע ן נ אָ כ ׳ ן יאָהר ג ע ד ע נ ק ע ן א י נ ׳ ם יאָהר, און יזכור דרשנ׳ט פאַרקעהרט: ג ע ד ע נ ק ע ן נ אָ כ ׳ ן יאָהר און פ אַ ר־ג ע ס ע ן א י נ ׳ ם יאָהר?

לויט דאָס אויבענגעזאָגטע אָבער איז ניט נור קיין סתירה ניטאָ צווישען אָט דיביידע זאַכען נור פאַרקעהרט, זיי זיינען ביידע אין פול־לער האַרמאָניע און איינס איז משלים דאָס אַנדערע.

דער פאַקט אַז יזכור ווערט געפּראַוועט דוקא אין די יו״ט טעג איז דאָך, ווי פריהער געזאָגט, א באַווייז אַז דאָ איז א יזכור ניט נאָך דעם פאַרשטאָרבענעם טהייל פון דעם מענשען נור נאָך זיין אונפאַרשטאָרבענעם טהייל, ניט אַ יזכור נאָך דעם ש ט ע ר ב ל י כ ע ן גוף נור נאָך

וואָרט און צייט

דער אונשטערבליכער נשמה. אויב אַזוי, שטימען שוין די גזירת חכמים פון שכחה מיט דעם אידישען מנהג פון יזכור. די גזירת חכמים באַציהט זיך אויף דעם שטערב־ליכען טהייל פון מת, דער טהייל וואָס רופט אַרויס טרויער און אבלות. אויף אָט דעם טהייל האָבען חכמים גוזר געווען שכחה נאָכ׳ן ערשטען יאָהר כדי די אבלות זאָל ניט איבערטרעטען דעם גרע־ניץ פון י״ב חודש. נאָך י״ב חודש דאַרף שוין מעהר קיין אבלות ניט זיין. יזכור אָבער וואָס באַציהט זיך אויף דעם אונשטערב־ליכען טהייל פון מת, דער טהייל וואָס רופט ניט אַרויס קיין אבלות נור שמחה און וואָס דערפאַר ווערט עס דוקא געפּראַוועט אין אַ טאָג פון שמחה — יום טוב, דאַרויף לויטעט דער מנהג אַז דוקא אין דעם ערשטען יאָהר ווען עס איז נאָך יאָ נוהג אבלות זאָל מען קיין יזכור ניט זאָגען כדי ניט אַריינמישען קיין שמחה אין אַ צייט פון אבלות און ערשט נאָכ׳ן יאָהר ווען ס׳איז שוין קיין אבלות ניטאָ, ערשט דע־מאָלט איז דאָ פּלאַץ פאַר יזכור.

פון דעם אַלעמען איז צו זעהן אַז דער גאַנצער כאַראַקטער פון יזכור איז אַזאַ וואָס דאַרף ברענגען צו התרוממות הנפש און ניט צו עצבות און שפלות, עס דאַרף ברענגען צו אַ מצב־רוח מרומם און ניט צו אַ מצב־רוח מדוכא. אָבער די דאָזיגע יזכור שטימונג קען נור געשאַפען ווערען ווען מיר פאַרטיפען זיך אין זיין אמת׳ע כונה און ניט דורך אָפּזאָגען די דאָזיגע תפלה אויטאָמאַטיש, אַ מין מצות אנשים מלומדה.

דער צבור׳שער יזכור דאַרף דיענען אַלס סימבאָל אויף אָפּצופרישען יענע אַלטע זכרונות פונ׳ם עבר; זיך איבערטראַגען אין יענער פאַר־גאַנגענער אַטמאָספערע פון די פריהעריגע דורות וואו דער אַלגעמיינער קאָלעקטיווער אידישער לעבען האָט געאָטעמט מיט קדושה אין יעדער ווינקעלע, וואו דער לעבען איז געווען אַ נשמה לעבען. פון יענע זכרונות פונ׳ם עבר דאַרפען מיר ציהען אונזער יניקה פאַר׳ן הוה און פאַר׳ן עתיד. מיר דאַרפען טראַנספערירען אונזער פאַרגאַנגענהייט אין אונזער געגענוואַרט, אַריינברענגען יענעם קדש אין אונזער חול און דעם חול אויך מקדש זיין.

יזכור

אויב אָבער יענער עבר פאַרלירט זיין פּראַקטישען ווערט אין אונזער הווה, ער בלייבט נור אין דער בחינה פון י ז כ ו ר, אַ שעהנער זכרון, אַ שעהנע עראינערונג. מיר שאַצען איהם אָפּ בלויז פונ'ם שטאַנדפּונקט פון אַן אַלטען שאַצבאַרען אַנטיק וועמעס פּלאַץ איז נור אין די אַלטע אַרכיוועו און מוזעאומס, אָבער פונקציאָנירט ניט מעהר אין אונזערע היימען, אין אַזאַ פאַל פאַרלירט דער יזכור זיין גאַנצען ווערט. ניט נור האָבען אונזערע טאַטעס דערפון קיין טובה ניט, נור מיר די קינדער האָבען גאָר דערפון אַ רעה. דער י ז כ ו ר ווערט דאַן פאַרוואַנדעלט אין אַ מ ז כ י ר ע ון וואָס רופט אַרויס געגען אונז דעם גרעסטען קטרוג.

עס איז דאָך באַוואוסט וואָס דער אהל יעקב זאָגט וועגען דעם פּסוק „וזכרתי את בריתי יעקב" וואָס איז אַריינגעשטעלט געוואָרען אין דער תוכחה כאָטש דאָס קוקט דאָך אויס צו זיין אַ פּסוק פון ברכה?

דער של"ה הקדוש ערקלעהרט עס מיט אַ משל פון צוויי יונגע פאַר־ברעכער וואָס זיינען אָנגעקלאָגט געוואָרען אין רויבעריי. איינער פון זיי איז געוועזען אַ קינד פון די נידעריגסטע שיכטען פון פאָלק, דער צוויי־טער אָבער איז געוועזען אַ קינד פון דער סאַמע אַריסטאָקראַטי, זיין פאָ־טער אַ רייכער און געבילדעטער מענש און דערצו אויך אַ הויכער רע־גיערונגס באַמטער.

ווען דיביידע פאַרברעכער זיינען געבראַכט געוואָרען אין געריכט גע'משפּט צו ווערען פאַר זייער בשותפות'דיגען פאַרברעכען איז זיי ניט ביידען אויסגעטהיילט געוואָרען די זעלבע שטראָפען. דער קינד פון די פאַרדאָרבענע עלטערן האָט געקראָגען בלויז דריי יאָהר געפענגעניש וועהרענד דער אַריסטאָקראַטישער זוהן האָט געקראָגען גאַנצע צעהן יאָהר.

דער ריכטער האָט מאָטיווירט זיינע אורטהיילען, דאָמיט וואָס דעם יחסנ'ס פאַרברעכען איז פיעל גרעסער פאַר דעם אַנדערענס. יענער אַלס אַ קינד פון אַ פאַרדאָרבענעם טאַטען, האָט זיך דאָך ערצויגען אין אַ פאַרדאָרבענער אַטמאָספערע קען מען איהם דאָך ניט האַלטען אַזוי פאַר־אַנטוואָרטליך. דער אַריסטאָקראַטישער זוהן אָבער וואָס איז אויפגע־בראַכט געוואָרען אין אַן איידעלער סביבה, האָט קיין פאַרדאָרבענהייט אין זיין פאַמיליען קרייז ניט געזעהן און דאָך איז ער אַראָפּ פון דרך הישר,

וואָרט און צייט

ז י י ן פאַרברעכען איז געוויס אַ גרעסערער און דאַרף דערפאַר קריגען אַ שווערערען שטראָף.

און דערפאַר, זאָגט דער אהל יעקב, איז דער „וזכרתי את בריתי יעקב" אין פאַל פון „ואם לא תשמעו לי" ניט קיין ברכה נור אַ קללה. דאָמיט וואָס „וזכרתי את בריתי יעקב ואף את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם" און טראַץ וואָס מיר האָבען געהאַט אַזעלכע הייליגע טאַטעס זיינען מיר דאָך אַראָפּ פון דרך הישר און זיך פאַרנומען אויף קרומע פאַרדאָרבענע וועגען, וועט דער דאָזיגער „וזכרתי" ניט זיין פאַר אונז קיין תעודת זכות נור פאַרקעהרט אַ תעודת חוב, און זיין פּלאַץ וועט דוקא זיין אין דער תוכחה . . .

אויך דער „יזכור" קען ווערען פאַר אונז אַ תעודת חוב אויב מיר וועלען פון יענע זכרונות פון דער תקופת־אבות גאָר ניט מיטנעהמען פאַר אונז. אויב זיי זאָלען בלויז בלייבען זכרונות און מיר וועלען קוקען אויף זיי ניט מעהר ווי אויף שעהנע אוראַלטע עראיגנערונגען וואָס האָבען שוין לאַנג פאַרלאָרען זייער רעאַליטעט אין אונזער אייגענעם פּראַקטישען לע־בען.

און צום באַדויערען מוזען מיר צוגעבען אַז ליידער איז טאַקע אַזוי דער פאַל. מיר באַציהען זיך טאַקע מיט גרויס רעספּעקט און עהרען פורכט צו אונזערע עלטערען. מיר יחס'נען זיך מיט זיי און שטאַלצירען מיט זייער פרומקייט, מיט זייער געלעהרזאַמקייט און טראַדיציאָנעלע אי־דישקייט, אָבער מיר זאָלען די דאָזיגע אידישקייט אויך קאָפּירען אין אונ־זער אייגענעם לעבען, דאָס זיינען מיר ניט גרייט צו טהאָן. מיר באַצי־הען זיך מיט יראת הכבוד צו די „אַמאָליגע יאָהרען" אָבער גלייכצייטיג באַטראַכטען מיר די דאָזיגע יאָהרען אַלס אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט, פאַר די דורות וואָס זיינען שוין ניטאָ, אָבער פאַר אונזער פאַרגעשריטע־נער צייט, די צייט פון ראַדיאָ, עראָפּלאַן און גרויס־אינדוסטריע, זיינען שוין די לעהרען פון די נביאים, די חז"ל די מיטעלאַלטערליכע גאונים און פילאָזאָפען, ניט מעהר ווי אַ ז כ ר ו ן , און בלויז פון דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט שעצען מיר די אַלע קנינים רוחניים און גייסטיגע ווערטהען אויף וועלכע אונזערע עלטערען האָבען זיך מוסר נפש געווען.

איז עס ווירקליך די גרעסטע טראַגעדיע אין אונזער אידישען לעבען.

יזכור

„זכור ושמור בדבור אחד נאמרו״!

בלויז דעמאָלט האָט דער ז כ ו ר אָדער י ז כ ו ר אַ ווערט ווען ער געהט צוזאַמען מיט'ן ש מ ו ר, ווען מען היט אָפּ יענע זכרונות, מען קאָפּירט זיי און מען טראַנספּערירט זיי אין אונזער אייגע־נעם לעבען, אָבער ניט ווען ז כ ו ר איז איין דבור און ש מ ו ר אַ צווייטער און געהען ניטביידע האַנט אין האַנט.

אין אַזאַ פאַל פאַרלירען מיר גאָר דאָס רעכט צו זאָגען יזכור אין די יו״ט טעג. דען ווי אויבענגעזאָגט האָבען מיר דאָס דאָזיגע רעכט גע־קראָגען צוליב דעם א ו נ ש ט ע ר ב ל י כ ע ן טהייל פון יזכור. אונזערע עלטערען זיינען אָבער בלויז דאַן אונשטערבליך ווען מיר נעהמען איבער זייער גייסטיגע ירושה, מיר ווערען זייערע נאָכפאָלגער און אַ ה מ ש ך פון זיי. אויב אָבער זייער לעבען ווערט מיט זייער טויט אָפּגעהאַקט אין גאַנצען, זיינען זיי דאָך שוין מעהר ניט אומשטערבליך און אויף שטערבליכקייט איז ניטאָ קיין היתר עס צו דערמאָנען אין אַ טאָג פון יו״ט ווייל שטערבליכקייט מיינט אבלות וואָס איז פאַרבאָטען אין אַ טאָג פון שמחה.

זאָל דעריבער דער יזכור ווערען אין דער בחינה פון „זכור ושמור״ וועט עס ממילא זיין אַ יזכור אויף דער אומשטערבליכקייט און וועט זיך קענען אַריינפּאַסען אין יום־טוב.

לזכרון הורי נ״ע

אָבי מורי

עטרת ראשי בעוה״ז ועטרת
צדיקים על ראשו בעוה״ב

מוה״ר ישראל ב״ר אלעזר
זללה״ה

נפטר
ט״ו סיון שנת תרצ״ז
תנצב״ה

אמי מורתי

הצדקת החסידה והצנועה
תפארת בניה

רבקה בת מוה״ר חיים דוב
ז״ל

נפטרה
בא׳ דחוהמ״פ שנת תרע״ה
תנצב״ה

לזכרון נשמת חותנתי

היקרה החשובה והצנועה

סעריל בת ר׳ שלמה זלמן

נפטרה

ביום ראש חודש ניסן שנת תרצ״ח

תנצב״ה

זכרונה לברכה לחיי עד